STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05883

DOS BUKH FUN NISYOYNES

Israel Osman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל אָסמאַן

דאָס בוך פון נסיונות

(פון קעלער אלטע שמות)

„פארלאג אייגענע"
לאָס אנגעלעס, קאליפאָרניע, תרפ"ו.

Copyright, 1926
by
ISRAEL OSMAN

אינהאלט :

דוד המלך'ס מתנות.
יאסעלע.
די אונטערפיהרער.
צעהן נסיונות.
תשובת־המשקל.
רבי יוסף דילה ריינא.
דער קוש.

געווידמעט דעם אנדענק פון דעם באַרד פון מיין שטעטל, איינער פון די פארלוירענגעגאנגענע גרויסע אידישע דיכטער, בונעם לייב מלמד, פון וועמעס מויל איך האָב, אין מיין פריהער־יוגענט, געהערט דידאָזיגע מעשיות.

דוד המלד'ס מתנות

א.
קדוש לבנה.

אין סטאמבול איז געשעהן דידאָזיגע מעשה, מיט יאָהרען און דורות צוריק.

שוין דעמאָלט, פארצייטענס, איז דאָרט געווען א גרויסער אידישער ישוב, אן אנגעזעהענע קהילה. אידען האָבען דאָרט געלעבט אין גרויס עושר און כבוד, און עס האָט זיי גאָרנישט געפעהלט. פיל אידען זענען דאָרט געווען זעהר חשוב'ע לייט, קרובים למלכות, און זיי האָבען שטענדיג אין זינען געהאט טובת־הכלל. פון קיין שלעכטע גזרות, באהיט און באשירעמט זאָל מען ווערען, האָט מען נישט געוואוסט, און אין אלטע צרות האָט מען שוין באלד געהאט פארגעסען. אידען האָבען זיך געלעבט זיכער און רוהיג און נישט פארגעסען אין אנדערע, געגעבען מיט דער ברייטער האנט געלט אויף אלע אידישע באדערפענישען, געהאָלפען אידען פון אנדערע שטעט און מדינות, אויסגעהאלטען ישיבות, געגעבען אויף פדיון־שבויים, וכדומה. בקיצור, די שטאָט סטאמבול איז געווען אן עיר־ואם־בישראל.

און טאקי אן אמת אידישע שטאָט, אידען האָבען זיך דאָרט געלעבט ממש ווי אין ירושלים: געקומען א שבת, א יום־טוב, האָט מען עס דערקענט אויף דער גאנצער שטאָט; אידען זענען דאָרט נזהר געווען אין קלענסטען מנהג־ישראל, אָפּגעהיט אלץ אָפּען פאר דער גאנצער וועלט, נישט באהאלטען זיך מיט קיין זאך.

איינמאָל זענען דאָרט אידען געשטאנען אויף דער בריק, און זיי האָבען מחדש געווען די לבנה הויך, אויפ'ן קול. זיי האָבען געזאָגט מיט גרויס חדוה און דבקות און זיך נישט אומגעקוקט, און עס האָט זיי נישט געארט, וואָס עס טוט זיך ארום זיי. און אזוי זענען זיי געשטאנען און האָבען מחדש געווען די לבנה, מיט גרויס שמחה און חדוה, און געשריגען הויך, אויפ'ן קול:

„שלום עליכם, עליכם שלום, שלום עליכם, עליכם שלום!"

ווען זיי זענען צוגעקומען צו „דוד מלך ישראל חי וקיים" האָבען זיי פשוט אָנגעהויבען צו טאנצען. גויים זענען פארבייגעגאנגען און האָבען זיך אָפּגעשטעלט קוקען, אידען זענען געווען פאר'דבקה'ט און האָבען זיך צומאָל נישט אומגעקוקט און נישט געזעהן קיין זאך.

אין יענער צייט איז געווען אין סטאַמבול אַ סולטאַן, וואָס פלעגט זיך גאַנץ אָפט איבערקלײַדן און פאַרשטעלן פאַר אַ פּראָסטען מענש, ארומגעהן איבער דער שטאָט, מאַכען אַ שמועס מיט דעם, מיט יענעם, אויסצוגעפינען, וואָס ביי איהם אין שטאָט טוט זיך, און וואָס מענשען דענקען וועגען איהם און וועגען זיין פיהרען די מדינה. ער האָט שוין געהאט זיינע וועגען, ווי צו פאַרשטעלען זיך מיט גרויס חכמה, אזוי אַז דעם גרעסטען חכם זאָל קיין זאַך נישט איינפאַלען; ער זאָל זיך נישט היטען פאַר איהם מיט קיין וואָרט, גאַרנישט חושד זיין צומאָל.

גראַד דעמאָלט, ווען די סטאַמבולער אידען זענען געשטאַנען און האָבען מחדש געווען די לבנה מיט דבקות, חדוה און טענץ, איז דער סולטאַן פאַרבייגעגאַנגען די בריק, פאַרשטעלט ווי אַ פויער פון אַ ווייט דאָרף. ווי ער האָט דערזעהן דעם עולם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט קוקען מיט גרויס נייגיריקייט.

ווי דער עולם האָט זיך גענומען צעגעהן, האָט ער אָפּגעשטעלט עטליכע און געמאַכט מיט זיי אַ שמועס, אריינגעצויגען זיי בישלאַכוויז אין אַ געשפּרעך, אויסגעפרעגט, וואָס פאַר אַ מנהג עס איז, זיך געמאַכט תם'עוואַטע, און אזוי ארום חוקר ודורש געווען. גראַד האָט ער גע־טראָפען אויף איין אידען, זעהר אַ באַרעדעוודיגען, און יענער האָט זיך ברייט פאַרנאַנדערגעשמועסט מיט איהם, באַזאַלצען און באַפעפערט מיט משלים און מעשיות. עס איז איהם גאַרנישט איינגעפאַלען זיך צו היטען מיט אַ וואָרט. דער סולטאַן האָט זיך פאַרנאַנדערגעפרעגט, פאַרוואָס זיי האָבען אזוי פיל געטאַנצט, מיט וועמען זיי האָבען זיך דאָרט געפרעהט, וואָס זיי האָבען דערביי געזאָגט. דער איד האָט איהם געענטפערט, אַז זיי האָבען געזאָגט:

„אזוי ווי איך טאַנץ געגען דיר און איך קען דיך נישט אָנריהרען, אזוי זאָלען מיינע פיינט מיך נישט קענען באַריהרען צום שלעכטען!"

און האָט עס באַזאַלצען און באַפעפערט און געזאָגט, אַז דאָס מיינט מען די מלכים פון די אומות־העולם, וואָס גיבען ארויס שלעכטע גזרות אויף אידען, און אין זכות פון קידוש־לבנה פאַרשטערט גאָט זייערע אַלע עצות.

— וואָס האָט איהר עפּעס זיך געפרעגט און געענטפערט?

— שלום עליכם, עליכם שלום!

און ער האָט איהם געגעבען צו פארשטעהן, אז די גאנצע וועלט שטעהט אויף שלום, און שלום קומט אויף דער וועלט אין זכות פון אידען— קומט דאָך אויס, אז ווען נישט אידען וואָלט די גאנצע וועלט נישט געהאט קיין קיום.

דער סולטאן האָט איהם אזוי כסדר אויסגעפאָרשט און געפרעגט:

— און וואָס איז עס געווען אזא שמחה?

— מיר האָבען זיך געפרעהט מיט דוד המלך.

— ווער איז ער עס אזעלכער און וואו וואוינט ער?

האָט זיך דער איד צעלאכט און געזאָגט:

— נארישער מענש, צום ערשטען מאָל הערסטו פון דוד המלך!

האָט זיך דער פארשטעלטער סולטאן פארוואונדערט און געפרעגט:

— סטייטש, יענער דוד איז דאָך שוין לאנג טויט?

האָט איהם דער איד איינגערוימט אין אויער און געזאָגט:

— דאָס מיינט נאָר די וועלט אזוי. ער ליגט זיך און שלאָפט אין זיין הייל, אויף א גינגאָלדען בעטל. זיין קרוין ליגט איהם צוקאָפּענס, און זיין פידעלע הענגט איבער דעם בעט. יעדע נאכט, ווען דאָס צפון ווינטעלע הויבט אָן צו בלאָזען, כאפּט ער זיך אויף און הויבט אָן צו זאָגען זיין תהילים. זיינע ווערטער זענען ווי די שארפסטע שווערדען און די אָנגעצויגענסטע בויגענס; מיט זיי האלט ער מלחמה מיט אלע אידישע שונאים, ער צערייסט די שלעכטע גזרות פון די בייזע און מוטווילינגע מלכים און שרים, און מאכט זיי אונטער־טעניג.

א דערשטוינטער האָט איהם דער פארשטעלטער סולטאן ווייטער געפרעגט:

— וואָס האָט איהר דערביי אזוי פרעהליך געשריגען:

— „דוד מלך ישראל חי וקיים, א סימן טוב, א מזל טוב, אויף אונז און אויף כל ישראל, אמן!"

—ווי אָפט פארזאמעלט איהר זיך עס אזוי?

— איינמאָל אין חודש, ווען די לבנה וואקסט אויס; דעמאָלט באנייט מען די מלוכה.

דער סולטאן האָט זיך ווי עס איז איינגעהאלטען, געמאכט זיך ווי ער וואָלט געווען אביסעל פארוואונדערט, אביסעל צעטומעלט, און האָט זיך

אָפּגעזעגענט מיט איהם און איז אוועקגעגאַנגען. דער איד איז אהיימגע־גאַנגען א צופרידענער, וואָס ער האָט געזעהן א גוי די אויגען, ער זאָל פאַרשטעהן און דרך־ארץ האָבען פאַר אידען און זייער אמונה. ער האָט זיך אוועקגעזעצט ברייט ביים טיש, אויסדערציילט אלץ פאַר זיין הויז־געזינד און איינגעדרימעלט פון גרויס תענוג.

אַנדערש איז עס אָבער געווען מיט דעם סולטאַן, עס האָט איהם נישט געלאָזט שלאָפען א גאַנצע נאַכט. פאַרשידענע געדאַנקען האָבען דורכגעבליצט זיין מח און איהם באַאומרוהיגט. ער האָט זיך עס גאָרנישט געקאָנט שענקען: סטייטש! ער האָט געדענקט, אז אידען זיינען איהם טריי און דינען נאָר איהם, צום סוף מאַכען זיי גאָר גאַנצע אסיפות, לאַכען פון איהם און זאָגען, אזוי ווי זיי קענען נישט אָנגריהרען די לבנה, אזוי קען ער זיי נישט באַריהרען צום שלעכטען; זיי האָבען זיך זייער אייגענעם מלך און דינען צו איהם, מאַכען פאַר איהם גאַנצע פּאַראַדען יעדען חודש, טאַנצען אין די גאַסען און שרייען, אז ער לעבט אייביג און אלע קעניגען פון דער וועלט זיינען זיינע קנעכט. און וואו? — אין די גאַסען פון זיין מלוכה־שטאַט! זיין גרימצאָרן האָט זיך אָנגעצונ־דען און ער איז ארומגעלאָפען הין־און־צוריק איבער זיין שלאָף־חדר. ער האָט זיך קוים אָפּגעהאַלטען נישט צו מאַכען קיין גערודער אין מיטען דער נאַכט. ער האָט זיך געלעגט און איז אויפגעשטאַנען, געלעגט און אויפגעשטאַנען ,עטליכע מאָל, און בשום אופן נישט געקאָנט איינ־שלאָפען. ערשט ווען עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען איז ער אוועקגע־פאַלען א מידער און איז איינגעשלאָפען. א שרעקליכער חלום האָט איהם אויפגעריסען פון שלאָף: ער האָט געזעהן אין חלום, ווי אידען קומען זיך צוזאַמען, וואַרפען איהם אראָפּ פון זיין כסא־מלוכה, און זעצען ארויף זייער מלך דוד, דערנאָך הרג'עט מען איהם און זיין גאַנצע משפּחה. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט א דערשראָקענער. ער האָט געפּרואווט נאָכאַמאָל איינשלאָפען, און ער האָט ווייטער געזעהן אזעלכע שרעקלי־כע חלומות. איז ער אראָפּגעשפּרונגען א צאָרניגער פון זיין בעט, גע־הייסען צוזאַמענרופען אלע זיינע וויזירען און אלע גרויסע לייט.

נאָך דעמזעלבען פריהמאָרגען האָט מען געבראַכט פאַר איהם אלע אידישע גרויסע לייט, די חשובים און נכבדים, און ער האָט צו זיי אזוי־געזאָגט:

— אזוי האָט איהר מיך גענאַרט! חייב מיתה זענט איהר, מורדים במלכות! איך וועל אייך ווייזען, וואָס איך קען טון מיט אייך, און זאָל קומען אייער קעניג, וואָס לעבט אייביג, און זאָל ער אייך אָפּראַטעווען פון מיינע הענט!

די אידען זענען געבליבען שטעהן צעטומעלטע. דאָס לשון איז זיי ווי אָפּגענומען געוואָרען.

און דער סולטאַן האָט ווייטער גערעדט מיט גרימצאָרן, געבייזערט זיך, געזידעלט, און דערציילט פאַר זיינע שרים און גרויסע לייט, אַלץ וואָס ער האָט געזעהן און געהערט.

די אידען האָבען געפּרואווט פאַלען איהם צו די פיס, זיך פאַרענט־פערען, דערקלערען, אַז דאָס איז נישמעהר ווי אַ מנהג פון קדמונים, און דאָס מיינט מען גאָר דעם אמת'ן דוד המלך, וואָס האָט געלעבט מיט עטליכע טויזענט יאָהר צוריק. דער סולטאַן האָט זיי אָבער נישט גע־וואָלט אויסהערען, און ער האָט ווייטער גערעדט צו זיי מיט גרימצאָרן. ערשט נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין געהאַט גוט אויסגעשריגען, איז ער שטיל געבליבען אויף אַ מינוט און האָט אויסגעהערט זייערע רייד. אַ מינוט האָט ער געשוויגען, דערנאָך האָט ער צו זיי אַזוינגעזאָגט:

— אויב עס איז שוין יאָ אַזוי, וויל איך, אַז איהר זאָלט מיר ברענ־גען אַ מתנה פון אייער מלך דוד, וואָס לעבט אייביג, אַ סימן פון אונ־טערטעניקייט צו מיר, אויב נישט וועל איך אייך אַלעמען אַרויסטרייבען פון מיין מדינה, אייער גאַנץ פאַרמעגען וועל איך צונעמען און זיך אָפּרעכענען מיט אייך, מורדים במלכות!

די חשובים האָבען איהם געגומען בעטען, ער זאָל אַראָפּנעמען פון זיי די שווערע גזרה, וואָרים עס איז נישט אין קיין מענשליכען כח צו טון אַזאַ זאַך. זיי האָבען פאַר איהם געוויינט און געפּרואווט ווייכער מאַכען זיין האַרץ. דער סולטאַן האָט זיך אָבער געהאַלטען ביים זייניגען און געזאָגט:

— מורדים במלכות זענט איהר, און איך טו מיט אייך אַ צו־גרוי־סען גנאַד. איהר זענט עס נישט ווערט, נאָר מיין רחמנות איז גרויס. אָבער ביזהער און ווייטער נישט! געדענקט, אַ יאָהר צייט גיב איך אייך, און אויב איהר וועט מיר נישט ברענגען קיין מתנה פון אייער מלך דוד, וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט אייך, ווי איך האָב געזאָגט!

זיי האָבען געפּראוואוט וויינען פאר איהם, בעטען פאר זיך און פאר כלל־ישראל, נאָר דער סולטאן איז אריין אין כעס, און האָט זיך אָפּ־געקעהרט פון זיי מיט גרימצאָרן, און גלייך האָט מען זיי ארויסגעטריבען פון פאלאץ.

זענען זיי געבליבען שטעהן דרויסען, און זיי האָבען אויפגעהויבען זייער קול און געוויינט. זיי האָבען נישט געוואוסט וואָס צו טאָן און וואָס פאר אן עצה זיך צו געבען. זיי האָבען געזעהן, אז דער סולטאן מיינט עס נישט אויף קיין שפאס. און עס איז זיי זעהר שווער געווען צו געהן און אָנזאָגען אין שטאָט די שלעכטע בשורה. האָבען זיי געוויינט אויפ'ן קול, און זייער געשריי איז ארויף אין הימעל.

לאנג האָבען זיי אָבער דאָרט נישט געקאָנט שטעהן און וויינען, און זיי האָבען געמוזט געהן צו זייערע ברידער מיט די טרויעריגע נייעס.

ווי די אידען פון סטאמבול האָבען דערהערט, וואָס עס האָט זיך געטראָפען, איז געוואָרען זעהר א גרויס געיאָמער. מ'איז זיך צוזאַ־מענגעלאָפען אין שוהלען און בתי־מדרשים, מ'האָט גוזר־תענית געווען, געוויינט און געקלאָגט, און געבעטען גאָט, ער זאָל טאָן א נס און ווייך מאכען דאָס הארץ פון סולטאן, און איהם אריינגעבען א גוטע מחשבה, מבטל צו זיין די גזרה. מ'האָט גערופען א גרויסע אסיפה. די אסיפה האָט אויסגעקליבען די שעהנסטע און קלוגסטע מענשען פון שטאָט, געגע־בען זיי אוצרות מיט געלט, זיי זאָלען פּראָווען נאָכאמאָל געהן און בעטען ביים סולטאן, אָדער משחד זיין די שרים, זיי זאָלען זיך מיהען פאר אידען און זעהן מבטל צו זיין די גזרה.

און די שליחים פון דער קהילה האָבען געטאָן מעהר ווי זיי האָבען געקאָנט, זיי האָבען אָפּגעקלאָפּט אלע טירען, געבעטען רחמים, און גאָר־נישט געקאָנט פועל'ן.

האָבען די אידען פון סטאמבול געזעהן, אז אויף קיין מענשען קענען זיי זיך מעהר נישט פארלאָזען, און זיי האָבען ווייטער גוזר־תענית געווען און געשריגען צו גאָט, און תשובה געטאָן מיט'ן גאנצען הארצען. און זיי האָבען אויסגעקליבען צוויי גרויסע צדיקים און לומדים, און זיי אוועק־געשיקט קיין ירושלים, זיי זאָלען בעטען פאר דעם כלל; זיך פארשפּרייטען אויף די הייליגע קברים, דערוועקען רחמים, זוכען זכות־אָבות, אפשר וועט זיך גאָט דערבאַרעמען.

ב.
די שליחים.

אין דעם טאָג ווען די צוויי שליחים האָבען געדראפּט אוועק פון סטאמבול, האָבען זיך אלע אידען פארזאמעלט אין שוהל, געפאסט און געבעטען צו גאָט, ער זאָל באוויליגען די מינערונג פון זייער בלוט־און־פעטס און עס אָננעמען פאר א קרבן; ער־זאָל זייערע שליחים ווייזען דעם ריכטיגען וועג צו דער הילף און פיהרען זיי; שיצען זיי אין דעם ווייטען וועג, וואָס זיי דארפען דורכגעהן; אָפּהיטען זיי פון אלע חיות־רעות און אנדערע פּורעניות, באהיט און באשירעמט זאָל מען ווערען. דער רב און די דיינים האָבען זיי געבענשט און מיטגעגעבען א כתב, אונטערגע'חתמ'עט מיט דער חתימה פון רב און קהל, און זיי ארויסבאַלייט מיט תפילות און געוויין.

און די שליחים זענען געגאנגען פון שטאָט צו שטאָט און אומעטום וואוהין זיי זענען געקומען זענען זיי אריינגעגאנגען צום רב, געבעטען איהם, ער זאָל זיי מיטגעבען זיין ברכה, און אויך באשטעטיגען די חתימות פון די אנדערע רבנים, כדי די ווייטערע שטעט, וואָס קענען נישט די חתימות און כתב־יד'ן פון די ווייטע גאונים און צדיקים, זאָלען וויסען, אז זיי זענען חלילה נישט קיין שווינדלער. און אזוי זענען זיי געגאנגען א לאַנגע צייט אין וועג, ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין ירושלים.

ווען זיי זענען אָנגעקומען אין דער הייליגער שטאָט זענען זיי גלייך אריינגעגאנגען צום רב, וואָס איז געווען א גרויסער צדיק און א בעל־רוח־הקודש, און זיי האָבען איהם דערצעהלט וועגען דער שלעכטער גזרה, געוויזען איהם דעם בריף פון דעם רב און די דיינים פון שטאָט, באַשטעטיגט פון נאָהנטע און ווייטע גאונים און צדיקים. און דער רב פון ירושלים האָט אויסגעהערט זייערע ווערטער און געזיפצט, און דאָס הארץ איז אין איהם צעבראָכען געוואָרען. ער האָט געשוויגען א ווײַלע און דערנאָך האָט ער צו זיי אזוי געזאָגט:

— א גרויסע צרה, רחמנא לצלן, איז געקומען אויף כלל־ישראל, און וואָס קען איך, אייער קנעכט טאָן? איך וועל פּרואווען מתפּלל זיין צו זיין ליבען נאָמען, אפשר וועט ער מיר ענטפערען, אין דעם זכות פון כלל־ישראל, און לערנען מיר די עצה וואָס איך דארף אייך געבען אין דער גרויסער נויט. בלייבט דאָ עטליכע טעג.

און דער רב האָט געפאסט א הפסקה, זיך גע'טובל'ט און געמאכט א

שאלת־חלום, און פון הימעל האָט מען איהם גענטפערט, אז די שליחים זאָלען געהן אין דער שטאָט לוז, און פון דאָרט וועט קומען די הילף.

ווי די שליחים האָבען געהערט דעמדאָזיגען ענטפער האָבען זיי זיך שטארק דערפרעהט, און זיי האָבען גענומען רשות ביים רב פון ירושלים גלייך אוועקצוגעהן אהין. דער צדיק האָט זיי געבענשט און מיטגע־געגעבען א כתב, גע'חתמ'עט מיט זיין חתימה. און זיי האָבען זיך אויפ־געהויבען און זענען געגאנגען קיין לוז.

און דער וועג איז געווען זעהר א ווייטער און פול מיט סכנות. זיי זענען געגאנגען צווישעןווילדע מענשען, וועמעס לשון זיי האָבען נישט פארשטאנען און מנהגים נישט געוואוסט; זיי זענען געגאנגען דורך מדבריות פולע מיט חיות רעות, שלאנגען און עקדישען; ווילד־הויכע בערג האָבען פארשטעלט זייער וועג און טיפע אָפגרונטען האָבען זיך געעפענט אונטער זייערע פיס; אורא־לטע וועלדער האָבען זיי ארומגע־צוימט און אומגעהויער הויכע און דיקע ביימער האָבען אָנגעוואָרפען א פינסטערניש אויף זייער וועג און פארבאָרגען יעדען שטעג פון זייערע אויגען. און זיי זענען געגאנגען א צייט און געבלאָדזשעט, ביז זיי זענען געקומען צו דער שטאָט לוז.

און דאָס איז געווען די נייע שטאָט לוז, נישט דידאָזיגע וועלכע יעקב אָבינו האָט געבענשט און א נאָמען געגעבען בית־אל. און די שליחים האָבען דאָסדאָזיגע נישט געוואוסט.

און ווי זיי זענען אריינגעקומען אין דער שטאָט לוז, זענען זיי נישט געגאנגען אויסרוהען זיך פון דעם לאנגען וועג, נייערט, זיי זענען באלד געלאָפען צום רב'ס הויז, זיי האָבען פאר איהם אויסגעגאָסען זייער גאנץ הארץ, דערציילט איהם וועגען דער שלעכטער גזרה, און געוויזען די אלע כתבים און בריף פון די גאונים און צדיקים און דעם בריף פון רב פון ירושלים. זיי האָבען איהם דערציילט, וויפיל צרות און שרעק זיי האָ־בען געהאט אין דעם לאנגען וועג, און ווי שווער עס איז זיי אָנגעקומען, ביז זיי האָבען דערלעבט צו קומען צום טויער פון דער שטאָט לוז, פון וואנען זייער הילף דאַרף קומען; און נאָר גאָט אליין, מיט זיין גרויס גנאד, האָט זיי געהיט דעם גאנצען וועג, אין דעם זכות פון דער הייליגער קהילה פון סטאמבול.

און דער רב פון לוז האָט געהערט זייערע ווערטער און ער האָט

שווער געזיפצט און געזאָגט:

— מיינע ברידער און פריינד, דער גוטער נאָמען פון אייער קהילה איז צוגעקומען אויך צו מיינע אויערען, און איך האָב געהערט פון די גרויסע צדקות וואָס איהר האָט געטאָן מיט כלל־ישראל. אייער צרה איז אונזער צרה, און זי צעברעכט מיין הארץ. עס טוט מיר זעהר וועה, וואָס איך קען אייך גאָרנישט העלפען. ווער בין איך און וואָס? איך דער־גרייך דאָך צומאָל נישט צו די קנעכעל פון די גאונים און צדיקים, וועל־מעס הייליגע בריף מיינע אויגען האָבען די זכיה צו זעהן! נישט צו מיר האָט מען אייך געשיקט, און נישט אין מיין שטאָט אריין, נייערט, אין דער אלטער שטאָט לוז, וואו מענשען לעבען אייביג, און צדיקים פון אלע דורות זיצען און לויבען גאָט'ס נאָמען, ווי עס שטעהט געשריבען אין די הייליגע ספרים. איך ווייס דעם וועג אהין, אָבער אריינקומען קען איך נישט. איך טאָר נישט אנטפלעקען פאר קיינעם דעם אריינגאנג פון שטאָט, ביז דעם טאָג פון מיין טויט, ווען איך דארף איבערגעבען די שטול פון מיין רבנות אן אנדערען. זעה איך אָבער, אז פון הימעל וויל מען, איך זאָל אייך יאָ אנטפלעקען דעם סוד, ווייל עס איז נוגע דעם כלל־ישראל, און וואָס בין איך, און וואָס איז מיין לעבען, איך זאָל עס שטעלען הע־כער פאר דעם כלל־ישראל? איך וועל זעצען א בית־דין און מתיר זיין די שבועה, און אייך אנטפלעקען דעם אריינגאנג צו דער אלטער שטאָט לוז. איך ווייס אָבער נישט, אויב איהר וועט האָבען די זכיה אהין אריינ־צוקומען.

און דער רב פון דער נייער שטאָט לוז האָט געזעצט א בית־דין, און זיי האָבען איהם מתיר געווען די שבועה. ער און די שליחים האָבען געפאסט דריי טעג און דריי נעכט און זיך גע'טובל'ט אין טייכעל הינטער דער שטאָט, און דער רב האָט צו זיי געזאָגט:

— געהט צווישען די בערג ביז איהר וועט צוקומען צו א גרויסען און טיפען פעלזענשפאלט, דאָרט וועט איהר זעהן א רוישיג טייכעל, זאָלט איהר געהן מיט דעם טייכעל, ביז איהר וועט צוקומען צו זעהר א הויכען און דיקען בוים, באדעקט מיט א גראָבע און צעפאלדעטע קארע. לעבען דעם בוים וועט איהר זעהן א טיפען גרוב, א מקוה, דאָרט דארפט איהר זיך טובל'ן. אפשר וועט, אין זכות פון כלל־ישראל, זיך עפענען פאר אייך דאָס קליינע טירעל פון בוים, און איהר וועט קענען אריין אין

דער שטאָט לוז. געדענקט אָבער, אייער וועג איז פול מיט די גרעסטע סכנות! און איהר זאָלט זיך שטאַרקען און מוסר־נפש זיין פאַר כלל־ישראל.

די שליחים האָבען געהערט דעם רב'ס ווערטער און זייערע הערצער זענען אָנגעפילט געוואָרען מיט האָפנונג, אז גאָט וועט זיי העלפען און וועט זיי געבען כח אויסצושטעהן אלע צרות, בייצושטעהן אלע נסיונות, און ער וועט שיקען דורך זיי זיין הילף.

דער רב איז מיט זיי געגאַנגען און ארויסגעפיהרט זיי צום וועג, געוויזען זיי פון דערווייטען, וואוהין צו געהן, געבענשט זיי, און אוועק־געגאַנגען.

די שליחים האָבען זיך אריינגעדרעהט צווישען די בערג און אָנגע־הויבען צו קלעטערען איבער ערטער פול מיט די גרעסטע סכנות. פילמאָל האָבען זיך שטיינער ארויסגעגליטשט פון אונטער זייערע פיס, און זיי זענען געבליבען הענגען איבער די טיפסטע אָפגרונטען; פילמאָל זענען זיי געשטרויכעלט געוואָרען, געפאַלען און צעשלאָגען זיך ביז בלוט. מיד זענען זיי געוועזן, און זייערע קניה אונטערגעהאַקט, און זיי האָ־בען מעהר נישט געהאַט קיין כח צו קלעטערען. זיי האָבען אויפגע־הויבען די אויגען, זיך ארומגעקוקט און געזעהן, ווי עס עפענען זיך אונטער זיי טיפע תהומות, טאָלען־פון־שאָטענס־פון־טויט, גלייכע פעלזען־ווענט אויסגעקריצט מיט אלע בילדער פון שרעק. אונטען רוישט דאָס שמאָלע שטורמישע טייכעל, ווערט גרעסער, ברייטער, וואַרפט זיך מיט כח אויף די פעלזען, וואָס עס האָט גענומען אין געפענגעניש צוזאַמען מיט די גרינע בוימער וואָס האָבען זיך פון זיי ארויסגעריסען. עס רוישט און ברויזט דער טייך אונטען, אין דעם פעלזענשפאַלט, און זייערע הערצער קלאַפּען און ענטפערען צום טאַקט. זיי האָבען זיך געשטאַרקט און געקלעטערט מיט די לעצטע כחות, ביז זיי זענען צוגעקומען צום בוים. דאָרט האָבען זיי זיך אנידערגעזעצט אויף א מינוט, זיך אָפּצו־רוהען און כאַפּען דעם אָטעם. זיי האָבען זיך גלייך אויפגעהויבען און גענומען זוכען די מקוה, זיך צו טובל'ן אין איהר, אפשר וועט גאָט באַווי־ליגען זייער וועג, דאָס טירל וועט זיך עפענען פאַר זיי, און זיי וועלען ברענגען א הילף פאַר די, וואָס האָבען זיי געשיקט.

און זיי זענען צוגעקומען ביז צו דער מקוה און האָבען אריינ־געקוקט אין איהר, און זייערע הערצער זענען אין זיי שיר געשטאָרבען

פאר פחד: פול איז געווען דער גרוב מיט שלאנגען און עקדישען, און גרויסע, גרינע, קראקאדילען האבען ארויסגעשטעקט ברייט־צעעפענטע מיילער, מיט ציין ווי זעגען, פון דער גרינער שוים; ארום דעם גרוב האבען זיך געקרייזעלט קלאפערשלאנגען, געווארפען מיט זייערע עקלעך און געגראגערט; פון זיין ראנד האבען זיך ארויסגעהויבען וואסער־שלאנגען, געשיפעט, און בייז ארויסגעשטעקט און אריינגעשלונגען זייערע גיפטגעפעלעך.

און א שרעק איז אויף זיי אנגעפאלען, און זיי האבען געציטערט און אפגעשפרונגען הינטערוויילעכטס. זייער הארץ איז ווי אפגעשטאר־בען אין זיי, און זיי האבען זיך געוואקעלט אויף די פיס.

עטליכע מינוט זענען זיי אזוי געבליבען. פלוצלונג האט זיך איי־נער פון זיי אנגעגורט מיט כח און ער האט אויסגעשריגען :

— איך וועל זיך מוסר־נפש זיין פאר דעם כלל, און זאל גאט מיט מיר טון וואס ער וויל !

מיט גרויס התלהבות האט ער ארפגעווארפען פון זיך די צערי־סענע קליידער, און ער איז אריינגעשפרונגען אין דער מקוה פון שלאנ־גען און עקדישען מיט גרויס שמחה.

דער צווייטער שליח איז געבליבען שטעהן, ווי א צוגעשמידטער צו זיין ארט, און ער האט זיך געווארפען פון ציטערניש.

און גאט האט פארשלאסען די מיילער פון די שלאנגען און די עקדי־שען און אלע אנדערע מזיקים, און זיי האבען איהם נישט אנגעריהרט. אפ־געדרוקט האבען זיך אלע פארזעהענישען אן א זייט און צוגעדריקט זיך, ווי אין שרעק, צו די ווענט פון גרוב, און פאר איהם איבערגעלאזט א פריי ארט. ער האט זיך אונטערגעטונקען זעקסאונצוואנציג מאל און איז ארויס פון דארט. ער איז פול געווארען מיט התלהבות און שמחה, און זיינע אלע אברים האבען געזונגען א לויבגעזאנג צום באשעפער. ער האט געשטארקט זיין חבר, וואס האט זיך קוים ארויסגעריסען פון דער שרעק און איז אריינגעפאלען אין א גרויסע עצבות, דערפאר וואס ער איז נישט בייגעשטאנען דעם נסיון. ביידע האבען זיך גלייך אוועק־געזעצט לעבען בוים, איינער אביסעל אפגערוקט פון דעם אנדערען, זיי זאלען זיך נישט אנריהרען, און זיי האבען מתפלל געווען און תהילים גע־זאגט. זיי האבען געבעטען רחמים ביי זיין־ליבען־נאמען, ער זאל

עפּענען פאַר זיי דאָס טירל פון בוים; ער זאָל דאָס טאָן אין זכות פון כלל־ישראל, ווען זיי זענען אפילו נישט ווערט צו זיין זייערע שליחים; ער זאָל עס טאָן צוליב זיין אייגענעם גרויסען נאָמען.

עס האָט נישט גענומען לאַנג, און א קליין טירל האָט זיך פּלוצלונג געעפנט אין דעם בוים, און א קול איז ארויסגעקומען פון דאָרט און האָט אויסגערופען:

— זאָל אריינגעהן דערדאָזיגער וואָס האָט זיך גע'טובל'ט אין מקוה, און דער וואָס האָט מורא געהאט, זאָל בלייבען זיצען און וואַרטען ביים בוים!

און דער שליח וואָס האָט זיך מוסר־נפש געווען און גע'טובל'ט, האָט געאיילט און גענומען אַלע כתבים פון די רבנים, גאונים און צדיקים, מיט זיך, ער האָט זיך אָפּגעזעגענט שנעל מיט זיין חבר, און איז אריין אין בוים.

און דאָס טירל פון בוים האָט זיך פאַרהאַקט גלייך נאָכדעם ווי ער איז אריין, און עס איז קיין סימן נישט געבליבען דערפון. שטיל און טויט איז ווידער געוואָרען ארום־און־ארום, און אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט דאָס שיפּען און גראַגערן פון די בייזע שלאַנגען. דער צווייטער שליח איז געזעסען ווי א צוגעשמידטער צו זיין אָרט, און זיינע אויגען האָבען געוואַנדערט צווישען די פאַלדען פון דער דיקער קאָרע פון בוים. פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעריסען פון זיין אָרט, איז צוגעפאַלען צום בוים, צוגעטוליעט זיך צו איהם און געוויינט. עס האָט דאָס הארץ אין איהם ביטער געוויינט, דערויף וואָס ער האָט נישט געהאט אין זיך גענוג גבורה און מסירת־נפש, און איבער איין איינ־ציגער מינוט, איז זיין גאַנצע מיה, דאָס גאַנצע ליידען און אָפּקומען, גע־וואָרען צו נישט. ער האָט זיך אוועקגעזעצט צווישען פעלז און בוים און געוויינט, און מתפּלל געווען אין דער שטיל, פון א צעבראָכען הארץ און א דערשלאָגען געמיט.

ג.

אין דער שטאָט לוז.

דאָס טירל פון דער הייל האָט זיך פארמאכט און דער שליח איז געבליבען שטעהן אין א טויטער שטילקייט און א שטאָק־פינסטערניש, און ער האָט נישט געזעהן ווי זיך צו ריהרען. א שווערער וואָלקען, אָהן קאָליר, האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף איהם, האָט שטייף פארבונדען זיינע אויגען, האָט פארגאָסען מיט וואקס זיינע אויערען, און ער האָט נישט געזעהן און נישט געהערט קיין זאך. שווער האָט זיך די פינסטערניש אראָפּגעלאָזט אויף איהם, צוגעדריקט איהם, אָפּגענומען דעם כח פון זיינע אלע אברים, און אָנגעגאָסען זיי ווי מיט בליי. זיין הארץ האָט זיך אין איהם איינגעפּרעסט, זיין אָטעם האָט זיך איינגעהאלטען, און ער איז געבליבען שטעהן א לעבעדיג שטיק פינסטערניש אין דער שווארצער שטילקייט. פּלוצלונג האָט א בליץ איבערגעריסען די שטאָק־פינסטערניש און באגאָסען די גאנצע הייל מיט ליכט. פון דעם ליכט האָט זיך ווידערדערהערט א קול, וואָס האָט זיך ארויסגעריסען מיט כח פון דער שטילקייט און אויסגערופען:

— פיל ביזטו אויסגעשטאנען בן־אדם, אין דיין לאנגען וועג; מיט פיל נסיונות האָט מען דיך געפּרואווט, און דו ביזט זיי בייגעשטאנען; אין א מקוה פון שלאנגען און עקדישען האָסטו גע'טובל'ט דיין לייב און שטילקייט און שטאָקפינסטערניש האָבען געלייטערט דיין נשמה — איצט האָסטו די זכיה אריינצוקומען אין דער שטאָט לוז. פריי און אָפען איז פאר דיר די גאנצע שטאָט און אלע איהרע וואונדער. געה ביז צו דער גרויסער ישיבה, און פון דאָרט וועט קומען דיין הילף!

און פון דעם בליץ איז געוואָרען א פלעמל, און עס האָט זיך געשטעלט פאר איהם און געלויכטען, געוואונקען צו איהם, ער זאָל נאָכגעהן. און ער האָט זיך אָפּגעריסען פון זיין אָרט און איז נאָכגעגאנגען דעם פלעמל, ביז ער איז ארויסגעקומען פון דער הייל.

ער איז אריין אין א וועלדעל פון לוז־בוימער, און ער איז געגאנגען מיט דעם אויסגעטראָטענעם שטעג, ביז ער איז אריינגעקומען אין א גרויסער שטאָט. און ער האָט געזעהן פיל אלטע הייזער מיט הויכע טורעמס, און ער איז דורכגעגאנגען פיל ענגע און שמאָלע גאסען און געסלעך, פול אָנגעפּראָפּטע מיט מענשען. און ער האָט געזעהן ווי מענשען

מיט אַלטע, איינגעשרומפּענע פּנים'ער, גרויס ווי קינדער, קריכען אין די גאַסען, און לאַנגע גרויע בערד הענגען זיי אַראָפּ און פּלאָנטערען זיך צווישען זייערע טריט. און ער האָט געזעהן הייזער מיט אָפענע טירען און פענסטער, און ער האָט אַריינגעקוקט אין זיי און געזעהן, שטיבער פולע מיט פאַרשידענע בעטען און וויגען, קלענערע און גרעסערע, אָנגעפּראָפּטע מיט יונגע און אַלטע. ער האָט זיך איינגעקוקט און געזעהן, אַז איבער די גרעסערע וויגען זיצען, האַלב־איבערגעבויגענע, יונגפרויען, און לעבען די קלענערע וויגען זיצען, קליינע מענשעלעך מיט לאַנגע, לאַנגע בערד, דרימלען און לאָזן אַ טרער. צו זיינע אויערען האָט זיך דערטראָגען אַ קוויטשיג געוויין און געפּילדער פון קינדער, וואָס איז אַרויסגעקומען פון די גרויסע וויגען און אַ שטיל קרעכצען פון אַלטע, וואָס איז אַרויסגעקומען פון די קליינע. ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, און איז ווייטער געגאַנגען. קיינער איז צו איהם נישט צוגעקומען, און קיינער האָט איהם נישט געזאָגט קיין וואָרט. און ער האָט געזעהן, ווי קינדער, גרויסע און שטאַרקע, לעבעדיגע און ריהרעוודיגע, לויפען אַרום און שטיפען אין די גאַסען, מענער ווי דעמבעס שטעהן און טוען זייער אַרבעט מיט כח און לוסט, און צווישען זיי דרעהן זיך אַרום, אָהן לעבען און אָהן חשק, איינגעשרומפּענע זקנים מיט פאַרמעטענע פּנים'ער, געהן און דרימלען, פאַרטשעפּען זיך אין זייערע אייגענע בערד און פאַלען.

און ער האָט געזעהן ווי פון דערוויטענס געהט אַן אַלטערמאַן און וויינט, און ער איז צוגעגאַנגען צום אַלטען און האָט געפרעגט:

— זיידעשי, וואָס וויינט איהר?

האָט איהם דער אַלטער געענטפערט:

— מיין פאָטער האָט מיך פאַרשעמט פאַר מיינע קינדער און אייניקלעך, און מיך אויסגעפּאַטשט.

האָט איהם דער שליח אָנגעקוקט אַ פאַרוואונדערטער און געפרעגט:

— סטייטש, פאַרוואָס האָט עס אייך אייער פאָטער געשלאָגען?

— ווייל איך האָב איינגעדרימעלט, ווען איך האָב געהאַלטען אין וויגען זיין פאָטער, און האָב נישט געהערט, ווי ער האָט זיך צעקרעכצט און געבעטען אַביסעל וואַסער.

דער שליח האָט אָנגעשטעלט אויף איהם אַ פּאָר אויגען און געפרעגט:

— ווי אלט זייט איהר, זיידעשי ?

האָט דער אַלטער אַ זיפץ געטאָן און געענטפערט :

— איך? יאָ, שוין דריי־הונדערט יאָהר אלט !

דער שליח האָט געריבען די אויגען און ווייטער געפרעגט :

— און ווי אלט איז אייער פאָטער ?

דער אַלטער האָט אָפּגעקרעכצט און געענטפערט :

— נעבעך פינף־הונדערט יאָהר !

אויסער זיך איז דער שליח געוואָרען, און האָט ווייטער געפרעגט :

— און ווי אלט איז שוין אייער זיידע ?

דער אַלטער האָט טיף אָפּגעזיפצט און געזאָגט :

— ער איז שוין, לא עלינו, אכט־הונדערט יאָהר אלט !

דער שליח האָט ניט געגלויבט זיינע אויערען און ווייטער געפרעגט:

— און זיין פאָטער ?

האָט זיך דער אַלטער צעשלוכצט און קוים ארויסגערעדט :

— שוין העכער טויזענט, נישט פאר קיין אידען געדאכט! ער ליגט שוין נעביך און שלאָפט אָפּ גאנצע טעג און נעכט, כאפּט זיך אויף שבתים.

דעם שליח איז איבערגעגאנגען דאָס הארץ, און ער האָט געזאָגט :

— הייסט עס, אז אייך איז גאָרנישטאָ וואָס מקנא צו זיין !

האָט דער אַלטער אויסגעווישט זיינע פאראייטערטע אויגען, זיך איינגעקוקט אין איהם און געזאָגט :

— א מאָדנער מענש! א פּנים נישט קיין היגער? אפשר פון יענע גליקליכע מענשען פון יענער זייט טויער? שלום־עליכם א איד! סטייטש...

האָט איהם דער שליח געענטפערט :

— יעדע שטאָט א פּנים האָט זיך איהרע צרות. מיר זענען אין גלות, צו שאנד און צו שפּאָט, גזרות רעות, צרות פורעניות, שמדות, יסורים און בייזע קרענק — און איהר זיצט זיך זיכער און רוהיג, האָט אפילו פאר דעם מלאך־המות נישט קיין מורא, און וואַרפט זיך ארום מיט יעקב'ס ברכה. איך קען עס נישט פארשטעהן !

האָט זיך דער אַלטער צעוויינט און געענטפערט :

— א ברכה רופסטו עס גאָר? נישטאָ קיין גרעסערע קללה דערפון. אונזערע עלטערען, אמאָל, האָבען דעם צדיק יעקב נישט געוואָלט אריינ־לאָזען אין א הויז נעכטיגען, באהאלטען איהם פאר עשו'ן, און ער האָט

געמוזט שלאָפען אויף די שטיינער אין פעלד, דערפאַר האָט ער זיי פאַר־שאָלטען, זיי זאָלען נישט קענען שטאַרבען און פיהלען דעם טעם פון אייביג זיך וואַרפען אויף דעם געלעגער.

דער שליח האָט פאַרביסען די ליפּען און אַרויסגעברומט:

— גאָר אַזוי! מע... געהערט עפּעס!

דער אַלטער האָט ווייטער גערעדט, און אויסגעגאָסען זיין האַרץ:

— נמאס ומאוס ווערט עס! האָט מען אַמאָל עפּעס געלערענט אין דער יוגענד, איז נאָך צודערליידען, איז מען אָבער געשטראָפט און מ'איז אַן עם־הארץ, דעמאָלט כאָטש גיה אַרויס פון שטאָט און זעץ דיך אויף דעם שטיין. הלואי וואָלט מען געעפענט די טויערען. מ'פיהלט ווי דער שלאָף רוקט זיך אָן — כאָטש גיה און לעג זיך אַריין אין ווינקעל!

דער אַלטער האָט זיך שטאַרק צעהוסט און האָט ווייטער נישט גע־קאָנט רעדען.

דער שליח האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ א דערשטוינטער, ער האָט זיך קוים דערוואַרט, ביז דער אַלטער האָט צוריק געכאַפּט דעם אָטעם, און ער האָט ווייטער געפרעגט:

— וואָס פאַר א שטיין?

האָט איהם דער אַלטער אָנגעקוקט און געענטפערט:

— ווייסט נישט פון שטיין, אויף וועלכען דער מלאך־המות האלט זיין שווערט, דאָרט אויף יענער זייט טויער!

און דער אַלטער האָט איהם דערציילט, אַז אַנומעלט, מיט א יאָהר צוויי־הונדערט צוריק, האָט זיך אַרויסגע'גנבה'ט זעהר אַן אַלטער מאַן, וואָס האָט דערפיהלט, אַז אָט דאַרף ער שוין געהן אין ווינקעל אַריין, און איז אַרויס צום שטיין, און איז שוין מעהר נישט צוריקגעקומען. איצט געהט זיין גאַנצע משפחה נישט אַרויס פון הויז פאַר חרפה. מ'האָט נאָכמעהר שומרים אַוועקגעשטעלט ביים טויער פון שטאָט. און גיה טו עפּעס, עס איז נישט פּטור צו ווערען פון אַזא לאַנג לעבען!

דער שליח האָט אָפּגעזיפצט, צוגעשאָקעלט מיט דעם קאָפּ און געזאָגט:

— זינדיגט נישט, זיידעשי! וואָס רעדט איהר?

האָט דער אַלטער אַרויסגעברומט א מין בייזער, און איז אַוועק, און דאָט געלאָזט איהם שטעהן.

דער שליח איז געבליבען שטעהן ווי א צוטומעלטער און ער האָט

נישט געגלויבט זיינע אויגען און אויערן. ער האָט זיך אָפּגעריסען פון אָרט און איז געגאַנגען ווייטער איבער די גאַסען, און געזעהן דאָרט פיל וואונדער. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט נאָכוואָס ער איז געקומען אהין, און ער האָט אויפגעהויבען זיינע פיס און גענומען שפּרייזען שנעלער און געהן צו דער ישיבה.

ער איז אריינגעקומען און האָט געזעהן, ווי אלט און יונג זיצען דאָרט און לערנען תורה מיט א שוואך און פארשלאָפען קול. און א פּראָסט איז דורך זיין לייב.

און ער האָט זיי דערציילט, וואָס מיט איהם איז און וואָס עס האָט איהם געבראכט צו זיי, און ער האָט געבעטען, אז זיי זאָלען איהם פיהרען צו זייער רב, וואָרים פון הימעל האָט מען אנטפּלעקט צום רב פון ירושלים, אז דורך דעם רב פון דער שטאָט לוז וועט קומען זייער הילף.

האָבען די זקנים און תלמידי־חכמים שטארק געזיפצט און געזאָגט:

— שווער, שווער! אונזער רב שלאָפט א גאנץ יאָהר, נייערט, אויף איין טאָג כאַפּט ער זיך אויף. דעמאָלט ברענגען מיר פאר איהם אלע שווערע זאכען, אלע דין־תורות און הארבע שאלות. ער פארענטפערט אלע קשיות, גלייכט אוים אלע סתירות, און פאלט ווידער אוועק, שלאָפט ווייטער איין אויף א גאנץ יאָהר. און עס זיינען קוים פארבייגעלאָפען דריי חדשים זינט ער איז דאָס לעצטע מאָל וואך געוועזן.

האָט דער שליח זיך שטארק צעוויינט און ער האָט געזאָגט:

— וועה איז מיר, אזויפיל טרחות און סכנות! און וואָס וועט ווערען פון כלל־ישראל?

האָבען די לומדים און תלמידי־חכמים רחמנות געהאט אויף איהם און זיי האָבען איהם גענומען טרייסטען, און זיי האָבען אזוי געזאָגט:

—אפשר אין דעם זכות פון כלל־ישראל וועט דער רב זיך אויפכאַפּען פריהער, דעמאָלט וועט קיינער נישט אריינגעהן צו איהם, ביז ער וועט דיר ענטפערן. מיר וועלען מתפלל זיין פאר דיר און פאר כלל־ישראל.

און זיי האָבען זיך אוועקגעשטעלט און תפילה געטאָן צו גאָט און געבעטען רחמים פאר זיין פאָלק ישראל.

ד.
אין דוד המלך׳ס הייל.

דער שליח איז געזעסען א צייט אין דער ישיבה און ער האָט תפילה געטאָן צוזאמען מיט די זקנים און תלמידי־חכמים פון דער שטאָט לוז מיט א צעבראָכען הארץ; זיי האָבען געבעטען רחמים, דערוועקט זכות־אָבות, דער שליח האָט דערמאָנט אלע זיינע טרחות און סכנות, און האָט שטארק געוויינט. זיין געוויין האָט דערוועקט א יללה צווישען אלע וואָס זענען געווען אין דער ישיבה, און יונג און אלט האָבען מיטגעוויינט אויף דער צרה, וואָס האָט געהאלטען ביי קומען אויף אידען. פּלוצלונג האָט דער רב זיך אויפגעכאפּט און דערהערט דאָס געוויין. האָט ער אָנגעקלאפּט אין דער וואנט, און האָט א געשריי געטאָן:

— שמש!

האָט דער שמש געאיילט און איז אריינגעגאנגען צו איהם א פאר־ציטערטער, האָט איהם געוואשען די הענט, און אויפגעהויבען פון בעט.

דער רב האָט איהם געפרעגט, וואָס דאָס געוויין באטייט, און דער שמש האָט איהם דערציילט, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, און געבעטען רשות פאר דעם שליח, ער זאָל קענען צו איהם אריינקומען. האָט איהם דער רב געהייסען אריינלאָזען.

דער שליח איז אריינגעקומען צום רב, און ער האָט גענומען שלום, האָט איהם דערציילט וועגען דער שלעכטער גזרה, און וועגען דעם, וואָס מ׳האָט פון הימעל מודיע געווען דעם רב פון ירושלים; מיט א קלאָ־פּעדיג הארץ, מיט גרוים ציטערניש און געוויין האָט ער איהם דאָס אלץ דערציילט.

האָט איהם דער רב איינגענומען מיט גוטע ווערטער, געטרייסט, און געזאָגט:

— וויין נישט, מיין קינד, און טרויער נישט. איך ווייס וויפיל דו ביסט אויסגעשטאנען ביז דו ביסט געקומען אהער. מ׳האָט פאר דיר געעפענט די טויערען פון מיין שטאָט, און מיך האָט מען אויפגעוועקט פאר דער צייט — דאָס איז א סימן, אז דיין וועג איז באוויליגט געוואָרען, און דורך דיר וועט קומען א ישועה פאר אידען מיט גאָט׳ס הילף. אָט וועל איך מיטשיקען א שליח מיט דיר צו דוד המלך, און ער וועט בודאי נישט צולאָזען, אז אידען זאָל חלילה געשעהן עטוואָס שלעכטס. פּירכט

זיך נישט, מיין קינד,, ווארים גאָט איז מיט דיר. ווען דו וועסט זוכה זיין צו זעהן דוד המלך'ס ליכטיג פּנים, זאָלסטו איהם זאָגען אין מיין נאָמען, אז ער האָט מיר שוין לאנג נישט געשיקט קיין זאך, מיט וואָס זיך צו דערקוויקען און דערכאַפּען דאָס הארץ, און איך בין שוואך, און האָב נישט קיין כח ארומצוגעהן. זאָל ער נישט פארגעסען זיין אלטען חבר, און באנייען די פריינדשאַפט.

דער שליח האָט געהערט די ווערטער און ער איז דערפרעהט געוואָרען. ער האָט זעהר געוואָלט וויסען, ווער דער רב איז, און האָט נישט געקאָנט עפּענען קיין מויל איהם צו פרעגען, און איז געבליבען שטעהן שטיל א ווײלע. דער רב האָט א שמייכעל געטאָן צו איהם ליבליך און געזאָגט:

— האָסטו עפּעס נאָך א בקשה, מיין זוהן, צו מיר? שעם זיך נישט!

האָט זיך דער שליח אָנגענומען מיט מוט, און געזאָגט:

— אז איך האָב שוין יאָ זוכה געווען צו זעהן אייך, רבי, און צו רעדען מיט אייך באשיינפּערליך, זאָגט מיר אייער נאָמען, טאָמער וועט מיך דוד המלך פרעגען, און איך וועל איהם נישט וויסען וואָס צו ענטפערען.

האָט דער רב געשמייכעלט צו איהם און געזאָגט:

— איך בין עירה היאירי, דוד'ס פריינד.

און ער האָט געבענשט דעם שליח און איהם ארויסגעשיקט.

און א שמש איז מיט איהם געגאַנגען צו פירען איהם צו דוד המלך'ס הייל. ער האָט איהם געפיהרט איבער בערג און טאָלען, איבער שטעכיגע דערנער און שפּיציגע פעלזען, ביז ער האָט איהם געבראַכט צו דער הייל. ווי זיי זענען צוגעקומען אהין, האָט דער שליח צו איהם אזויגעזאָגט:

— אזוי ווייט האָב איך רשות צו געהן מיט דיר, אינווענינ קען איך נישט ארײנקומען. דאָ, אויף דעם פעלז, וועל איך וואַרטען אויף דיר. קלאַפּ אָן און מ'וועט דיר עפענען.

און מיט א ציטערדיג הארץ האָט דער שליח אָנגעקלאַפּט אָן דער טיר פון דער הייל, און זיינע ליפּצען האָבען זעהר שטיל געזאָגט א תפילה. די טיר האָט זיך געעפענט און ער איז ארײנגעגאַנגען אין דער הייל מיט גרויס פחד און מורא. די הייל איז באלויכטען געווען מיט דעם אור־הגנוז, און די זון, און די לבנה און די צוועלף מזלות האָבען געהאַנגען דאָרט און געלויכטען, יעדע מיט איהר באזונדער ליכט. דער שליח האָט

פאַרמאַכט די אויגען און מורא געהאַט צו קוקען אין דעם ליכט, און ער איז פאַרבליבען שטעהן ווי א צעמישטער. האָט ער דערהערט א בת־קול וואָס האָט אויסגערופען און געזאָגט :

— עפען אויף דיינע אויגען, בן־אדם, און קוק! נעם זיך אָן מיט דעם אור שבעת הימים, און זאָל ער לייכטען אין דיר דיין גאַנץ לעבען. אז גוט און וואויל איז דיר, וואָס דו האָסט זוכה געווען דערצו! עס ליגט זיך דער מלך דוד און דרימעלט, באַלד וועט ער זיך אויפכאַפּען און אָנהויבען זינגען שירות און תשבחות פאַר דעם באשעפער. איבער זיין גינגאָלדען בעט הענגט א האַרף, און איהרע סטרונעס וואַרטען אויף דעם צפון־ווינטל, וואָס דאַרף אָנהויבען צו בלאָזען איבער זיי. ווען די האַרף וועט אָנהויבען צו שפּילען, זאָלסטו אריינגעהן אין דעם חדר, פון וועלכען דאָס ליכט בליצט אַרויס, און דו וועסט זעהן דוד המלך׳ן אין זיין פּראַכט. דו זאָלסט פאַר איהם אויסגיסען דיין הארץ, און ער וועט דיר זאָגען וואָס דו זאָלסט טון. דערווייל גיי, קוק, זעה, און באַהאַלט אין זיך פון דעם אור־הגנוז, און פירכט זיך נישט !

דער שליח האָט געעפענט זיינע אויגען און האָט געזעהן, ווי איין חדר פיהרט אין צווייטען, און יעדער חדר איז באַלויכטען מיט אַן אנדער ליכט. ער האָט א קוק געטאָן אויף די ווענט און געזעהן, אז זיי זענען פון טייערסטען מירמעלשטיין, אויסגעזעצט מיט ליכטיגען בורשטין; דער באַלקען — פון ווייסען קאַראַל, אויסגעזעצט מיט בליציגע דימענטען און פּערל; דער דיל — אויסגעפלאַסטערט מיט אַלע שטיינער פון חושן־און־אפוד, און זיי לייכטען, פינקלען, און וואַרפען פאַרשידענע קאָלירען. פאַרהאַנגען, אויסגעהאַקטע פון פילפאַרביגען שטיין, זענען געהאַנגען איבער די טירען, באַפּוצטע מיט פאַרשידענע פּירות פון אבנים־טובות, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען פון באַלקען און אַרויפגעקומען פון דיל, און זיי האָבען געבליצט און געפונקעלט, און פעדים פון ליכט האָבען אַרומגעטאַנצט אין זיי. ער איז אריינגעקומען אין זעהר א גרויסען זאַל, און ער האָט געזעהן א שטול אויסגעזעצט מיט אַלערליי טייערע שטיינער און פּערל, און יעדע פון זיי האָט געלויכטען מיט איהר אייגען פייערל. איבער דער שטול איז געווען א חופּה פון לבנת־הספּיר. פון א זייטיגען חדר האָבען כסדר אַרויסגעבליצט זיבען בליצען, זיי האָבען זיך צוזאַמענגעפלאָכטען אין איין ליכטיגען בונט, און געוואָרפען זיך שפּילענדיג, און געגלעט

די שטול און די חופה, וואָס איבער איהר, דורכגעלויכטען די אבנים־טובות, אריינגעשיינט אין די אנדערע חדרים, און פארשפרייט ליכט איבער דער גאנצער הייל. פלוצלונג האָט זיך דערהערט א זיסע הארף, און די גאנצע הייל האָט אָנגעהויבען שפּילען און זינגען א למנצח מיט פלאמי־גער פרייד. דער שליח איז אריינגעגאנגען אין דער בליציגער חדוה, אין דעם חדר, פון וואנען עס זענען ארויסגעקומען די בליצען און געזאַנג. ער האָט געזעהן ווי דוד המלך ליגט אויף א גינגאָלדען בעט, לעבען איהם א קריסטאָלענער טיש, און א גאָלדענע מנורה אויף דעם טיש, און איהרע זיבען רערלעך צעשפּרייטען בליצען. און ער איז געפאַלען פאר דוד המלך און האָט זיך געבוקט. ער האָט איהם אלץ דערציילט, און אויסגעגאָ־סען פאר איהם דאָס ביטערע הארץ.

און דוד המלך האָט צו איהם אזויגעזאָגט:

— וויין נישט מיין קינד, גאָט וועט העלפען!

און ער האָט ארויסגענומען אן עפּעל, איהם צעשניטען אין פיר חלקים, געגעבען דעם שליח און געזאָגט:

— דידאָזיגע פיר שטיקלעך עפּעל זאָלסטו מיטנעמען מיט זיך. איין פערטל זאָלסטו האלטען פאר זיך, דאָס צווייטע זאָלסטו געבען מיין חבר עירה היאירי, דאָס דריטע זאָלסטו געבען דיין חבר, וואָס ליגט א מידער און א פאר'חלש'טער ביי די טויערען פון לוז, דאָס פערטע זאָלסטו ברענ־גען דעם סולטאַן און דערהאלטען איהם ביים לעבען דערמיט. א צייכען פון פארגעבונג איז עס פאר איהם, ווארים ער איז חייב מיתה. געה גע־זונטערהייט און האָב נישט קיין מורא!

דער שליח איז ארוים מיט גרוים שמחה. און ער האָט געטראָפען דעם שמש ווארטען אויף איהם, לעבען דער הייל. ער איז מיט איהם גע־גאַנגען צום רב, און איהם איבערגעגעבען דאָס פערטל עפּעל. דערנאָך איז ער ארויסגעגאַנגען פון דער שטאָט לוז, און ער האָט געפונען זיין חבר ליגען לעבען דעם פעלז, מיד און פאר'חלש'ט. ער האָט איהם געגעבען א שמעק צו טון פון דעם פערטל עפּעל, און יענער האָט געעפענט זיינע אוי־גען; ער האָט איהם געגעבען דאָס שטיקל עפּעל אויפצועסען, און זיין כח האָט זיך ווידערגעקעהרט צו איהם.

און א ווינט האָט זיי אויפגעכאפּט און אוועקגעטראָגען קיין סטאַמבול.

אין דערזעלבער צייט איז דער סולטאַן געזעסען אין זיין פּאַלאַץ, און זיינע אַלע שרים אַרום איהם, און געטראַכט שלעכטס אויף אידען. פּלוצלונג איז ער אַוועקגעפאַלען און האָט אָנגעהויבען צו חלש'ן, און מ'האָט איהם נישט געקאָנט דערמינטערען. די דאָקטוירים זענען זיך צוזאַמענגע־לאָפען, זיי האָבען געפּרואווט איהם געבען אַלץ, וואָס זיי האָבען נאָר גע־וואוסט, און זיי האָבען איהם נישט געקאָנט העלפען. גלייך האָט מען אויסגערופען אין דער גאַנצער שטאָט :

— ווער עס איז אַ דאָקטאָר, זאָל קומען און היילען דעם סולטאַן, און ווער עס איז אַן אָפּשפּרעכער, זאָל קומען און העלפען !

אַ פּחד איז געפאַלען אויף דער גאַנצער שטאָט, און קיינער האָט זיך נישט געפונען צווישען זיי, וואָס זאָל זיך אונטערנעמען צו העלפען דעם סולטאַן. עס האָט זיך דאָרט געטאָן אַ שרעקליכע מהומה.

גראַד דעמאָלט זענען אָנגעקומען די שליחים צום טויער פון שטאָט, און ווי זיי האָבען געהערט, וואָס דאָרט טוט זיך אָפּ, זענען זיי גלייך גע־לאָפען, און געמעלדעט זיך פאַר דעם גרויס־וויזיר, און געזאָגט :

— מיר זענען באַוואוסטע דאָקטוירים. פון אַ ווייטער מדינה זע־נען מיר אָנגעקומען. לאָז אונז אריין צום סולטאַן, און מיר וועלען איהם געזונט מאַכען.

האָט דער גרויס־וויזיר געזאָגט צו זיי :

— ווייסט איהר, אז אַ דאָקטאָר וואָס געהט היילען אַ מלך שטעלט איין זיין קאָפּ ?

האָט דער שליח, וואָס איז נישט אריין אין הייל, אַ ציטער געטאָן און ער האָט געשוויגען, און דער צווייטער האָט אויסגעשריגען מיט זיכערקייט :

איך בין גרייט דערויף !

גלייך האָט מען איהם אריינגעלאָזט צום סולטאַן אין חדר.

און ער האָט געזעהן, ווי דער סולטאַן ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגען און אָטעמט שווער, און ער האָט ארויסגעכאַפּט זיין פערטעל עפּעל און צוגעשטעקט צו זיינע נאָזלעכער, און דער סולטאַן האָט גלייך געעפענט די אויגען.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שווערען חלום, אַ דערשראָקע־נער, אַ דערציטערטער, און ער האָט גענומען בעטען, מ'זאָל איהם שענקען

דאָס לעבען, און ער האָט זיך געבעטען און געזאָגט:

— גרויסער מלך, גנעדיגער מלך, מלך וואָס לעבט אייביג, זיי מיר מוחל! נאריש בין איך געווען און האָב נישט געוואוסט פון דיין גרויס־קייט. פארציי מיר און שיק מיר א צייכען פון לעבען, און איך וועל שוין וויסען ווי זיך צו פיהרען.

האָט דער שליח געזאָגט צו איהם:

— זאָל אונזער מלך לעבען אייביג און נישט האָבען קיין מורא, א מתנה פון פארגעבונג האָב איך געבראכט פון דוד המלך.

און ער האָט איהם געגעבען דאָס פערטל עפּעל, דער סולטאַן האָט עס אויפגעגעסען, דערכאַפּט זיך דאָס הארץ און ער איז געזונט געוואָרען.

און דער סולטאַן האָט געהייסען, מ'זאָל ברענגען פאר איהם, מיט גרויס כבוד, די ראשי־הקהל און אלע אידישע חשובים און נכבדים. און מ'איז געגאנגען און מ'האָט זיי געטראָפען זיצען און פאסטען און בעטען צו גאָט, ער זאָל צערייסען די שלעכטע גזרה. האָט מען זיי געבעטען, זיי זאָלען אויפשטעהן פון זייער תענית, און מ'האָט זיי געבראכט מיט גרויס כבוד צום סולטאַן. און דער סולטאַן האָט זיי איבערגעבעטען, אין געגענ־ווארט פון אלע זיינע וויזירען און גרויסעלייט, און ער האָט געזאָגט צו זיי:

— זייט מיר מוחל, קינדער פון דעם הייליגען פאָלק, וואָס איך האָב אייך פארשאפט אזויפיל צער. בעט רחמים פאר מיר ביי אייער מלך דוד, ער זאָל מיר מוחל זיין אויף מיין נארישקייט און זינד, און איך וועל עדות זאָגען פאר דער גאנצער וועלט, אז ער לעבט אייביג, און נישט נאָר דאָס אליין, נייערט, ער קען טויטען און לעבעדיג מאכען, ווארים אלע מלאכים פון הימעל שטעהן פאר איהם ווי קנעכט, און ווארטען אויף זיין באפעהל.

און ער האָט דערציילט, אז מ'האָט איהם גערופען צו בית־דין־של־מעלה, און מ'האָט איהם צוגע'פסק'נט מיתה. איז אויפגעשטאנען דער שר פון ישמעאל און ער האָט גענומען טענה'ן פאר איהם און בעטען רחמים, האָט מען איהם געענטפערט, ער זאָל געהן און ברענגען א פארגעבונגס־גע־שאנק פון דוד המלך.

אויסער זיך זענען אלע געוואָרען, און זיי האָבען קוים געקאָנט גלויבען זייערע אייגענע אויערן. פלוצלונג האָבען זיי זיך ארומגעקוקט

און דערזעהן, ווי דער שליח שטעהט פאַר דעם סולטאַן און זאָגט צו איהם :

— האָב נישט קיין מורא, אדוני המלך, דיין זינד איז פאַרגעבען געוואָרען און פאַר א פאַרגעבונג־געשאַנק האָט דיר אונזער מלך דוד געשיקט דאָס פּערטעל עפּעל דיך צו דערקוויקען, און געזונט מאַכען.

און ער האָט דערציילט אַלצדינג וואָס עס האָט זיך געטראָפען מיט איהם, האָט נישט פאַרפעהלט קיין וואָרט.

ווי זיי האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי גענומען לויבען איהם און רעדען שלעכטס אויף דעם צווייטען, און זיי האָבען געזאָגט :

— א שיינער מענש, א שרעקעדיגער, זעהר א טרייער שליח !

האָט דער שליח, דער צדיק, אָנגעשריגען אויף זיי, און געזאָגט :

— מ'טאָר נישט לאַכען פון איינעם וואָס איז נישט בייגעשטאַנען קיין נסיון! מ'טאָר נישט משפּט'ן א צווייטען ביז מ'קומט אַליין אויף זיין אָרט.

און ער האָט געבעטען רשות פון סולטאַן איהם צו געהן זוכען.

און ווען ער האָט איהם אַריינגעבראַכט, האָט ער געזאָגט :

דער כבוד און לויב, וואָס איהר גיט מיר אָפּ באַלאַנגען צו איהם אויך, גלייך אויף גלייך !

האָט דער עולם גענומען מורמלען :

— נישט גענוג, וואָס ער איז נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון, זאָלען מיר נאָך איהם אָפּגעבען כבוד !

האָט דער שליח, דער צדיק, זיי איינגעשטילט, און געזאָגט :

— דעם דין האָט דוד המלך שוין לאַנג גע'פּסק'ענט: „וואָרים דער חלק פון דעם, וואָס געהט אין דער מלחמה און דער חלק פון דעם, וואָס זיצט און היט די כלים—זענען גלייך, צוזאַמען דאַרפען זיי זיך צעטיילען.“

ווי זיי האָבען דערהערט די ווערטער זענען זיי געבליבען שטיל.

און דער סולטאַן האָט געשיקט, און מ'האָט געבראַכט פאַר איהם די שלעכטע גזרות, און ער האָט זיי צעריסען. ער האָט געגעבען די שליחים פיל רייכע מתנות, ער האָט אָנגעשריבען און אונטערגע'חתמ'עט פיל גוטע גזרות אויף אידען, און זיי אוועקגעשיקט אהיים מיט גרויס כבוד.

יאַסעלע.

יאָסעלע.

א.

ערגיצוואו אין א דאָרף, אין דער מדינה פּוילען, האָבען צוויי ברי־דער געהאַלטען א קרעטשמע, וואָס איז זיי געבליבען א חזקה פון דורות. די צוויי ברידער זענען געווען גרויסע צדיקים און לומדים מופלגים: דער עלטערער איז געווען א גדול־בנגלה און דער יונגערער איז געווען א גדול־בנסתר, א גרויסער מקובל. יעדער פון זיי האָט געהאַט א ווייב, אן אשת־חיל, און זיי האָבען געפיהרט די עסקים. די מענער זענען געזעסען און עוסק געווען, איינער אין נגלה און דער צווייטער אין נסתר, גאַנצע טעג און נעכט.

און גאָט האָט פארשלאָסען די טראכט פון דעם עלטערען ברודער'ס ווייב און זי איז געווען אן עקרה, נישט פאר קיין אידישע טאָכטער געדאכט, און דעם יונגערען ברודער האָט ער נאָר געגעבען טעכטער. האָט די עלטערע שוועגערין זיך זעהר פיל אָפּגעגעבען מיט דער יונגערערס קינדער, זי האָט זיי געהאָלפען דערציהען און האָט זיי שטאַרק ליב געהאַט.

און אן אהבה־רבה האָט געהערשט צווישען די צוויי ברידער און זייערע הויזגעזינטער, טעג ווי נעכט האָט איינער געוואכט איבער דעם צווייטען, געזאָרגט פאר איהם, געהאָלפען איהם, ער זאָל קענען טאָן וואָס ער דאַרף. און אזוי האָבען די ברידער געקאָנט זיצען במנוחה און עוסק זיין יעדער אינ'ם זייניגען.

פּרנסה איז נאָר געווען בצמצום, זענען אָבער די ווייבער געווען גרויסע בריה'ס און זיי האָבען געקאָנט שיין אויסקומען מיט דעם וואָס זיי האָבען ארייגענומען. אזוילאַנג ווי די קינדער זענען געווען קליין, איז מען דורכגעקומען, באהאַלטען, ווי מ'זאָגט, דאָס ארימקייט אונטער א שיין שטערצעלע, אָבער ווען די קינדער האָבען גענומען אונטערוואקסען און מ'האָט זיי געדאַרפט נעמען שיבען און קליידען, ווי עס געהער צו זיין; מ'האָט גאָר באדאַרפט אָנהויבען צו קלערען וועגען א תכלית, נעמען קלייבען א נדן און אן אויסשטייער, האָט עס דעם עלטערען ברודער און זיין ווייב, די עקרה, גענומען עגבוירען אין די קעפּ. עס האָט זיי שטאַרק געארט וואָס זיי נעמען צו דאָס, וואָס באַלאַנגט צו די קינדער, וועלכע זיי האָבען אויפגעבראכט אויף זייערע הענט. און איינמאָל האָט זיך דאָס ווייב אָנגערופען צום מאַן און זי האָט צו איהם אזויגעזאָגט:

— מיין מאַן, דער־וואָס־איבער־אונז האָט מיך געשטראָפט און האָט מיר פארטיילט מיין חלק אין זיין בעסטער מתנה, דערפאר האָט ער אָבער געגעבען אונזער ברודער אזעלכע גוטע און שיינע קינדער, וואָס זע־נען א פרייד פאר׳ן הארץ און א נחת פאר׳ן אויג. דאַרפן מיר דאָס אָנעמען פאר ליב, און באטראכטען זיי ווי אונזערע אייגענע קינדער, און זאָרגען פאר זיי. די צייט האָט זיך אָנגערוקט, און מ׳דארף נעמען קלערען וועגען א נדן פאר זיי. לכן, איז מיין עצה, אז מיר זאָלען איבערלאָזען דעם ברודער די קרעטשמע, און מיר זאָלען זיך לאָזען אין דער וועלט אריין זוכען אונזער מזל. מיר זענען נאָר צוויי, און וויפיל זיין־ליבער־נאָמען וועט אונז צו־שיקען, וועט זיין גענוג פאר אונז. ווער וויים, אפשר וועט גאָט דיר צושי־קען מיט זיין גרוים גנאד, א רבנות, און מיר וועלען זיך קענען מפרנס זיין בכבוד און נאָך קענען אָפּשפּאָרען עפּעס פאר די קינדער.

האָט דער מאַן אויסגעהערט זיין ווייב׳ס ווערטער, און געענטפערט:

— מיין ווייב, דיינע ווערטער זענען ריכטיג און קלוג, נייערט, איך האָב קיינמאָל זיך נישט געוואָלט באנוצען מיט דער קרוין פון דער תורה און זי מאכען פאר א האק צו האקען מיט איהר האָלץ.

האָט דאָס ווייב איהם געפרעגט :

— האָבען דען אונזערע הייליגע חכמים נישט געשריבען, אז א מענש זאָל פארקויפען א ספר־תורה און חתונה מאכען א קינד? דארף איך, אן אשה, דיר דען דאָס דערמאָנען ?

האָט דער צדיק געהערט און געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ, געזיפצט און געשווינגען א ווייל, דערנאָך האָט ער שטארק פארקנייטשט דעם שטע־רען און זיך פארטראכט. ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל, געשווינגען און געקוקט, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אן ענטפער. פלוצלונג האָט ער זיך אויסגעגלייכט, און געזאָגט מיט א פעסט און זיכער קול :

— מסתמא איז דאָך עס זיין־ליבען־נאָמען׳ס רצון, און ער האָט דיר, אשה, אריינגעגעבען חכמה צו רעדען אזעלכע קלוגע רייד. איך בין גרייט צו הערען דיין עצה.

אויף צומאָרגענס האָט ער ארויסגערופען דעם יונגערען ברודער, צו געהן מיט איהם שפּאצירען אין פעלד, און אויף דעם וועג האָט ער צו איהם אזוי געזאָגט :

— מיין ברודער, די קינדער וואקסען אונטער, די צייט רוקט זיך אָן,

און מ׳דאַרף אָנהויבען קלערען וועגען א תכלית. עס איז אמת, אז דער רבונו־של־עולם זאָרגט, מיט זיין גרויס גנאד, פאר אלע זיינע ברואים און פארלאָזט קיינעם נישט, פונדעסטוועגען דאַרף אָבער א מענש נישט מטריח זיין זיין־ליבען־נאָמען, ער זאָל צוליב איהם דארפען טאָן נסים. על־פּי־דרך־הטבע, זעה איך נישט, אז פון דער קרעטשמע זאָל מען קענען לעבען צוזאַמען, און נאָך אויסגעבען א קינד, דעריבער איז מיין עצה אזוי: דו וועסט בלייבען אין דער קרעטשמע, מיט דיין הויזגעזינט, און איך וועל נעמען מיין ווייב און מיר וועלען ארויספאָהרען איבער דער וועלט. אפשר וועט דער רבונו־של־עולם צושיקען א רבנות, אָדער איך וועל גאָר ערגיצוואו ווערען א ראש־ישיבה; אויפ׳ן ערגסטען אופן, וועל איך פשוט זוכען א מלמדות, און וועל מיר שוין געפינען, מיט׳ן אויבערשטענס הילף, מיין שטיקעל פרנסה. דו וועסט זיך בלייבען אויפ׳ן אָרט, קיינער וועט דיר נישט שטערען, און דו וועסט ווייטער קענען עוסק זיין אין תורה און עבודה מיט א רוהיגען קאָפּ, און ווען די צייט וועט קומען, וועסטו קענען חתונה מאכען די קינדער בכבוד. דו קענסט דאָך דאָס נישט טאָן, ווייל דו האָסט ברוך־השם, א גרויסע פאמיליע, און חוץ דעם טאָרסטו זיך דאָך נישט באנוצען פאר עולם־הזה זאכען מיט דיין תורה.

דער יונגערער ברודער האָט אויסגעהערט די ווערטער און ער האָט געזעהן, אז זיי זענען ריכטיג. עס איז איהם אָבער געווען א גרויס שאָד זיך מיט איהם צו שיידען, און ער האָט געענטפערט:

— דיינע ווערטער זענען זעהר קלוג און ריכטיג, אָבער מ׳דאַרף פריהער דעם ענין גוט באטראכטען, זוכען אן עצה, אפשר וועט דער רבונו־של־עולם צושיקען א וועג און מיר וועלען זיך נישט דארפען צעשיידען.

עטליכע טעג זענען אזוי אריבער, דער עלטערער ברודער איז מיט זיין גלייכען שכל בייגעקומען דעם יונגערען, די עלטערע שוועגערין האָט מיט איהרע אמת׳ע און הארציגע ווערטער, זיך געשטאַרקט איבער דער יונגערער, און עס איז באשטימט געוואָרען, אז זיי זאָלען זיך צעשיידען.

און מ׳האָט אויסגעשטאַט, ווי עס איז, א בויד מיט א פערדל און זיך גענומען גרייטען אין וועג אריין. אלע זענען געווען פארנומען מיט דער צוגרייטעניש, מ׳האָט געדאַרפט צידה־לדרך און כלי־גולה, ווי אין א ווייטען און אומבאשטימטען וועג אריין.

דער טאָג פון געזעגנען איז געווען זעהר א שווערער פאר אלע, סיי

פאַר די וואָס האָבען געדאַרפט אַוועקפאָהרען, סיי פאַר די וואָס האָבען גע־דאַרפט בלייבען. דער יונגערער ברודער און זיינע בני־בית האָבען באַלייט דעם עלטערען און זיין ווייב; זיי זענען געגאַנגען אַ שטיק וועג, און כסדר געוויינט. זיי האָבען זיך געקושט און געהאַלזט און געזעגענט צום לעצטען מאָל. די בויד האָט זיך גענומען ריהרען, און אַ זייל פון שטויב האָט זיך אויפגעהויבען און אַוועקגעשטעלט, ווי אַ וואַנט, צווישען דער בויד און אירע באַלייטער. זיי זענען געשטאַנען, און האָבען נאָכגעפאָלגט מיט די אויגען, ביז די בויד איז אינגאַנצען פאַרשוואונדען געוואָרען. דער־מאָלט האָבען זיך אומגעקעהרט טרויריגע און פאַרבענקטע אַהיים.

דער עלטערער ברודער איז אַ צייט אַרומגעפאָהרען און האָט געזוכט אַ מעמד, און נישט געקאָנט געפינען. וואו ער איז געקומען און זיך אַרום־געקוקט, האָט ער געזעהן, אַז קיין רבנים דאַרף מען נישט, און ראשי־ישיבה עלטערען זיך, ברוך־השם, און מלמדים זענען פאַראַן מעהר ווי קינדער. איז ער אַזוי אַרומגעפאָהרען אַ צייט פון שטאָט צו שטאָט, זוכען זיין מזל. אַזוי־לאַנג ווי עס איז נאָך געווען וואָס צום עסען, האָבען זיי זיך נישט גע־זאָרגט און ווייטער געפאָהרען זוכען, אָבער ווען דאָס ביסל שפייז האָט זיך אויסגעלאָזט, און קיין פּרוטה אין קעשענע איז שוין אויך מעהר נישט גע־ווען, האָט גענומען ווערען אַביסעלע זויער אויפ'ן האַרצען. זיי האָבען שוין אַפילו גענומען קלערען וועגען צוריקפאָהרען אַהיים, האָבען זיי אָבער גע־זעהן, אַז דאָס קענען זיי נישט טון, ווייל זיי האָבען זיך שוין געהאַט זעהר דערוויטערט פון דאָרט, און מיט וואָס צוריקצופאָהרען איז נישט געווען. האָט דאָס ווייב געזאָגט צום מאַן:

—לאָמיר ווייטער פאָהרען און מיר וועלען זיך אָפּשטעלען אין יע־דער שטאָט ביים פּרנס־חודש. דו וועסט אומעטום זאָגען עטליכע דרשות, און מיר וועלען לעבען ווי אַלע בעל־דרש'ערס, ביז דער־וואָס־איבער־אונז וועט דיר צושיקען אַ מעמד. אפשר וועט דער אויבערשטער העלפען און דו וועסט מיט דיינע דרשות מחזיר־בתשובה זיין עטליכע אידען, וועט עס אונז גערעכענט ווערען פאַר אַ מצוה; חוץ דעם וועלען מיר דאָך האָבען פון וואַנען צו לעבען.

עס איז איהם אַפילו נישט געווען אַזוי גרינג דאָס צו פּועל'ן ביי זיך, ער האָט אָבער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, און ער האָט זיך גענומען דערצו. אַ צייט איז ער אַרומגעפאָהרען איבער דער וועלט, געזאָגט דרשות

און ווי עס איז צוזאַמענגעקליבען פּרוטות־ווייז אויף צו לעבען. מיט דער צייט זענען די קליידער צעריסען געוואָרען, דאָס אָרימקייט האָט זיך זיי שטארק ארויפגעצויגען אויפ'ן פּנים, און מ'האָט זיי אָנגעהויבען אָנצונעמען פאר פּראָסטע אָרימעלייט. און „חכמת המסכן בזויה", קיינער האָט זיך מעהר צו זיינע דרשות נישט געוואָלט צוהערען, רבנים און פּרנסי־חודש האָבען קיין רשות נישט געוואָלט געבען צו זאָגען. עס איז געוואָרען זעהר שלעכט, און זיי האָבען נישט געהאט קיין אנדער ברירה, ווי אָנצוהויבען ארומגעהן איבער די הייזער, ווי אַלע אנדערע אָרימעלייט.

אזוי האָבען זיי זיך אַלעמאָל דערוויטערט פון זייער היים, זיי זע־נען געפאָהרען פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט און פון מדינה צו מדינה, ביז זיי זענען שוין געווען הונדערטער מיילען ווייט, אין א פרעמד לאנד, וואו מ'האָט נישט געהערט פון זייער יחוס און נישט געוואוסט פון זייער שטאם. זיי זענען שוין געוואוינט געוואָרען צו עניות און דחקות, און האָבען זיך שוין כמעט מיאש געווען ערגיצוואו צו געפינען א מעמד, אָדער ווען עס איז קומען צוריק אהיים. זיי האָבען אַלצדינג אָנגענומען פאר ליב, מצדיק געווען אויף זיך דעם דין און געזאָגט, אז מסתם איז עס דעם אויבערשטענ'ס ווילען, און אזוי דארף עס צו זיין. און זיי האָבען אזוי ארומגעוואנדערט א צייט.

ב.

אמאָל זענען זיי געפאָהרען פון איין שטאָט אין דער צווייטער, אין א ווייטער מדינה, און זיי האָבען אראָפּגעבלאָנדזשעט פון וועג און אריין אין א טיפען וואלד מיט מורא'דיג הויכע בוימער, און זיי האָבען נישט גע־קאָנט ארויס פון דאָרט. וועגען און שטעגען זענען געגאנגען אהין און אהער צווישען גלייכע און דיקע בוימער, מיט קרוינען פאריסענע צום הימעל. גלייך און צווייגענהאפטיג זענען די בוימער געווען, און זייער דיק האָבען צעהן מענשען נישט געקאָנט ארומגארטלען. צווישען זיי זענען גע־שטאנען בוימער אויסגעהוילטע, אויסגעברענטע און דערשלאָגענע פון דונ־נערען. אָפּגרונטען האָבען זיך געעפענט, און בוימער ריזען זענען ארויפ־געפאלען אויף זיי און זיי איבערגעבריקט. און א שרעקליכע מורא איז גע־פאלען אויף זיי, ווארים זיי האָבען געוואוסט, אז אין אזא וואלד האלטען זיך אויף פיל חיות־רעות און גזלנים; און אויך די גרויסע און דיקע ריזען האָבען אָנגעוואָרפען אויף זיי א שרעק. א גאנצען טאָג האָבען זיי ארומגע־בלאָנדזשעט, און נישט געקאָנט געפינען קיין אויסוועג. ווען די נאכט האָט צוגעשלאָגען, האָבען זיי געפונען א גרויסען אויסגעברענטען בוים, הויל און אָפען פון איין זייט, און דער בוים איז געווען אזוי גרויס, אז זיי זענען אריינגעפאָהרען אין איהם מיט זייער גאנצער בויד, זיך צו באשיצען פון דער נאכט. דריי טעג האָבען זיי אזוי ארומגעבלאָנדזשעט אין איין שרעק. זיי האָבען אויפגעגעסען דאָס לעצטע שטיקעל ברויט, וואָס איז געווען אין זייערע טאָרבעס, און זיי האָבען ארומגעבלאָנדזשעט הונגעריגע און אָהן כחות. דאָס פערד, להבדיל, האָט מיטגעפאסט מיט זיי און האָט שוין מעהר נישט געקאָנט שלעפּען די בויד פון מידקייט און פון הונגער. צו דעם אלעם האָט זיך נאָך געמאכט א געוויטער און א שלאקסרעגען האָט אראָפּגעגאסען פון הימעל; דונערען האָבען אָנגעוואָרפען א ציטערניש און א טרייסלעניש אויף די בוימער, און בליצען האָבען יעדע רגע געשמיסען דעם וואלד מיט פייערדיגע ריטער. עס האָט זיך געטראָגען א געפייף און א גערויש איבער דעם גאנצען וואלד, זיך אָפּגעקלאפּט אָן די בוימער און צעריסען אין קולות אָהן א צאָהל. א געברום פון ווילדע חיות האָט זיך געהערט אינ'ם גערויש, א קול פון בעס און שרעק. קוים מיט צרות זענען זיי אריין אין א הוילען בוים. זייערע קני האָבען זיך אונטערגעבראָכען און די ציין האָבען געקלאפּט. און זייערע גאנצע לייבער האָבען געציטערט. דאָס לשון איז זיי ווי אָפּגע־

נומען געוואָרען, פון גרויס פּחד, און שטומע זענען זיי געשטאַנען און גע־וואָרפען צעשראָקענע בליקען צו די הימלען, וואָס האָבען זיך געהאַלטען אין איין עפענען און שליסען, און זייערע הערצער האָבען אויסגעקלאַפּט א תפילה אָהן ווערטער. און גאָט האָט צוגעהערט די שטומע תפילה, און ער האָט זיי ארויסגענומען פון זייער פארוואָרפענער תפיסה, און געוויזען זיי א וועג צו א ישוב. דער רעגען האָט זיך אָפּגעשטעלט, און זיי האָבען געפונען א שטעג, און זיי זענען ארויס פון געדיכטען וואַלד. מיט די לעצטע כחות האָבען זיי זיך קוים צוגעשלעפּט צו א טייכל, וואָס איז דאָרט גע־פלאָסען צווישען הויכע און שמעקעדיגע גראָזען. זיי האָבען זיך אָפּגע־פרישט מיט אביסעל וואסער, און דאָס פערד האָט זיך צוגעכאַפּט צום גראָז. אין וואלד האָבען זיי געפונען שוואמען און יאגעדעס, און זיי האָ־בען זיך דערכאַפּט די הערצער. דערנאָך האָבען זיי ווייטער אָנגעהויבען צו פאָהרען, און זיי זענען ארויס פון וואלד און אריין צווישען געבענשטע פעלדער. דער וועג האָט זיך פארברייטערט און זיי געפיהרט, ביז ער האָט זיי געבראַכט צו זעהר א שיינעם בנין, מיט א גרויסען אָפענעם טויער. עס איז זיי אנטקעגענגעקומען אן אלטער מאַן אָנגעטאָן אין א פּראָסטען שאַ־פענפּעלץ, ווי אן ארימאַן, נאָר זיין פּנים האָט געשטראַלט, זיינע אויגען האָבען געלויכטען, און א גלאַנץ איז געפאלען פון זיי אויף זיין זילבער־באָרד, ווי דער גלאַנץ פון א מילדער זון, אויף די רונצלען פון א שטיל טייכל, אין א ליבען זומער־טאָג. דער אלטער מאַן האָט זיך זעהר דער־פרעהט מיט זיי און זיי אויפגענומען ווי מ'נעמט אויף חתן־כלה. דאָס הונגעריגע פערד האָט ער אריינגעפיהרט אין איינער פון זיינע שטעלער, און אוועקגעשטעלט עס עסען צווישען זיינע פערד. דער צדיק און זיין ווייב האָבען זיך אָנגעקוקט איינער דער אנדערער, דערשטוינט, און זיי האָ־בען זיך כמעט נישט געקאָנט אָפּרייסען פון אָרט. דער אלטער מאַן איז גלייך צוגעקומען צו זיי, אָנגעהויבען צו רעדען מיט זיי, און אריינבעטען זיי ווייטער, און ער האָט געזאָגט צו זיי :

— ברייט און אָפען איז מיין הויז, און חדרים זענען פאראַן זעהר פיל קלייבט אייך אויס וועלכעס איהר ווילט. א דאנק גאָט, אז מ'דערלעבט צו זעהן א אידען פאר די אויגען! די לעצטע עטליכע טעג איז דאָס וועטער געווען אזוי שלעכט, אז אלע וועגען און שטעגען האָבען זיך פארמאכט. אָט שטעהט דאָס גאנצע הויז לעדיג, די בעטען געבעט, די טישען געגרייט,

און ווער עס זאָל עסען און שלאָפען איז נישטאָ. עס איז זעהר אומעטיג צו זיין אָהן א אידען איינער אליין דאָ.

און ער האָט זיי פארבייגעפיהרט פיל חדרים, און זיי האָבען געזעהן געגרייטע טישען מיט אלע מינים גוטע מאכלים און טייערע וויינען; זילבערנע און גאָלדענע כלים זענען געשטאנען אויף די טישען און האָבען פארשיינט די חדרים. ער האָט זיי אריינגעפיהרט אין א שיין חדר מיט ריין אויפגעבעטע בעטען, און ער האָט געזאָגט צו זיי:

— גאָט ברוך־הוא האָט מיר געגעבען אלדאָס־גוטס, און איך האָב זיך אויפגעבויט דעם פאלאץ, אביסעל ווייטער פון דעם ישוב, כדי צו קענען גוטס טון מיט מענשען, וואָס זענען מיד און צעבראָכען פון וועג. רוהט אייך דאָ אויס, און לאָזט אייך וואוילגעהן. דערווייל וועל איך אייך געבען וואַסער, און איהר וועט זיך וואשען און אונטערליינען אייערע הערצער.

און ער האָט זיי אריינגעפיהרט אין א חדר, און זיי האָבען דאָרט געזעהן מעשענע געפעס מיט וואסער, און שיינענדיגע קופערנע צווייאויערדיגע שעפערס, און בליאסקענדיגע מעשענע שיסלען, זיך ארומצוּוואשען, און זיי האָבען זיך געוואשען. און ער האָט זיי אריינגעפיהרט אין א צווייט חדר, אוועקגעזעצט זיי ביי איינעם פון די טישען, וואָס זענען געווען געגרייט מיט אלעם גוטען, און ער האָט זיי באדינט, און זיי האָבען געגעסען. און ער האָט געזעהן ווי זיי עסען געשמאק און זיין פנים האָט נאָכמעהר אויפגעלויכטען.

ווען זיי האָבען אָפּגעגעסען, האָט דער אלטער מאן געזאָגט צו זיי:

— איצט געהט אריין אין אייער חדר, און שפּארט זיך אביסל צו, איהר זענט דאָך מיד פון וועג.

ווען זיי זענען אויפגעשטאנען פון שלאָף איז דער אלטער מאן אריינגעקומען צו זיי, א פרעהליכער און א שטראלעוודיגער, און ער האָט געזאָגט:

— הא, זיך אביסל איבערגעשלאָפען? גוט. גאָט פארלאָזט נישט. ער האָט צוגעשיקט נאָך עטליכע אידען. מ׳וועט קענען היינט דאווענען מנחה און מעריב מיט מנין.

נאָך מעריב האָט ער זיי ווייטער גערופען צום טיש, און ער איז ווידער געשטאנען און אליין באדינט די אורחים מיט גרוים שמחה.

נאָך דעם עסען, האָט דער צדיק געמאכט א שמועס מיט דעם בעל־הבית, און ער איז דערגאנגען, אז ער איז זעהר א גרויסער גביר, און קיין

קינדער האָט ער נישט, האָט ער זיך אָפּגענומען די מצוה פון הכנסת־אורחים, וואָס ער איז מקיים מיט גרויס שמחה. איז דער צדיק שטארק נתפעל געוואָרען פון דעם אלטענ'ס הנהגה, און ער האָט טאָפּעלט געדאנקט השם יתברך, דערפאַר וואָס ער האָט איהם געבראַכט אהין.

אינדערפריה האָבען זיי ווידער געזעהן ווי נייע אורחים זענען אָנגע־קומען, און דער אלטער איז זיי געלאָפען אנטקעגען מיט גרויס שמחה, אריינגענומען אין הויז און זיי באַדינט. און זיי האָבען געזעהן, ווי די נעכטיגע אורחים האָבען זיך גענומען גרייטען אין וועג אריין, און דער אלטער און זיין ווייב האָבען זיי געבעטען, זיי זאָלען זיך נישט איילען. אנדערע וואָס האָבען זיך געיאָגט אין וועג אריין און האָבען בשום־אופן נישט געוואָלט בלייבען, האָט דער אלטער באַלייט און אנדערע האָבען צו־געהערט צו זייערע ווערטער און זענען געבליבען. א גאַנצען טאָג האָבען זיי זיך צוגעקוקט און געזעהן, ווי עס קומען אָן אלעמאָל נייע אורחים, און דער אלטער און זיין ווייב גרייטען פאַר זיי טישען, און באַדינען זיי. און ווייטער איז אריבער א טאָג מיט גרויס שמחה.

און זיי האָבען זיך גוט צוגעקוקט און זיי האָבען געזעהן, אז די בעלי־בתים אליין עסען באַזונדער, גאַנץ פּראָסטע מאכלים, טראָגען פּראָס־טע מלבושים, און לעבען נישט ווי קיין גבירים, און זיי האָבען זיך זעהר שטארק געוואונדערט.

אויפ'ן דריטען טאָג האָבען זיי זיך גענומען קלייבען אין וועג אריין, איז דער אלטער צוגעשטאַנען צו זיי און האָט געבעטען :

— בלייבט נאָך א שטיקל צייט ביי מיר! וואָס יאָגט איהר זיך, ליבע אידען, איהר קומט דאָך פון אזא ווייטען וועג, און זענט אזוי מיד און צעבראָכען. שטעהט און רוהט אייך אויס. פעהלט דען אייך חלילה עפּעס ביי מיר ?

זענען זיי געבליבען איבער שבת.

נאָך שבת האָבען זיי ווייטער געוואָלט אוועקפאָהרען, און דער אל־טער האָט זיי נישט געלאָזט; ער האָט זעהר שטארק געבעטען, זיי זאָ־לען בלייבען ביי איהם א גאַנצען חודש, און זיי האָבען איהם צוליב געטאָן.

דער אלטער איז דערגאַנגען, ווער זיינע אורחים זענען, און ער האָט זיי נאָכמעהר מכבד געווען. זיי האָבען זיך אויך אלעמאָל מעהר צוגעקוקט צום אלטענ'ס אויפיהרונג, און האָבען איהם שטארק ליב געקראָגען. און זיי

זענען דאָרט געזעסען א חודש צייט.

ווען דער חודש איז אריבער האָבען זיי שוין מעהר נישט גע־וואָלט פארבלייבען, דער אלטער איז ווידער צוגעשטאנען צו זיי און זיי האָבען געזאָגט:

זאָל אייך דער רבונו־של־עולם באצאָלען פאר דעם אלעם, וואָס איהר האָט געטאָן מיט אונז. עס איז געווים א גרויסער תענוג פאר אונז צו זיין ביי אייך, אָבער עס איז צייט צו קלערען פון א תכלית.

האָט דער אלטער געזעהן, אז לענגער וועלען זיי שוין ביי איהם נישט בלייבען, און ער האָט ארויסגענומען פון אן אלמער נייע מלבושים, און האָט זיי געגעבען, און א שענע נדבה דערצו; און ער האָט זיי געגעבען וועג־מלבושים און צידה־לדרך, און געהייסען זיך איבערטאָן צו דער נסיעה.

און ווען זיי זענען ארויסגעקומען איבערגעטוענע, האָבען זיי גע־זעהן, אז א פערד שטעהט געשפאנט אין א גוטער בויד, און אלץ איז גרייט צום וועג. און זיי האָבען נישט דערקאָנט נישט דאָס פערד און נישט די בויד, און זיי האָבען פארשטאנען, וואָס דער אלטער האָט געטאָן מיט זיי.

און דער אלטער האָט זיך נישט געלאָזט צופיל באדאנקען, און ער האָט זיי באלייט אין וועג אריין.

ביים געזעגענען זיך האָט דער צדיק געזאָגט צום אלטען:

— איך האָב געזעהן אייער גרויסע שמחה פון דער מצוה פון הכנסת־אורחים, און איך האָב אויך געזעהן, אז אייער הויז איז לעדיג ווען קיין אורח איז נישטאָ און אייער פנים איז טרויעריג, ווען אייער הויז איז לער. אויב איך האָב עפּעס א זכות ביים רבונו־של־עולם, בענש איך אייך מיט א בן־זכר.

ג.

די בויד האָט זיך געריהרט פון אָרט, און דער אַלטער מכניס־אורח איז געשטאַנען שטיל א צייט, און נאָכגעקוקט פאַרטראַכט, ביז זי איז פאַרשוואונדען פון אויג. דעמאָלט האָט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל, געקוקט א ווײַלע און געשוויגען, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף א צייכען, און ענטפער, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— רבונו־של־עולם, מסתמא איז דאָך דאָס געווען איינער פון דיינע צדיקים. איך בין עס נישט ווערט, און דו געהסט מיט מיר טון דעמזעלבען חסד וואָס דו האָסט אמאָל געטאָן מיט אונזער זיידען אברהם. געבענשט זאָל זיין דיין ליבער נאָמען!

א פאַרטראַכטער איז ער דערנאָך געגאַנגען אהיים.

עס האָט נישט לאַנג גענומען און די ברכה פון צדיק האָט אָנגעהויבען מקוים צו ווערען.

די שמחה פון דעם מכניס־אורח און זיין ווייב און אַלע, וואָס האָבען זיי געקאָנט, איז נישט צו באַשרייבען. ער האָט געדאַנקט זיין־ליבען־נאָמען יעדען טאָג, און געבראַכט פאַר א קרבן־תודה פון דעם טייערסטען פון זיינע אוצרות.

פון אַלע שטעט און שטעטלאַך איז מען געקומען אויף דעם ברית; אָרים און רייך זענען גלייך געזעסען ביי די טישען, וואָס זענען געווען געגרייט מיט אַלעמגוטען. אַלע האָבען זיך אמת'דיג משמח געווען מיט דעם אַלטען מכנים־אורח'ס שמחה. איינער פון די גרויסע רבנים פון דער סביבה, וואָס איז געקומען צו דער שמחה, האָט געזאָגט ביים טיש:

— זעהט ווי גרויס די מצוה פון הכנסת־אורחים איז, וואָרים דער רבונו־של־עולם האָט משנה געווען די סדרי־בראשית, און געטאָן מיט דעם אידען דעמזעלבען נס, וואָס ער האָט געטאָן מיט אברהם אָבינו.

דאָס קינד האָט מען א נאָמען געגעבען יוסף, און זיין פאָטער האָט איהם גערופען יאָסעלע.

און דאָס קינד, יאָסעלע, איז געוואַקסען נישט ווי מ'האָט דערוואַרט. קוים עטליכע חדשים אַלט געווען, און מ'האָט שוין געזעהן, אַז עס וואַקסט זעהר א מגושם'דיג קינד. ער איז געווען זעהר ווילד און האָט כסדר געהאַלטען אין איין שרייען. ער איז קיינמאָל נישט זאַט געוואָרען. נישט איינמאָל האָט ער דער מוטער דאָס האַרץ שיר אַרויסגעזעצט מיט זיי־

נע פּיסלעך. גרויס איז ער געוואקסען, עפּעס גאָר נישט אין קיין קינדישער מאָס, דער שכל איז אָבער מיט איהם נישט מיטגעוואקסען. מ'האָט איהם גענומען לערנען, ווי א אידיש קינד, ווען עס הויבט אָן צו רעדען, „תורה צוה" און אנדערע אידישע ווערטער, ער האָט אָבער גאָר־נישט געקאָנט איבערנעמען. ער איז בכלל געוואקסען א פּרא־אָדם און א גרויסער שוטה, און די אלטע פאָטער און מוטער האָבען געהאַט גרויס צער פון איהם. ער איז קוים אלט געווען פינף יאָהר, און ער איז געווען א גרוי־סער יונג, פול מיט כח. די מלבושים פלעגט ער אראָפּרייסען פון זיך, און קיין שיך האָט ער ניט געוואָלט טראָגען. אן אפגעריסענער און א באָרווי־סער, מיט ווילדע נעגעל ווי ביי א חיה, פלעגט ער גאנצע טעג ארומלויפען אין די וועלדער, און פאר קיין זאך קיין מורא נישט האָבען. דער פאָטער האָט געהאַט גרויס עגמת־נפש דערפון, און די מוטער האָט שטיל געוויינט אין דער פארבאָרגעניש פון דער נאכט. מ'האָט פאר איהם צוגענומען פיל מלמדים, אָבער קיינער פון זיי האָט מיט איהם נישט געקאָנט לערנען; ער פלעגט זיי פשוט אויסרייסען באָרד און פּיאות, און מיט שטיינער זיי ארומיאָגען. דער אלטער פאָטער האָט מעהר קיין כח נישט געהאַט צו איהם. האָט ער צוגענומען צו איהם א מלמד א גרויסען גברן, איינעם וואָס האָט גע'שם'ט אין דער גאנצער סביבה פאר א בעל־כח. אין זיינע הענט האָט ער יאָסעלע'ן איבערגעגעבען, און געזאָגט צו איהם:

— רבי, דער רבונו־של־עולם האָט מיך געשטראָפט מיט א שלעכט קינד. מסתמא בין איך מעהר נישט ווערט. איך גיב איהם איבער אין אייערע הענט און מאכט פון איהם א שטיקעל איד. איהר זאָלט זיך נישט אָפּשטעלען פאר קיין זאך. . זאָל דער רבונו־של־עולם אריינגעבען כח אין אייערע הענט און איהר זאָלט קענען מאכען פון איהם א שטיקל לייט.

דער רבי האָט געטאָן זיין ארבייט באמונה, ער האָט יאָסעלע'ן נישט געקאָרגט קיין קלעפּ. ער האָט געטאָן כל המינים תחבולות, ער האָט אָבער מיט איהם גאָרנישט געקאָנט מאכען. פילמאָל האָט ער איהם געבונדען און געשלאָגען מכות־רצח, און ער האָט קיין זיפץ צומאָל נישט ארויסגעלאָזט. ווי פון זיך אליין פלעגען די שטריק איבערגעריסען ווערען, און יאָסעלע פלעגט ארויסשפּרינגען און פארפאלען ווערען אין וואלד אויף עטליכע טעג. עס האָט נישט גענומען זעהר לאנג און דער מלמד איז אוועק פון איהם מיט א לונגען־פעהלער.

אזוי איז יאָסעלע געוואקסען א ווילדער, אָהן תורה, אָהן חכמה און אָהן דרך־ארץ. מ'האָט מיט איהם גאָרנישט געקאָנט מאכען, נישט מיט גוּ־טען און נישט מיט בייזען. עס האָט נישט געהאָלפען די גאנצע מיה פון פאָטער און מוטער און אלע מלמדים, מ'האָט איהם צומאָל קיין אלף־בית נישט געקאָנט אויסלערנען. טאטע און מאמע האָבען געקוקט אויף איהם און דאָס הארץ האָט אין זיי שיער געפלאצט; פרעמדע מענשען פלעגען א זיפץ טאָן און זאָגען:

— „אָט ווי פון גאָט'ס ברכה ווערט אמאָל א קללה! זיינע וועגען זענען נישט צו פארשטעהן.“

און ער איז געוואקסען אלץ גרעסער און ווילדער. ער האָט זיך צו־מאָל נישט געלאָזט אָפּשערען, אָדער די נעגעל פון די הענט און פיס אָפּ־שניידען. ווי א ווילדע חיה, איז ער ארומגעלאָפען, און אלעמען געשלאָגען און געשאָלטען. גאנץ אָפט איז ער פארפאלען געוואָרען אויף עטליכע טעג. מ'האָט איהם שוין אפילו אויפגעהערט צו געהן זוכען.

מ'האָט זיך פשוט פון איהם שוין מיאש געווען.

דער פאָטער, א מאנספערשוין, האָט ער געדריקט אין זיך און גע־שוויגען; די מוטער האָט געוויינט גאנצע טעג און נעכט. עס האָבען נישט געהאָלפען קיין טרייסטווערטער, איהר הארץ איז געווען פארקלעמט און פארביטערט. עס האָט נישט לאנג גענומען, און זי איז קראנק געוואָרען און געשטאָרבען. דער אלטער מכנים־אורח האָט נעבעך אליין געמוזט נאָך איהר זאָגען קדיש.

דאָס רעדעל האָט זיך אינגאנצען איבערגעדרעהט, און עס האָט איהם גענומען געהן בארג־אראָפּ. עס איז אראָפּ א פייער און האָט פארברענט דאָס הויז, און פון גאנצען עשירות איז געוואָרען א תל. דערנאָך איז גע־קומען א וואסער און האָט פארפלייצט די פעלדער. א וואלד־פייער איז גע־ווען א צולאג צו די צרות. פון אלטען מכנים־אורח'ס פארמעגען איז גאָר־נישט געוואָרען. ער האָט געמוזט נעמען דעם ווילדען יאָסעלע, און זיך מיט איהם ארייַנציהען אין שטאָט. עס האָט לאנג נישט גענומען, און דער אלטער מכנים־אורח איז געשטאָרבען, אין גרויס צער און דחקות, נישט פאר קיינעם געדאכט.

די גאנצע שטאָט האָט געוויינט אויף זיין ביטער מזל. דער רב האָט געזאָגט נאָך איהם קדיש, איהם מספיד געווען, און זיך אָפּגעשטעלט

אויף דעם פסוק: „את אשר יאהב ה׳ יוכיח״, און געזאָגט, אז בכלל קען מען גאָט׳ס דרכים נישט פארשטעהן.

די שטאָט האָט א לאנגע צייט געדענקט די צדקות און מעשים־טובים פון דעם אלטען מכנים־אורח, און געהאט אַביסל השגחה אויף דעם ווילדען יאָסעלע׳ן. א צייט איז די שטאָט אויסגעשטאנען א שיין ביסל פון זיינע ווילדע שטיק און געשוויגען. מ׳האָט געזעהן, ער זאָל האָבען, וואו צו כאפען א ביסען, קריגען א מלבוש, און האָבען וואו דעם קאָפּ אני־דערצולעגען. מ׳האָט איהם פילמאָל געפּרואפט אוועקגעבען צו א בעל־מלאכה, מ׳האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט מאכען מיט איהם, און מיט דער צייט האָט מען זיך אויפגעהערט אומצוקוקען אויף איהם.

יאָסעלע איז אוועק אין א צווייטער שטאָט, אין דערזעלבער סביבה. מענשען האָבען גוט געדענקט דעם אלטען מכנים־אורח, עליו־השלום, און האָבען געהאט איינזעהעניש מיט יאָסעלע׳ן. עס האָט זיי וועה געטאָן דאָס הארץ צוצוקוקען זיך צו די מעשים פון דעם בן־יחיד, דעם איינציגען זכר, וואָס איז פון דעם צדיק פארבליבען. זיי האָבען געפּרוּווט, מיט גוטען, איהם עפּעס אויסלערנען, ער זאָל כאָטש וויסען וואָס מ׳מעג און וואָס מ׳טאָר נישט, זיי האָבען איהם אָבער גאָרנישט געקאָנט אויסלערנען. ער האָט נישט געוואָלט וויסען פון קיין שבת און פון קיין יום־טוב, פון קיין כשר און טרפה, גאָרנישט. די שטאָט האָט זיך שוין געהאט מיאש געווען פון איהם. דאָס הארץ האָט דאָך וועה געטאָן, דערמאָנענדיג זיך אָן דעם אלטען מכנים־אורח, און מ׳האָט זיך מישב געווען און זיך איינגעבעטען ביי א חברה אָרימעלייט, וואָס איז געגאנגען פון שטאָט צו שטאָט, מיטצונעמען יאָסעלע׳ן מיט זיך. די אָרימעלייט, וואָס האָבען אויך געדענקט די חסדים און צדקות פון זיין פאָטער, האָבען איהם צוגענומען, און אָנגעהויבען צו לערנען איהם די תורה פון געהן איבער די הייזער.

דידאָזיגע תורה האָט ער גראד זעהר גוט איבערגענומען, און עס האָט נישט גענומען קיין לאנגע צייט און יאָסעלע איז געוואָרען א קבצן, ווי מ׳זאָגט, מיט אלע פּליטערלעך. ער האָט שטארק ליב געקראָגען דעם ענין פון וואנדערען פון איין שטאָט אין דער אנדערער, און געהן איבער די הייזער. קיין עול האָט ער אויף זיך נישט געהאט, קיינער פון די אָרימעלייט האָט איהם נישט געזאָגט צופיל דעות. זיי האָבען איהם ארומגעשיקט און ער האָט זיי געבראכט פון אלעם גוטען. ער האָט גענומען מיט גוטען און

מיט בייזען. וואוהין ער האָט זיך אריינגעכאפּט, זענען אלע כמעט ווי אנט־לאָפן פאר שרעק, און ער האָט גענומען דאָס שענסטע און בעסטע, און געבראכט צו די אָרימעלייט. דאָס ביסעל אידישקייט, וואָס מ'האָט ווי עס איז אריינגעהאקט אין איהם, האָט ער פון זיך אויך אראָפּגעוואָרפען, אָדער פארגעסען, און איז ארומגעגאנגען איבער די הייזער און געגעסען מילכיגס מיט פליישיגס; ער האָט נישט געטראָגען קיין ציצית, זיך קיינמאָל נישט געוואשען, וכדומה. די אָרימעלייט האָבען זיך דערוויף ווייניג וואָס אומ־געקוקט. זיי האָבען איהם געלערענט בעטלען, און דאָס האָט ער זעהר גוט אויסגעלערענט, מעהר האָבען זיי פון איהם נישט פארלאנגט.

אזוי איז יאָסעלע ארומגעגאנגען א צייט פון שטאָט צו שטאָט און פון מדינה צו מדינה מיט דער חברה קבצנים. זעהר פריה פלעגט ער זיך אויפהויבען, אָנטאָן צוויי גרויסע טאָרבעס, און אָנהויבען ארומצוגעהן אי־בער די הייזער, און בעטלען פאר אלע אָרימעלייט, נעמען מיט גוטען און מיט בייזען, און ברענגען צו זיי אין הקדש אריין. יעדע שטאָט, וואו ער האָט א פוס אריינגעשטעלט, האָט איהם באטראכט ווי אן אָנשיקעניש, א שטראָף פון גאָט. ער איז געווען זעהר צופרידען פון זיין לאגע, און גע־טאָן אלצדינג, וואָס די באנדע בעטלער האָט איהם געהייסען, און זיי זע־נען אויך צופרידען געווען פון איהם.

ד.

דאָס מזל האָט אויפגעשיינט דעם תּלמיד־חכם און זיין ווייב, גלייך נאָכדעם ווי זיי זענען ארויסגעפאָהרען פון דעם מכניס־אורח'ס הויז. אין דעם ערשטען שטעטעל האָט מען זיי גלייך אויפגענומען מיט גרויס כבוד. ער האָט דאָרט געזאָגט גאַנצע אכט טעג, און מחזיר־בתשובה געווען פיל אידען. זיין נאָמען האָט אָנגעהויבען צו געהן פאר איהם, און ער איז מפורסם געוואָרען אין שטעט און מדינות. עס האָט נישט לאַנג גענומען, ביז ער איז אויפגענומען געוואָרען פאר ראש־ישיבה, אין דער גרעסטער קהילה פון דער מדינה ענגלאַנד, אין דער שטאָט לאַנדריש. אין א קורצער צייט ארום, נאָכדעם ווי זיין גרויסקייט אין תורה און אין חכמה איז באַקאַנט געוואָרען, איז ער געוואָרען דער רב פון שטאָט און דער רב־הכולל פון גאַנץ ענגלאַנד. דער אַלטער רב איז אליין געקומען צו איהם, געבעטען און געזאָגט:

— „רבי, אז איך האָב זוכה געווען איהר זאָלט זיין אין מיין שטאָט, און דאָרט מרביץ תורה זיין, וויל איך אויך דערלעבען צו שיצען זיך אין אייער שאָטען. איך וויל שטילען מיין דורשט מיט'ן גוטען ווייִן וואָס טוט טריפען פון אייערע לעפצען. קיין מורה־הלכה־בפני־רבו, וויל איך נישט און טאָר נישט זיין. טוט אָן, רבי, די קרוין פון דער תורה, ווייל אייך געהערט זי. מיין זכיה וועט זיין זעהר גרויס, ווען איך וועל דערלעבען צו זיין איינער פון אייערע תלמידים."

נאָך לאַנגע הפצרות פון רב און קהל האָט דער צדיק איינגעווילינגט צו ווערען דער מרא־דאתרא, און דער אַלטער רב איז געוואָרען דער מורה־הוראה. עס האָט ניט גענומען קיין לאַנגע צייט, ביז וואַנען ער איז נאָכמעהר בארופען געוואָרען, און מ'האָט גענומען שיקען צו איהם שליחים פון נאָהנטע און ווייטע שטעט, פון דער גאַנצער מדינה, צו בעטען איהם, ער זאָל ווערען דער רב־הכולל פון גאַנץ ענגלאַנד.

און ער האָט געפיהרט דאָס רבנות בעסער פון די אַלע, וואָס זענען געווען פאר איהם. דער עיקר האָט ער אָבער משגיח געווען אויף דער ישיבה. ער פלעגט זי רופען אויף זיין גאָלדען לשון: מיין גלוסטיגער ווייִנגאָרטען.

און בחורים זענען געקומען פון דער גאַנצער מדינה, און זיי זענען געזעסען יומם ולילה און האָבען געלערענט. דער צדיק האָט געזעהן, אז די ישיבה־בחורים זאָלען נישט דארפען זיך מבזה זיין און געהן עסען טעג, און

ער האָט אויפגעבויט א גרויס הויז מיט פיל חדרים פאַר אַלע בחורים פון דער ישיבה, און עס אויסגעמעבלירט ווי פאַר די רייכסטע קינדער. א גרויסען זאַל האָט ער דאָרט געמאַכט, דאָס איז געווען דער עס־זאַל. ער און זיין הויזגעזינט האָבען אויך דאָרט געגעסען צוזאַמען מיט אַלע. עס האָט דאָרט גאָרנישט געפעהלט, וואָרים די גאַנצע מדינה האָט געגעבען דערויף געלט מיט דער פולער האַנט. די השגחה אויף דער ישיבה האָט דער רב קיינעם נישט איבערגעגעבען, אַליין געזעהן צו טאָן אַלצדינג. די רביצין האָט משגיח געווען אויף די קעכינס און משרתים און געזעהן, אז אַלץ זאָל זיין פון שענסטען און פון בעסטען.

און אזוי האָט דער רב געטאָן: די הנהגה פון רבנות האָט ער איינגעטיילט צווישען די באַגלויבסטע לייט, אז זיי זאָלען זעהן אכטונג צו געבען דערויף. איבער זיי האָט ער אוועקגעשטעלט פאַר א ראש דעם אַלטען רב, וואָס איז געווען די ערליכקייט אַליין. געוועהנליכע זאַכען, פלעגען זיי אַליין זעהן דורכצופיהרען, וכל הדבר קשה יביאון אליו — א שווערע זאַך פלעגען זיי ברענגען צו איהם. ער האָט אָבער געהאַלטען אָן אָפּען אויג אויף אַלע זאַכען. ער האָט אָפּגעגעבען דעמאָלט די גרעסטע צייט אויף דער ישיבה. אַליין פלעגט ער זאָגען יעדען טאָג דעם שיעור, חוץ דעם פלעגט ער משגיח זיין אויף אַלץ און אויף אַלעמען. די ישיבה־בחורים האָבען איהם ליב געהאַט ווי א פאָטער, וואָרים קיין פאָטער האָט זיי בעסער נישט געקאָנט באהאַנדלען. זיי פלעגען פאַר איהם אויסדערצייל׳ען אַלע זייערע סודות, אויסגיסען זייערע הערצער, און ער האָט צו אַלעמען צוגעהערט, געשטראָפט, ווען מ׳האָט גענדאַרפט שטראָפען, געטרייסט, ווען מ׳האָט געדאַרפט טרייסטען.

אזוי איז עס געגאַנגען א לאַנגע צייט. די ישיבה האָט געקראָגען זעהר א גרויסען נאָמען אין דער וועלט, און פון אַנדערע מדינות האָט מען גענומען אהין ציהען. דער רב איז זעהר שטאַרק באַרופען געוואָרען, און עס איהם אַרוים א נאָמען, ווי ער האָט פאַרדינט. אַלע האָבען געוואוסט, אז ער איז איינער פון די גדולי־הדור, אין תורה און מדות.

איינמאָל ווען דער רב איז געזעסען און האָט געזאָגט זיין שיעור, ווי זיין שטייגער איז געווען יעדען טאָג, האָט זיך דערהערט א שטאַרק געפילדער. עס איז געוואָרען א גערודער אין דער ישיבה און דער רב האָט אַרויסגעשיקט צוויי בחורים, זיי זאָלען געוואָהר ווערען, וואָס דאָרט טוט

זיך. די קולות זענען געקומען פון דער גרויסער קיך און זיי האָבען זיך אלעמאָל פארשטארקט; עס איז אויסגעוואקסען פון זיי א געפילדער, א טור־מעל, און קולות האָבען זיך געהערט, געשרייען פון מורא און שרעק. האָט דער רב שוין נישט געוואַרט אויף די שליחים, נייערט, ער האָט ארויפגע־לעגט זיין טיכעל אויף דער גמרא, און איז אליין ארויס א קוק צו געבען.

ווי ער איז אריין אין קיך זענען אלע קולות שטיל געבליבען און עס האָט זיך נאָר געהערט איינס, א יונגס, א קוויטשיגס, וואָס האָט געזידעלט, געשאָלטען און געשריגען: עסען גיט, איך בין הונגעריג! דער רב האָט זיך ארומגעקוקט און ער האָט דערזעהן, ווי עס שטעהט א הויכער יונג מיט ברייטע פלייצעס, אין צעריסענע קליידער און באָרוויס, לאנגע צעשויבערטע האָר, און אויפ'ן שפיץ קאָפּ א צעדרעהט היטעלע; ער שטעהט און מאכט מיט א פאָר הענט, ווילד באוואקסענע מיט לאנגע און שווארצע נעגעל, איז גרייט אלעמען איינצושלינגען, און אלע שטעהן אין איין שרעק. איז ער צוגעגאנגען און האָט געזאָגט צום משונה'דיגען בחור מיט א שמייכעל:

— „שלום עליכם, א איד! האָט אייך עמיץ דאָ געטאָן אן עולה?"

דער יונג האָט ברייט צעעפענט די אויגען, אָנגעקוקט דעם רב און געשוויגען.

דער רב האָט איהם אריינגעקוקט אין די אויגען, און ער האָט דער־זעהן דאָרט עפּעס, וואָס איז איהם געווען באקאנט, און ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען וואָס עס איז. וואו האָט ער אזוינע אויגען געזעהן? אָט שטעהן זיי און קוקען אויף איהם, פון בלאָטע און שמוץ קוקען זיי ארויס, און לייכטען! ווי קומט עס צו אזא מגושם'דיגען יונג?

און דער רב האָט איהם גענומען אויספרעגען:

— ווי הייסטו בחור?

דער יונג האָט קוים ארויסגעשטאמעלט:

— יאָסעלע!

ער האָט זיך אינגאנצען פארלוירען, און אראָפּגעלאָזט די אויגען.

און דער רב האָט ווייטער געפרעגט:

— און פון וואנען קומט א איד?

מיט א קול וואָס מ'האָט קוים געקאָנט הערען האָט יאָסעלע ארויס־געמורמעלט:

—פון זעהר ווייט.

און דער רב האָט ווייטער אויסגעפאָרשט :

— זאָג מיר, בחור, ווי הייסט דיין שטאָט !

האָט יאָסעלע אריינגעשטעקט א פינגער אינ'ם ווינקעל פון זיין מויל, און ער איז געבליבען שטעהן א שווייגענדיגער, און זיין בליק האָט ארומגעוואנדערט צווישען די געלע זעמדעלעך, וואָס זענען געווען אויס־געשיט אויף דער דיל.

זענען אלע געבליבען שטעהן פארוואונדערטע און האָבען געקוקט אויף דעם פלוצלונגען בייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם יונג.

און דער רב האָט נאָכאמאָל געפרעגט :

— נו, בחור, געדענקסטו ניט דעם נאָמען פון דיין געבורטס־שטאָט?

האָט יאָסעלע גענומען שטאמלען אויף א צעבראָכען ווייך קול :

— א שטאָט... א דאָרף... נישט קיין שטאָט !

עטוואָס באקאנטעס האָט אָפגעקלונגען אין דעם קול. וואו האָט ער עס געהערט און ווען? ער האָט פארקנייטשט דעם שטערען, פאר־טיפט זיך א מינוט אין זיינע געדאנקען, און האָט זיך פאר קיין פאל נישט געקאָנט דערמאָנען.

און ווייטער האָט ער געפרעגט :

— האָסטו טאטע און מאמע ?

און יאָסעלע האָט געענטפערט גאנץ קאלט :

— געשטאָרבען.

דער רב האָט אָפגעזיפצט און ווייטער געפרעגט :

— געדענקסטו, יאָסעלע, ווי דיין טאטע האָט געהייסען ?

האָט יאָסעלע גענומען דרעהן מיט'ן קאָפ, און האָט ווידער ארויס־געשטאמעלט :

— אברהם... יאָ, יאָ, דער אלטער אברהם... געשטאָרבען.

דעם רב האָט עפעס ווי קנאק געטאָן אין קאָפ, און ער איז גע־בליבען זיצען שטיל און בלייך. די רביצין איז אויך ווייס געוואָרען ווי קאלך. זיי האָבען זיך אָבער געשטארקט און שטיל געבליבען. דער רב האָט פארמאכט די אויגען און זיך שטארק פארטראכט.

דערוויל האָט איינער פון די בחורים גענומען יאָסעלע'ן אביסעל חוקר ודורש זיין, יאָסעלע האָט אָבער אָנגעהויבען צו קוויטשען אויף איהם:

— עסען גיב אהער! עסען! הונגעריג בין איך! איך וועל דיך

צערייסען ווי א הערינג!

און ער האָט געמאכט א פּאָר פויסטען, פארקריצט די ציין, און זיי־נע אויגען זענען פארלאָפען מיט בלוט.

האָט זיך דער רב אויפגעכאפּט פון זיין טראכטען, הערענדיג די ווילדע שטים, און ער האָט א ציטער געטאָן. גלייך האָט ער אָבער אָנגע־שטעלט זיין בליק אויף יאָסעלע'ן, און דער יונג איז רוהיג געוואָרען און האָט ווידער אראָפּגעלאָזט זיינע אויגען, און אריינגעשטעקט א פינגער אין ווינקעל פון זיין מויל, און האָט געשוויגען.

און דער רב האָט איהם ווייטער אויסגעפאָרשט:

— געדענקסטו אפשר אין וואָס פאר א הויז דיין טאטע האָט געוואוינט?

און ווידער האָט יאָסעלע געענטפערט שטיל:

— א גרויס, גרויס הויז, מיט א סך חדרים, זעהר א סך. שטענ־דיג פול געווען מיט מענשען.

דער רב האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און א גרויסער צער האָט זיך אויסגעגאָסען אויף זיין פּנים. ער האָט זיך שטיל איבערגעקוקט מיט דער רביצין, דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו איהר און געפרעגט:

— פארוואָס האָט מען איהם נישט געגעבען אָפּצועסען?

האָט זיך די רביצין גענומען פארענטפערן:

— געה וויים, יאָ, געבעטען איהם: געה וואש זיך און זעץ זיך ביים טיש עסען, האָט ער זיך נישט געוואָלט וואשען. נישט געהאט קיין צייט זיך אומצוקוקען, און ער איז שוין געווען ביים קוימען און האָט גע־כאפּט פון די טעפּ און געגעסען. דערנאָך האָט ער זיך צוגעקראָגען צום שפייזאַלמער און האָט גענומען אריינוואַרפען אין די טאָרבעס, מילכיגס און פליישיגס, אַלץ צוזאמען, אַלעמאָל געכאפּט א ביס. איז מען צוגע־לאָפען און געפּרואווט נישט לאָזען, האָט ער גענומען שילטען און קוויטשען; זיך געוואָלט כאפּען שלאָגען. נסים וואָס דו ביסט אָנגעקומען. ווען זאָל עס איינפאַלען...

האָט זיך דער רב אָנגערופען:

— זאָל זיך דער עולם צוגעהן און זאָל מען גרייטען פאר יאָסעלע'ן צום טיש. זאָל מען אריינברענגען וואסער און א האנטוך!

זענען אַלע ארויס פון חדר און באלד האָט דער שמש אריינגע־

טראָגנען וואסער און א האנדטוך און האָט געגרייט צום טיש. דער רב האָט א וואונק געטאָן און מ'האָט איהם געלאָזט אליין מיט יאָסעלע'ן. דער־מאָלט האָט ער גענומען דעם שעפער וואסער, און ער האָט ארויפגעגאָסען יאָסעלע'ן אויף די ווילד־לאנגע הענט מיט די גרויסע נעגעל, און ער האָט גענומען דאָס האנדטוך און איהם אָפּגעווישט די הענט. יאָסעלע האָט איהם אלץ געלאָזט טון און האָט זיך גאָרנישט געוועהרט. דערנאָך האָט ער איהם אוועקגעזעצט ביים טיש און האָט איהם געהייסען עסען. אליין האָט זיך דער רב אוועקגעזעצט געגען איהם, און האָט געקוקט אויף איהם מיט גרויס צער.

און יאָסעלע איז געזעסען און האָט געגעסען ווי א זולל־וסובא — געכאפּט און געשלונגען שנעל, אויסגעמישט איינס מיט'ן אנדערען, און אין איין מינוט האָט ער אלץ פארברענט.

דערווייל איז דער רב צוגעגאנגען צו דער טיר און ער האָט געזאָגט צו דער רביצין, וואָס איז געשטאנען פון דער אנדערער זייט טיר, אין דער שטיל :

—יאָ, יאָ, דאָס איז ער! אזא זוהן ארויסגעקומען. ווער קען פאר־שטעהן דעם בורא'ס דרכים !

די רביצין האָט אראָפּגעלאָזט די אויגען און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און דער רב האָט שטארק ג'זיפצט.

ה.

דער רב איז געזעסען און האָט געקוקט אויף יאָסעלע'ן מיט א בליק פון צער און רחמנות צוזאמען. ער האָט געקוקט אויף דעם משונה ווילדען עסען פון דעם זוהן, און פאר זיינע אויגען האָט זיך פאָרגעשטעלט דער כשר'ער מזבח — דער טיש פון דעם פאָטער, דער מכנים־אורח, און טרערען האָבען זיך ארויסגעריסען פון זיינע אויגען. ער האָט זיך אָבער געשטארקט איבער זיינע געפיהלען, און האָט פארהאלטען דעם קוואל פון זיינע טרערען. דערווייל האָט יאָסעלע אָפּגעגעסען און געוואָלט ארויסלויפען. האָט דער רב איהם געפרעגט:

— און בענשען, יאָסעלע?

האָט יאָסעלע אָנגעשטעלט אויף איהם א פּאָר תמ'עוואטע אויגען און ער האָט געשוויגען.

האָט דער רב פארשטאנען וואָס דאָס באטייט, און ער האָט געטאָן א טיפען זיפץ, און ער האָט געזאָגט צו איהם:

— אייל זיך נישט, יאָסעלע, זיי נאָך דאָ אביסעל.

האָט יאָסעלע געענטפערט:

— נישטאָ קיין צייט. כ'דארף געהן איבער די הייזער.

האָט איהם דער רב געזאָגט:

— איך וועל הייסען און מ'וועט דיר געבען אזויפיל ווי דו קענסט היינט מאכען, און בלייב ביי מיר היינטיגען טאָג.

פון אָנהויב האָט יאָסעלע נישט געוואָלט, נאָר דער רב האָט אָנגעשטעלט אויף איהם זיינע אויגען און האָט איהם געהייסען בלייבען, און ער איז געבליבען זיצען אויף זיין אָרט. און דער רב האָט איהם גענומען ווייטער אויספרעגען:

— שוין לאנג דער טאטע טויט?

— לאנג.

— און די מאמע?

— געשטאָרבען, פריהער געשטאָרבען.

— און וואָס איז געוואָרען פון הויז און פארמעגען?

— נישטאָ. פארברענט.

און געזאָגט האָט ער עס אזוי גלייכגילטיג, ווי עס וואָלט זיך מיט איהם גאָרנישט אָנגעגאנגען.

א וואָלקען האָט זיך פאַרצויגען אויפ'ן רב'ס פּנים און א רעגען פון טרערען האָט ארויסגעשפּריצט פון זיינע אויגען.

יאָסעלע האָט איהם אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען און אַן אָפען מויל. פּלוצלונג האָט ער ארויסגעלאָזט א משונה'דיגען בריל.

דער רב האָט זיך געשטארקט און איינגעהאלטען דאָס געוויין, און ער האָט ווייטער געפרעגט:

— בענקסטו נישט אמאָל נאָך דיין טאטען, און ציהט דיר נישט דאָס הארץ נאָך דעם אלעמגוטען, וואָס דו האָסט אמאָל געהאט?

יאָסעלע איז געוואָרען דרייסטער, און ער האָט געענטפערט מיט זיין האלב־ווילדען קול:

— ניין, עס איז מיר איצט בעסער ווי אמאָל. ער פלעגט מיך שטענדיג שלאָגען, טרייבען איך זאָל זיך אָנטאָן, וואשען, לערנען. די אַרי־מעליים זאָגען מיר נישט קיין וואָרט. איך טו מיר וואָס איך וויל, עס ווען איך וויל און וואָס מיר געפעלט. עס איז גוט צו געהן איבער די הייזער! איך קום אין הקדש אריין מיט פולע טאָרבעס, אלע קומען זיי בעטען צו מיר. איך גיב זיי. ס'פעהלט מיר גאָרנישט.

דער רב האָט געהערט און זיין הארץ איז אין איהם צעבראָכען געוואָרען. ער האָט אראָפּגעלאָזט זיינע אויגען, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און שטיל געזיפצט און גערעדט צו זיך:

—ווער קען זיינע דרכים פארשטיין? איז דאָס דער שכר פון מצוות?

יאָסעלע האָט זיך גענומען ארומדרעהן איבער דעם חדר משונה־ווילד. דער רב האָט געזעהן, אז ער קען שוין דאָרט נישט איינשטעהן, עס ציהט איהם צום הפקר־לעבען, האָט ער אויף איהם א קוק געטאָן מיט א בליק פון באפעהל, און געזאָגט מיט א פעסטער שטים:

— זעץ זיך אוועק! דאָ וועסטו היינט בלייבען.

יאָסעלע האָט זיך איינגעשרומפּען און אוועקגעזעצט, דעם קאָפּ אוועקגעדרעהט אין א זייט, און איז געבליבען שטיל.

האָט דער רב צו איהם געזאָגט:

— יאָסעלע, נאָכוואָס טויג דיר ארומצוגעהן איבער די הייזער? בלייב ביי מיר, איך וועל דיר געבען אלצדינג וואָס דו דארפסט נאָר.

יאָסעלע האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

האָט דער רב גענומען איינ'טענה'ן מיט איהם, געבען איהם צו פאַר־

שטעהן, אז עס וועט איהם פיל בעסער זיין. יאָסעלע האָט אָבער נישט גע־וואָלט. האָט איהם דער רב געפרעגט:

— אדרבא, יאָסעלע, גיב מיר צו פארשטעהן, פארוואָס דו ווילסט נישט.

האָט יאָסעלע געשטאמעלט און געענטפערט:

— איך וויל נישט. דאָ קען מען נישט טאָן וואָס מ'וויל. דארפען זיצען ביים טיש. פיינט צו זיצען ביי א טיש! דאַוונען, בענשען, קריאת־שמע לייענען. איך וויים נישט, איך קען נישט, לאָזט מיך צורוה!

דעם רב האָבען די ווערטער שטארק וועה געטאָן. ער האָט אָבער אָפּגעמאכט ביי זיך, איהם בשום־אופן נישט אוועקצולאָזען. ער וועט פּרואווען מיט אלע זיינע כחות, אפשר וועט איהם פאָרט געלינגען צו מאַ־כען פון איהם א שטיקל איד. און הויך האָט ער געזאָגט צו יאָסעלע'ן מיט א געביטעריש קול:

— דאָ וועסטו בלייבען, ביי מיר אין הויז! איך וועל אָנזאָגען און קיינער וועט דיר קיין דעה נישט זאָגען. דו וועסט זיך קענען טאָן וואָס דו וועסט וועלען. איך אליין וועל משגיח זיין אויף דיר.

און יאָסעלע איז פארבליבען ביים רב.

דער רב האָט אָנגעזאָגט אלע בחורים, זיי זאָלען זיך נישט טשעפּען מיט יאָסעלע'ן און איהם נישט זאָגען קיין בייז וואָרט. אין הויז האָט ער אָנגעזאָגט, מ'זאָל איהם לאָזען טאָן אלצדינג און גארנישט זאָגען, איבער־לאָזען אלץ אויף זיין אייגענער השגחה, און ער וועט שוין אכטונג געבען אויף יאָסעלע'ן, ער זאָל נישט טאָן קיין בייז.

און דער רב האָט שטארק אכטונג געגעבען אויף יאָסעלע'ן, און איהם אויסגעהיט פון זינד. מיט גוטען האָט ער שטענדיג גערעדט מיט איהם, און גע'פּועל'ט ביי איהם אלצדינג. זעלטען ווען, אז ער איז גע־וואָרען ווילד, האָט דער רב אָנגעשטעלט אויף איהם זיינע ליכטיגע אויגען, און די ווילדקייט איז פארשוואונדען.

און דער יונג האָט ליב געקראָגען דעם רב און געפאָלגט אלצדינג, וואָס ער האָט איהם געהייסען טאָן. ער האָט נישט אָפּגעטראָטען פון זיין וואָרט רעכטס אָדער לינקס. ער איז גרייט געווען פאר איהם צו שפּרינגען אין פייער און אין וואסער אריין. און מיט אלע אנדערע לייט פון הויז האָט ער זיך נישט אזוי געפיהרט, נייערט, זיך געקריגט און געטשעפּעט,

און קיינמאָל נישט געוואָלט פאָלגען, וואָס זיי האָבען איהם געהייסען.

דער רב האָט געזעהן, אז ער קען ביי איהם פועל'ן אלצדינג וואָס ער וויל, האָט ער איהם גענומען איינרעדען, ער זאָל זיך אויסלערנען דאווע־נען. דער יונג האָט צוגעהערט צו איהם. האָט דער רב גענומען מיט איהם לערנען אלף־בית, און ער האָט זיך געמאַטערט מיט איהם א צייט און איהם גאָרנישט אויסגעלערענט. האָט ער געזעהן, אז דער יונג האָט נישט קיין קאָפּ און עס איז איהם אוממעגליך עפּעס אויסצולערנען, און ער האָט איהם צורוגעלאָזט. יעדען טאָג פלעגט ער אָבער מיט איהם זאָגען א פּאָר אידישע־ווערטער, און דער יונג פלעגט זיי נאָכזאָגען מיט אלערליי גרייזען.

דער יונג האָט דעם רב ליבער געקראָגען פון טאָג צו טאָג, און ער האָט זיך אליין גענומען צו טאָן פיל זאכען פאר איהם. דער רב האָט גע־זעהן, און זיין הארץ האָט זיך געפרעהט דערמיט, וואָס ער קען מאכען פון יאָסעלע'ן כאָטש א שטיקל מענש. מיט דער צייט האָט איהם דער רב גע־מאכט פאר איינעם פון זיינע שמשים. ער האָט געשיקט יאָסעלע'ן צו טאָן אלע שווערסטע זאכען און וויטסטע שליחות'ן. און גאָט איז געווען מיט דעם יונג, און ער האָט שטענדיג אויסגעפיהרט אלץ אויפ'ן בעסטען שטייגער.

דער רב האָט געזעהן, אז ער קען זיך מיט איהם זעהר גוט פארשאַ־פען, און ער האָט זיך געפרעהט, און ער האָט איהם געמאכט פאר זיין בית־דין שמש. אין זיינע הענט האָט ער איבערגעגעבען אלע שווערסטע בעלי־דינים. יאָסעלע האָט שטענדיג מצליח געווען, און אויסגעפיהרט אלע זאַ־כען מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט, ווי דער רב אליין האָט געוואָלט.

זיין הצלחה איז שמשות איז געווען! חוץ־לדרך־הטבע. פילמאָל פלעגט מען איהם שיקען נאָכ'ן שווערסטען בעל־דבר, פאר וועמען אלע האָ־בען געציטערט, און יאָסעלע פלעגט איהם שוין ברענגען מיט גוטען אָדער מיט בייזען. נישט איינמאָל האָט ער אזא בעל־דין געבראכט צוטראָגען ממש אויף די פּלייצעס. יענער האָט זיך געוועהרט, געשריגען, און מיד געוואָרען שרייענדיג און רייסענדיג זיך. פילמאָל האָט מען איהם געשיקט נאָך מענשען וואָס האָבען געוואוינט ווייט פון שטאָט, זעהר ווייט, און ער האָט זיי געטראָפען ביים טויער פון שטאָט, און געבראכט צום רב. עס האָט קיינמאָל נישט געטראָפען, אז ער זאָל נישט אויספיהרען עפּעס וואָס דער רב האָט איהם געהייסען. דער רב האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אז דער

אלטער מכנים־אורח מיהט זיך אויף יענער וועלט און העלפט איהם מאכען פון יאָסעלע'ן א שטיקעל תכלית. האָט ער זיך גוט צוגעקוקט צו די אלע זאכען און האָט שטארק הנאה געהאט.

דער רב האָט אָבער זיין השגחה נישט געקאָנט אראָפּלאָזען פון איהם, וואָרים מיט אלע אנדערע האָט ער זיך געפיהרט ווי פריהער, און וועה איז געווען צו דעם וואָס האָט זיך מיט איהם אָנגעהויבען. האָט דער רב געזעהן איהם צו האלטען לעבען זיך און פון איהם נישט אראָפּצולאָזען קיין אויג.

און קיינער, א חוץ דער רביצין, האָט נישט געוואוסט פארוואָס דער רב איז זיך אזויפיל מוסר־נפש פאר דעם יונג, און קיינער האָט נישט געקאָנט פארשטעהן, פארוואָס דער רב היט איהם אזוי אָפּ. דער רב האָט זיי אפילו אמאָל אנטפּלעקט, אז ער האָט געקאָנט זיין פאָטער, און ער האָט זיי דערציילט, וואָס פאר א גרויסער מכנים־אורח ער איז געווען, ער האָט זיי אָבער קיינמאָל נישט אויסגעזאָגט דעם סוד, אז דערדאָזיגער יונג איז געבוירען געוואָרען פון זיין ברכה. אויך דער רביצין האָט ער אָנגעזאָגט, זי זאָל חלילה דערפון נישט דערמאָנען קיין וואָרט. האָבען זיך אלע זעהר געוואונדערט איבער דעם רב'ס גרויסע סבלנות און זיין צדקות.

ו.

א צייט איז אריבער און יאָסעלע איז געוואָרען א בן־בית ביים רב אין הויז. ער איז אפילו געוואָרען געלאַסענער ווי ער איז געווען, ער איז אָבער נאָך געווען גענוג ווילד אין זיין געלאַסענקייט. א זולל־וסובא איז ער געווען, ווי פריהער, און פון ארומקריגען זיך מיט אלע הויזלייט האָט ער זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט. וועה איז געווען צו דעם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט איהם, ער האָט אָבער אויך נישט געוואַרט ביז מען זאָל זיך אָנהויבען מיט איהם. נייערט, דעם רב האָט ער ליבער געקראָגען מיט יעדען טאָג און האָט איהם געפאָלגט וואָס אמאָל מעהר. ער האָט געמעגט זיין ווי ווילד אין כעס, איז דעם רב'ס א בליק גענוג געווען איהם איינצו־שטילען. דער רב האָט איהם טאקע זעהר געהיט; ער האָט איהם איינ־געהיט, ער זאָל חלילה נישט עסען וואָס מ'טאָר נישט, אָדער ווען מ'טאָר נישט. איז דען אָבער מעגליך אזא פארשוין איינצוהיטען? עס איז גענוג געווען, אז דער רב זאָל אראָפּלאָזען זיין אויג פון איהם אויף א טאָג אָדער צוויי, און עס האָבען זיך שוין געהערט קולות. דער יונג איז געוואקסען און דער שכל איז מיט איהם נישט מיטגעוואקסען, נייערט דער כח, וואָרים שטארק איז געווען דער יונג און קיינער האָט איהם נישט געקאָנט בייקו־מען. זיינע אלע אברים זענען געווען ווי פון אייזען, און שארף זענען געווען זיינע נעגעל און זיינע ציין — ווי ביי א ווילדע חיה. עס האָבען זיך אמאָל פארנומען אויף איהם אלע בחורים פון דער ישיבה, נאָכדעם ווי ער האָט זיי אמאָל אָפּגעטאָן א מיאוס שטיקל, און האָבען איהם געוואָלט מאכען א משכנתא, ער זאָל זיי האָבען צו געדענקען, און ער האָט זיי אלע שיער צע־מזיק'ט. נסים האָבען זיי געהאט, וואָס דער רב איז אָנגעקומען אין מיטען. און עס איז פאראומערט געוואָרען זייער לעבען פילמאָל צוליב איהם. אפילו די גוטע רביצין האָט אויך פארלוירען איהר סבלנות און איהר געדולד איז געפּלאצט, און עס איז איהר געוואָרען איבערדריסיג אויסצו־שטעהן אלע צרות פון יאָסעלע'ן. זי האָט אפילו אמאָל געמאכט א שמועס מיט'ן רב וועגען דעם, נאָר דער רב האָט זי אויסגע'מוסר'ט און געזאָגט צו איהר:

— דו זינדיגסט, אשה! געדענק אָן זייט טאטע'ן, ווי ער איז אונז און אנדערע אָרימלייט בייגעשטאנען אין דער נויט. ער האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט, נישט געבעטען קיין זאך, נייערט, איך האָב איהם זעלבסט

געבענשט און צוגעוואונשען א בן־זכר. מסתמא בין איך מעהר נישט ווערט געוועזן און פון מיין ברכה איז געוואָרען א קללה. עס איז געוועזן דער ווילען פון זיין־ליבען־נאָמען, אז דער בן־יחיד זאָל נישט זיין קיין גע־ראָטענער, און זאָל נישט ברענגען קיין פרייד און גליק צו זיינע עלטערען. זיי האָבען עס אָנגענומען פאר ליב, און האָבען צום רבונו־של־עולם נישט געהאט קיין טענות, און אונזער נאָמען האָבען זיי נישט געשאָלטען. איצט זענען זיי מעהר נישט צווישען אונז, און דער רבונו־של־עולם האָט מסבב געוועזן און איהם געבראכט צו אונז — און ווער זאָל פון איהם אויס־שטעהן אויב נישט מיר? מיט זיין גרוים חסד טוט ער אָבער נישט צירנען אייביג, און איך זעה באשיינפערליך, ווי דער יונג ווערט בעסער פון טאָג צו טאָג — און דו, אשה, זינדיגסט נאָך! טו אָפּ פון דיין הארץ דידאָזיגע בייזע מחשבה, און לייד ביז זיין־ליבער־נאָמען וועט געדענקען דעם חסד פון זיין פאָטער, דעם צדיק, און ער וועט אָפּטאָן דאָס פארשטאָפּטע הארץ פון זיין איינציגען זוהן; ער וועט, מיט זיין גרוים גנאד, עפענען זיינע בלינדע אויגען, אויפמאכען זיינע פארשווערטע אויערען, און מיר וועלען דערלעבען א שטיקל נחת פון איהם דאָ, און זיינע עלטערען, די צדיקים, ווע־לען מעהר נישט פארשעמט ווערען אויף דער אמת'ער וועלט.

די רביצין האָט זיך באדענקט און שטארק חרטה געהאט, און זי האָט געזאָגט אזוי:

— זיי מיר מוחל, מיין מאן, קרוין פון מיין קאָפּ! זיי מיר מוחל פאר מיינע שלעכטע רייד. מישטיינס געזאָגט, וואָס ווייס דען א נארישע אשה?

דער רב האָט א קוק געטאָן אויף איהר, און ער האָט געשמייכעלט ליבליך און געענטפערט:

— געה, מיין ווייב, גאָט האָט ארייגעקוקט אין דיין צעבראָכען הארץ, און ער האָט דיר מוחל געוועזן.

דער רב האָט פון דעמאָלט אָן מעהר אכטונג געגעבען אויף יאָסעלע'ן. ער האָט געהייסען מאכען פאר'ן יונג אן אָרט אין זיין חדר, און האָט איהם געהאלטען לעבען זיך, ווען ער איז געוועזן אין דערהיים; ער האָט איהם אָפטער געשיקט אין שליחות'ן, און געגעבען איהם וואָס מעהר ארבייט, וואָרים די זאכען פלעגט יאָסעלע טאָן מיט די גרעסטע פינקטליכקייט און פלעגט זיך דעמאָלט נישט אָפּגעבען מיט קיין אנדער זאך. דער רב האָט אויסגע'מוסר'ט די בחורים פון דער ישיבה, און אָנגעזאָגט זיי, אז יאָסעלע'ן

זאָלען זיי למען־השם אויסמיידען און נישט האָבען צו טאָן מיט איהם. די בחורים האָבען געהערט און זיך געוואונדערט אויף דעם רב'ס סבלנות און צדקות.

און מיט יאָסעלע'ן פלעגט דער רב זעהר אָפט מאכען א שמועס און איהם אָנזאָגען, ער זאָל פאר איהם שטענדיג דערציילען, וואָס ער וויל טאָן, און פרעגען דערויף זיין הסכמה. און יאָסעלע, מחמת זיין גרויסע ליבשאפט צום רב, האָט זיך באהערשט פילמאָל און איהם געפאָלגט. אין הויז איז געוואָרען אביסל רוהיגער.

איינמאָל, אין א שיינעם טאָג, איז אָנגעקומען צו רב א משולח מיט א בריף פון זיין ברודער, און אין דעם בריף איז געווען געשריבען בזה הלשון:

„אָחי יקירי, מורי ועטרת ראשי!

„איך האָב געהערט פון דערווייטען, און געהאט גרויס נחת פון די חסדים וואָס דער רבונו־של־עולם האָט געטאָן מיט דיר. ער האָט מיט זיין גרויס גענאד מיך אויך נישט פארלאָזט, און האָט ארייגעשיקט ברכה און הצלחה בכל־משלח־ידי, און ער האָט מיך געבענשט מיט גרויס עשירות. איך האָב ברוך־השם חתונה געמאכט אלע מיינע טעכטער, וואָס זענען, קיין עין־הרע, אונטערגעוואקסען דורך דער צייט, וואָס איך האָב פון דיר נישט געהאָט קיין שום ידיעה. איך האָב זיי געגעבען, א דאנק השם־יתברך, מאנען תלמידי־חכמים און יראי־שמים. איצט איז מיר נאָר געבליבען מיין מוזינקע, פייגעלע תחיה, וואָס איז געבוירען געוואָרען נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך צעשיידט. דער רבונו־של־עולם האָט זי געבענשט מיט אלע מעלות. עס איז שוין אָבער געקומען די צייט זי חתונה צו מאכען. מ'קלאָפט מיר אָפּ די טירען מיט גרויסע שידוכים, איך קען אָבער נישט טאָן מיט קיינעם פון זיי, ווייל מן השמים האָט מען מיר מגלה געווען, אז איהר זיווג געפינט זיך ביי דיר. איך האָב געהערט פון דיר און פון דיין טייערען גאָרטען, וואָס דו האָסט פארפלאנצט, און צו מיינע אויערען איז צוגעקומען דער לויב פון די טייערע פירות, די בחורים מופלגי־תורה, וואָס בליהען און וואקסען אין איהם. לכן בעט איך פון דיר, אז דו זאָלסט קומען מיט אלע בחורים פון דער ישיבה צו מיר אויף א שטיקל צייט, און פון זיי וועל איך, מיט זיין־ליבען־נאָמען'ס הילף, אויסקלייבען דעם זיווג פאר בתי שתחיה.

„און מיט דעם מוכ"ז טו איך דיר שיקען פיל כסף וזהב, כדי דו זאָלסט האָבען גענוג אויף הוצאות הדרך פאר דיר און פאר די בחורי־הישיבה, און איהר זאָלט קענען קומען כדרך הגבירים.

„און איך בעט דיך, אחי מורי, אז דו זאָלסט די זאך נישט אָפּלעגען, נייערט, תיכף ומיד נעמען רשות פון דיין קהילה און קומען אזוי גיך ווי דו קענסט, וואָרים מיין הארץ און די הערצער פון מיין גאנץ הויזגעזינט טוען שטארק גלוסטען דיך צו זעהן. געלויבט איז השם־יתברך, וואָס ער האָט מיך מזכה געווען, איך זאָל קענען אויספיהרען אזא זאך.

„איך גרים גיסתי היקרה, היא וזוגתך שתחיה.

„מיינע בני־בית גריסען אייך און צעהלען די מינוטען, ווען זיי וועלען זוכה זיין צו זעהן אייערע ליכטיגע פּנים'ער."

דער רב האָט באלד צוזאמענגערופען אן אסיפה פון די פּרנסים פון זיין שטאָט און פון אלע אנדערע קהילות, ער האָט פאר זיי געלייענט דעם בריף, און געבעטען ביי זיי רשות אוועקצופאָהרען אויף א יאָהר צייט מיט דער גאנצער ישיבה. ער האָט זיי צוגעזאָגט, אז ער וועט נישט צוהערען צו קיין בקשות און הפצרות, און וועט, מיט גאָט'ס הילף, צוריקומען צום יאָהר, און זיי נישט פארלאָזען.

די אסיפה האָט איהם געגעבען רשות צו פאָהרען, און מען האָט זיך גלייך גענומען צו מאכען די פּלענער פאר אזא גרויסער נסיעה, אויס־צוריכטען אין וועג אריין דעם רב און זיין הויזגעזינד און די גאנצע ישיבה, ווי עס פּאסט פאר'ן רב־הכולל פון דער מדינה ענגלאנד. מ'האָט מגביל גע־ווען דעם טאָג פון דער נסיעה אויפ'ן דריטען טאָג נאָך שבועות. דעמאָלט האָבען זיך געדאַרפט צוזאמענקומען אלע רבנים און פּרנסים פון דער גאנ־צער מדינה, און מאכען א גרויסע סעודה, ווי עס פּאסט פאר אזא גרויסען אידישען קבוץ.

א שעת־חירום איז דעמאָלט געווען אויף דער יבשה, א מלחמה צווישען די דייטשען און די פראנצויזען, און די מנהיגים פון די קהילות האָבען מורא געהאט זיי צו שיקען דורך די צוויי מדינות, און עס איז גע־בליבען, אז מ'זאָל זיי אָפּשיקען מיט א שיף ביז דער שטאָט דאנציג, וואָרים דער ים איז דעמאָלט געווען גאנץ זיכער.

און דער פּרנס פון שטאָט לאָנדריש האָט מנדב געווען איינע פון זיינע גרעסטע שיפען, און ער האָט צוגעזאָגט, זי אויסצושטאטען ווי עס

פאַסט פאַר'ן רב און זיין ישיבה, מיט א גרויסען חדר און לאַנגע טישען און בענק, מיט אַלמערם פולע מיט ספרים, כדי דער רב זאָל קענען פיהרען זיך ווי ער איז געוואוינט און זאָל נישט דארפען קומען צו ביטול־תורה, חוץ אנדערע חדרים פאַר עסען און שלאָפען, ווי עס פּאַסט פאַר אזעלכע לייט.

אין שטאָט האָט מען דערווייל אָפּגעלעדיגט א גרויס הויז און מ'האָט אוועקגעזעצט שניידערס און שוסטערס צו דער ארבייט, צו באַקליידען און באַשוכען אַלעמען כדרך הגבירים.

און אזוי זענען אַלע געווען פארנומען זעהר שטאַרק: דער רב איז פאַרנומען געווען מיט מסדר זיין אַלע ענינים פון דער קהילה, און איבער־געבען אין די הענט פון די הויפּט פּרנסים און בראש דער אַלטער רב; די גבירים און מנהיגים האָבען געארבייט טעג און נעכט און געזעהן אויסצו־ריכטען אַלעמען אין וועג אריין אויפ'ן שענסטען שטייגער; בעלי־מלאכות האָבען נישט געקאַרגט קיין מיה און ארבייט און זיך געמיהט שעהן צו שטעלען, צוזאַמען מיט די בעלי־בתים; די בחורים האָבען זיך דורכגע־שריבען מיט זייערע עלטערען און אייגענע און געבעטען ביי זיי רשות, מיטצופאָהרען מיט'ן רב, — בקיצור, עס האָט זיך געטאָן.

איין יאָסעלע האָט זיך געפיהרט אויף זיין שטייגער, נישט פאַר־שטאַנען, וואָס דאָרט קומט פאָר, און האָט זיך גאָרנישט געקימערט ווע־גען דעם.

ז.

די צייט פון דער נסיעה האָט זיך אָנגערוקט און קלוגע און גע־שייטע סוחרים, וואָס האָבען גוט געקאָנט דעם ים, זענען געקומען צום רב און איהם געגעבען פארשידענע עצות, ווי ער זאָל זיך פיהרען אויף דער רייזע. אַלע האָבען געזאָגט פה־אחד, אז יאָסעלע'ן זאָל מען זיך נישט דערוועגען מיטצונעמען; עס איז א סכנה, האָבען זיי געזאָגט, מיטצונעמען מיט זיך אזא פרא־אדם אויפ'ן ים. זיי האָבען מיט'ן רב איינגע'טענה'ט א לאַנגע צייט וועגען דעם, אויפגעוויזען איהם, ווי געפעהרליך עס איז. צו זיי זענען צוגעשטאנען דער אַלטער רב און דער פרנס פון לאַנדריש. דער אַלטער־רב האָט צוגעזאָגט, אליין משגיח צו זיין אויף יאָסעלע'ן און אויס־צושטעהן אַלצדינג פון איהם. דער רב האָט געוואוסט, אז יאָסעלע האָט אביסל אָפשיי פאר'ן אַלטען רב, און נאָך גרויסע הפצרות האָט ער מסכים געווען דערויף.

עס איז געבליבען, אז מ'זאָל פארהוילען פון יאָסעלע'ן דעם יום־המוגבל, און עטליכע טעג פריהער זאָל איהם דער רב אוועקשיקען אין זעהר א ווייטער שליחות, דערווייל וועלען אַלע ארויף אויף דער שיף און אוועק־פאָהרען.

און מ'האָט עס זעהר גוט אָפגעארבייט, און יאָסעלע איז נישט דער־גאנגען וואָס מ'וויל מיט איהם טאָן; עס איז איהם גאָרנישט איינגעפאַ־לען זיי חושד צו זיין אין קיין זאַך.

אסרו־חג האָט איהם דער רב אוועקגעשיקט אין א ווייטען וועג, דריי טעג גאנג, מיט א שליחות צו א רב פון זעהר א ווייטער קהילה, אינ'ם צווייטען עק לאַנד. יאָסעלע איז אוועק אהין. ווי נאָר ער איז ארויס־געגאנגען, האָט מען אָנגעהויבען איינצופאקען זאכען און ארויפטראָגען אויף דער שיף. ער איז נישט אָפגעגאנגען קיין צוויי שעה, און ער האָט דערזעהן ווי עס פאָהרט א בריקע, און אין איהר זיצט דער רב צו וועמען מ'האָט איהם געשיקט. ער איז זיך געפאָהרען געזעגענען. און יאָסעלע איז צוריקגעקומען מיט איהם.

אַלע האָבען עס אָנגענומען פאר א מקרה־זאַך, דעם רב איז עס אָבער אריין אין דער פיאה.

איידער ער האָט נאָך געהאט צייט ריכטיג זיך ארומצוקוקען, האָט מען שוין איהם אָבער אוועקגעשיקט נאָכאמאָל, אין א ווייטערע שליחות,

צו ברענגען זעהר א שווערען בעל־דין. איז ער אוועק, אָפּגעגאַנגען א האלבען טאָג, און דער בעל־דין איז איהם אנטקעגנגעקומען. האָט איהם יאָסעלע אָנגענומען און געבראַכט אויפ׳ם כח צום רב.

האָבען אלע געזעהן און זיי האָבען געציטערט. זיי זענען אָבער ווייטער צוגעשטאַנען צום רב און געבעטען, ער זאָל איהם נאָך איינמאָל פּרואווען אוועקשיקען, אין לעצטען טאָג, ווען אלץ וועט זיין גרייט און פאַרטיג, און אַזוי גיך, ווי ער וועט אַרויס פון שטאָט, וועלען אלע אַרויף אויף דער שיף און אוועק. און זיי האָבען שטאַרק געאַרבייט איבער דעם רב, ביז זיי זענען איהם בייגעקומען, און ער האָט, נישטווילענדיג, נאָכ־אמאָל מסכים געווען דערצו.

און גלייך ווי יאָסעלע איז אוועק, זענען אלע אַרויפגעגאַנגען אויף דער שיף. דער שיפסקאַפּיטאַן האָט געהייסען אויפהויבען דעם אנקער און אָפּגעהן. האָבען אלע מאַטראָזען גענומען אַרבייטען און ציהען דעם אנקער און זיי האָבען איהם נישט געקאָנט אַרויסציהען. זיי האָבען געצויגען מיט אלע כחות, ביז די אָדערען פון זייערע ברוינע הענט זענען פאַרלאָפען מיט בלוט און בלוי געוואָרען, און זיי האָבען אויסגעקוקט, ווי זיי וואָלטען זיך האַלטען ביים איבעררייסען, און זיי האָבען דעם אנקער נישט געקאָנט אַרויסציהען.

ווי זיי זענען אַזוי געשטאַנען און געמאַטערט זיך, איז יאָסעלע אָנ־געקומען צולויפען מיט א געשריי, און אַרויפגעשפּרונגען אויף דער שיף, מיט אויגען פאַרלאָפענע מיט בלוט און א פנים פול מיט רציחה, און ער איז אַרויפגעפאַלען אויף עטליכע פון די בחורים מיט זלזולים און קללות; ער האָט אָנגעשטעלט אויף זיי פויסטען, און איז גרייט געווען זיי צו שלאָ־גען. איז דער רב צוגעלאָפען, און ער האָט איהם איינגעשטילט. ער האָט איהם גלייך געהייסען צוגעהן, און העלפען די מאַטראָזען אַרויסשלעפּען דעם אנקער.

און גלייך ווי ער איז צוגעגאַנגען און צוגעלעגט א האַנט, האָט זיך דער שטריק אָנגעהויבען צו ציהען, און עס איז אַרויפגעקומען א שווערער אנקער, פאַרפּלאָנטערט מיט ים־געוויקסען און וואָרצלען, און באַזעצט מיט מושעלען.

און אלע האָבען עס געזעהן און שטאַרק געציטערט.

און דער רב האָט געזאָגט צו זיי:

— איך זעה, אז עס איז פון הימעל, אז דער יונג זאָל זיין מיט מיר. עס איז נישט פּראָסט. מ'זעהט עס בחוש.

א פריינדליכער ווינט האָט געבלאָזען איבער דעם ים, און ער האָט אָנגעפילט די זעגלען, און געטראָגען די שיף איבער די שטיל־וויגענדיגע וואסערען דעם גאנצען טאָג. די זון האָט געשיינט מילד, באגילט דעם ים און אויסגעפּלאסטערט איהם מיט טייערע שפּיגלען. טיף און בלוי איז געווען דער הימעל, און ער האָט אראָפּגעשמייכעלט, און געשפּיגעלט זיך אין ים; בלוויליך־גרין איז געווען דער ים, באזילבערט און באגילט, און דאָ און דאָרט, האָט ער געעפענט ווי גרויסע אויגען, און געקוקט אין דער טיפער בלויקייט פון הימעל. פון צייט צו צייט איז דורכגעפלויגען א זילבערנער פליה־פיש, זיך ארויסגעהויבען, געמאכט א בויגען, און צוריק אריין אין וואסער, און איבערגעלאָזט נאָך זיך א קליין פּאסיקל ווייסען שוים. דער רב און די בחורים פון דער ישיבה האָבען ארומגעשפּאצירט אויפ'ן דעק פון דער שיף, זיי האָבען געמאכט א ברכה איבער'ן ים, געזאָגט די תפילה, און נישט געקאָנט אָפּרייסען קיין אויג פון איהם; זיי זענען געשטאנען און האָבען באוואונדערט די גרויסקייט פונ'ם באשעפער. פּלוצלונג האָבען זיי זיך דערמאָנט אָן די הייליגע ווערטער פון דער משנה אין אבות, און קיינער האָט מעהר ניט געוואָלט מפסיק זיין פון לערנען און איינשטעלען דאָס לעבען אין קאָן, זיין א מתחייב־בנפשו. און דער רב איז מיט זיי אראָפּגע־גאנגען אין דעם גרויסען זאַל, און זיי האָבען זיך אויסגעזעצט ארום די נייע טישען, געעפענט די ספרים, און דער רב האָט אָנגעהויבען צו זאָגען, ווי יעדען טאָג, דעם שיעור. ער האָט זיך דאָסמאָל מעהר פארטיפט ווי גע־וועהנליך. צוויי ים'ען האָבען זיך צענויפגעטראָפען אינאיינעם, און דער ים־התלמוד האָט געוואָלט איבערשטייגען דעם ים־אוקינוס אין טיפקייט. עס האָבען זיך געהויבען כוואליעס־פּלפּולים, עס האָט גערוישט, געשוימט, לעבעדיג, פלאמיג.

איין יאָסעלע איז ארומגעלאָפען איבער דעם דעק פון שיף, געקוקט אויף דעם ים, און אלעמאָל זיך צעלאכט הויך און ארויסגעלאָזט משונה'דיגע קולות פון צופרידענקייט.

אין אָוועגט, ווען זיי זענען ווידער ארויפגעגאנגען אויפ'ן דעק, צו כאפּען אביסל פרישע־לופט פאר'ן שלאָף, האָבען זיי דערזעהן ווי א דינער נעבעל־שלייער הויבט זיך ארום פון ים און פארשפּרייט זיך איבער זיין

ברייטקייט. דער שלייער ווערט דיקער און דיקער, און ער פארצוימט דעם ים ארום דער שיף, און מאכט איהם קלענער און שמעלער. זענען זיי צו־געגאנגען צום עק פון שיף, און האָבען זיך אַנגעשפארט אָן דער אָנלעהן, אריינצוקוקען און דורכצודרינגען דעם נעבעל. און זיי האָבען דערזעהן, ווי א שטיק הימעל האָט זיך אראָפּגעלאָזט און איז אריין אין ים, און די שיף שווימט צווישען וואָלקענדלעך און שטערען. און שמעלער ווערט דער וואַ־סער־וועג ארום דער שיף, און דיקער ווערט דער נעבעל און געדיכטער; אָט האָט ער שוין ארומגעצוימט די שיף, ווי מיט ווענט און א דאך, ער האָט נאָר איבערגעלאָזט ארום איהר א שמאָלען שטעג, אויסגעזעצט מיט שטערן.

און די בחורים האָבען מורא געקראָגען פאר דעם ים און געציטערט פאר דער פינסטערניש, וואָס האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף איהם. שטיל האָבען זייערע ליפּצען געמורמעלט די תפילה פון ים. דער רב איז צוגע־גאנגען, און האָט געזאָגט צו זיי:

— קינדערלעך, פייכט איז די לופט איצט און נעבעלדיג, און איהר זענט נאָך נישט געוואוינט צו איהר, געהט אראָפּ און לעגט זיך שלאָפען!

אלע זענען אראָפּגעגאנגען.

איין יאָסעלע איז געבליבען מיט איהם אויף דעם דעק פון שיף. ער איז געשטאנען, און האָט געקוקט מיט ווילדע אויגען אויף די שטערען, וואָס האָבען זיך געוויגט ארום דער שיף, און פון צייט צו צייט, ארויס־געלאָזט א ווילד געברום פון פרייד.

און דער רב האָט געזאָגט צו יאָסעלע׳ן:

— זאָג מיר, יאָסעלע, וואָס שרייסטו אזוי?

יאָסעלע האָט געקוקט מיט פינקעלדיגע אויגען און געענטפערט:

— מיר איז גוט דאָ, גוט, גוט!

דער רב האָט געטאָן א זיפץ און האָט איהם געהייסען אראָפּגעהן און זיך לעגען אויף דעם אָרט, וואָס ער וועט איהם אָנווייזען; ער איז אראָפּגעגאנגען, און געזאָגט מיט דעם יונג א פּאָר אידישע ווערטער, און ער איז אריין אין זיין חדר׳ל און האָט זיך אויך געלעגט שלאָפען.

שטיל איז געגאנגען די שיף איבער׳ן ים, און איינגעוויגט ליבליך אלע וואָס זענען געווען אין איהר. פּאמעליך האָט געבלאָזען דער ווינט און אויסגעפייפט א שטילען ניגון, וואָס איז אלעמאָל איבערגעריסען געוואָרען פון האָרן, וואָס האָט געבלאָזען צו וואָרענען אנדערע שיפען. אין מיטען

דער נאכט האָט זיך דער ווינט געגומען שטארקען, און די שיף האָט זיך אָנ־געהויבען האסטיגער צו וויגען, און זי האָט אויפגעוועקט פיל פון זייער זיסען שלאָף, און זיי איבערגעשראָקען.

אינדערפריה, ווען זיי זענען אויפגעשטאנען און האָבען געוואָלט ארויפגעהן אויפ׳ן דעק, האָבען זיי דערפיהלט א מישעניש אין קאָפּ און א שווערקייט אין אלע גלידער און אן איבעלקייט. זיי האָבען זיך קוים ארויפ־געוואקעלט אויפ׳ן דעק. זיי האָבען געוואָרפען א בליק אויפ׳ן ים און האָ־בען דערזעהן, אז ער איז שטארק צעוויגט און צעטראָגען, און זיינע וואסע־רען קנייטשען זיך אוים אין טאָלען און בערגלעך פון גרין־גלאָז, און א ווייַ־סער שוים באדעקט זייערע קעפּ. דער נעבעל איז אוועק און ווידער זעהט זיך א ברייטער ים, נאָר אן אנגע׳ברוגז׳טער; א ווייט און ברייט פעלד, און ווייסע אינדען שפרינגען דערויף. זיי האָבען א קוק געטאָן אויפ׳ן הימעל, און ער איז געווען גרוי און פארשמירט מיט וואָלקענס. דער ווינט האָט געפייפט בייז, געריסען די זעגלען און געוויגט די שיף מיט גרימצאָרן. האס־טיג האָט זיך די שיף געהויבען און ארונטערגעלאָזט, געדרעהט אין אלע זייטען און געקרעכצט. אלע זענען געוואָרען קראנק, און זיי האָבען נישט געקאָנט מעהר דערשטעהן אויף דעם דעק. דער ים האָט אָנגעוואָרפען אויף זיי א שרעק, און זיי האָבען זיך געזוכט אויסצובאהאלטען פון איהם. מיט מאטערניש זענען זיי אראָפּ און אוועקגעפאלען אויף זייערע געלעגערס, און נישט געוואוסט וואָס מיט זיי טוט זיך.

צוויי זענען ארומגעגאנגען און באדינט אלעמען: דער רב און יאָסעלע.

דער ווינט האָט זיך געשטארקט, און געקניפּט די כוואליעס און זיי געריסען ביי זייערע גרויע האָר, און זיי האָבען זיך געהויבען אנטקעגען איהם און געשפריצט מיט וואסער. עס האָבען זיך געהויבען הויכע וואסער־בערג, געעפענט טיפע טאָלען, און געוואָלט איינשלינגען די שיף. דער קאפּי־טאן און די מאטראָזען האָבען געארבייט מיט אלע זייערע כחות ביי די זעג־לען, געשטייערט זי אהין און אהער, עס איז אָבער גאָרנישט געווען צו מאַ־כען. אלע מאָל האָט א גאָס געטאָן א וואסערדיגער בארג, א הויב זיך גע־טאָן, אָפּגעגאָסען די דעק און אראָפּגעכאפּט פון שיף וואָס עס האָט געקאָנט. עטליכע מאטראָזען האָט עס אראָפּגעשווענקט און פארשוואונדען געוואָ־רען מיט זיי. די גאנצע שיף איז געווען דערשראָקען און צעמישט.

צוויי זענען נאָר געווען, וואָס זענען נישט ארומגעגאנגען קיין צע־שראָקענע: דער רב און יאָסעלע. דער רב איז ארומגעגאנגען און זיינע אויגן זענען געווען געוועגדעט צום הימעל, אָהן א האָר יאוש, און יאָסעלע איז געגאנגען מיט ברייט־צעעפענטע, ווילדע אויגן, וואָס האָבן שטארק גע־פונקעלט, און אַלעמאָל האָט ער ארויסגעלאָזט משונה'דיגע קולות.

דריי טעג און דריי נעכט האָט געוועלטיגט דער שטורם און קיינער האָט נישט געקאָנט ארויסגעהן אויפ'ן דעק. די שיף האָט זיך געטראָגן האסטיג, און יעדע מינוט האָט זי זיך געהאלטען ביים צעברעכען. דער רב איז ארומגעגאנגען מיט די לעצטע כחות, און האָט אלעמען געמונטערט און געשטארקט דאָס הארץ. אויפדערנאכט פון דעם פערטען טאָג האָבן זיי דערפיהלט ווי די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט, און זי איז שטיל געוואָרען, און זיי האָבן זיך שטארק דערפרעהט. זיי זענען האסטיג איינגעשלאָפען און זיך אביסל אָפּגעפרישט און צוריקגעקראָגן די כחות.

אינדערפריה האָבן זיי זיך אויפגעכאפּט און זיי האָבן דערפיהלט, ווי די שיף שטעהט אויף איין אָרט, און זי שאָקעלט זיך קוים, ווי זי וואָלט געווען איינגעקלעפּט אין עפּעס. זענען זיי ארויף אויף דעם דעק צו זעהן, וואָס מיט זיי איז געשעהן.

און זיי האָבן דערזעהן, אז א דינער נעבעל־שלייער פארהילט דעם גאנצען ים און ארום און ארום איז שטיל און טויט. זיי האָבן זיך איינ־געקוקט ארום דער שיף, און זיי האָבן דערזעהן, אז דאָס וואסער איז פאר־גליווערט און עס זעהט אויס ווי פארקיהלטע פיש־יויך, און לעבען דער שיף זעהן זיך נאָך אנדערע שיפען ארויס פון דעם נעבעל.

און זיי האָבן געוואוסט, אז זיי זענען פאריאָגט געוואָרען אויף דעם ים־הקרוש, און זייער הארץ איז אין זיי געשטאָרבען.

און זיי האָבן געשריגען צום קאפּיטאן און קיינער האָט זיי נישט געענטפערט. און זיי האָבן אויפגעהויבען זייערע קולות און שטארק געוויינט.

און א פארגליווערטע טויט־שטילקייט איז געווען ארום און ארום, און זייער געוויין איז פארגליווערט געוואָרען אין איהר. זייערע הערצער האָבן זיך איינגעקורטשעט אין זיי, און אין די לעדלעך פון זייערע אויגען האָבן זיך געזעצט די טרערען.

ח.

און זיי האָבען גענומען לויפען איבער דער שיף, צו זוכען דעם קאַפּי־טאַן און די מאַטראָזען, און זיי האָבען געזוכט אין דער גאַנצער שיף און זיי נישט געפונען. האָבען זיי פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשעהן, און זיי האָבען נאָך שטאַרקער אָנגעהויבען צו וויינען. זיי האָבען געקלאָגט און געריסען די האָר פון די קעפּ, און געשאָלטען דעם טאָג, אין וועלכען זיי זע־נען ארויף אויפ'ן ים.

צוויי זענען געווען וואָס האָבען נישט געוויינט, און נישט געריסען די האָר פון זייערע קעפּ: דער רב און יאָסעלע. דעם רב'ס פּנים איז נאָר געווען פאַרצויגען מיט א וואָלקען פון צער, און יאָסעלע'ס פּנים איז געווען פרעהליך, און זיינע אויגען האָבען נאָכמעהר געפונקעלט ווי שטענדיג.

און דער רב האָט פאַרזאַמעלט אַלע בחורים, און ער האָט זיי אָנגע־הויבען צו טרייסטען, און רעדען צו זייערע הערצער, און ער האָט אַזוי געזאָגט:

„מיינע קינדער, זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב אייך געבראַכט צו דעם אַלעם! מיין כונה איז געווען א גוטע, איז אָבער אַנדערש געווען דער ווילען פון בורא. און ווער קען זיך געגענשטעלען זיין ווילען? מיר האָבען געלערנט: „רגלוהי דבר־נש — א מענשענס פיס — איגון ערבין ביה — זיי זענען ערב פאַר איהם, לאתר דמתבעי — צום אָרט וואוהין מ'דאַרף איהם, תמן אינון מובילין יתיה — אהין ברענגען זיי איהם צו פיהרען.“ ברענגען זיי אָבער נישט שטענדיג צום שלעכטען; פילמאָל ברענגען זיי דעם מענש צום גליק, אפילו דורך זעהר א שווערען וועג. אמאָל דאַרף א מענש מתקן זיין עפּעס אין א געוויס אָרט, און מ'איז מסבב פון הימעל, און מ'שיקט איהם צו אהין. אונזערע חכמים האָבען אונז געלערנט, אז א מענש דאַרף מאַכען א ברכה און דאַנקען זיין־ליבען־נאָמען פאַר'ן שלעכטען, וואָס ער שיקט אָן אויף איהם, פּונקט ווי פאַר'ן גוטען; אז א מענש דאַרף אַלצדינג אָנעמען פאַר ליב, וואָרים אַלץ קומט דאָך פון גאָט'ס האַנט, און גאָט איז א פאָטער, און וועט נישט טאָן קיין שלעכטס. ער איז דער דיין־אמת, און וועט נישט טאָן קיין אומרעכט; ער איז דער קוואַל פון אַלעמגוטען, און ווי קען גאָר זיין שלעכטס אין זיינע מעשים? ער שטראָפט אָבער אמאָל א מענשען פאַר זיינע זינד, און וויל ער זאָל תשובה טאָן. דאַרף דעריבער דער מענש אַלץ אָנעמען פאַר ליב און וויסען, אז דער רבונו־של־עולם איז קלי־גער און בעסער פון איהם, און ער ווייסט וואָס ער טוט. א מענש דאַרף

זיך אין אזא צייט אינגאַנצען איבערגעבען אין זיינע הענט, פאַרלאָזען זיך אויף איהם און וויסען, אז ער וועט קיין עולה נישט טאָן, וואָרים ער וויל דאָך נישט דעם טויט אפילו פון גרעסטען רשע, נייערט, ער זיצט און וואַרט און האָפט אויף זיין תשובה. אמאָל שיקט דער רבונו־של־עולם אויך א נסיון אויף א מענשען, ער וויל איהם ווייזען, ער זאָל זיך ניט האַלטען אזוי גרויס, ער זאָל וויסען, אז ער האָט ווייניג אמונה און בטחון. ווער עס איז קלוג איז זיך מתגבר אין דער מדה פון בטחון, און דער רבונו־של־עולם העלפט איהם, ווען גאָר די וועלט האָט זיך שוין אפילו פון איהם אינגאַנצען מיאש געווען. אונזערע הייליגע חכמים האָבען אונז געלערנט, אז אפילו ווען א שאַרפע שווערט ליגט אויף'ן מענשענ'ס האַלז, זאָל ער זיך נאָך אַלץ נישט אָפּזאָגען פון בעטען רחמים. דאַרפען מיר דעריבער אַלע תשובה טאָן, זיך שטאַרקען אין דער מדה פון בטחון, און דער רבונו־של־עולם וועט אונז מיט זיין גרויס גנאַד ארויסנעמען פון דאַנען. מבשרי אחזה, איך האָב עס פיל־מאָל אליין געזעהן, אין דער צייט פון מיין אָרימקייט, ווען איך האָב גע־בלאָנדזשעט אין טיפע וועלדער, צווישען חיות־רעות, שלאַנגען און עקדישען, און איך האָב געבעטען צו איהם, און ער האָט מיט זיין גרויס גנאַד פאַר־שלאָסען זייערע מיילער, פאַרבלענדט זייערע אויגען, און זיי זענען פאַר־ביינגעלאָפען, און מיר קיין שלעכטס ניט געטאָן. דער עיקר איז אָבער, קינדער, זיך צו שטאַרקען און נישט אריינצופאַלען אין עצבות. לאָמיר זיך שטאַרקען, און גאָט וועט העלפען!"

און דער וואָלקען האָט זיך אָפּגעטאָן פון רב'ס שטערען, בעת ער האָט גערעדט, און זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען און באַשטראַלט דאָס פּנים, און זיין זילבערנע באָרד און פּיאות זענען באַגאָסען געוואָרען מיט ליכט.

און די הערצער פון אַלע וואָס זענען געווען אויף דער שיף האָבען זיך דערוואַרעמט און אויפגעלעבט, און א פונק פון האָפנונג האָט זיך אָנ־געצונדען אין זיי, און צעברענט זיך, און באַלויכטען זייערע פאַרכמורעטע פּנים'ער.

און דער נעבעל איז אוועק און דער הימעל האָט זיך אָפּגערייניגט, און די זון איז ארויס און האָט שטאַרק געלויכטען. א טיף־בלויער הימעל האָט זיך אראָפּגעלאָזט איבער דעם ים, און ער האָט פאַרבלויט דאָס פאַרגליווער־טע וואַסער און די צעבראָכענע שיפען, וואָס זענען געווען אַנגוואָרפען איינע

לעבען דער אנדערער.

און אלע זענען געבליבען שטעהן א ווײלע, געשוויגען און זיך ארומ־געקוקט.

פלוצלונג האָבען זײ דערהערט א קרעה, ווי פון א האָהן, וואָס איז אראָפּגעקומען פון איבער זײערע קעפּ, און זײ האָבען א ציטער געטאָן. און גלײך האָבען זײ געהערט א צווײטען און א דריטען.

און געוואוסט האָבען זײ, אז אויף דער שיף איז נישטאָ קײן לע־בעדיג באַשעפעניש אויסער זײ. האָבען זײ געווינקט מיט זײערע קעפּ און געקוקט אין אלע זײטען.

און ווײטער האָט זיך דערהערט א קרעה און א הילכיג געלעכטער איז נאָכגעקומען. און זײ האָבען אויפגעהויבען זײערע אויגען און דער־זעהן, ווי יאָסעלע זיצט אויף דעם העכסטען מאסטבוים, און קרעהט אראָפּ און לאכט הויך אויפ'ן קול.

א גרויל איז זײ דורכגעגאנגען די לײבער, שטילערהײט האָבען זײ גענומען אויס'בטל'ן אלע בײזע חלומות צו איהם. א שמײכעל האָט זיך אָבער ארויסגעריסען און באוויזען אויף זײערע ליפּען.

און דער רב האָט ווידער געזאָגט צו זײ :

— זעהט ווי דער רבונו־של־עולם איז מקדים די רפואה פאַר דער מכה! וואָס וואָלטען מיר איצט געקאָנט טאָן, אז אונזערע הענט זענען נישט געוואוינט צו קײן שווערע ארבײט, און קלעטערען קענען מיר נישט? האָ־בען מיר דאָך געזעהן באשײנפּערליך, אז מ'האָט פון הימעל אונז נישט גע־לאָזט אוועקפאָהרען אָהן דעם יונג! ער וועט אונז מיט גאָט'ס הילף, זעהר צונוצקומען.

און אלע האָבען געהערט און געשוויגען.

דער רב האָט איבערגענומען די פיהרערשאַפט פון דער שיף אין זײנע הענט, און ער האָט אײנגעטײלט דאָס עסען און די וואסער אין אזעל־כע קלײנע פּאָרציעס, אז עס זאָל נאָר גענוג זײן צו דערהאַלטען דאָס לעבען. און ער האָט אויסגערעכענט און געפונען, אז עס וועט זײן גענוג אויף דרײ חדשים. און ער האָט צוזאמענגערופען אלע וואָס זענען געווען אויף דער שיף און האָט זײ אָנגעזאָגט, ווי זײ זאָלען זיך פיהרען, ווען זײ זאָלען עסען, און וועלכע טעג זײ זאָלען פאסטען, ווי זײ זאָלען זיך באגעהן מיט דער וואסער, וכדומה.

די שליסלען האָט ער שטענדיג געהאַלטען ביי זיך, האָט זיי נישט אָנגעטרויט קיינעם, וואָרים ער האָט זיך אַזוי געטראַכט: הונגער איז זעהר א שטאַרקער נסיון און מ'דאַרף זיין זעהר א גרויסער גבור איהם בייצושטיין, און דאָ האָט זיך שוין אַריינגעכאַפּט דער וואָרים פון יאוש אין פיל הערצער, און ער נאַגט און פרעסט דאָרט.

און זיי האָבען אָנגעהויבען פאַסטען תעניתים, און די טעג ווען זיי האָבען נישט געפאַסט, האָבען זיי זיך באַגנוגענט מיט די קליינע פּאָרציעס, וואָס דער רב האָט זיי אַליין אויסגעטיילט. און זיי זענען אַרומגעגאַנגען הונגעריגע, און האָבען געשוויגען.

איינמאָל איז דער רב אַריינגעקומען אין דעם אוצר פון שפּייז, און ער האָט דערזעהן, אַז די שפּייז איז געוואָרען שטאַרק געמינערט, און זי האַלט זיך שוין ביים ענדיגען. האָט ער פאַרשטאַנען ווער עס איז דאָרטען געווען, און עס איז איהם געוואָרען זעהר טרויעריג אויפ'ן האַרצען.

און ער האָט פאַרגרעסערט די צאָל פון תעניתים און פאַרקלענערט די פּאָרציעס.

און אַלע זענען אַרומגעגאַנגען אויף דער שיף און געמורמעלט. ווי די שאָטענס זענען זיי אַרומגעגאַנגען, זייערע פּנים זענען ווי אונטערגעהאַקט געוואָרען, און זייערע אויגען אויסגעלאָשען; אין זייערע הערצער האָט גענומען אָפּשטאַרבען יעדער באַגעהר צו ראַנגלען זיך מיט'ן לעבען, און זיי זענען ווי אַנטקעגענגעגאַנגען דעם טויט.

איינמאָל אין זעהר א שענעם טאָג, ווען די זון האָט געשיינט העלער ווי שטענדיג, און דער הימעל איז געווען בלויער און טיפער, האָבען זיי דערפיהלט א קיהל ווינטעל, וואָס האָט אָנגעהויבען צו בלאָזען פון מערב זייט. דאָס ווינטעל האָט זיך צו זיי צוגעטוליעט, געגלעט זייערע פאַרכמורעטע פּנים'ער, געעפענט זייערע האַלב־פאַרמאַכטע אויגען, אַריינגעבלאָזען א ריח פון זעהר שמעקענדיגע פּירות און טייערע בשמים אין זייערע נאָזלעכער.

האָבען זיי אַלע אויפגעהויבען זייערע אויגען , און זיך אָנגעהויבען אַרומצוקוקען.

און זיי האָבען געזעהן ווי דער גאַנצער ים אַרום און אַרום איז פאַרזייהט מיט אַלטע, צעבראָכענע שיפען, און די שיפען ליגען אָנגעוואָרפען זעהר נאָהנט איינער לעבען דער אַנדערער, ווי דער ים וואָלט זיך איינגע־

שרומפּען און זיי דערנעהנטערט. נאָר איין שפּאַן צווישען איינער און דער אנדערער, א שמאָל פּאסיקעל פון בלויליך־גרינער פארגליווערטער וואַסער, און ווייט־ווייט, אין מערב־זייט, הויבט זיך אויף ווי א בלויליכע וואנט באשפּרענקעלט מיט גאָלד.

און אלע זענען געשטאנען און האָבען געקוקט, און נישט געקאָנט אָפּרייסען זייערע אויגען פון דער זעהעניש.

און דער רב האָט צוגערופען יאָסעלע'ן און האָט געזאָגט צו איהם:

— קלעטער ארויף אויף דעם העכסטען מאסטבוים און קוק זיך גוט איין אין דעם אָרט, וועלכען איך ווייז דיר דאָ, און קום אראָפּ און זאָג מיר וואָס דו זעהסט!

און יאָסעלע האָט געטאָן ווי דער רב האָט איהם געהייסען, און ער האָט אראָפּגעקלעטערט און אויסגעשריגען:

— בערג, בערג, הויכע בערג, הויכע, באוואקסענע!

א ציטער פון פרייד איז דורכגעגאנגען אלע לייבער.

און די אויגען זענען ליכטיגער געוואָרען, און זיי האָבען דערזעהן די בערג, וואָס זענען געווען באדעקט מיט א בלויען טוי, און האָבען זיך אריינגעשניטען אין די טיפע הימלען און פארפאלען געוואָרען אין זיי.

און דער רב האָט צוגערופען יאָסעלע'ן און געזאָגט צו איהם אזוי:

— נעם מיט דיר שטריק און ברעטלעך און מאך דיר בריקלעך און הויב אָן צו קריכען פון שיף צו שיף, און זעה צוצוקומען צום בארג און ארויפצוקלעטערען אויף איהם, און זעהן, אויב מ'קען דאָרט געפינען עפּעס, מיט וואָס צו דערהאלטען דאָס לעבען.

און יאָסעלע האָט געטאָן ווי דער רב האָט געהייסען.

ט.

פון שיף צו שיף איז יאַסעלע געקראָכען, געשפּרונגען און געקלע־טערט אויף אַלע פיר, און ער האָט נישט געפעהלט אויף קיין האָר. ער האָט זיך אויף קיין זאך נישט אומגעקוקט, און אפילו נישט געזעהן דעם פאר־גליווערטען תהום, וואָס האָט זיך געהאַלטען אין איין עפענען אונטער איהם. ער האָט זיך געמאַכט א וועג, און איז צוגעקומען ביז צו דער לעצטער שיף, וואָס איז געלעגען ביי די שפּיציגע פעלזען, וועלכע זענען געווען אַנגעוואָר־פען צופוסענס פון בארג.

און דער בארג איז געווען זעהר א הויכער און א באַבוימטער, מיט טיפע פאַלדען, וואָס האָבען איהם דאָ און דאָרט צעטיילט אין עטליכע בערג, מיט באַזונדערע קעפּ אויפגעהויבענע קעגען הימעל. און געשטאַנען איז דער בארג כמעט ווי א גלייכע וואַנט, נאָר האָרבען און הויקערס פון ווייך־ברעקעלדיגען פעלז האָבען ארויסגעשטעקט פון אַלע זייטען. טיפע שני־טען און קריצען זענען דורכגעלאָפען דעם בארג, אין דער לענג און אין דער ברייט, און פון זיי האָבען זיך ארויסגעהויבען הויכע צעדערבוימער. דאָ און דאָרט זענען זיך צענויפגעקומען צוויי פאַלדען פון בארג, און געשטעלט זיך איינער אנטקעגען דעם אנדערען, דער מיט פעלזען וואָס האָבען געהאַט משונה'דיגע געשטאַלטען און זענען געהאנגען ווי אויף א נס, און יענער מיט אויפגעריסענע לעכער און פארשידענגעשטאַלטיגע קריצען, וואָס האָ־בען אויסגעזעהן ווי אָפענע מיילער, גרייט צוריק אריינצושלינגען דאָס, וואָס איז פון זיי ארויסגעריסען געוואָרען.

יאַסעלע האָט זיך איינגעגראָבען אין דעם בארג מיט זיינע ווילדע נעגעל און גרויסע ציינער; ער איז אריין אין זיינע קריצען און ארויף און אָנגעכאַפּט זיך אָן זיינע בוימער; ער האָט זיך ארויפגעכאַפּט אויף זיינע האָרבען און איז געריטען אויף זיינע פעלזען, און געקלעטערט, ווי א ווילדע קאַץ, און איז ארויף ביז צום שפּיץ פון בארג.

און ער האָט דערזעהן א ברייטען פּלוין, באַוואַקסען מיט צווייגענ־האַפטיגע פרוכטבוימער, און אויסגעבעט מיט א ליכטיג־גרין גראָז. צווי־שען די בוימער זענען דורכגעלאָפען קריסטאַל־קלאָרע טייכלעך פון שמע־קעדיג וואַסער, און עס האָבען זיך געריזעלט בורשטינענע קוועלכעלעך פון טייערען בוימעל. אויף די צווייגען פון די בוימער, צווישען אַלערהאַנט גרינע בלעטער, זענען געזעסען טייערע שפּילפויגעל, מיט כל־המינים קאָ־

לירען, און האָבען געזונגען. פאַרשידענע שמעקעדיגע פּירות זענען אראָפּ־געהאנגען פון צווייגען, וואָס האָבען זיך געבויגען צו דער ערד אונטער זייער לאסט.

און יאָסעלע האָט אָפּגעריסען פון די גרויסע רויטע עפּעל, האָט זיך אָנגעגעסען וויפיל ער האָט נאָר געקאָנט, און איז צוגעלאָפען צו איינעם פון די קלאָרע טייכלעך און זיך אָנגעטרונקען מיט די שמעקעדיגע וואסער. ער האָט זיך אויסגעצויגען אויף דעם ווייכען גראָז, און געקוקט אויף די זיל־בערנע און גאָלדענע פישעלעך, וואָס זענען ארומגעשוואומען אין דעם הימעל־בלויען וואסער. ער איז געלעגען און האָט געקוקט ביז ער איז איינגע־שלאָפען.

און ווען ער האָט זיך אויפגעכאפּט האָט ער זיך ווייטער אָנגעגעסען מיט די טייערע פּירות, אָנגעטרונקען מיט דער זיסער וואסער און די טייערע בוימלען, וויפיל ער האָט נאָר געקאָנט. און ער האָט זיך אָפּגעבאָדען אין איינעם פון די שמעקעדיגע טייכלעך און זיך אויסגעקאַלערט אין דעם סאַ־מעט ווייכען גראָז. ער האָט אָנגעריסען פון די פּירות און מיטגענומען ווי־פיל עס האָט נאָר געקאָנט אריין אין זיינע גרויסע קעשענעס, און איז צו־ריקגעגאַנגען צו דער שיף.

און ווען ער איז ארויפגעקומען אויף דער שיף, האָבען איהם אלע ארומגערינגעלט מיט פארוואונדערטע אויגען, וואָרים זיי האָבען גאָרנישט געגלויבט, ער זאָל נאָך קומען צוריק. און זיי האָבען דערפיהלט פון איהם זעהר א גוטען ריח, ווי דער ריח פון פעלד וואָס גאָט האָט געבענשט.

און דער רב האָט צו איהם געזאָגט:

— יאָסעלע, מיין קינד, דערצייל אונז, וואו דו ביסט געווען און וואָס דו האָסט דאָרט געזעהן.

און יאָסעלע האָט דערציילט וועגען אלץ, וואָס ער האָט געזעהן דאָרט מיט א ווילד צופרידען קול. ער האָט זיך באלעקט און דערציילט, אז ער האָט דאָרט געגעסען טייערע פּירות, און געטרונקען גוטע בוימלען און שמעקעדיגע וואסערען, און געבאָדען זיך אין זיי.

און אלע האָבען געהערט און געשוויגען, און טייל פון די בחורים האָבען געצויגען מיט די אקסלען.

און ווען ער האָט געענדיגט דערציילען, האָט ער ארויסגענומען פון די קעשענעס די פּירות, וואָס ער האָט מיטגעבראכט, און זיי געגעבען

דעם רב.

און דער רב האָט אויפגעהויבען זיינע הענט צום הימעל און גע־דאנקט השם־יתברך פאר זיין גרויסען חסד. דערנאָך האָט ער צעטיילט די פּירות צווישען אלע, וואָס זענען דאָרט געווען. און אלע האָבען געגעסען די פּירות, און זייערע אויגען האָבען אויפגעלויכטען, און זייערע הערצער האָבען זיך דערקוויקט.

און דער רב האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים:

— לאָמיר דאנקען און לויבען השם־יתברך, וואָס האָט אונז גע־בראכט אהער, און מזכה געווען צו עסען פון די פּירות פון גן־עדן־התחתון. געלויבט זאָל זיין־ליבער־נאָמען זיין דערפאר, וואָס ער האָט מיט אונז מיט־געשיקט יאָסעלע'ן, און ער האָט געהיט זיינע פיס, זיי זאָלען נישט געשטרו־כעלט ווערען.

און אלע האָבען געהערט, און זיך געוואונדערט.

טיף אין הארצען האָבען זיי געטראכט:

— נישט אנדערש, נאָר די צדקות פון רב האָט איהם געפיהרט, און געהיט זיינע טריט.

דער רב האָט אָבער גאנץ גוט געוואוסט, אז נישט זיין צדקות, נייערט, דער זכות פון דעם צדיק, דער מכנים־אורח, שטעהט זיין זוהן ביי.

דער רב האָט געהייסען און מ'האָט אויפגענעהט פאר יאָסעלע'ן צוויי גרויסע טאָרבעס מיט אן אויסגעשניטעם האלז, ער זאָל זיי קענען טראָגען פון הינטען און פון פאָרענט, און צוויי לאָגלען האָט מען אויפגע־זוכט, און זיי צוגעהעפט אין יידע זייטען פון די טאָרבעס.

און ער האָט צוגערופען יאָסעלען און געזאָגט אזוי:

— יעדען טאָג וועסטו אויפשטעהן פריה, און דו וועסט אָנטאָן די טאָרבעס און די לאָגלען, און וועסט ארויפגעהן אויף דעם בארג. דאָרט זאָלסטו זיך גוט אָנעסען מיט די פּירות און אָנטרינקען מיט דער וואסער. דערנאָך זאָלסטו אָנרייסען פולע טאָרבעס מיט פּירות און אָנפילען די לאָג־לען, איינס מיט וואסער, און איינס מיט בוימעל, און ברענגען צו אונז, און מיר וועלען עסען און טרינקען און נישט שטארבען.

און יאָסעלע האָט געטאָן ווי דער רב האָט איהם געהייסען.

א צייט איז אזוי דורך. יאָסעלע פלעגט טאָג־טעגליך געהן און ברענגען פּירות, וואסער און בוימעל, און שפּייזען אלע וואָס זענען געווען

אויף דער שיף. ער פלעגט אויך געהן פון שיף צו שיף, און ארויסנעמען אלע טייערע זאכען און דאָס גאָלד און זילבער וואָס האָט זיך געפונען אין זיי, און אריבערגעטראָגען אויף זייער שיף, ווי דער רב האָט איהם געהייסען אזוי האָט ער געטאָן און נישט פארפעהלט קיין האָר.

און אלע האָבען געגעסען און געטרונקען און געלערנט ווי אמאָל, געדאנקט השם־יתברך פאר זיין חסד, און געבעטען צו איהם, ער זאָל זיי ארויסנעמען פון געפענגעניש, און זיי צוריקברענגען, יעדען איינעם צו זיין היים.

איינמאָל האָט דער רב געזאָגט צו יאָסעלע׳ן:

— געה און ברענג פירות און וואסער אויף עטליכע טעג; נעם וויפיל דו וועסט נאָר קענען פארטראָגען. עטליכע מאָל זאָלסטו געהן און ברענגען, ביז וואנען עס וועט זיין גענוג.

און יאָסעלע האָט געטאָן ווי דער רב האָט איהם געהייסען.

און דער רב האָט דערנאָך יאָסעלע׳ן אוועקגעשיקט און ער האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך ארומקוקען רעכטס און לינקס און דורכגעהן דעם בארג, אין דער לענג און אין דער ברייט, אין דער הויך און אין דער טיף, און קומען און זאָגען איהם, וואָס ער וועט דאָרט זעהן.

און יאָסעלע האָט זיך ארומגעקוקט און ער האָט געזעהן, ווי דער הימעל רוהט אויף די אקסלען פון הויכע בערג, וואָס הויבען זיך איינער איבער דעם אנדערען. און באזילבערט זענען די קרוינען פון איניגע פון די בערג, און אנדערע זענען באגילט, און גאָר אנדערע זענען באדעקט מיט קרישטאָל און פעדים פון פייער טאנצען ארום אין זיי און לייכטען. און ער איז געגאנגען אזוי ווייט, ביז ער איז צוגעקומען נאָהנט פון די הויכע בערג מיט דעם אומבאפלעקטען שניי און אייביגען אייז. נאָר דאָרט האָט ער דערזעהן אן אייזערנע וואנט, וואָס האָט איהם פארשטעלט דעם וועג. די וואנט איז נישט געווען זעהר קיין הויכע, און פארשידענע קריצען זענען געווען אין איהר אין גלייכע שורות. האָט ער געפרואווט זיך איינגראָבען מיט זיינע שארפע נעגעל אין די קריצען, און ארויפקלעטערען, האָט ער אָבער נישט געקאָנט. האָט ער זיך גוט איינגעקוקט און דערזעהן, אז די קריצען זענען אותיות, ווי די אותיות, וואָס מ׳האָט איהם געלערנט און ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיי אויסלערנען. איז ער צוריקגעגאנגען, און האָט דערציילט דעם רב, וואָס ער האָט געזעהן.

האָט דער רב פארשטאַנען מיט זיין חכמה, אז דאָרט איז אָנגע־שריבען עפּעס א סגולה, ווי ארויסצוקומען פון דעם אָרט, און ער האָט גענו־מען קלערען, ווי מען דערגעהט וואָס דאָרט איז אָנגעשריבען; און ער איז ארומגעגאַנגען דריי טעג און האָט געקלעהרט.

אויפ'ן פירטען טאָג האָט ער צוגערופען יאָסעלע'ן און איהם גע־געבען זעהר פיל וואקס, און ער האָט געזאָגט צו איהם אזוי :

— דעם וואקס זאָלסטו נעמען און זאָלסט איהם גוט אויסקנייטען און ארויפקלעפּען אויף די אותיות, יעדע שורה באזונדער, פאמעליך איהם אראָפּשיילען, און ברענגען צו מיר. געדענק, דו זאָלסט נישט צעברעכען דעם וואקס און זאָלסט נישט פארפעהלען קיין איינציג וואָרט פון אלעם, וואָס איך זאָג דיר דאָ אָן.

און יאָסעלע איז געגאנגען, און ער האָט געטאָן ווי דער רב האָט איהם אָנגעזאָגט.

און דער רב האָט איבערגעלייענט דעם וואקס, און ער האָט גע־וואוסט, וואָס ער דארף טאָן, וויפיל תעניתים מ'דארף פאסטען, וועלכע תפילות, מ'דארף זאָגען, די צירופים, וואָס מ'דארף מאכען און די כוונות וואָס מ'זאָל מבוין זיין — אלץ וואָס מ'דארף דאָרט מתקן זיין; און אז ווען זיי וועלען אלצדינג פאריכטען, וועט זיך פּלוצלונג אויפהויבען א שטארקער ווינט, און ער וועט ארויסרייסען אלע שיפען פון ים־הקרוש, און וועט זיי ברענגען בשלום צו זייער לאנד.

י.

דער רב האָט גענומען מסדר זיין די תעניתים און תפילות, מתקן זיין אַלץ וואָס מ'האָט געדאַרפט, ווי עס איז געווען אויסגעקריצט אויף דער וואַנט.

און ער האָט פאַרזאַמעלט אַלע תלמידים און געזאָגט צו זיי אַזוי:

— מיינע קינדער! גאָט ברוך־הוא האָט צוגעהערט אונזער תפילה און צוגעשיקט אונז זיין הילף. מיר זענען עס אודאי נישט ווערט, נייערט, ער טוט עס מיט זיין גרויס גנאַד. גרייט זיך צו און הייליגט אייך, וואָרים גאָט איז מיט אונז, און זיין הילף איז נאָהנט. אַז גוט און וואויל איז די־דאָזיגע וואָס האָפען צו איהם.

און די תלמידים האָבען געענטפערט מיט גרויס שמחה:

— רבי, מיר ווילען טאָן אַלצדינג, וואָס איהר וועט הייסען.

און זיי האָבען געפאַסט און מתפלל געווען, ווי דער רב האָט זיי אָנגעזאָגט.

איין יאָסעלע האָט נישט געוואָלט וויסען פון קיין זאַך, און איז ווייטער געגאַנגען איבער די שיפען און אויפ'ן באַרג, אַרומגעקריגט זיך, ווען ער איז געווען אויף דער שיף, און זיי מבלבל געווען אין זייערע תפילות, ווי זיין שטייגער.

און דער רב האָט געזאָגט צו איהם אַזוי:

— יאָסעלע, געה און טראָג אָן וויפיל פּירות עס ווילען נאָר קענען אַריין אין שיף; ברענג וואַסער וויפיל דו וועסט נאָר קענען, וואָרים מיר דאַרפען זיך צוגרייטען אויף אַ לאַנגער צייט, ביז מיר ווילען קומען, מ'ש גאָט'ס גנאַד צו אַ ישוב.

און יאָסעלע האָט געטאָן, ווי דער רב האָט איהם געהייסען, און ער איז געגאַנגען מיט גרויס חשק, יעדען טאָג עטליכע מאָל פון שיף צום באַרג און פון באַרג צום שיף, און געבראַכט פּירות, וואַסער און בוימעל. ער איז גאַנגען און אונטערגעטאַנצט, געמאַכט כל המינים קונצען. ער איז גע־שפּרונגען פון שיף צו שיף, ווי עס שפּרינגט אַ קינד אויפ'ן גלייכען וועג. פון באַרג אין דער לעצטער שיף אַריין, פלעגט ער אַריינשפּרינגען הינטער־ווייַלעכטס מיט אַן אויסגעשריי.

און פּלוצלונג האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ שטאַרקער שטורמווינט, און ער האָט צעבלאָזען די פאַרגליווערטע וואַסערען און אַרויסגעריסען די שיף

און אַרויפגעיאָגט זי אויף דעם ים־הצלול, און איבערגעגעבן זי אין די הענט פון אַ גוטען און מילדען ווינט, ער זאָל זי פיהרען צו זייער לאַנד.

אַ צייט זענען אַלע געווען ווי צעמישטע פון גרויס שמחה, און זיי האָבען קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדען. דערנאָך האָט זיך דער רב אַרומגעקוקט און דערזעהן, אַז יאָסעלע איז נישטאָ. ער האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען און צו קלאָגען, און ער האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטען.

און אַלע וואָס זענען געווען אין דער שיף האָבען מיטגעוויינט מיט דעם רב, וואָרים עס האָט זיי שטאַרק וועה געטאָן דאָס הארץ אויף דעם יונג, וואָס האָט זיי אַרויסגעראַטעוועט אין זייער נויט.

און יאָסעלע האָט נישט געוואוסט פון קיין זאַך, און ער איז אַרומ־געשפרונגען אויפ'ן באַרג, אַרומגעטאַנצט און געווען שטאַרק פרעהליך. ער האָט גענומען אַראָפּגעהן, ווי זיין שטייגער איז געווען, און איז צוגעקומען ביז צו די פעלזען, צופיסענס פון באַרג, און איז אַראָפּגעשפּרונגען הינטער־ווייל׳עכטס.

און ער האָט פּלוצלונג דערפיהלט, ווי ער זינקט און ווערט אַריינגע־קלעפּט אין דער צורודערטער פאַרגליווערונג, און ער האָט זיך שטאַרק דער־שראָקען און אָנגעהויבען זיך צו ראַנגלען און רייסען מיט אַלע כחות.

און ער האָט דערזעהן ווי דער ים איז פריי, אָהן איין שיף, און זיין הארץ איז אין איהם צעבראָכען געוואָרען, און ער האָט זעהר מורא געהאַט, און ער האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין און אויסגעשריגען מיט גרויס פּחד:

— אוי, טאַטע פאָטער, העלף!

און דאָס איז געווען, דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען, וואָס ער האָט געוויינט און גערופען צו הילף.

אַ געשטאַלט פון אַ גרייז האָט זיך באַוויזען צו איהם אויפ'ן ים, אָנגעטאָן אין שניי־ווייסע תכריכים און טלית, און אויפ'ן קאָפּ אַ קרוין פון ליכטיקייט; צוויי ווייסע פליגעל זענען געווען באַהאַפטען צו זיין טלית; זיין פנים האָט געלויכטען און ער האָט געשמייכעלט און געזאָגט:

„וויין נישט מיין קינד, און האָב נישט קיין מורא! האָסט מיך גע־רופען, און איך בין דיר געקומען העלפען. אויף דער מינוט האָב איך די גאַנצע יאָהרען געוואַרט. איך האָב שטענדיג אַרומגעשוועבט אַרום דיר,

געוואָלט אריינדרינגען אין דיין הארץ, און איך האָב נישט געקאָנט, וואָרים פארשלאָסען איז דיין הארץ געווען און פארזיגעלט, און קיין זאך האָט נישט געקאָנט אריינדרינגען אהין. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס דיין הארץ איז צעבראָכען געוואָרען, און די פארשטייפקייט האָט זיך דערפון אָפּגעטאָן. קום, מיין קינד, און איך וועל דיר אויסלערנען די גאנצע תורה, מיט איהרע אלע סודות, איך וועל עפענען דיינע אויגען, און דערנאָך וועל איך דיך צוריקברענגען צו דער שיף, און דו וועסט קומען מיט אלע גלייך צום גרוי־סען צדיק, צום רב'ס ברודער. דאָרט וועסטו געפינען דיין באשערטע. דער צדיק וועט דיך דערקענען, און זיין טאָכטער וועט ער דיר געבען פאר א ווייב. געדענק אָבער, אז קיינער טאָר נישט וויסען וואָס מיט דיר האָט זיך געטראָפען, ביז נאָך דיין חופה. פיהר זיך ווי דו האָסט זיך געפיהרט ביזהער, און דיין ווילדקייט וועט זיין פאר דיר א גוטער שלייער, צו פאר־דעקען דעם פּלוצלונגען בייט וואָס איז אין דיר פאָרגעקומען. ביז איצט בין איך געווען, צוליב דיר, אין גן־עדן־התחתון, דאָרט וועל איך זיין ביז נאָך דיין חופה, און דעמאָלט וועל איך ארויף אין מיין ריכטיגען אָרט, אין גן־עדן־העליון. אז גוט און וואויל איז מיר, וואָס איך האָב זוכה געווי'ען דערצו!"

און דער פאָטער האָט גענומען יאָסעלע'ן אויף זיינע פליגעל, און געבראכט איהם אין היכל־האגוז, דאָרט האָט מען איהם אויסגעלערנט כל התורה כולה און אלע איהרע סודות.

שפּעט ביינאכט, ווען אלע זענען געשלאָפען אויף דער שיף, האָט דער טויטער צדיק געבראכט יאָסעלע'ן אהין און האָט איהם נאָכאמאָל אָנ־געזאָגט, אז ער זאָל זיך היטען, און נישט אויסגעבען דעם סוד ביז נאָך דער חופּה, ווען מ'וועט איהם אויפרופען צו דער דרשה; און ער האָט איהם געבענשט, און איז פארשוואונדען.

אינדערפריה, ווען דער רב האָט דערזעהן יאָסעלע'ן, האָט ער זיך שטארק דערפרעהט, און האָט אָפּגעגעבען א דאנק און א לויב צו השם־יתברך. ער האָט איהם געפרעגט, ווער עס האָט איהם געבראכט, און וואָס מיט איהם איז געשעהן, און יאָסעלע האָט זיך ארויסגעדרעהט און נישט געענטפערט. ער איז באלד באפאלען די בחורים, געזידעלט זיי און גע־שאָלטען דערפאר, וואָס זיי האָבען איהם איבערגעלאָזט דאָרט און אוועק אָהן איהם, און זיי האָבען פארגעסען, אז ווען נישט ער, וואָלטען זיי געווען

אויסגעגאַנגען פאַר הונגער און דורשט. ער האָט געשריגען און געליאַרעמט און דער רב האָט איהם קוים איינגעשטילט.

און דער ווינט האָט געבלאָזען און געבראַכט די שיף אין א קורצער צייט קיין דאַנציג. דער רב האָט געהייסען, און מ'האָט פאַראַנקערט די שיף אין פּאָרט. און מען האָט געדונגען פיל וועגען, און מ'האָט אויסגע־לאָדען אלץ וואָס איז געווען אין דער שיף, דאָס גאַנצע עשירות פון אלע פאַריאָגטע שיפען, און מ'איז געפאָהרען צום רב'ס ברודער, און מ'איז גע־קומען אהין.

און דער ברודער און זיין גאַנץ הויזגעזינד האָבען זיך דערפרעהט מיט זיי, און געדאַנקט גאָט פאַר די נסים, וואָס ער האָט געטאָן מיט זיי, און די גאַנצע שטאָט איז זיך אַנגעקומען און מיטגעפרעהט מיט זיי.

און דער ברודער האָט זיך אָנגערופען צום רב אין דער שטיל, און ער האָט געזאָגט:

— איך זעה מיט רוח־הקודש, אז דער חתן פון מיין טאָכטער איז פאַראַן מיט דיר, ווייל איך קודם־כל זעהן, און וויסען ווער ער איז, לכן פיהר דורך אלע בחורים פון דיין ישיבה פאַר מיר, און לאָמיך זיי זעהן.

האָט דער רב אויסגעקליבען דעם בעסטען בחור פון דער ישיבה, און איהם צום ערשטען דורכגעפיהרט פאַר זיין ברודער.

האָט איהם דער ברודער אָנגעקוקט, און אוועקגעדרעהט זיין קאָפּ פון איהם און געשוויגען.

האָט דער רב דורכגעפיהרט א צווייטען און א דריטען, און דער צדיק האָט ווייטער געטאָן דאָסזעלביגע. אזוי האָט ער דורכגעפיהרט אלע, און קיינער פון זיי איז דעם ברודער ניט געפעהלען. האָט דער רב געהאַט זעהר פיל חולשת־הדעת דערפון.

און דער ברודער האָט געזאָגט צו איהם:

איך זעה דאָך, אז מיין טאָכטער'ס זיווג איז מיט דיר געקומען, אפשר איז נאָך עמיצער פאַראַן, און איך האָב איהם נישט געזעהן?

— האָט דער רב א שאָקעל געטאָן זיין קאָפּ מיט גרויס צער, און געענטפערט:

— יאָ, געבליבען איינער, ער איז אָבער נעבעך א פּרא־אָדם און א חסר־דעה, און פון הימעל היט מען איהם, און מ'טוט מיט איהם גרויסע נסים.

און ער האָט איהם דערציילט אַלצדינג וועגען יאָסעלע'ן.

און ווי ער האָט געענדיגט דערציילען, האָט דער ברודער צו איהם געזאָגט:

— ווייז מיר איהם, איך וויל איהם אָנקוקען!

און דער רב האָט שווער אָפּגעזיפצט און געהייסען אריינרופען יאָסעלע'ן.

און ווי יאָסעלע איז אריינגעקומען, האָט איהם דער צדיק אָנגע־קוקט און דורכגענומען מיט זיין בליק, און ער האָט אויסגערופען מיט גרויס שמחה:

— זאָל די כלה אריינקומען!

און ווי די טאָכטער איז אריינגעקומען, האָט ער אויסגעשריגען:

— מזל־טוב דיר, מיין טאָכטער!

זענען אַלע געבליבען שטעהן, דערשראָקענע און צערודערטע, און האָבען נישט געקאָנט קומען צו זיך. דער רב איז געבליבען שטעהן מיט אָפענע מויל און אויגען, א דערשטוינטער.

און דער צדיק האָט געשמייכעלט און געזאָגט:

— שרעק זיך נישט, ברודער, מיין קינדס מזל איז גרויס!

און גלייך האָט מען יאָסעלע'ן אָנגעטאָן אין שיינע מלבושים און אויסגעפּוצט איהם, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ חתן. מ'האָט געשריבען תנאים און אָפּגעלעגט די חתונה אויף דריי טעג, לויט דעם פאַרלאַנג פון צדיק.

די גאַנצע צייט האָט זיך יאָסעלע געפיהרט אויף זיין שטייגער, קיין האָר נישט בעסער. אַלע זענען געווען אויסער זיך.

און עס איז געקומען דער טאָג פון דער חתונה, און יאָסעלע האָט זיך נאָך אַלץ געפיהרט ווי פריהער, דער רב האָט קוים גע'פּועל'ט ביי איהם, ער זאָל פאַסטען אין יום־החופה.

ער האָט אָבער ביי קיין פאַל נישט געקאָנט פּועל'ן ביי איהם, ער זאָל זיך לאָזען אָפּשניידען די גרויסע נעגעל.

אפילו אונטער דער חופה איז ער געשטאַנען א ווילדער.

דער רב האָט געהאַט גרויס צער דערפון, דער ברודער, דער צדיק, האָט געשמייכעלט גליקליך.

גלייך נאָך דער חופה איז דער מחותן אריינגעגאַנגען מיט יאָסע־לע'ן אין א באַזונדער חדר, און געווען מיט איהם אַליין א קורצע ווייל

און יאָסעלע איז ארויסגעקומען פון דאָרט א גאנץ אנדערער מענש, עס איז איהם גאָרנישט געווען צו דערקענען.

דער מחותן איז געזעסען, און האָט געשטראַלט, דעם רב׳ס פּנים האָט אויפגעלויכטען, און אלע זענען געוואָרען פרעהליך.

און ווען דער בדחן האָט אויסגערופען: „חתן פּתח פּיך ויאירו דבריך!" האָט זיך יאָסעלע אויפגעהויבען, א ליכטיגער און א שטראַלעוו־דיגער, מיט א פּאָר פינקעלדיגע אויגען, און האָט אויסגערופען:

„ווער עס פיהלט אין זיין הארצען א נדנוד־חטא, טאָר מיין דרשה נישט הערען!

בּיסלאַכוויין האָבען זיך פילע גענומען ארויסרוקען. דער רב האָט זיך אויך אויפגעהויבען, און האָט געוואָלט ארויסגעהן, האָט איהם יאָסעלע אָנגענומען ביי דער האנט און נישט געלאָזט.

און יאָסעלע האָט אָנגעהויבען זיין דרשה, און ער האָט מגלה געווען טיפע סודות און סתרי־תורה, וואָס קיין אויער האָט נאָך נישט געהערט; ער האָט געזאָגט מיט גרויס התלהבות, און א פייער האָט געברענט ארום איהם.

דער מחותן, און דער רב זענען געזעסען פארגאפטע, און האָבען געשלונגען יעדעס וואָרט.

די כלה האָט געלויכטען, און ארויסגעשטראַלט פון הינטער דעם פארוקטען דעקטוך.

און ווען מ׳האָט אָנגעהויבען רופען דרשה־געשאנק און מ׳האָט לפנים, בכדי נישט צו פארשעמען, אויסגערופען, חתן׳ס־צד, האָט דער רב זיך אויפגעשטעלט און האָט אויסגערופען:

— דער צדיק ר׳ אברהם ז״ל, דער אבי החתן, גיט דעם פּאָרפּאָלק דרשה־געשאנק דאָס גאנצע גאָלד און זילבער און אבנים־טובות פון אלע מארוואָרפענע שיפען.

און מ׳האָט זיך איצט אָנגעהויבען רעכט משמח זיין.

די אונטערפיהרער.

די אונטערפיהרער.

א.

דער האר"י הקדוש האָט געהאט אן איינציגע שוועסטער, וואָס איז געבליבען אונטער זיין השגחה, נאָכדעם ווי פאָטער און מוטער זענען נפטר געוואָרען. ער האָט זי דערצויגען אין זיין הויז, ווי אן אייגען קינד, און האָט זי זעהר ליב געהאט.

ווען זי איז געווען א בת־שמונה־עשרה, האָט ער זי חתונה גע־מאכט מיט א תלמיד־חכם, און געגעבען קעסט א צייט. ער האָט קיין אויג פון איהר ניט אראָפּגעלאָזט, אפילו נאָכדעם ווי זי איז אראָפּ פון קעסט און זיך אריבערגעצויגען אין אן אנדער שטאָט, געמאכט זיך א מסחר, און מצליח געווען.

קיין קינדער האָט זי, נישט פאר אונז גערעכט, נישט געהאט. עט־ליכע יאָהר זענען אריבער, און זי איז געווען אן עקרה. זי האָט פילמאָל געוויינט פאר'ן האר"י, געבעטען ער זאָל מתפלל זיין פאר איהר, זי זאָל נפקד ווערען, ער האָט איהר אָבער קיינמאָל נישט געענטפערט.

ניין יאָהר זענען אזוי אריבערגעלאָפען, און אויפ'ן צעהנטען האָט דער מאן גענומען מאכען א שמועס מיט איהר וועגען א תכלית. ער האָט איהר געזאָגט, זי זאָל פאָהרען צום ברודער און נישט אָפּטרעטען פון איהם, ביז ער וועט איהר צוזאָגען, אז זי וועט געהאָלפען ווערען.

איז זי געפאָהרען צום האר"י, און זי האָט אויסגעגאָסען פאר איהם איהר גאַנץ ביטער הארץ, געוויינט אויף איהר מזל און געגאָסען טרערען אָהן אן אויפהער.

דער האר"י האָט עס מעהר נישט געקאָנט צוקוקען, און ער האָט געזאָגט צו איהר אזוי:

— פאָהר אהיים, מיין שוועסטער! גלויב מיר, איך זאָרג פאר דיר מעהר ווי פאר זיך אליין. שווייג און האָף צום רבונו־של־עולם, און ער וועט דיר בוודאי העלפען.

און ווען זי האָט געהערט דיזאָזיגע ווערטער, איז זי אויפגעשטאַ־נען און האָט אויסגעווישט די טרערען פון איהרע אויגען, און איז געוואָרען פרעהליך, וואָרים זי האָט געזעהן, אז איהר האָפנונג איז נאָך נישט פארלוי־רען. זי האָט זיך געזעגענט מיט איהם, און איז אוועקגעפאָהרען.

עס איז אָבער ווייטער פארבייגעלאָפען א צייט, און זי איז אלץ

נישט געהאָלפען געוואָרען. דער מאן האָט נישט געשוויגען, און גענומען אָפען רעדען וועגען א גט. איהר איז זעהר ביטער געווען אויפ'ן הארצען, און דער מאן האָט נאָך געשאָטען זאלץ אויף איהרע וואונדען. האָט זי גע־זעהן, אז לענגער ווארטען קען זי נישט, און זי האָט זיך אויפגעהויבען און איז ווידער אוועק צום האר"י, מיט דער דעה נישט אוועקצופאָהרען פון איהם, ביז ער וועט איהר צוזאגען, אז זי וועט באלד געהאָלפען ווערען.

און זי איז געקומען און געפאלען איהם צו די פיס, געוויינט און גע־קלאָגט פאר איהם, און דערציילט איהם דעם מאנ'ס ווערטער. און זי איז געזעסען אין זיין הויז דריי טעג און דריי נעכט, געוויינט און נישט גע־וואָלט טועם זיין קיין זאך און נישט צומאכען קיין אויג.

דער האר"י האָט עס שוין לענגער נישט געקאָנט אריבערטראָגען, ער האָט זי אריינגערופען אין זיין חדר, און געזאָגט צו איהר:

— פאָהר אהיים, שוועסטער. דער רבונו־של־עולם וועט דיר העלפען, און דו וועסט נאָך דאָס יאָהר נפקד ווערען מיט א קינד, וואָס וועט פארשיינען א וועלט. אָבער געדענק, דו זאָלסט זיך נישט באריהמען מיט דיין קינד, און נישט רעדען וועגען זיינע מעלות. איך האָב פאר דיר גע־מוזט מטריח זיין פמליה־של־מעלה און ארויסנעמען פון אוצר פון די נשמות, פון אונטער דעם כסא־הכבוד, זעהר א גרויסע נשמה. דו זאָלסט וויסען, אז פארבאָרגען און פארהוילען מוזען זיין די וועגען פון דערדאָזיגער נשמה, און קיינער טאָר נישט וויסען פון איהר גרויסקייט, ביז די צייט וועט קומען. געדענק, איך האָב דיר אָנגעזאָגט! וויבאלד דו וועסט מיך חלילה נישט פאָלגען, וועסטו גרויס חרטה האָבען, און איך וועל דיר נישט קענען העלפען.

האָט זי אויפגעהויבען איהרע אויגען, און אויסגעווישט די טרערען, און געדאנקט גאָט מיט גרויס שמחה. און זי האָט געענטפערט און גע־זאָגט:

— אלצדינג וואָס דו וועסט מיר זאָגען וועל איך פאָלגען.

און זי איז אהיימגעפאָהרען מיט גרויס שמחה, און אָנגעקומען בשלום. און גאָט האָט איהר געהאָלפען, און זי איז אין דעמזעלבען יאָהר נפקד געוואָרען מיט א בן־זכר, וואָס די שכינה האָט אראָפגעשיינט פון זיין פנים.

און זי האָט אָנגעזאָגט איהר מאן, אלצדינג וואָס איהר ברודער, דער האר"י, האָט איהר געזאָגט, און געווארענט איהם, ער זאָל חלילה נישט לויי־

בען און ריהמען דאָס קינד, און נישט ארויסטראָגען אין גאס זיינע מעלות.

און גאָט איז געווען מיט דעם קינד און עס איז געוואַקסען, און די מעלות זענען מיטגעוואַקסען מיט איהם.

אין חדר געגאנגען, און אריבערגעיאָגט אלע קינדער. נאָך קיין פינף יאָהר נישט אלט געווען, און שוין קלאָר געווען אין חומש און רש״י און געלערנט גמרא. די מלמדים האָבען זיך פון דעם קינד נישט געקאָנט אָפּלויבען; די גאנצע שטאָדט האָט גערעדט וועגען איהם. די איינציגע זענען געווען פאָטער און מוטער, וואָס האָבען זיין לויב אויף זייערע ליפּען נישט ארויפגעבראכט.

איינמאָל איז דער פאָטער געזעסען צווישען מענשען און האָט געהערט ווי מ׳רעדט וועגען קינדער; יעדער איינער האָט דערציילט די חכמה און מעלות פון זיינע קינדער, און באריהמט זיך מיט זיי. ער איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט געשוויגען. האָבען זיי גענומען רעדען צו איהם, צושטעהן, ער זאָל זיי עפּעס דערציילען פון דער חכמה פון זיין זוהן, וואָס שׁם׳ט אזוי איבער דער גאנצער שטאָט, און ער האָט געשוויגען. האָבען זיי איהם גענומען ציהען ביי דער צונג, פרעגען פארוואָס ער שווייגט און גיט נישט אָפּ קיין לויב צום באשעפער, וואָס האָט איהם גע־האָלפען מיט אזא טייער קינד. זיי האָבען איהם גע׳מוסר׳ט דערויף, וואָס ער איז נישט צופרידען מיט גאָט ברוך־הוא׳ס מתנה, און דענקט, אז עס איז קארג פאר איהם. זיי האָבען אזוי א צייט אריינגערעדט אין איהם, געלויבט זיין זוהן און אויסגערעכענט פיל פון זיינע מעלות.

זיין פּנים האָט אויפגעשטראלט פון צופרידענקייט, און ער האָט זיך ארויסגעכאפּט מיט די ווערטער:

— איך ווייס, אז מיין קינד איז, ברוך־השם, דאָס גרעסטענסטע אין דער גאנצער סביבה, אָבער וואָס טויג צו רעדען דערפון!

ער האָט נאָר די ווערטער ארויסגערעדט פון זיין מויל, און דאָס קינד איז געבליבען זיצען אין חדר א טויבער. דער רבי האָט פּלוצלונג באמערקט, אז ער רעדט צו איהם, און יענער ענטפערט נישט, און ער האָט זיך ארומגעקוקט און דערשראָקען. עס איז געוואָרען א גוואלד, און די מוטער איז געקומען צולויפען, און האָט איהם אהיימגענומען מיט גרויס יללה. זי האָט געוויינט אויף איהר מאן, וואָס האָט געבראכט אזא צרה אויפ׳ן קינד. דער מאן איז געשטאנען, און ער האָט געקלאפּט קאָפּ אין

וואנט, געריסען זיך די האָהר און געוויינט. ער האָט גרויס חרטה געהאַט, דערויף וואָס ער איז נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון.

נאָך עטליכע טעג פון חרטה, געוויין און תשובה, האָבען זיי זיך אויפגעהויבען, גענומען דאָס טויבע קינד און געפאָהרען צום האר״י. דאָרט האָט זי גענומען וויינען, ארבייטען און פארפיהרען, מרעיש עולם זיין, און דער האר״י האָט גאָרנישט גענטפערט.

האָט דער מאַן זיך אוועקגעשטעלט אין איין ווינקעלע וויינען און רייסען די האָר פון קאָפּ, און זי האָט זיך אוועקגעזעצט אין דעם צווייטען ווינקעלע, מיט דעם קינד אין איהר שויס, און געוויינט הויך אויפ׳ן קול, מיט א צעבראָכען הארץ. און זייער געוויין איז געווען אזוי שטארק, אז עס האָט דערוועקט א יללה צווישען אלע, וואָס זענען דאָרט געווען, און זיי האָבען מיטגעוויינט.

און דער האר״י איז פּלוצלונג ארויסגעקומען, און ער האָט צוגע־נומען דאָס קינד פון איהר, און איז אריינגעגאַנגען און פארשלאָסען זיך מיט איהם אין א באַזונדער חדר. אז עס איז דורך א שטיקל צייט, האָט ער אריינגערופען זיין שוועסטער און איהר מאַן, און ער האָט צו זיי געזאָגט:

— אָט איז דאָס קינד, געזונט און פריש. דאָסמאָל, האָב איך נאָך געקאָנט עפּעס פועל׳ן. געדענקט אָבער, אויב איהר וועט נאָכאמאָל נישט קענען ביישטעהן דעם נסיון, און וועט ווייטער לויבען און ריהמען דאָס קינד, וועל איך שוין גאָרנישט קענען העלפען. און כדי די שטאָט זאָל אויפהערען רעדען וועגען זיינע מעלות, וועט ער ווערען, לפנים, זעהר א גרויסער שטיפער, א ווילדער. איהר זאָלט איהם אָפּנעמען פון חדר, און אליין לערנען מיט איהם אין דערהיים. אייך זאָלען נישט שרעקען זיינע ווילדע שטיק, וואָרים זיי וועלען זיין ווי א מסוה, א פאָרהאַנג, צו פאר־שטעלען איהם פאר די בייזע אויגען פון מענשען. פאָהרט געזונטערהייט אהיים, און געדענקט וואָס איך האָב אייך אָנגעזאָגט, און דער רבונו־של־עולם וועט העלפען.

און ווי זיי זענען אהיימגעקומען איז דאָס קינד געוואָרען זעהר א גרויסער שטיפער, א ווילדער מזיק. אין שטאָט האָט די זאַך באַלד געקראָ־גען א שם, און מ׳האָט געהאַט גרויס מיטלייד מיט די עלטערען. זענען אָבער זיינע ווילדע שטיק געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. איידער מ׳האָט נאָך געהאַט צייט איהם אָפּצונעמען פון חדר, האָט איהם דער מלמד אהיימגע־

שיקט, ווייל די עלטערען פון די אנדערע תלמידים האָבען נישט געוואָלט, ער זאָל זיך חבר'ן מיט זייערע קינדער.

דער פאָטער און די מוטער האָבען געקוקט דערויף, און געשוויגען. לפנים, האָבען זיי געמאכט א אָנשטעל פון צער, אָבער טיף אין הארצען זענען זיי געווען צופרידען דערפון.

איז אָבער דאָס ווילדקייט געוואקסען פון טאָג צו טאָג, און עס איז כמעט געוואָרען אוממעגליך אויסצושטעהן פון איהם. האָט ער געקראָגען אין שטאָט א שם פאר א פרא־אָדם, און זיין נאָמען איז געוואָרען א שילט־וואָרט. ביסלאכווייז האָבען מענשען אויפגעהערט צו האָבען איינזעהעניש מיט די עלטערען, און האָבען איהם גענומען ארומיאָגען צוליב זיינע ווילדע שטיק. פאָטער און מוטער האָבען געהאט אויסצושטעהן פון איהם איבער די כחות, זיי האָבען אלץ אָנגענומען פאר ליב. ביינאכט פלעגט איהם אָפּלאָזען די ווילדקייט, און ער פלעגט זיצען און לערנען אין זיין באהעלטעניש ,און קיינער אחוץ די עלטערען, האָבען נישט געוואוסט דערפון. ער פלעגט וויינען, אין פארבאָרגעניש, אויף דעם עגמת־נפש וואָס ער פאר־שאפט פאָטער און מוטער און די חרפות וואָס ער טוט זיי אָן. ווען דער טאָג איז געקומען האָט איהם די ווילדקייט ווידער ארומגעכאפּט, און גע־טריבען אין שאָדען.

עטליכע יאָהר זענען אריבערגעלאָפען, און פון דעם קינד איז שוין געוואָרען א אינגעל, ער האָט זיך אָבער געפיהרט וואָס א טאָג אלץ ערגער. אין שטאָט האָט מען פארגעסען זיינע אמאָליגע מעלות, און מ'האָט איהם געהאלטען פאר א ווילד שטיק משוגעת. גאנץ אָפט האָט מען איהם מבזה געווען און געשלאָגען פאר זיינע ווילדע שטיק.

ער האָט גאָר גענומען געהן אין שאָדען.

יעדען טאָג פלעגט מען קומען צו די עלטערען, און ברענגען א צעטעל פון אלע היזיקות, וואָס זייער תכשיט האָט אָנגעטאָן דורך דעם טאָג; זיי פלעגען שווייגען און באצאָלען.

עס איז שוין געקומען אזוי ווייט, אז עס איז שוין מעהר נישט מעג־ליך געווען זיך אויסצוקויפען מיט געלט. פאָטער און מוטער פלעגט מען זידלען אין די גאסען, צוליב זייער תכשיט, און איהם אליין פלעגט מען אָנ־ברעכען די ביינער.

איינהאלטען איהם אין הויז איז אוממעגליך געווען.

האָבען זיי עס אָנגענומען פאר א גרויסען נסיון.

איינמאָל האָט ער אָפּגעטאָן זעהר א שטארקען שאָדען אין שוהל. די גאנצע שטאָט איז אויפגעבראכט געוואָרען, און מ'האָט זיך פארנומען אויף איהם, איינמאָל פאר אלעמאָל, איהם גוט אָנצולערנען, ער זאָל מורא האָבען. מ'האָט איהם געשלאָגען און געשלעפּט צו דער קונע, דאָרט איהם ארייינצושטעלען אויף דריי טעג. ער האָט זיך געהאמפּערט, געריסען, גע־מאכט קולות, ביז די גאנצע שטאָט איז זיך צוזאמענגעלאָפען. די מוטער איז אויך אָנגעקומען, זי האָט דערזעהן וואָס דאָ טוט זיך אָפּ, און האָט זיך מעהר שוין נישט געקאָנט איינהאלטען, און זי האָט אויסגעשריגען:

— לאָזט אָפּ מיין אָרים קינד! איהר ווייסט נישט מיט וועמען איהר הויבט זיך אָן!

און זי איז צוגעלאָפען, און האָט איהם ארויסגעריסען פון זייערע הענט.

דאָס איינגעל האָט פּלוצלונג דערפיהלט ווי עפּעס וואָלט איהם גע־פּלאצט אין מח. עס איז איהם פינסטער געוואָרען פאר די אויגען, און ער האָט אויסגעשריגען:

— אוי, מאמע, פינסטער איז מיר געוואָרען! וועה איז מיר, איך זעה נישט!

האָט איהם די מוטער געכאַפּט און אהיימגעטראָגען מיט גרויס גע־וויין.

איצט האָט זי געוואוסט, אז עס איז א פארפאלענע זאך: זי איז דעם נסיון נישט ביינעשטאנען.

זי האָט זיך אוועקגעזעצט ביי זיין בעט, געוויינט און געשריגען:

— וועה איז דער וויסטער מאמען, וואָס האָט אויסגעלאָשען דאָס ליכט פון איהר איינציג קינד'ס אויגען.

ב.

עטליכע טעג זענען אריבער אין טרויער. די מוטער האָט זיך גע־שטארקט, און זי האָט ווייטער גענומען דאָס אינגעל, און זי איז אוועק צום האר״י.

האָט אָבער דער האר״י גערעדט הארטע רייד מיט איהר, און געזאָגט:

— איך האָב דיר אזויפיל געוואָרענט, און אָנגעזאָגט, און דו האָסט מיך נישט געפאָלגט, איצט קען איך דיר גאָרנישט העלפען. פאָהר דיר גע־זונטערהייט אהיים!

ווי זי האָט געהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט זי זיך שטארק צעבלי־פעט און געזאָגט:

— מיין ברודער, דאָס קינד האָסטו אויסגע׳פועל׳ט, מיט דיינע תפילות. ווייזט אויס, אז איך בין עס נישט ווערט געווען, און איך האָב נישט געוואוסט ווי עס אָפּצוהיטען. איך וועל מיר צוריק אהיימפאָהרען, מיט א צעבראָכען געמיט, און וועל באוויינען מיינע טעג און באשלוכצען מיינע נעכט. דאָס קינד וועט בלייבען ביי דיר אין הויז, און דו, גרויסער, הייליגער ברודער, קוואל־פון־ליכט, וואָס עפענט די אויגען פון דער גאנצער וועלט און פיהרט זיי — וועסט אויך פיהרען מיין איינציג, אָרים שעפעלע, וועמען די אייגענע מוטער האָט בלינד געמאכט!

און ווי זי האָט געענדיגט איהרע ווערטער, איז זי ארויפגעפאלען אויפ׳ן אינגעל, געהאלזט און געקושט איהם מיט גרוים ליבשאפט און בענק־שאפט, און דורכגענעצט איהם מיט איהרע הייסע טרערען.

דער האר״י האָט שוין מעהר איהר צער נישט געקאָנט צוזעהן, און ער האָט געזאָגט צו איהר אזוי:

— פאָהר אהיים, שוועסטער, האָף צו גאָט ברוך־הוא, אויב ער וועט באווילינען מיין וועג, וועסטו נאָך מיט מיר מיטפאָהרען אויף דיין קינד׳ס חתונה, און דאָרט וועסטו דאָס אלץ דערמאָנען אין נחת.

ווי זי האָט דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט זי זיך אביסל גע־טרייסט, און זי איז אוועק אהיים אליין.

שפעט ביינאכט, ווען אלץ איז געווען פארזונקען אין שלאָף, שטיל־קייט און פינסטערניש, האָט דער האר״י זיך גע׳טובל׳ט, און ער האָט זיך אוועקגעזעצט און אָנגעשריבען א קמיע, און אָנגעטאָן דעם אינגעל אויפ׳ן האלז, מיטגעגעבען איהם א זעקל מיט שפייז און מלבושים, און געזאָגט צו

איהם :

— געה, מיין קינד, וואוהין די פיס ווע̇לען דיך פארטראָגען !

און ער האָט איהם אָנגענומען ביי דער האנט, און ארויסגעפיהרט איהם פון הויז, מיטגעגעבען איהם זיין שטעקען, זיך געזעגענט מיט איהם מיט גרויס בארימהערציקייט, און צוריק אריין אליין אין הויז.

פינסטער איז געווען די נאכט, און פינסטער זענען געווען די אויגען פון דעם אינגע̇ל, און איין פינסטערניש האָט פארשלונגען די צווייטע. ער האָט נישט געוואוסט וואוהין צו געהן, און איז געבליבען שטעהן א מינוט ווי א פארלוירענער. פלוצים האָט ער דערפיהלט, ווי דער שטעקען נעמט זיך רוקען אין זיין האנט, און ער ציהט זיך ערגיצוואו. האָט ער אָנגענומען דעם שטעקען פעסטער, און זיך נאָכגעצויגן נאָך איהם, און אָנגעהויבען צו געהן. דאָס געהן האָט זיך באלד פארוואנדעלט אין א לויפען. שטארקער האָט דער שטעקען געצויגען און ער איז איהם נאָכגעלאָפען אָהן אן אָטעם. ער האָט דערהערט א שטארקען דונער און א שלאקסרעגען. דער ווינט האָט בייז געפייפט ארום איהם. א ציטערניש איז אויף איהם געפאלען. האָט ער פעסטער צוגעדריקט די האנט צום שטעקען, און מיט דער אנדע־רער האָט ער זיך אָנגעהאלטען אָן דער קמיע, און די דונערען און שלאקסרע־גען האָבען צו איהם נישט געקאָנט צוקומען. א טרוקענער, איז ער געלאָפען צווישען די שארפע רעגען־נאָדלען, וואָס האָבען ארום איהם די ערד דורכ־געשטאָכען, און דונער־קנאלען און שטורמווינט, וואָס זענען פארבייגע־פלויגען זיינע אויערען און אויפגעטרייסעלט און דערציטערט צווייגען און בוימער. פלוצלונג האָט ער דערפיהלט, ווי דער ווינט האָט איהם אויפגע־כאפט, און ער הויבט איהם העכער, העכער, טראָגט איהם אין דער לופט, און ער פליהט ווייט, ווייט. אונטער איהם דונערט, שטורעמט, רעגענט, און איבער איהם איז שטיל און רוהיג. איז ער אויך געוואָרען שטיל און רוהיג, און געפלויגען אויף די פליגעל פון ווינט. דער ווינט האָט איהם אראָפגעלאָזט פאמעליך, און זיינע אויערען האָבען דערהערט א שטיל שאָרכען פון בוימער און בלעטער. א שטיל צפון־ווינטעלע האָט זיך צע־בלאָזען, זיסע טענער פון א פידעלע האָבען זיך דערהערט. זיסע ריחות האָבען זיך גענומען טראָגען אין דער לופט, און בשמים האָבען אָנגעהויבען טריפען ארום איהם. א דערקוויקענדיגער טוי האָט געוואשען זיינע הענט, זיין פנים, דאָס גאנצע לייב דערפרישט. ער האָט דערהערט א זיס געזאנג

ארום איהם, און א פּלאַטערען פון א מחנה גרויסע און שטארקע פליגעל איבער זיין קאָפּ. האָט ער געוואוסט, אז ער הערט א שירה נישט פון דער וועלט, און זיין הארץ איז אין איהם געוואקסען און זיין נשמה האָט זיך אין איהם צעזונגען. די שירה האָט אויפגעהערט, און זיסע קולות פון תורה האָבען זיך צעטראָגען ארום און ארום. שטארקער זענען געוואָרען די קולות, ביז ער איז צוגעקומען צו א טיש. אלץ איז שטיל געוואָרען אויף א רגע, און ער האָט דערפיהלט, ווי א ליבע האנט נעמט איהם אָן און גלעט איהם איבער׳ן פּנים. א שטים פון אן אלטען מאן האָט ער דערהערט:

— ווער ביסטו, מיין קינד?

און ער האָט געענטפערט:

— איך בין דאָס קינד וואָס האָט טאטע־מאמען די אויגען פאר־שווארצט, דאָס לעבען פארביטערט. וועה איז מיר, איך האָב צוגעבראכט, אז מיין מאמע זאָל פארלעשען דאָס ליכט פון מיינע אויגען!

און ער האָט זיך שטארק צעשלוכצט.

דער גרייז האָט ווייטער געפרעגט מיט גרויס רחמנות:

— קינד מיינס, ווער האָט דיך אהער געבראכט?

און ער האָט געענטפערט:

— מיין פעטער האָט מיך אין דער שטילקייט פון דער נאכט ארויס־געפיהרט פון זיין הויז, ער האָט מיר א קמיע אויפגעהאנגען אויפ׳ן האלז, זיין שטעקען אין דער האנט געגעבען, און מיר געהייסען געהן, וואוהין די פיס וועלען מיך פיהרען. בין איך געגאנגען אין שלאָקס־רעגען, צווישען דונער און שטורם, דער שטעקען איז געוועזן מיין אויג, און די קמיע האָט מיך אויסגעהיט פון אלדעם בייז. דערנאָך איז געקומען א ווינט, און האָט מיך אויפגעכאפּט, געטראָגען אויף זיינע פליגעל, ביז ער האָט מיך אהער געבראכט.

דער גרייז האָט איהם געגלעט דאָס פּנים מיט גרויס ליבשאפט, אויס־געווישט די הייסע טרערען, וואָס האָבען זיך אראָפּגעקייקעלט פון די ברייט־געעפענטע, אויסגעלאָשענע, אויגען, און געזאָגט:

— און וואָס ווילסטו דאָ טון, מיין אָרים קינד?

— און ער האָט געענטפערט:

— איך האָב מיט מיינע זינד פארלאָשען דאָס ליכט פון מיינע אויגען, און פינסטער איז מיר געוואָרען די וועלט, ביז איך האָב דערהערט

דעם פלאמעדיגען ניגון, וואס איז געקומען פון דעם טיש, דעמאלט האט זיך אנגעצונדען א ליכט אין מיין קאפ, און האט באלויכטען די פינסטער־ניש. דיינע בארעמהערציגע ווערטער צינדען אן ליכט אין מיין נשמה, און איך זעה דיך, נאר נישט מיט די אויגען פון פלייש. א גרייז ביסטו, נאר גלייך איז דיין קאפ, און דיינע אויגען פינקלען. לאנג איז דיין בארד, און ווייס, ווי אומבאפלעקטער שניי. פון אונטער א קרוין פון זילבער־האר קוקט ארויס דיין הויכער שטערן, און קנייטשען פון ליבשאפט, און רונצלען פון חסד, באדעקען איהם. לאז מיך זיצען ביי אן עק פון דיין טיש, און צו־הערען צו דעם קול, וואס באלייכט מיין פינסטערניש!

ליבער האט דער גרייז געגלעט די באקען פון דעם אינגעל, און גע־זאגט:

לאנג, לאנג, האב איך געווארט אויף דיר, מיין קינד, ביז דיין פע־טער, מיין געליבטסט אייניקעל אויף דער שפל׳דיגער וועלט, האט דיך גע־שיקט צו מיר. אין די הענט פון מיין טרייען הירט וועל איך דיך איבער־געבען, און ער וועט דיך פיהרען צוזאמען מיט זיינע שאף. אונטער דעם שאטען פון דעם סנה, וואס ברענט אייביג און ווערט נישט פאברענט, ביי יענעם פייער וואס לייכט און רויכערט נישט, ווארעמט און ברענט נישט, וועט ער זיצען און לערנען מיט דיר תורה, וואס איז געשריבען מיט שווארץ פייער אויף ווייסען. יעדען שבת און יום־טוב וועט ער דיך ברענגען אין מיין געצעלט אריין, און אלע דיינע זיידעס און פעטערס וועלען זיך פרעהען מיט דיר. דער טרייער־הירט וועט ביסלאכוייז עפענען דיינע אויגען, און מיט איהם וועסטו זיין, ביז עס וועלען דיר פול ווערען דרייצעהן יאהר. בא־געהר צו לערנען, מיין קינד, און דו וועסט זוכה זיין מיט דיין תורה צו באַ־לייכטען פיל פינסטערע וועלטען, וואס שטעהען און בענקען נאך דיין ליכט.

און דער גרייז האט זיך געזעגענט און געבענשט איהם, און דער טרייער־הירט האט איהם אנגענומען ביי דער האנט, און איז מיט איהם אוועק.

ניין חדשים איז דער טרייער־הירט געזעסען און האט געלערנט מיט איהם, ביז ער איז געווארען גאנצע דרייצעהן יאהר אלט. דעמאלט האט ער איהם געבראכט צו דעם גרייז, אין א וואכענדיגען טאג. דארט זענען געווען פארזאמעלט פיל זקנים, און אלע האבען זיך שטארק משמח געווען.

און ער האט געזאגט פאר זיי א גרויסע בר־מצוה דרשה, מיט

שטאַרקע התלהבות, און אַ פייער האָט זיך אָנגעצונדען איבער זיין קאָפּ.

נאָך דער דרשה איז דער גרייז צוגעגאַנגען צו איהם, האָט איהם אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און געזאָגט:

— אַז גוט און וואויל איז מיר, וואָס אַזאַ טייער קינד איז אַרויס פון מיינע לענדען! קומט, מיינע קינדער, און לאָמיר זיך פרעהען מיט אונזער אייניקעל.

אַלע זענען צוגעגאַנגען, געקושט און געהאַלזט איהם.

און דער גרייז האָט איהם גענומען אויף זיין שויס, און געזאָגט:

— מיין קינד, איך בין דיין זיידע אברהם; איך גיב דיר דרשה־געשאַנק דאָס ליכט פון דיינע אויסגעלאָשענע אויגען.

און גלייך האָבען ווידער אויפגעלויכטען זיינע אויגען, און ער האָט דערזעהן, אַז ער איז אין אַ פּאַלאַץ פון ווייסטען מירמעלשטיין, זיינע פיס שטעהן אויף קרישטאָל, און איבער זיין קאָפּ הענגט דער לבנת־הספיר. ער האָט דערזעהן די שטולען פון גינגאָלד, און דעם טיש אויסגעזעצט מיט אבנים־טובות ומרגליות, וואָס האָבען אַרויסגעשיינט און געבליצט מיט ליכט, און די זקנים מיט זילבער־בערד און גינגאָלדענע עטרות, מיט די טייערסטע שטיינער אויסגעזעצט אין זיי, וואָס זענען געזעסען און האָבען באַלויכטען דעם טיש. זיינע אויגען זענען פאַרבלענדט געוואָרען פון דער פלוצלונגער ליכט, און ער האָט זיי אויף אַ רגע פאַרמאַכט.

און דער גרייז האָט ווידער געזאָגט צו איהם:

איצט, מיין קינד, ביסטו בר־מצוה. מיט אונז וועסטו זיין ביז דו וועסט ווערען זיבצעהן יאָהר אַלט, דעמאָלט וועסטו צוריק אַראָפּגעשיקט ווערען אַהין, צו זוכען דיין זיווג.

און ווען שבת איז געקומען, האָט מען איהם אַריינגעפיהרט אין אַ שול געבויט פון עצי־אלמוגים, און זיבען בליצען, וואָס לויפען און פלעכ־טען זיך צוזאַמען, האָבען זי באַלויכטען. מ'האָט איהם אַרויפגעפיהרט אויף אַ באַלעמער פון ריינסטען מירמעלשטיין, דאָרט האָט מען געלייענט אין אַ ספר־תורה, געשריבען מיט שוואַרץ־פייער אויף ווייסען. דער טרייער־הירט איז געווען דער בעל־קורא, און זיין פנים האָט געשטראַלט מיט די קרני־הוד. אויפגערופען צו דער תורה האָט מען אַלע שבעת־הרועים, און איהם האָט מען געגעבען מפטיר.

ביז זיבעצעהן יאָהר איז ער געזעסען צוזאַמען מיט זיי און האָט

געלערנט תורה.

און ווען ער איז אלט געוואָרען זיבעצעהן יאָהר, האָט איהם דער גרייז צוגערופען צו זיך, און געזאָגט צו איהם אזוי:

— מיין קינד, דו האָסט שוין דערגרייכט אלצדינג, וואָס דו האָסט דאָ געדארפט משיג זיין. דו ביסט שוין איצט א דערוואקסענער מענש. טו אָן די גלות־מלבושים, וואָס מ'וועט ברענגען פאר דיר, און געה אראָפּ צווישען דיינע ברידער, אויף דער שפּל'דיגער וועלט. פון דאנען וועסטו געהן ביז דו וועסט אָנקומען צו אן ארענדאר, וואָס האלט א מיהל. דו וועסט איהם טרעפען א פארזאָרגטען, ווייל זיין מילנער־יונג האָט איהם פארלאָזט, און ער קען זיך נישט געבען קיין עצה מיט דער ארבייט. ביי איהם זאָלסטו זיך אָפּשטעלען און זאָגען, אז דו ביזט א גוטער מילנער. ער וועט דיך צונעמען מיט גרויס פרייד און דו וועסט ארבייטען ביי איהם, ווי דו וואָלסט געבוירען געווען דערביי, ביז עס וועט קומען א רב און וועט דיך נעהמען צו זיך, און זיין טאָכטער וועט ער דיר געבען פאר א ווייב. געדענק, קיינער טאָר נישט וויסען ווער דו ביסט און פון וואנען דו קומסט! דו זאָלסט זיך פארשטעלען פאר אן עם־הארץ, וואָס קען אפילו נישט דאווענען. קיין מענשליך אויג זאָל דיך נישט זעהן לערנען, און דאווענען זאָלסטו אויך ווען קיינער וועט נישט זיין. די גלות־מלבושים זאָלסטו בשום־אופן נישט אויסטאָן, ביז מיר וועלען קומען און זיי אראָפּנעמען פון דיר. וויפיל מ'זאָל דיך נישט בעטען זאָלסטו זיי אליין נישט אויסטאָן. געה, און זאָל גאָט זיין מיט דיר!

און דער טרייער־הירט איז אריינגעקומען און האָט אריינגעבראכט די גלות־מלבושים, און איהם אָנגעטאָן. און ער האָט צו איהם געזאָגט אזוי:

— אין דעם טאָג פון דיין חופה וועל איך קומען צו דיר, און וועל דיר אָנזאָגען, וואָס דו זאָלסט טאָן. דוד המלך וועט זיין דיין כלי־זמר, און די זיבען־הירטען וועלען זיין דיינע אונטערפיהרער. געדענק אָבער, אז קיינער טאָר נישט וויסען ווער דו ביסט, און פון וואנען דו קומסט, און דו טאָרסט נישט אויסטאָן די מלבושים און אָנטאָן אנדערע, ביז יענעם טאָג. איך זאָג דיר עס נאָכאמאָל אָן, וואָרים עס געהט דיר אין דיין גאנץ לעבען!

און אלע האָבען זיך געזעגענט מיט איהם, און געבענשט איהם. און א ווינט האָט איהם ווידער אויפגעכאפּט אויף זיינע פליגעל און אראָפּגעטראָגען אויף דער ערד.

ג.

צום אַרענדאַר איז ער אָנגעקומען בייטאָג און האָט איהם געטראָפען אַרומגעהן זעהר צעטראָגען. די אַרענדאַרקע איז אַריינגעקומען, א פאַר־זאָרגטע, און דער מאַן האָט אויסגעגאָסען פאַר׳ן ווייב זיין ביטער הארץ, און געזאָגט :

— דער ווינט בלאָזט און טרייבט די מיהל, און דו נעהם און צע־רייס זיך אויף שטיקער! איך האָב איהם געוואָלט געבען וויפיל ער האָט נאָר געוואָלט; איך האָב איהם געוואָלט געבען מעהר ווי ער האָט געוואָלט, און נישט געקאָנט פועל׳ן ביי איהם, ער זאָל בלייבען. איצט געה און גיב זיך אַן עצה !

די אַרענדאַרקע האָט געטרייסט איהר מאַן: זאָרג נישט, גאָט וועט צושיקען אַן אַנדערען.

איז ער זיי אַריינגעפאַלען אין די רייד און געזאָגט :

— ר׳ איד, אָט האָט אייך שוין גאָט צוגעשיקט אַן אַנדערען. איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט איבער די דערפער, זוכען אַרבייט אין א מיהל, האָבען מיך די פיס פאַרטראָגען אהער.

האָט זיך דער אַרענדאַר שטאַרק דערפרעהט, און האָט געזאָגט :

— געלויבט איז גאָט, וואָס האָט דיך אהער געבראַכט אין דער ריכטיגער צייט! עס וועט דיר מיט׳ן אויבערשטענ׳ס הילף ביי מיר גאָרנישט פעהלען.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין מיהל, און האָט זיך אַרומגעקוקט, און אַלץ איז פאַר איהם גלייך קלאָהר געוואָרען; ער איז באַלד דערגאַנגען די גאַנצע מלאכה, און געוואוסט מעהר פון בעסטען מילנער. ער האָט גע־נומען טאָן זיין אַרבייט מיט גרויס פאַרשטאַנד; דער אַרענדאַר האָט גע־קוקט און געקליבען נחת.

זעהר פריה פלעגט ער זיך אויפכאַפּען, און געהן אין מיהל אַריין, ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפען, דאָרט, אין א ווינקעל, צווישען די זעק מיט תבואה, פלעגט ער דאווענען אין פאַרבאָרגעניש. ביינאַכט איז ער געזעסען זעהר שפעט דאָרט. די מיהל איז זיך געגאַנגען, און ער האָט עוסק געווען אין נגלה און נסתר, און קיינער האָט דערפון נישט געוואוסט.

דער אַרענדאַר און זיין ווייב האָבען באַמערקט, ווי ער אַרבעט טאָג און נאַכט, און מ׳זעהט איהם צומאָל נישט דאווענען, האָבען זיי זיך שטאַרק

געוואונדערט. זיי האָבען זיך איבערגעשמועסט צווישען זיך וועגען דעם, און זיי האָבען איהם גענומען נאָכקוקען. ס'איז ביי זיי מוסכם געוואָרען, אז דער יונג דאווענט נישט. איינמאָל האָט איהם דער ארענדאר געפרעגט:

— וואָס איז עפּעס מיט דיר, בחור, ביזטו חלילה נישט קיין איד און דו האָסט נישט קיין מורא פאר גאָט ?

דער בחור האָט אָנגעשטעלט אויף איהם א פּאָר תמ'עוואטע אויגען, און געפרעגט :

— וואָס ?

האָט דער ארענדאר איהם גענומען מוסר'ן :

— סטייטש, ווי דאווענט עס א איד נישט? פון פריה פארטאָג ביז שפּעט אין דער נאכט, נאָר דו ארבייטסט און ארבייטסט. איך בין דיר מוחל דיין ארבייט — וואָס צו גאָט איז צו גאָט !

האָט איהם דער בחור געענטפערט :

— בעל־הבית לעבען, וואָס זאָל איך טאָן, אז איך קען נישט דאַווענען? איך קען קוים לעגען תפילין און אָפּזאָגען עטליכע אידישע ווערטער.

דער ארענדאר האָט זיך זעהר געוואונדערט. דער בחור האָט ווייטער געזאָגט :

— ווען איך בין נאָך געווען א קליין קינד, זענען מיר טאטע און מאמע אוועקגעקומען, און איך בין געבליבען א פארלאָזטער יתום. א קאָפּ האָב איך געהאט זעהר א שווערען, און אין דער תלמוד־תורה האָט מען מיך נישט געוואָלט האלטען. דערנאָך האָב איך געמוזט געהן זוכען פון וואנען זיך צו דערנעהרען, בין איך געבליבען א פארגרעבטער מילנער־יונג.

דער ארענדאר האָט געהערט און געטאָן א זיפץ, דערנאָך האָט ער א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און געזאָגט :

— אזוי, נעבעך א קיילעכדיגער יתום! אז דער אויבערשטער וועט מיר העלפען, וועל איך פאר דיר צונעמען א מלמד, און ער וועט דיר אויס־לערנען דאווענען.

דער מעהל־קאסטען האָט גענומען פול ווערען, און די ברכה איז אין איהם אריינגעקומען. דער ארענדאר האָט עס מיט דער צייט אָנגעהויבען צו באמערקען, און ער האָט אָנגעקוואָלען דערפון; ער האָט עס דערציילט זיין ווייב מיט גרויס שמחה. ער האָט עס אָנגעהאנגען אין דעם, וואָס גאָט האָט איהם צוגעשיקט זעהר אן עהרליכען יונג. די פריהערדיגע פלעגען

גנב'ענען און פאַרקויפען, בדלות האָבען זיי איהם געשטעלט, דער איז ערליך און געטריי, אומגעצעלט געלט קען מען פאַר איהם אוועקלעגען. א שאָד וואָס ער איז אזא גראָבער־יונג, נעבעך א יתום. און דער אַרענדאַר און זיין ווייב האָבען אָפּגעמאַכט ביי זיך, אז ווען דער אויבערשטער וועט זיי אביסל אויפריכטען, וועלען זיי פאָהרען אין שטאָט אריין און ברענגען א מלמד, ער זאָל דעם יונג אויסלערנען דאַווענען.

און גאָט האָט געבענשט דעם אַרענדאַר'ס הויז צוליב דעם בחור, און עס האָט איהם געגומען געהן זעהר גוט, און ער האָט שטאַרק מצליח געווען אין זיינע אַלע עסקים. איז ער אָבער געווען אזוי פאַרנומען, אז ער האָט נישט געהאַט קיין צייט זיך אומצוקוקען אויף דעם בחור און זיין הולך. ער האָט אויך פאַרגעסען זיין צוזאָג, און האָט קיין מלמד נישט אַראָפּגע־בראַכט פאַר איהם. דער בחור האָט זיך דעמאָלט געקאָנט פיהרען, ווי ער האָט געוואָלט, און קיין פרעמדער אויג האָט איהם נישט באַמערקט.

זיבען חדשים זענען אזוי פאַרבייגעלאָפען. דער אַרענדאַר האָט שטאַרק מצליח געווען, געפונען חן אין די אויגען פון די פריצים, און זיין נאָמען האָט זיך געלאָזט הערען אין דער גאַנצער סביבה.

אין א שטאָט, אַרום פופציג מייל פון דעמדאָזיגען דאָרף, איז געווען א רב א גרויסער למדן און א צדיק, און ער האָט געהאַט א בת־יחידה א מושלמת בכל המעלות. זי איז שוין געווען העכער זיבעצעהן יאָהר אַלט, און קיין שידוך, לויט איהר כבוד און מעלה, האָט זיך נישט געמאַכט. דער רב האָט געהאַט גרויס צער דערפון. שדכנים פלעגען אָפּשלאָגען די טירען מיט שידוכים. די רביצי'ן איז שוין מיד געווען פון אָנגרייטען כיבוד. ס'איז אָבער קיין איינציגער שידוך נישט געווען צום הארצען.

איינמאָל האָט זיך דעם רב גע'חלום'ט, אז א גרייז, א הדרת־פּנים, שטעהט איהם צוקאָפּענס און זאָגט צו איהם אזוי :

— האָב נישט קיין צער, מיין קינד, דיין טאָכטער'ס מזל שיינט ווי די זון. פאָהר אין דעם און דעם דאָרף אריין, צום אַרענדאַר, און דאָרט וועסטו געפינען איהר באַשערטען.

דער רב האָט זיך אויפגעכאַפּט און דאָס הארץ האָט איהם געקלאַפּט. ער האָט אָבער געטראַכט: א מענש זעהט ביינאַכט וואָס ער קלערט בייטאָג. א בפירוש'ע גמרא: „אין מראין לאדם אלא מהרהורי לבו".

ביינאכט האָט ער ווידער געזעהן דעם זעלבען אלטען, און ער האָט געזאָגט צו איהם אין חלום :

— איך האָב דיך דאָך נעכטען געשיקט, דו זאָלסט פאָהרען אין יע־נעם דאָרף, פופציג מייל ווייט פון דאנען, צום ארענדאר, נאָך דיין טאָכ־טער'ס באשערטען. פאָהר אהין, און דו וועסט איהם געפינען. ער קוקט אויס ווי אן עם־הארץ, א מילנער־יונג; דו זאָלסט אָבער נישט קוקען אויף זיין אויסזעהן, איהם האָט גאָט אָנגעגרייט פאר דיין טאָכטער !

דער בת־יחידה האָט זיך אויך כמעט גע'חלומ'ט דאָסזעלביגע. איהר האָט דער גרייז געזאָגט אזוי :

— געה, וועק אויף דיין פאָטער, און זאָג איהם, ער זאָל פאָהרען מיט דיר אינ'ם דאָרף אריין, צום ארענדאר. דאָרט וועט ער טרעפען א מילנער־יונג — דאָס איז דיין באשערטער. אין צעריסענע, פארמעליגטע קליידער געהט ער, פּראָסטע רייד רעדט ער, אָבער דו זאָלסט אויף די אלע זאכען נישט קוקען. אויב דו וועסט פאָלגען מיינע רייד, וועט דיין מזל שיינען ווי די זון אין א העלען טאָג.

דער רב און זיין טאָכטער האָבען זיך אויפגעכאפּט צערודערטע.

ער האָט גענומען אויספרעגען דער טאָכטער, וואָס מיט איהר איז, און זי האָט איהם דערציילט אלץ וואָס זי האָט געזעהן אין חלום, און זי האָט זיך צעוויינט.

האָט צו איהר דער רב געזאָגט :

— וויין נישט, מיין טאָכטער, עס איז נישט קיין פּוסטע זאך! מיר האָט זיך אויך גע'חלומ'ט דאָסזעלביגע שוין צווייטמאָל. עס ווייזט אויס, אז דאָס איז דער ווילען פון גאָט, און ווער קען זיינע וועגען פארשטעהן? מיר וועלען עס דערציילען דער מאמען, און הערען, וואָס זי וועט זאָגען דערצו.

האָבען זיי עס דערציילט דער רבי'צין, און זי האָט זיך צעוויינט און געזאָגט :

— וועה איז מיר, ווי קען איך מיין איינציג אויג אין קאָפּ חתונה מאכען מיט א מילנער־יונג, אן עם־הארץ !

און זי האָט זיי אָפּגעהאלטען, און נישט געלאָזט פאָהרען.

ביינאכט האָבען אלע דריי געזעהן חלומות: מ'איז געקומען און מ'האָט זיי געווארענט, זיי זאָלען נישט זיין קיין עקשנים, און דער רב מיט דער טאָכטער זאָלען פאָהרען, און ברענגען דעם חתן, אויב נישט וועט נישט

גוט זיין.

האָבען זיי געזעהן, אז מעהר קען מען זיך נישט שפּילען, און זיי זענען אהין געפאָהרען.

דער ארענדאר האָט זיי זעהר פיין אויפגענומען און געמאכט א סעודה פאר זיי.

ביי דער סעודה האָט זיך דער רב פאנאנדערגעשמועסט מיט דעם ארענדאר, אויסגעפרעגט, ווי איהם געהט, און יענער האָט איהם דערציילט, אז דער רבונו־של־עולם האָט איהם צוגעשיקט זעהר אן ערליכען מילנער, און זינט ער איז אָנגעקומען איז שטענדיג, ברוך־השם, פאראן א פולער קאסטען מיט מעהל. די פריהערדיגע מענשען פלעגען איהם בא'גנבה'נען, און ער האָט זיך נישט געכאפּט דארויף. האָט איהם איצט דער אויבער־שטער צוגעשיקט, גראד אין דער נויט, אזא ערליכען יונג, מיט א פּאָר גאָל־דענע הענט. פון דאמאָלט אָן האָט זיין מעהל געקראָגען א שם. א שאָד וואָס ער איז נעבעך אזא עם־הארץ, וואָס קען צומאָל נישט דאוועגען!

און ער האָט געבעטען דעם רב, ער זאָל איהם צושיקען א שטיקל מלמד, ער זאָל אויסלערענען דעם יונג ד׳אוועגען.

דעם רב זענען די ווערטער שטארק אריין אין קאָפּ. ער האָט צוגע־זאָגט דעם ארענדאר צו דערפילען זיין בקשה. צום ערשטען אָבער דארף ער זעהן דעם בחור, רעדען מיט איהם, אויסצוגעפינען, אויב ער וועט קענען עפּעס תופס זיין.

האָט צו איהם דער ארענדאר געזאָגט:

— אָט וועל איך געהן אין מיהל אריין, רבי'ניו, און איהם אריינ־שיקען. פון דער ארבייט קען מען איהם נישט אָפּרייסען; ער וועט נישט איבערלאָזען די מיהל, סיידען עמיצער וועט דאָרט בלייבען.

דער ארענדאר איז ארויס, און אין א ווייל'ע ארום איז אריינגעקו־מען א פארמעליגטער בחור. ער האָט געגעבען דעם רב א האלב־פארשעמ־טען שלום־עליכם, געכאפּט און אויפגעגאָסען אביסל וואסער אויף די הענט, אָפּגעווישט זיי מיט דער פּאָלע, אָפּגעמורמעלט א שאר־ידיכם מיט גראָבע גרייזען, און זיך אוועקגעזעצט עסען. דער רב און זיין טאָכטער זענען גע־בליבען זיצען פארציטערטע.

אין א ווייל'ע ארום האָט דער רב פארפיהרט מיט איהם א שמועס, אויי צוגעפינען, אויב ער איז באמת אזא גראָבער־יונג, אָדער ער פאר־

שטעלט זיך נאָר; ער האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט אויסגעפינען.

האָט איהם דער רב געפרעגט, ווי עס קומט, אז א אידישער בחור זאָל צומאָל נישט קענען ריכטיג זאָגען א אידיש וואָרט, און ער האָט איהם געענטפערט כמעט דאָסזעלבע וואָס ער האָט געענטפערט דעם ארענדאר.

האָט איהם דער רב געפרעגט:

— ווילט זיך דיר גאָר קיינמאָל נישט דאווענען, ווי אלע אידען?

האָט איהם דער בחור געענטפערט:

— עס ווילט זיך מיר זעהר שטארק. אז איך קום ראש־השנה יום־כפור אין שוהל אריין און זעה, ווי אלע שטעהן און דאווענען פון די גרויסע סידורים, און איך שטעה א שטומער, קען נישט עפענען קיין מויל, וויל איך זיך צערייסען אויף שטיקער. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אז פון קינדערוייז אָן האָב איך געמוזט זוכען מיין ברויט אין דער פרעמד. אן אָרימער יתום געווען, מיינע בעלי־בתים האָבען זיך אויף מיר נישט אומגעקומט. דער בעל־הבית האָט מיר שוין יאָ צוגעזאָגט צו דינגען א מלמד, האָט ער אויך פארגעסען זיין צוזאָג. אפשר וועט איהם דער רבי דערמאָנען?

דער רב האָט טיף פארקנייטשט דעם שטערען, א זיפץ געטאָן, און געזאָגט צו איהם:

— הער זיך איין, בחור, אויב דו ווילסט מיטפאָהרען אין מיין שטאָט אריין, וועל איך דיר אויסלערנען דאווענען.

האָט דער בחור געענטפערט מיט שמחה:

איך וועל פאר אייך טאָן אלע שווערסטע ארבייט, אויב איהר וועט נאָר עפּעס לערנען מיט מיר. איך וויל חומש אויך לערנען.

האָט זיך דער רב געטראכט:

— פארפאלען, פון הימעל וויל מען אזוי. ווער קען פארשטעהן דעם בורא־עולם'ס דרכים? איז דאָך רבי עקיבא געווען אן עם־הארץ ביז פערציג יאָהר.

און ער האָט ארויסגערופען זיין טאָכטער און געזאָגט צו איהר:

— טאָכטער, עס איז דער ווילען פון הימעל, און מיר מוזען עס אָננעמען פאר ליב.

האָט איהם די טאָכטער געענטפערט:

— טאַטע, איך האָב שטענדיג געטאָן דיין ווילען.

איז דער רב אריינגעגאנגען און האָט געזאָגט צום בחור:

— קום, און זעה מיין טאָכטער, אויב זי וועט דיר געפעהלען, וועל איך דיך נעמען פאר א חתן, אם־ירצה־השם.

דער בחור האָט געטאָן ווי מען האָט איהם געהייסען, און האָט מסכים געווען אָהן שאלות. דאָס מיידעל האָט אראָפּגעלאָזט די אויגען און געשוויגען. זיי האָבען מקבל־קנין געווען, און גענומען זיך גרייטען צום וועג.

האָט עס די ארענדארקע דערזעהן, און איז אריינגעלאָפען דערציי־לען איהר מאַן. איז ער אריין און האָט געהאט גאנצע טענות צום רב. איז דער רב מיט איהם דורכגעקומען און זיי האָבען זיך געזעגענט.

דער בחור איז אריינגעגאנגען אין מיהל, און ער האָט זיך דאָרט געזאמט א ווייל און דער רב און זיין טאָכטער זענען געבליבען זיצען אויף דער פוהר, און האָבען געווארט אויף איהם. שטיל זענען זיי געזעסען, מיט שווערע הערצער, און געשוויגען. פּלוצלונג האָט זיך א טיפער זיפץ ארויסגעריסען פון רב'ס ברוסט. דאָס מיידעל האָט איבערגעריסען די שווייגעניש און זי האָט געזאָגט :

— זיי מיר מוחל, טאטע, און איך וועל דיר זאָגען עטליכע ווערטער.

האָט זיך דער רב צעשלוכצט און געזאָגט :

— רעד, מיין אָרים קינד, זאָל דיר לייכטער ווערען אויפ'ן הארץ.

האָט זיך דאָס יונגע מיידעל אויסגעגלייכט, און אָנגענומען זיך מיט גבורה, און געזאָגט :

— טאטע, גאָט'ס רצון איז געשעהן ,און דו זיצסט און זיפצסט !

א פארוואונדערטער האָט זיך דער רב אומגעקוקט, און געזאָגט :

— מיין טאָכטער, פון וואנען קומט אזא גבורה צו דיר ?

און דאָס מיידעל האָט געענטפערט :

— טאטע, דו האסט מיך געלערנט, אז א מענש דארף מבטל זיין רצון צוליב גאָט'ס ווילען. וואָס זענען מיר דען? און וואָס ווייסען מיר דען?

א האלב־פארשעמטער האָט זיך דער רב געשטארקט, און געקוקט אויף זיין טאָכטער מיט פאָטערליכען שטאָלץ.

און דאָס מיידעל האָט ווייטער גערעדט און געזאָגט :

— קען דען זיין בעסערס ווי דער ווילען פון גאָט? אין טאָן זיין ווילען ליגט דער גליק פון דעם מענשען.

און אויפגעשטראלט האָט איהר פּנים רעדענדיג דידאָזיגע ווערטער.

און דער רב האָט איהר אָנגעקוקט און זיך געוואונדערט.

ד.

דער בחור איז ארויסגעקומען פון מיהל מיט א זעקל אויף די פלייצעס, ער איז ארויף אויף דער פוהר און האָט זיך אנידערגעזעצט לעבען זיין מחותן, דעם רב, אין זיינע צעריסענע און פארמעליגטע מלבושים. ווי זיי זענען אָנגעקומען אין דער ערשטער שטאָט, האָט דער רב געהייסען פארפאָהרען אין אן אכסניא, און ער האָט געזאָגט צום בחור:

— דאָ, מיין קינד, וועלען מיר וואַרטען, ביז וואַנען מיר וועלען קריגען מלבושים, דו זאָלסט קענען אריינפאָהרען מיט מיר אין מיין שטאָט.

האָט דער בחור געענטפערט:

— מחותן, רבי, דאָס קען איך נישט טאָן. איך טראָג מלבושים און זיי זענען מיינע.

א דערשטוינטער האָט איהם דער רב געפרעגט:

— פארוואָס?

און ער האָט געענטפערט:

— איך האָב א צוואה, איך זאָל ניט טראָגען קיין קליידער, וועלכע איך האָב נישט פארדינט מיט מיין שוויים.

אויסער זיך איז דער רב געוואָרען. ער האָט אָנגעהויבען איינצוטענה'ן מיט איהם, בעטען, ער זאָל אויסטאָן די אומריינע מלבושים, און נישט אָנטאָן איהם קיין חרפות פאר דער גאנצער שטאָט. שטום האָט נעקוקט די כלה צו איהם, מיט א געבעט אין די אויגען. ער האָט זיך אָבער געהאַלטען ביים זייניגען: ער קען זיינע מלבושים נישט אויסטאָן! האָבען זיי געזעהן, אז זייערע רייד זענען אומזיסטע, און זיי האָבען אויפגעהערט מיט איהם צו רעדען וועגען דעם.

דער רב האָט געהאַט שטארק עגמת־נפש דערפון, און העלפען האָט ער זיך נישט געקאָנט. האָט ער אויסגערעכענט די צייט, און געזעהן, אז מ'זאָל אריינקומען שפעט ביינאכט אין שטאָט, אויסצומיידען מענשליכע אויגען.

און ווען זיי זענען אָנגעקומען, און די רבי'צין האָט זיי דערזעהן, האָט זי גענומען וויינען און קלאָגען אויף איהר טאָכטערס מזל. דער רב האָט זי געפרואווט טרייסטען, און ער האָט נישט געקאָנט. האָט איהר די טאָכטער איינגענומען מיט גוטע רייד, געטרייסט און זי איינגעשטילט. די רבי'צין האָט גענומען ארבייטען און פארפיהרען איבער איהם,

ער זאָל נישט פאַרצאַפּען איהר בלוט אומזיסט, און איבערבייטען זיינע מלבושים, און ער האָט נישט געענטפערט.

נאַכט און מידקייט האָבען צוגעשלאָגען, און א שטאַרקער שלאָף איז אָנגעפאַלען אויף אַלעמען. האָט די כלה געזעהן אין איהר חלום דעם גרייז, א ליכטיגען און א שטראַלעוודיגען, און ער האָט געזאָגט צו איהר :

— טאָכטערשי, ווייל דו האָסט געהאַט בטחון, און דו האָסט געפאָלגט מיינע רייד, וועסטו זוכה זיין צו זעהן דיין חתן אין זיינע אמת'ע קליידער. געדענק, דו דאַרפסט זיין אַן עזר, און דאַרפסט אין אַלעם העלפען דיין מאַן א גאַנץ לעבען. הויב עס שוין אָן צו טאָן, און העלף איהם איצט בייקומען דעם שווערען נסיון; היט איהם ער זאָל נישט געשטרויכעלט ווערען, און נישט ביישטעהן אין דער לעצטער מינוט; היט איהם פון פרעמדע מענשענ'ס אויגען, אויערען און בייזע־צונגער! געדענק, טאָכטערשי, עס דאַרף זיין א באַהאַלטענער סוד, ביז די צייט וועט קומען. טו עס מיט גרויס חכמה, און עס זאָל קיינעם נישט אַנטפּלעקט ווערען.

און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איהר שלאָף און דערזעהן, ווי דורך א שפּאַרע פון דעם חדר, וואו דער חתן איז געווען, שלאָגט ארויס א העל ליכט, און זי האָט זיך איינגעהערט צום שנאָרכען פון אַלע פון הויז, און געוואוסט אז א שטאַרקער שלאָף ליגט אויף זיי, און זי איז אראָפּגעגאַנגען אויף די שפּיץ־נעגעל, און צוגעגאַנגען אין דער שטיל צו דער שפּאַרע. האָט זי דערזעהן, ווי איהר חתן זיצט און א ליכט שלאָגט ארויס פון זיינע בגדים, און א קרוין פון בליציג פייער הענגט איבער זיין קאָפּ. האָט זי זיך געשטאַרקט, און איז צוריקגעגאַנגען אין דער שטיל, געלעגט זיך אויף איהר בעטעל, און געגליהט ביז טאָג. זי האָט באַהאַלטען אין זיך איהר פרייד, און געטראַכט, ווי אַרום צו העלפען איהר חתן. און זי האָט געוואוסט, אז דער נסיון איז גרויס, וואָרים אַלע וועלען צושטעהן צו איהם, ער זאָל בייטען זיינע מלבושים.

און ווען איהר פאָטער און מוטער זענען אויפגעשטאַנען, טרויריגע, איז זי זיי אַנטקעגענגעקומען א ליכטיגע, און זי האָט געזאָגט צו זיי :

— גאָט האָט אייער איינציג קינד דעם זיווג צוגעשיקט, און איהר זייט נאָך טרויעריג? פרייט זיך אין דעם טאָג פון מיין פרייד !

האָט די מוטער געענטפערט :

— וועה איז מיר וואָס פאַר א פינסטער מזל מיין איינציג אויג אין

קאַפּ האָט! ווי וועל איך קענען אריבערטראָגען די חרפה און דעם וועהטיג! וואָס וועט די שטאָט רעדען, ווען מ׳וועט זיך דערוויסען? ווי קריגט מען כאָטש אראָפּ פון איהם די בגדים!

און די טאָכטער האָט געענטפערט:

— באוויין מיך נישט, מאמע, גאָט האָט אזוי געוואָלט און אלץ וואָס ער טוט איז גוט. דאָס מזל איז ביי איהם אין דער האנט, און אז ער וויל לייכט עס ווי די זון. און וואָס אנבאלאנגט די מלבושים און די שטאָט, זאָל מען עס דערוויל האלטען בסוד, און ער וועט דערווייל זיין ביי אונז, ווי א משרת, און קיינער וועט זיך אויף איהם נישט אומקוקען. אז עס וועט קומען די צייט, וועט איהם קיינער נישט דערקענען, ווען ער וועט ארויסשיינען פון די חופה־מלבושים.

און דער רב האָט צוגעהערט די קלוגע רייד פון זיין טאָכטער, און די שטארקע שטים פון אמונה און בטחון, וואָס האָט געקלונגען פעסט און ריין רעדענדיג, און ער איז אָנגעפילט געוואָרען מיט גלויבען און צוטרוי צום באשעפער, און ער האָט תשובה געטאָן דערויף, וואָס ער האָט נאָכגע־קלעהרט נאָך זיינע דרכים, און ער האָט געזאָגט צו דער רבי׳צין:

— לאָמיר זיך לערנען פון אונזער קינד, און פארלאָזען זיך אויף זיין־ליבען־נאָמען, וואָרים זיינע וועגען זענען די גלייכסטע, און קיין עולה טוט ער נישט. מיר האָבען געזעהן באשיינפערליך, אז דאָס איז זיין ווילען, און עס וועט געשעהן. ער האָט געשיקט אויף אונז א נסיון, און מיר וועלען איהם ביישטעהן!

און ער האָט אריינגערופען דעם חתן צו זיך און געפרעגט:

ווי אלט ביסטו, מיין קינד?

און דער חתן האָט געענטפערט:

— זיבעצעהן יאָהר און אכט חדשים.

— האָט ער אָפּגעלעגט די חתונה אויף דעם טאָג ווען חתן־כלה וועלען אלט ווערען אכצעהן יאָהר, וואָרים ער האָט געזעהן, אזביידע זענען געבוירען געוואָרען אין דעמזעלבען טאָג.

און דער חתן איז ארומגעגאנגען ארום דעם רב׳ס הויז ווי א משרת און האָט געטאָן אלערהאנט ארבייט, און קיינער פון דער גאנצער שטאָט האָט זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט, און נישט געוואוסט פון קיין זאך.

דער רב האָט גענומען לערנען מיט איהם און געמיהט זיך איהם

צו געבען צו פאַרשטעהן א אידיש וואָרט, און דער חתן האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט געהאַט זעהר א שווערען קאָפּ, און ער קען קוים פאַרשטעהן זיינע ווערטער.

און די כלה האָט איהם געהיט מיט גרויס חכמה, און געהאָלפען איהם ביישטעהן דעם נסיון.

און עס איז געקומען דער שבת פון פאַרשפּיל, און די רבי'צין האָט ווייטער גענומען פאַרפיהרען, אז ער זאָל איבערטאָן די מלבושים און געהן צום באַשיטען, און זי האָט נישט געקאָנט פּועל'ן ביי איהם. און דער רב און די טאָכטער האָבען איהר קוים איינגענומען מיט זייערע רייד.

חופּה־טאָג איז געקומען א שומר מיט א גרויסען וואַלד־שטעקען אין האַנט, אָנגעטאָן ווי דער חתן, ער האָט גערעדט מיט א גראָב קול, און געפרעגט אויף זיין חבר. האָט מען איהם געפרעגט, נאָכוואָס ער דאַרף איהם, האָט ער געענטפערט :

— איך האָב געדינט מיט איהם ביי איין בעל־הבית, און בין געקומען טאַנצען אויף זיין חתונה, ווי איך האָב צוגעזאָגט.

דער חתן האָט דערהערט זיין קול, און איז גלייך אריינגעקומען. דער שומר האָט איהם געקלאַפּט אין פּלייצע, פאַר גוטפריינדשאַפט, און ער האָט אויך אזוי געטאָן. און ער האָט געהייסען געבען זיין חבר לעקעך־און־בראַנפען.

די כלה האָט דערזעהן דעם שומר, און זי האָט אויפגעשטראַלט און פאַרבאָרגען איהר פריייד אין זיך. דער רב האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, ווי ער וואָלט געזוכט א באַשיידעניש, און די רבי'צין האָט פאַרשטיקט א טרער און געזיפצט.

און די כלה האָט איינגערוימט א סוד דער מוטער אין אויער, און די רבי'צין האָט געכאַפּט און געגעבען דעם חבר זעהר א פיינע סעודה. דערנאָך האָט זי גענומען מיט איהם איינ'טענה'ן, ער זאָל פּועל'ן ביים חתן, ער זאָל זיך איבערטאָן.

האָט דער שומר געשמייכעלט און געזאָגט:

— זאָרגט נישט, מיך וועט ער פאָלגען. גיט אהער וועש, שיך־און־זאָקען און אונטער־מלבושים, און איך וועל איהם איבערטאָן.

איז מען געוואָרען אביסל פרעהליכער, און מ'האָט אריינגעבראַכט די מלבושים.

און דער שומר האָט גענומען דעם חתן ביי דער האנט, און איז אוועק מיט איהם צום טייך, זיך צו טובל'ן, און דאָס פעקל מלבושים האָט ער געטראָגען אין דער צווייטער האנט.

און ווען זיי זענען צוריקגעקומען פון טייך האָבען זייערע פּנים'ער זעהר שטארק געלויכטען, און קיינער האָט זיך נישט געקאָנט אין זיי איינ־קוקען. ער האָט אריינגעפיהרט דעם חתן אין זיין חדר, און איז ארויס־געקומען פון דאָרט אליין.

און ווען מ'האָט דערנאָך איהם געבעטען, ער זאָל פּועל'ן ביים חתן, ער זאָל אָנטאָן דעם קאפטאן און דאָס שטריימעל, האָט ער געענטפערט:

— נישט געאיילט זיך! איך האָב מעהר נישט קיין רשות. אנדערע מלבושים וועט מען ברענגען. די אונטערפיהרער וועלען איהם אָנטאָן פאר דער חופּה.

און ער איז צוריק אריינגעגאנגען צום חתן.

עס איז דערווייל געוואָרען שפּעט, דער עולם איז זיך צוזאמענגע־קומען, קלעזמאָרים זענען געזעסען און האָבען געהאלטען אין איין אָנציהען די פידלען. שטיל האָט מען גענומען מורמלען: צייט צו מאכען קבלת־פּנים.

איז דער שומר ארויסגעקומען, און האָט א קלאפּ געטאָן אין טיש, און געזאָגט:

— וואָס מיינט איהר עפּעס, דער חתן קומט ארויס פון א שטיין? זאָל מען ווארטען אויף די מחותנים! עס האָבען דורות און וועלטען אויף זיי געווארט, און איהר איילט זיך. געהט און טובל'ט זיך פריהער איידער איהר האָט די זכיה זיי צו זעהן!

און דאָס קול איז געווען וואונדערליך און געביטעריש. זיי האָבען זיך ארומגעקוקט און געזעהן, אז ער איז איננאַנצען איינגעהילט אין ליכט.

האָבען אלע געטאָן, ווי דער שומר האָט געהייסען, און זיי זענען אוועק זיך טובל'ן.

דער האר"י האָט די גאנצע זאך געזעהן אין חלום, און מ'האָט איהם געזאָגט, ער זאָל נעמען זיין שוועסטער, און פאָהרען צו דער חתונה. די שוועסטער איז געווען, נישט פאר קיין אידישע טאָכטער געדאכט, אן אלמנה, און איז ווייטער געווען ביי איהם אין הויז. איז ער אריינגעגאנגען

צו איהר און ער האָט איהר אָפּגעגעבען מזל־טוב, און געזאָגט:

— זעהסטו, שוועסטער, השם־יתברך האָט געהאָלפען און מיר פאָהרען איצט צו דיין זוהן אויף דער חתונה!

האָט זיך די שוועסטער צעוויינט פאַר שמחה, און האָט געפרעגט:

— האָבען די ליכטיגע אויגען, וועלכע איך האָב פאַרלאָשען, זיך צוריק אָנגעצונדען?

האָט דער האר"י געענטפערט:

— איך האָב איהם פון יענעם טאָג אָן נישט געזעהן, נאָר איך וויים, אז זיין ליכט באַלייכט וועלטען.

די שוועסטער האָט איהם נאָך עפּעס געוואָלט פרעגען, נאָר ער האָט צו איהר געזאָגט:

— שוועסטער, איצט איז קיין צייט נישט צו פרעגען, מחותנים שטעהן און וואַרטען מיט דער חופּה!

און מיט קפיצת־הדרך איז מען אהין גלייך אוועקגעפאָהרען.

ביים רב אין הויז זענען אַלע געזעסען און האָבען געוואַרט מיט קלאַפּענדיגע הערצער. א סודות'דיגע שטילקייט איז געווען אויסגעגאָסען אויף אַלע, און א וואונדערניש האָט ארויסגעקוקט פון זייערע ברייט־צע־עפענטע אויגען. שטיל זענען אַלע געזעסען, און געוואַרט מיט פאַרהאַל־טענעם אָטעם.

ארום האַלבער נאַכט, ווען דאָס צפון־ווינטעלע האָט אָנגעהויבען צו בלאָזען, האָט זיך דערהערט א שפּילען פון א זיס פידעלע. די קלעזמאָרים זענען מיטגעריסען געוואָרען, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו שפּילען א וואונדערליכען ניגון, וואָס זיי האָבען קיינמאָל נישט געהערט. עס האָט זיך דערהערט דאָס פאָהרען פון קאַרעטעס. דער שומר האָט אויסגעשריגען:

— וואָס שלאָפט איהר, געהט ארויס אנטקעגען די מחותנים!

און די מחותנים זענען אָנגעקומען מיט גרויס שמחה און רעש, און די גאַנצע שטאָט האָט אויפגעוואַכט פון די שטאַרקע קולות פון נגינה.

און דער שומר האָט אויסגערופען:

—ברוך־הבא, ר' אברהם! ברוך־הבא, ר' יצחק, ברוך־הבא, ר' יעקב! פרעהט אייך קדושי־עליון אויף דער שמחה פון אייער אייניקעל. ר' דוד וועט פיהרען די קאַפּעליע, און ר' שלמה וועט משמח זיין חתן־כלה

און דעם גאנצען עולם מיט זיינע משלים און שירים! מאכט א ווארע פאר'ן חתן'ס פעטער ר' יצחק לוריא! זאָל זיך דעם חתן'ס מוטער פרעהען מיט איהר איינציג קינד!

אָהן אָטעם איז געבליבען שיער דער גאנצער עולם.

און דער שומר האָט ווייטער אויסגערופען:

— דער מחותן ר' אברהם וועט אָנטאָן דעם חתן דעם קאפטאן; דער מחותן ר' יצחק וועט איהם אָנגירטען דעם גארטעל; דער מחותן ר' יעקב וועט איהם אָנטאָן דאָס שטריימעל; דער פעטער, דער האר"י, וועט איהם אָנטאָן דעם קיטל, אלע שבעת־הרועים וועלען בענשען חתן־כלה קודם החופה!

דער גאנצער עולם האָט געהאט כלות־הנפש, און איז שיער אויס־געגאנגען.

באלד איז דער חתן געשטאנען אן אויסגעצירטער אין מלבושי־כבוד, און זיין פנים האָט געשטראלט. עס האָט זיך דערהערט א זיס פידעלע, און דער טל פון תחית־המתים האָט אָנגעהויבען צו טריפען, און אלע זענען דערפרישט געוואָרען. קיהלע גן־עדן ווינטעלעך האָבען אָנגעהויבען צו בלאָזען און פאָכען איבער פנים'ער. אלע האָבען אויפגעלעבט, און זייערע פנים'ער האָבען אויפגעשיינט.

און ביי דער חופה האָט מען מכבד־געווען אלע שבעת־הרועים, יע־דען פון זיי, מיט א ברכה. און א חופה איז געווען מיט קולות וברקים. און דוד האָט געפיהרט די קאפעליע ביים טיש, און שלמה האָט געזאָגט ווערטער פון חכמה און געזונגען זיסע שירים, און אלע זענען שיער אויס־געגאנגען פון מתיקות.

דער חתן האָט געזאָגט די דרשה און א פלאם האָט געברענט ארום איהם.

און דערנאָך א דרשה־געשאנק — עין לא ראתה.

און פלוצלונג זענען אלע נעלם געוואָרען.

געבליבען זענען נאָר דער האר"י און זיין שוועסטער.

דער האר"י איז געבליבען ביז נאָך די לעצטע שבע־ברכות. דעם חתן'ס מוטער איז אינגאנצען פארבליבען ביים פאָרל.

צ׳עהן נסיונות

צעהן נסיונות

א.

וויט, ווייט אין דער מדינה מאראקא, האט א מאל געוואוינט א איד, א גרויסער תלמיד־חכם, א מקובל און א בעל־מדרגה, און זיין נאמען איז געווען רבי פנחס. איז דערדאזיגער רבי פנחס געווען א שם־דבר, א גרויסער מפורסם, צוליב זיין חכמה און עשירות און צוליב זיין ברייטער האנט אין אלע צדקה־זאכען. ער איז געווען זעהר א גרויסער עושר, א זוהן פון גבירים־אדירים, וועמען עס זענען געפאלען ירושה זעהר פיל גיטער, חוץ גאלד און זילבער, אבנים טובות ומרגליות, און זעהר פיל מזומן געלט. מיט קיין עסקים האט ער זיך שוין ניט געדארפט אפגעבען, און ער האט געקאנט זיצען און עוסק זיין אין תורה און עבודה מתוך הרחבת־הדעת. א ווייב האט ער געהאט א מתנה פון זיין־ליבען־נאמען, אן אמת'ע אשה־כשרה און אן אשת חיל, וועמען דער רבונו־של־עולם האט באשאנקען מיט שיינ־קייט און מיט חכמה און, איבער דעם אלעם, מיט א גוט הארץ. זי איז געווען א וואוילקענעוודיגע און א גרויסע בריה, בקיצור—מיט אלע מעלות.

איז אבער מיט אלע מעלות כמעט ווי נישט מעגליך צו זיין, האט דער רבונו־של־עולם פארשלאסען איהר טראכט, און זי איז געווען אן עקרה, נישט פאר קיין אידישע טאכטער געדאכט. איז אבער ר' פנחס געווען פאר איהר בעסער פון פיל קינדער, און זי האט זיך נישט באקלאגט, נישט גע־האט קיין פראטענציעס צו זיין־ליבען־נאמען, און עס אנגענומען פאר ליב, געדאנקט דעם רבונו־של־עולם דערפאר וואס ער האט איהר מזכה געווען מיט אזא גוטען מאן. רבי פנחס האט זי אויך זעהר שטארק ליב געהאט און האט זי שטענדיג געטרייסט, און געשטארקט איהר הארץ, צו האפען צו גאט.

און ווען עס זענען דורכגעגאנגען צעהן יאהר און זי האט קיין קינד נישט געבוירען, האט ער אריינגענומען אין הויז צוויי סופרים, פון די באַ־ריהמטעסטע אין דער מדינה, און האט זיי געהייסען שרייבען צוויי ספרי־תורה, פאר איהם און פאר זיין ווייב רחל. ווען דער סיום איז געקומען, האט ער די ספרי־תורה אריינגעפיהרט אין שול מיט גרויס כבוד, און עס איז געווען א גרויסארטיגע חופה מיט די בעסטע כליזמרים, מיט א גרויסער סעודה און זיבען טעג מאלצייטען און שמחה, ממש ווי א חתונה און שבע־ברכות, און די גאנצע שטאט האט זיך געפרעהט.

אין א קורצער צייט ארום האָבען זיי זיך באקלערט, אז די תורה וואָס שטעהט אין ארון־קודש איז נישט קיין זכר, נאָך זיך איבערצולאָזען, נייערט, זיי דארפען מעהר טאָן און איבערלאָזען נאָך זיך א נאָמען, און זיי האָבען אויפגעבויט, ווייט פון שטאָט, צופיסענס פון די בערג, א גרויסע ישיבה, און ארום איהר הייזער פאר די בחורים און פרושים; פארפלאנצט גלוסטיגע גערטנער ארום און ארום; זיי באזאָרגט מיט אלעמגוטען, אזוי אז מ'זאָל קענען זיצען און לערנען דאָרט מתוך הרחבת־הדעת, אָהן שום דאגות. אהין האָט רבי פנחס אריבערגעטראָגען זיין דירה, און ער האָט פארזאמעלט ארום זיך פיל לומדים און מופלגים, בחורים און פרושים. אין שטאָט האָבען זיי געעפענט א גרויסען הכנסת־אורחים און א בקור־חולים, און רחל, רבי פנחס'עס ווייב, האָט עס אליין געפיהרט. חוץ דעם האָט זי נאָך געהאלטען אויף איהר קאָפּ אלע געדריקטע און נויטבאדערפטיגע. א גאנצע וואָך פלעגט רבי פנחס זיצען אין דער שטילקייט פון די בערג, און עוסק זיין אין תורה און עבודה, הן ביחידות, והן בצבור, נייערט אויף שבת, ראש־חודש און יום־טוב פלעגט ער קומען אין שטאָט אריין, צו זיין ווייב, צוהעלפען איהר אין איהרע מצוות.

און רבי פנחס האָט עוסק געווען אין מצוות און מעשים טובים, אין תורה און עבודה, א לאנגע צייט, און איז געגאנגען אלץ העכער און העכער, פון איין מדרגה צו דער אנדערער, ביז ער איז געוואָרען איינער פון די גרעסטע צדיקים פון זיין דור. ער האָט איינגאנצען מבטל געווען זיין יש, האָט אָן זיך גאָר פארגעסען און נאָר געדענקט פון אנדערע, שטענדיג פאר זיי מתפלל געווען, און זיי געהאָלפען, סיי אין רוחניות און סיי אין גשמיות; זיך ממש מוסר־נפש געווען פאר זיי.

האָט זיין התנהגות געמאכט זעהר א שטארקען רושם אין הימעל, עס האָט פארפארשאפט א שטארקען נחת־רוח.

איינמאָל האָט זיך אליהו־הנביא אנטפלעקט צו איהם און געזאָגט:

— רבי פנחס, דיין צדקות האָט דערגרייכט צום כסא־הכבוד, און דיין בטול־היש איז געוואָרען א ריח־ניחוח פאר כביכול'ן. און ווייל דו האָסט איינגאנצען פארגעסען אָן זיך, און האָסט דיין גאנץ לעבען אוועק־געגעבען פאר אנדערע, און אפילו ווען דו האָסט מתפלל געווען האָסטו אויך זיך קיינמאָל נישט אין זינען געהאט, דעריבער האָט מען איבערגעגעבען אין דיינע הענט אריין די גאנצע וועלט: דער, וועמען דו וועסט בענשען וועט

זיין געבענשט, און דער, פאַר וועמען דו וועסט מתפּלל זיין וועט זיין א גע־האָלפענער.

האָט נישט לאַנג גענומען און רבי פּנחס איז נתפרסם געוואָרען פאַר א גרויסען בעל־מופת, און מ׳האָט אָנגעהויבען פאָהרען צו איהם פון אַלע עקען וועלט, יעדער מיט זיין צעוועהטיגט האַרץ און פּעקל צרות, בעטען פון איהם א ברכה, א וואונש, א תפלה. און ער האָט געבענשט, מתפּלל גע־ווען, און דער רבונו־של־עולם האָט מקיים געווען אַלע זיינע גזרות.

פאַר זיך אַליין האָט ער אָבער קיינמאָל גאָרנישט געבעטען, עס איז איהם צומאָל אויפ׳ן זינען נישט געקומען. פיל וויבער זענען נפקד געוואָ־רען דורך זיינע תפילות און ברכות, און זיין אייגען ווייב, רחל, איז געבלי־בען אַן עקרה.

האָבען די ווייבער גענומען רעדען צו איהר. עצות געבען, זי זאָל צושטעהן צו איהם, ער זאָל פאַר איהר אויך מתפּלל זיין, זי זאָל אויך גע־האָלפען ווערען, ווי אַנדערע אידישע טעכטער, וואָרים וואָס איז זי דען ער־גער פון א פרעמדער? און זי האָט צוגעהערט זייערע ווערטער און געשוויגען.

האָבען די ווייבער אָבער געהאַלטען אין איין אַריינרעדען אין איהר ביז זייערע ווערטער זענען איהר אריין אין האַרצען, און זיי האָבען אָנגע־צונדען דאָרט א בענקשאַפט נאָך א קינד, און אין דער שטיל האָט זי אָנגע־הויבען שטאַרק צו גלוסטען און בענקען נאָך א קינד. דאָס גלוסטען האָט זיך אַלעמאָל מעהר צעברענט און צעפלאַקערט, און עס האָט איהר נישט געלאָזט רוהען. זי האָט אָבער קיין האַרץ נישט געהאַט צו רעדען מיט איהר צדיק וועגען דעם.

האָט זיך אָבער די ביינקשאַפט שטאַרקער צעפלאַקערט, און פון איהר איז אַרויסגעוואַקסען א מין קנאה, און ווען זי האָט געזעהן, ווי א מו־טער דריקט צו איהר עופה׳לע צום בוזים, עס אָנצוזויגען, האָט עס איהר אָנגעכאַפּט ביים האַרץ; און ווען זי האָט געזעהן ווי א מוטער פיהרט א קינד אין חדר אַריין, האָט זי איהר וועהטאָג נישט געקאָנט אַריבערטראָגען. עס האָט איהר נישט געלאָזט רוהען, ביינאַכט, אויף איהר געלעגער, האָט עס איהר געפּייניגט. און רעדען מיט רבי פּנחס׳ן האָט זי נישט געקאָנט וועגען דעם. פילמאָל האָט זי צוגעגרייט איהרע טענות, זיך געמאַכט א האַרץ, זי וועט רעדען, זי איז דאָך נישט ערגער פון א פרעמדער; זי איז דאָך אויך א אידישע טאָכטער. איז אָבער גענוג געווען רבי פּנחס זאָל אהיימקומען, און

איהרע אויגען זאָלען זיך טרעפען מיט זיינע, אז זי זאָל פארגעסען אלע איהרע טענות, און נישט קענען עפענען קיין מויל און בעטען עפּעס פאר זיך. פון איהר מויל פלעגען זיך שוין ארויסרייסען בקשות פאר דער, יע־נער, און פאר זיך קיין וואָרט נישט, קיין קרומע מינע צומאָל. איהרע אוי־גען פלעגען אויפליכטען, איהר פּנים האָט זיך צעשטראַלט, און זי האָט אויסגעזעהען א צופרידענע, א גליקליכע.

און ווען זי האָט געזעהן, אז זי קען מיט איהם נישט רעדען וועגען דעם, האָט זי אָנגעהויבען צו וויינען אין דער שטיל, ווען ער פלעגט נישט זיין; און יעדען טאָג פלעגט זי אריינגעהן אין איהר חדר און זיך גוט אויסוויינען.

איינמאָל האָט זיך געטראָפען אז רבי פּנחס האָט געמאכט א טעות אין לוח און ער איז אהיימגעקומען צוויי טעג פאר ראש־חודש. רחל האָט זיך אויף איהם נישט געריכט, און זי איז גראד דעמאָלט געזעסען אין איהר חדר און האָט געוויינט אין דער שטיל. איז ער פלוצלונג אריינגעקומען, און ער האָט זי געטראָפען וויינען. ווי זי האָט איהם דערזעהן, אומגעריכט, האָבען איהרע אויגען אויפגעשטראַלט, און איהרע באַקען אויפגעפלאַמט, און פון זיי האָבען אראָפּגעלויכטען פּערל פון טרערען. האָט רבי פּנחס געפרעגט:

— וואָס וויינסטו, אשה? וואָס איז דיר געשעהן?

האָט זי געפּרוואווט פארבאָרגען איהר געוויין, און זי האָט געענט־פערט מיט א שאלה:

— וואָס עפּעס היינט פלוצלונג געקומען — נישט קיין שבת, נישט קיין יום־טוב?

האָט ער געענטפערט:

— א טעות געמאכט אין לוח. אָבער זאָג מיר, אשה, וואָס איז דאָס פאר א געוויין? פארבאָרג פאר מיר קיין זאך נישט!

האָט זי זיך אָנגעגורט מיט מוט און זי האָט געזאָגט:

— האָט מען הייסט עס פון הימעל געמאכט, דו זאָלסט האָבען א טעות, כדי דו זאָלסט קומען און צוזעהן מיין צער, און איך שווייג אלץ —

און זי האָט מעהר נישט געקאָנט רעדען און האָט זיך שטארק צע־שלוכצט.

האָט ער צו איהר געזאָגט:

— אונזערע הייליגע חכמים האָבען אונז געלערנט, אז ווען איינער איז מתפלל פאר א צווייטען, און ער אליין נויטיגט זיך אין דערזעלבער זאך, ווערט ער צום ערשטען געהאָלפען. איך האָב שוין געבעטען פאר אזויפיל מענשען, און מיר זענען נישט געהאָלפען געוואָרען, מסתם דארף מען משנה זיין סדרי־בראשית, און מיר טאָרען נישט אזויפיל מטריח זיין די פמליא־של־מעלה.

האָט זי געענטפערט מיט א פארשלוכצט קול:

— האָבען דען אונזערע הייליגע חכמים נישט געשריבען, אז גאָט־ברוך־הוא, טוט גלוסטען צו דער תפילה פון צדיקים?

האָט רבי פנחס געענטפערט:

— זיי האָבען אונז אָבער אויך געלערנט, אז קיין געבונדענער קען זיך אליין נישט באפרייען פון דער תפיסה.

האָט זי געטאָן א טיפען שלוכץ, האָט אָנגעשטעלט אויף איהם א פּאָר אויגען, פולע מיט שטומען צער, און איז געבליבען שטעהן ווי פאר־שטיינערט.

האָט דער בליק צעריסען זיין הארץ, און ער האָט שוין עס מעהר נישט געקאָנט אריבערטראָגען, און ער האָט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און געזאָגט:

— מילא, וואָס זאָל איך טאָן? איך וועל פּרואווען מתפלל זיין צו זיין־ליבען־נאָמען.

און ער האָט זיך אוועקגעשטעלט תפילה טאָן מיט א צעבראָכען געמיט.

און ווי זיין תפילה איז ארויפגעקומען אין הימעל, האָט זי דאָרט געמאכט זעהר א גרויסען רעש. מלאכים און שרפים האָבען גענומען לויפען, זיך צו מיהען פאר איהם, הייליגע נשמות האָבען זיך גענומען רייסען, יעדע איינע האָט געוואָלט האָבען די זכיה ביי אזא צדיק געבוירען צו ווערען. עס האָט זיך געטאָן. איז אָבער אָנגעקומען דער שטן, און האָט גענומען מאכען א גוואלד:

— סטייטש! איבערגעגעבען א וועלט אין זיינע הענט אריין, גע־מאכט איהם פאר א צדיק־גוזר, איצט פארקנעכט ער פמליא־של־מעלה צו זיין ווייב'ס קנאה! א קינד צום שפילען און באריהמען זיך מיט זיין לויב האָט איהר געפעהלט. איצט — פטור זיין פון אלע מצוות, אלץ אראָפּ־

ווארפען פון זיך, אויס צדקה, אויס הכנסת־אורחים! שיין געדינט השם־יתברך אָהן פניות! חייב מיתה איז ער — „ודאשתמש בתגא חלף"!

א שורה ווייסע מלאכים־לעך, ריינע און קלאָרע ווי דער שניי אויף די הויכע בערג־שפּיצען, באשטראַלט פון דער זון, אלע גאנצע אָהן א מום, איז ארויפגעקומען מיט איין גלייכען פליגעל־צוג, און האָט איבערגעשלאָגען דעם קטרוג מיט איהר שירה. זיי האָבען געזונגען דעם לויב פון רבי פּנחס און זיין ווייב, וואָס האָבען זיי באשאפען מיט זייערע מצוות.

אויף א רגע איז דער מקטרג אנטשוויגען געוואָרען, דערנאָך האָט ער ווידער געעפענט זיין מויל, און ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען בייזע ווער־טער אויף דער צדיקת רחל. האָבען די ווייסע מלאכים'לעך איהם ווייטער פארשטאָפּט דאָס מויל און איבערגעשלאָגען דעם קטרוג. דערווייל איז די תפילה ארויפגעקומען צום כסא־הכבוד, און גאָט האָט זי באוויליגט, און א גרויסע נשמה איז אראָפּגעשיקט געוואָרען אויף דער וועלט.

דער שטן האָט זיך אָבער נישט פארלוירען, ער האָט ווייטער מקטרג געווען, און געפאָדערט אן עונש, דאָס קינד ביי זיי צוצונעהמען נאָכדעם ווי עס וועט געבוירען ווערען, ווייל עס איז א קינד פון קנאה.

האָבען זיך אריינגעמישט גוטע מלאכים, און האָבען פארזיסט דעם דין.

און עס איז געבליבען, אז דער קטיגור זאָל אראָפּגעהן און פּרואווען רבי פּנחס'ן, און אויב ער וועט חלילה נישט ביישטעהן דעם נסיון, זאָל מען צונעמען דאָס קינד; וויבאלד ער וועט אָבער דעם נסיון יאָ ביישטעהן, זאָלען זיי אָפּקומען מיט צער־גדול־בנים. און גרויס זאָל זיין דער צער, און קיין טראָפּען נחת זאָלען זיי נישט זעהן, ביז די פּגימה וועט אינגאנצען אראָפּ. דאָס קינד זאָל אָבער איבערגעגעבען ווערען אין די הענט פון א גוטען מלאך, עס אָפּצוהיטען ווי דאָס אפּעל פון אויג, אז די עלטערען זאָלען נאָר אָפּקומען מיט שרעק און צער.

און מ'האָט געשטעלט אליהו הנביא'ן איבער דעם קינד, עס צו היטען.

ב.

אין דעמזעלבען יאָהר איז רחל, רבי פּנחס'עס ווייב, אויפגעריכט געוואָרען, און זי האָט אַנגעהויבען טראָגען. און זי האָט געדאַנקט און גע־לויבט דעם אויבערשטען, וואָס האָט צוגעהערט איהר מאַן'ס תפילה, און דערפילט איהר באַגעהר. זי האָט געגעבען פיל צדקה צו אָרימעלייט, און מתן־בסתר אריינגעוואָרפען צו בכבוד'יגע אַפּגעקומענע. און זי האָט א נדר געטאָן צו גאָט און געזאָגט:

— גאָט פון אונזערע הייליגע אָבות און אמהות, איך וויים גאַנץ גוט, אז נישט איך און נישט מיין מאַן זיינען מיר ווערט דעם גרויסען חסד, נייערט, דו האָסט עס געטאָן מיט דיין גרוים גנאַד און באַרימהערציקייט; דו האָסט אונז געליהען א קינד, וואָס זאָל באַשיינען און באַלייכטען אונזער הויז. דעריבער, וועל איך אָפּהיטען דיין פּקדון פאַר דיינעטוועגען. מיט אַלע מיינע כחות וועל איך זעהן, אז דאָס קינד זאָל נאָר עוסק זיין אין דיין הייליגער תורה, און אָפּהיטען דיינע מצוות און געבאָט. איך וועל זיך קיינמאָל נישט שאַפען מיט דעם קינד, ער זאָל עפּעס טאָן פאַר מיר, אָדער פאַר מיין מאַן. צו דיר, ליבער גאָט גיב איך איהם איינגאַנצען אָפּ, ווי די צדיקת חנה האָט געטאָן מיט שמואל הנביא, טו מיט מיר, גאָט, א חסד, און לאָמיך בשלום איבערקומען.

און זי האָט זיך שטאַרק געהיט, און געהייליגט די גאַנצע צייט פון איהר טראָגען, זי זאָל חלילה נישט זעהן קיין אומריינע זאַך. און זי האָט געוואוסט, אז גאָט האָט איהר געגעבען א זוהן, ווי רבי פּנחס האָט געבעטען, און זי האָט זיך זעהר געפרעהט.

און ווען עס האָט זיך אָנגערוקט די צייט פון איהר געווינען, און זי האָט שוין מעהר נישט געקאָנט אַליין ארומגעהן און אכטונג געבען אויף די אָרימעלייט, האָט זי אריינגערופען זיבען פון די גאַספּאָרכטיגסטע ווייבער פון שטאָט, און זי האָט זיי איבערגעגעבען די שליסלען, און האָט צו זיי אַזויגעזאָגט:

— אין אייערע הענט גיב איך איבער די השגחה איבער די אָרימע־לייט. איך האָב אָנגעזאָגט אַלע מיינע קנעכט און דינסטען, זיי זאָלען אייך פאָלגען, אַלץ וואָס איהר וועט זיי הייסען טאָן. בעט איך פון אייך, איהר זאָלט מיר באַהילפיג זיין, און יעדע איינע פון אייך זאָל אָפּגעבען א טאָג אין דער וואָך, אכטונג צו געבען אויף דעם הכנסת־אורחים און זעהן, אז

אלע וואָס וועלען אהין ארײנקומען, זאָלען אָרענטליך באהאנדעלט ווערען. קארגט נישט און גיט אלעמען פון שענסטען און פון בעסטען, און זאָל עס אייך זיין צו מצוה. זייט דאָ, יעדע איינע איהר טאָג, ביז דער־וואָס־איבער־אונז וועט מיר העלפען און איך וועל איבערקומען בשלום.

און די ווייבער האָבען זי געבענשט, און צוגעזאָגט צו דערפילען איהר באגעהר.

ווען רבי פנחס איז אהיימגעקומען, האָט איהם זיין ווייב דערציילט וואָס זי האָט געטאָן, און דעם נדר וואָס זי האָט אויף זיך גענומען. און רבי פנחס האָט געהערט און זיך געפרעהט, און ער האָט צו איהר אזוי־געזאָגט:

— רחל, מיין ווייב, דו האָסט אוועקגעגעבען דאָס קינד אינגאנצען צו גאָט, ברוך־הוא, און צו זיין הייליגער תורה, און עס דארף פון דעם ערשטען טאָג אָן, גלייך נאָכדעם ווי עס וועט געבוירען ווערען, זיין אין דעם אויר וואָס איז געלייטערט און גערייניגט געוואָרען דורך דער הייליגער תורה; עס דארף באלד, ווי עס וועט נאָר ארײנקומען אין דער וועלט, זיך אָנזאפען מיט די קולות און ניגונים פון דער הייליגער תורה. ביז מיר וועלען זוכה זיין מגדל צו זיין אונזער קינד, עס זאָל קענען אָנהויבען לערנען די הייליגע ווערטער פון גאָט, דארף זיך עס געפינען אין א הויז, וואו דאָס קול פון תורה הערט קיינמאָל נישט אויף צו קלינגען. דעריבער איז מיין עצה, אז דו זאָלסט מיטפאָהרען צו מיר אין דער ישיבה אריין, אין דעם הויז וואָס איך האָב פאר דיר דאָרט אָנגעגרייט, און דאָרט וועסטו גע־בוירען דאָס קינד מיט גאָט'ס הילף.

האָט רחל געטאָן ווי רבי פנחס האָט געזאָגט, און זי האָט מיטגע־נומען עטליכע פון איהרע דינסטען, און זי האָט זיך באזעצט מיט זיי אין איינעם פון די הייזער, ביי דער ישיבה.

און ווען די וועהען זענען איהר אָנגעקומען, איז דאָרט געזעסען א מנין גרויסע לומדים און געלערנט מיט גרויס פלאַם, און זייערע ברענעדיגע קולות פון תורה, האָבען גובר געווען די קולות פון חבלי־לידה, און דאָס קינד איז מיט מזל געבוירען געוואָרען.

און ווען דאָס קינד איז ארויסגעקומען אין דער אויר פון אונזער וועלט, האָט עס פארשיינט דאָס גאנצע הויז און פארטונקעלט דאָס ליכט פון די ענגלייכטער און בליצלאָמפען. און מ'האָט עס גלייך איבערגעדעקט

מיט א טלית, אַפּצוהיטען עס פון א בייז־אויג.

און מ'האָט ארויסגעשיקט שלוחים איבער דער גאנצער סביבה, אָנ־צוזאָגען די בשורה, און צו בעטען אָרים און רייך צום ברית. און מ'האָט גענומען צוגרייטען די גרויסע סעודה.

און עס זענען זיך אָנגעקומען פיל גרויסע גבירים און נכבדים פון אַלע קהילות ארום, אויך פיל חשוב'ע געסט, וואָס האָבען געהערט פון רבי פּנחס'עס נאָמען. און עס זענען זיך אָנגעקומען אָרימעלייט אָהן א צאָל. די חשוב'ע געסט האָט רבי פּנחס איבערגעגעבען צו די בעסטע בחורים פון דער ישיבה, זיי זאָלען אכטונג געבען אויף זיי, און משמש זיין זיי, לפי כבודם ומעלתם, און אליין האָט ער אכטונג געגעבען אויף די אָרימעלייט, זיי באדינט, און געזעהן, אז זיי זאָלען פּונקט אזוי שיין באהאנדעלט ווערען ווי די גרעסטע מיוחסים.

און צום ברית האָט מען דעם גרויסען גאָרטען פון דער ישיבה אויס־געהאנגען מיט פיל אויסגעשניצטע פּאפּירענע לאמטערען, פון כל המינים קאָלירען, און מ'האָט געגרייט גרויסע טישען צווישען די בוימער, אונטער דעם פרייען הימעל, ווארים די הייזער זענען צו קליין געווען, און זיי האָבען נישט געקאָנט ארייננעמען דעם גרויסען עולם, וואָס איז זיך אָנגעקומען.

רבי פּנחס איז געשטאַנען צווישען די אָרימעלייט, און ער האָט זיי באדינט. פון צייט צו צייט האָט ער געמוזט אוועקגעהן אויף א וויילע, ווען מ'האָט אויסגערופען זיין נאָמען, ער זאָל צוקומען צום טיש פון די לומדים און רבנים, הערען א וואָרט פון זייערע חידושי־תורה.

צווישען די אָרימעלייט איז געקומען איינער מיט מורא'דיגע קאָל־טענעס, דאָס פּנים און די הענט באדעקט מיט מיאוס'ע בלאָטערען און קרעץ, און זעהר א שלעכטער ריח האָט זיך געטראָגען פון איהם. אַלע אָרי־מעלייט האָבען זיך פון איהם אָפּגערוקט, און זיך גע'מיאוס'ט צו זיצען מיט איהם צוזאמען ביים טיש. ער איז געשטאַנען און האָט געוויינט, און געשאָלטען אַלעמען מיט טויטע קללות. ווען רבי פּנחס האָט איהם דער־זעהן, האָט ער איהם אָנגענומען ביי דער האנט, אוועקגעזעצט איהם ביי א באזונדער טישעל, און האָט זיך אליין אויך דאָרט אוועקגעזעצט, און האָט איהם געגעבען פון שענסטען און בעסטען, און גערעדט צו איהם גוטע רייד. דער אָרימאַן האָט געגעסען און געגאַווערט, געכאַפּט, געטרונקען, געגאָסען אין זיך אַלערליי משקאות, ביז ער האָט זיך אָנגע'שיכור'ט. ער האָט אויפגע־

געסען אלצדינג וואָס מ'האָט איהם דערלאַנגט, און געשריגען, מ'זאָל איהם נאָך געבען צו עסען וואָרים ער איז הונגעריג. רבי פּנחס האָט איהם כסדר דערלאנגט צום טיש, אלץ וואָס ער האָט פארלאנגט, מיט דעם שענסטען כבוד. דער אָרימאַן האָט געפרעסען און געזויפט, ביז עס האָט איהם גע־נומען צוריקגעהן. רבי פּנחס האָט זיך נישט גע'מיאוסט, און האָט איהם אָנגענומען ביים קאָפּ און צוגעהאלטען, איהם ארומגערייניגט, און אוועק־געפיהרט און געלעגט אויף זיין אייגען בעט, זיך אָפּצורוהען.

רבי פּנחס איז דערנאָך צוריקגעגאנגען צו די אָרימעלייט, און ער האָט זיי אויסגעטיילט געלט און מלבושים, מיט דער ברייטער האנט, און זיי באליים.

ווען ער האָט שוין געהאט אלעמען אָפּגעפארטיגט, און האָט גע־וואָלט צוגעהן צום טיש פון די לומדים און רבנים, צו הערען א וואָרט תורה איז איהם אנטקעגען געקומען דער אָרימאַן מיט די קאָלטענעס, א וויינעדי־גער. האָט איהם רבי פּנחס געפרעגט, פארוואָס ער וויינט, האָט ער גע־ענטפערט, אז ער איז הונגעריג. האָט איהם רבי פּנחס געגעבען א גע־בראָטענע הון, א פּעקל מלבושים, און א שיינע נדבה, זיך געזעגענט מיט איהם, און צוגעגאנגען הערען א וואָרט תורה.

א וויילע איז רבי פּנחס געשטאנען און האָט געהערט חידושי־תורה, און געבאַפּט התפּעלות. פּלוצלונג האָט ער דערהערט א געוויין. האָט ער זיך אומגעקוקט און דערזעהן, ווי דערזעלבער אָרימאַן שטעהט ווייטער מיט ליידיגע הענט, און וויינט און שילט. האָט ער איהם ווידער גע־פרעגט, פארוואָס ער וויינט, און דער ארימאַן האָט איהם געענטפערט, אז די אָרימעלייט זענען איהם באפאלען, האָבען צוגענומען פון איהם אלצדינג, און ער איז געבליבען א בלויזער און א הונגעריגער. האָט איהם רבי פּנחס געטרייסט און געגעבען א צווייטע הון, נאָך א שענערע נדבה, און א בעסער פּעקל מלבושים, איהם באלייט און צוריקגעגאנגען צום טיש.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער אָרימאַן איז ווידער אמאָל צוריקגעקומען מיט ליידיגע הענט, און געוויינט, און געשאָלטען די אָרימע־לייט, וואָס האָבען ביי איהם ווייטער צוגענומען אלץ, וואָס ער האָט גע־האט. האָט איהם רבי פּנחס ווייטער איינגענומען מיט גוטע רייד, און איינגעשטילט, געגעבען איהם א פעטערע הון, א שעהנערע נדבה, און טייערערע מלבושים.

פיער מאָל איז ער אזוי געקומען צוריק, און רבי פּנחס האָט איהם איינגעשטילט, און געגעבען מעהר ווי ער האָט אליין פארלאנגט. צום פינפטען מאָל האָט רבי פּנחס צו איהם אזוינגעזאָגט:

— איך זעה, ר' איד, אז איהר זענט שוין הונגעריג און מיד, ווייסט איהר וואָס, זעצט אייך אוועק צום טיש, און עסט אָפּ צום ערשטען. איך וועל אייך מיטגעבען גענוג צום עסען אויפ'ן וועג אויך, א חוץ א נדבה און מלבושים. איהר וועט זיצען, עסען און טרינקען, און דערוויי'ל וועלען די אָרימעלייט אוועקגעהן זייער וועג, דערנאָך וועל איך אייך באלייטען און וועג אריין, און איהר וועט זיך בשלום אוועקגעהן.

איז דער אָרימאַן באשטאנען דערויף, און רבי פּנחס האָט געטאָן ווי ער האָט געזאָגט.

און ווען רבי פּנחס איז צוריקגעקומען, האָט ער געטראָפען א גרייז, מיט א פּאָר ליכטיגע אויגען, שטעהן ביי דער טיר און וואַרטען. האָט ער געפרעגט דעם גרייז, פארוואָס ער שטעהט ביי דער טיר און געהט נישט אריין זיך משמח זיין גלייך מיט אלע אנדערע. האָט איהם דער גרייז גע־ענטפערט:

— איך בין א כהן, און מיין פאָטער האָט מיר אָנגעזאָגט פאר זיין טויט, אז איך זאָל ניט נהנה זיין פון קיין סעודת־מצוה, ביז איך וועל פריי־הער בענשען די, צוליב וועמען די סעודה איז. וואַרט איך אויף דעם אבי־הילד, ער זאָל קומען און מיך אריינעמען אין הויז אריין, צו דער יולדת; ער זאָל מיר ארויפלעגען דעם רך־הנימול אויף די הענט, איך זאָל איהם בענ־שען, דערנאָך וועל איך עפּעס טועם זיין און משמח זיין זיך צוזאמען מיט אלע.

האָט איהם רבי פּנחס אריינגעפיהרט צו דער יולדת אין חדר אריין, האָט איהם ארויפגעלעגט דאָס קינד אויף די הענט, ווי ער האָט געבעטען, און עס צוגעדעקט מיט א טלית.

און ווי דער גרייז האָט נאָר געהאט דאָס קינד אויף די הענט, האָט ער זיך א לאָז געטאָן צו דער טיר, און האָט זי אויפגעבראָכען, און איז ארויס. רבי פּנחס און זיין ווייב זענען א מינוט צעטומעלט געווען, פון פלוצלונגער שרעק. דערנאָך האָבען זיי איהם גענומען נאָכלויפען, שרייען און בעטען, און דער גרייז איז געלאָפען, און האָט זיך נישט אומגעקוקט. לייכט זענען געוואָרען זיינע פיס, און ער איז געלאָפען ווי א יונגערמאַן,

און זיך דערנעהנטערט צו די בערג. אלע הויזלייט און געסט האָבען דער־הערט דאָס געשריי, און זיי האָבען זיך דערשראָקען, און זענען נאָכגעלאָפען און געיאָגט דעם אלטען; אויף פערד האָט מען איהם נאָכגעיאָגט, געפלוי־גען פייל פון בויגען, און כאפּען האָט מען איהם נישט געקאָנט. ווי אויף די פליגעל פון ווינט האָט ער זיך געטראָגען און געשוועבט ווייטער און העכער פון זיי, און דאָס קינד אויף זיינע אויפגעהויבענע אָרעמס. זיי האָ־בען איהם געזעהן, און געהערט דאָס געוויין פון דעם קינד, און דעריאָגען האָבען זיי איהם נישט געקאָנט. זיי האָבען איהם נאָכגעיאָגט, ביז ער איז צוגעקומען צום בארג, און זיי האָבען געזעהן ווי א שטיין האָט זיך פאר איהם געעפענט, און ער איז אריין מיט דעם קינד אין בארג, און פאר־שוואונדען געוואָרען. זיי זענען צוגעקומען צו דעם אָרט, וואו ער איז פאר־שוואונדען געוואָרען, און זיי זענען געבליבען צעטומולטע און דערשטוינ־טע, ביי די הארטע פעלזען. זיי האָבען געריסען די האָר פון די קעפּ, גע־ווינט און געקלאָגט, און צוריקגעקעהרט זיך אהיים אָהן דעם קינד.

ג.

רבי פּנחס איז אהיימגעקומען און האָט געטרויערט, און רחל האָט געשלאָגען קאָפּ אָן וואַנט און גע'חלש'ט, און אַלע תּלמידים און געסט זענען ארומגעגאנגען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אבלים. דערנאָך האָט זיך רבי פּנחס געשטארקט, און ער האָט מצדיק געווען אויף זיך דעם דין, און געמאכט א ברכה אויף זיין אומגליק. רחל האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו וויינען און צו קלאָגען, און זי האָט קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיך. אַלע־מאָל האָט זי אויסגעבראָכען מיט א נייעם געוויין, און ווייטער אָנגעהויבען צו חלש'ן, און מ'האָט זי געדארפט רייסען און מונטערען א צייט. דער־נאָך פלעגט זי בלייבען ליגען אן אומבאוואוסטזיניגע, און ווארפען א שטאַ־רען בליק צום באַלקען.

רבי פּנחס האָט זי געפּרואווט טרייסטען און רעדען צו איהר, נאָר זי האָט נישט געוואָלט הערען. דריי טעג זענען אזוי דורכגעגאנגען, און זי האָט נישט געגעסען און נישט געטרונקען און נישט פארזוכט קיין זאַך, חוץ וואָס מ'האָט איהר אריינגעגאָסען אין מויל בשעת מונטערען. אויפ'ן פערטען טאָג האָט זי אויפגעהערט צו חלש'ן און זיך צו וועהרען, ווען מ'האָט איהר געגעבען עפּעס אין מויל אריין. זי האָט אָבער נישט גערעדט און נישט געענטפערט קיין וואָרט.

אזוי זענען דורכגעגאנגען עטליכע טעג. רבי פּנחס האָט געהאט דערפון זעהר פיל צער, און ער איז געזעסען און האָט איהר געפּרואווט איינענעמען מיט גוטע און קלוגע רייד: ער האָט איהר דערמאָנט, אז א אי־דיש־קינד טאָר אזוי נישט טאָן, נייערט, מ'מוז אָנעמען פאר ליב אַלץ, וואָס דער רבונו־של־עולם טוט און מאכט. ביסלאכווייז האָט זי אָנגעהויבען צו ענטפערן א וואָרט. עס איז אָבער נישט געווען דאָס וואָס אמאָל. א שטיקל צייט שפּעטער, איז זי אראָפּ פון בעט, און האָט גענומען אויס־מיידען מענשען; זי האָט אויך אויסגעמיטען איהר אייגענעם מאן. רבי פּנחס אליין האָט זיך אויך אביסל געביטען, און האָט זיך אויך גענומען אויסבאהאלטען פון מענשען, זיך וואָס מעהר מתבודד זיין, און זוכען א טרייסט אין די סודות פון דער תורה.

עס האָט נישט גענומען קיין לאנגע צייט, און רבי פּנחס האָט אי־בערגעגעבען די ישיבה אין די הענט פון באגלויבטע מענשען, און איבער־געלאָזט א גרויס פארמעגען אויף עולמות־געלט, עס זאָל אריינטראָגען גע־

נוג ריוח אויסצוהאלטען די גאנצע ישיבה; דאָסזעלבע האָט ער אויך געטאָן מיט דעם הכנסת־אורחים, און ער האָט גענומען זיין ווייב, זיינע טרייסטע באדינער און דאָס גאנצע פארמעגען, און איז אוועק מיט זיי וויט, אין אנדער מדינה, וואו מ׳האָט פון זיין נאָמען נישט געהערט.

דאָרט אין דער פרעמדער מדינה, האָט מען אויפגעשטעלט א הויז פאר איהם באזונדער און א הויז פאר זיין ווייב, אין א געדיכטען וואלד, און אויף דעם שיידוועג האָט מען אויפגעבויט א גרויסען הכנסת־אורחים. מ׳האָט רייך אויסמעבלירט דעם הכנסת־אורחים, באהאנגען איהם מיט שילדען פון אלע זייטען, און אויף פארשידענע לשונות אויפגעשריבען: „כל דכפין ייתי ויכול“, א הויז פריי פאר אלע מענשען, אָהן שום אונטערשייד. רבי פנחס האָט אָנגעזאָגט, מ׳זאָל דאָרט געבען אלץ מיט דער ברייטער האנט, און דערפילען דעם באגעהר פון יעדען אורח. ער האָט אָבער אויך אָנגעזאָגט, אז מ׳זאָל בשום־אופן נישט אויסזאָגען, ווער עס איז דער בעל־הבית, וואָס האָט אויפגעבויט און האלט אויס דעם הכנסת־אורחים.

און רבי פנחס און זיין ווייב האָבען זיך באזעצט אין זייערע הייזער אין וואלד, אָפגעזונדערטע פון מענשען. רבי פנחס האָט זיך פארטיפט אין די סודות פון דער תורה, און זיך מתבודד געווען אין וואלד, און רחל איז געזעסען אין איהר הויז, און האָט געטרויערט אויף איהר קינד.

פון צייט צו צייט פלעגט זיך רבי פנחס׳ן דאָך פארבענקען צו זעהן א מענשען, דעמאָלט פלעגט ער זיך אריבערכאַפּען אין הכנסת־אורחים אריין, זיצען דאָרט אמאָל, ווי איינער פון די אורחים, אָדער ארבייטען ווי איינער פון די באדינער. זיינע טרייסטע מענשען האָבען זיך נישט־ווייסענדיג געמאכט, איהם געלאָזט טאָן אלצדינג, און זיי האָבען איהם נישט ארויסגעגעבען נישט מיט קיין וואָרט און נישט מיט קיין מינע.

רחל פלעגט אָבער שטענדיג זיצען אין איהר הויז, און קיינעם נישט וועלען זעהן. זי איז געזעסען און האָט געציילט וואָכען, חדשים און יאָהרען, און כסדר געהאלטען אין איין בארעכענען, ווי אלט איהר קינד וואָלט שוין געווען און וואָס ער וואָלט דעמאָלט געטאָן, ווען נישט דאָס אומגליק. דער קוואל פון טרערען האָט שוין געהאט אויסגעטרוקענט אין איהרע אויגען, און זי האָט נאָר פון צייט צו צייט געוואָרפען א שטומען פארוואָס צום הימעל מיט איהרע אויסגעוויינטע אויגענלעדלעך.

אזוי זענען אריבער נאָהנט פון דרייצעהן יאָהר. רבי פנחס האָט פארטויבט זיין וועהטאָג מיט די הייליגע סודות פון דער תורה, וואָס ער איז דערגאַנגען אין זיין לאַנגער התבודדות, רחל האָט אָבער געטראָגען אין הארץ א וואונד, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט פארהיילען, און זי האָט אַלע־מאָל אויסגעבראָכען אויפסניי.

איינמאָל האָבען זיך דערטראָגען צו רבי פנחס'עס אויערען שטארקע קולות פון יללה, וואָס זענען ארויסגעקומען פון רחל'ס הויז. איז ער אריינ־געלאָפען און האָט זי געטראָפען וויינען יאָמערליך. האָט ער גענומען רע־דען צו איהר, פרעגען, וואָס איז פּלוצלונג ווידער געשעהן, האָט זי גע־ענטפערט:

— די בר־מצוה פון אונזער איינציג קינד וויין איך איצט אויס!

רבי פנחס האָט גענומען צו איהר ריידען מיט שטראָף־רייד און טרייסט־ווערטער, אז זי זאָל אויפהערען צו וויינען און צו קלאָגען, און ער האָט ביי איהר גאָרנישט געקאָנט פועל'ן, איז ער געזעסען לעבען איהר, און האָט זי געהיט.

אין דערזעלבער צייט איז צוגעקומען צום הכנסת־אורחים אן אל־טער מאן, מיד און הונגעריג, און ער האָט זיך אָנגעשפּארט אָן דער וואנט, און אָנגעהויבען צו וויינען. זענען ארויסגעקומען עטליכע משרתים, און זיי האָבען איהם געפרעגט, פארוואָס ער וויינט, און ער האָט זיי געענט־פערט, אז ער איז שטארק מיד און זעהר הונגעריג; ער האָט פיל טעג גע־בלאָנזשעט אין וואלד, און האָט גאָרנישט געהאט אין מויל די גאנצע צייט. האָבען זיי איהם געבעטען, ער זאָל אריינגעהן זיך אָפּרוהען און נעמען עפּעס אין מויל אריין. האָט ער זיי געענטפערט, אז ער איז אן אָרימאן און האָט נישט מיט וואָס צו באצאָלען. האָבען די משרתים איהם בארוהיגט און געזאָגט, אז דאָס הויז איז א הכנסת־אורחים, און איז אָפען פאר אלעמען. האָט דער אלטער אָרימאן געזאָגט, אז ער וועט אנדערש נישט אריינגעהן, ביז דער בעל־הבית וועט ארויסקומען און איהם אריינרופען. זענען זיי אריינגעגאנגען און האָבען עס דערציילט דעם עלטסטען משגיח, און ער איז ארויסגעגאנגען צום ארימאן. ווי דער ארימאן האָט א קוק געטאָן אויף איהם, האָט ער געזאָגט, אז איהם קען מען נישט אָפּנארען, ער וויל דעם אמת'ן בעל־הבית זעהן. האָט דער עלטסטער משגיח קוים גע'פועל'ט ביי איהם, ער זאָל אריינגעהן זיך אביסל צוזעצען. ווען ער האָט איהם אָבער

געוואָלט געבען עסען, האָט דער אַלטער אָרימאַן איהם געפרעגט:

— ווי הייסט דער בעל־הבית, און וואו איז ער?

האָט דער משגיח געשוויגען.

האָט דער אַלטער אָרימאַן נאָכאַמאָל איהם איבערגעפרעגט דאָס־זעלבינע. האָט דער משגיח איהם געענטפערט:

— וואָס איז דען די נפקא־מינה? עסט און טרינקט, און לאָזט אייך וואוילגעהן, עס איז פאַראַן ברוך־השם פון אַלעמגוטען.

האָט דער אַלטער אָרימאַן געזאָגט:

— איך בין שוין אַלט, און געוואַנדערט האָב איך שוין איבער דער גאַנצער וועלט, און איך האָב נאָך נישט געזעהן אַזאַ הכנסת־אורחים, וויל איך וויסען, ווער עס האָט איהם אויסגעבויט און האַלט איהם אויף.

האָט איהם דער משגיח געענטפערט:

— זיידעשי, איך בעט אייך, פרעגט מיך נישט, ווייל איך קען אייך נישט זאָגען.

האָט דער אַלטער אָרימאַן אויסגעשריגען:

— אויב אַזוי, קען איך ביי אייך גאָר נישט טועם זיין! ווער ווייס...

איז דער משגיח צוגעשטאַנען צו איהם, און האָט איהם גענומען שטאַרק בעטען, ער זאָל עסען, און דער אַלטער האָט נישט געוואָלט. האָט זיך דער משגיח מיישב געווען, ער וועט לאָזען דעם אַלטען אביסל זיך אויס־הונגערען, אפשר וועט ער בעסער ווערען.

איז אַזוי אריבער א שטיקל צייט, און דער אַלטער אָרימאַן האָט זיך נישט צוגעריהרט צום עסען. דאָס פּנים איז איהם געוואָרען בלאַסער, און די אויגען האָבען אָנגעהויבען אַרויסצוקריכען. האָט זיך דער משגיח דער־שראָקען, און איז ווייטער צוגעגאַנגען צו איהם, און אָנגעהויבען צו בע־טען, ער זאָל עפּעס נעמען אין מויל אריין. עס האָט אָבער נישט געהאָל־פען קיין בעטען, ער האָט איהם געמוזט זאָגען, ווער דער בעל־הבית איז און וואו ער וואוינט.

און ווי ער האָט דערהערט דעם נאָמען רבי פּנחס, האָט ער געזאָגט:

— אויב אַזוי, וועל איך אַנדערש נישט עסען, ביז ער וועט קומען און זיצען דערביי!

און עס האָבען נישט געהאָלפען קיין טענות און קיין הפצרות, דער אַלטער אָרימאַן האָט נישט געוואָלט פאַרזוכען קיין זאַך; ער איז שיער

אויסגעגאַנגען פאַר הונגער, און האָט נישט פאַרזוכט אויף קיין האָר. און זיי האָבען געמוזט טאָן ווי ער האָט פאַרלאַנגט, און זיי זענען געגאַנגען נאָך רבי פּנחס'ן.

ווען רבי פּנחס האָט עס דערהערט, האָט ער געאיילט און איז גע־לאָפען אין הכּנסת־אורחים אריין, און האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבען דעם אַלטען אָרימאַן, געגעבען איהם שלום, און געבעטען איהם, ער זאָל נעמען עסען און זיך דערכאַפּען דאָס הארץ. האָט איהם דער אַלטער געענטפערט, אַז ער וועט נישט עסען, ביז ער וועט דערציילען, פאַרוואָס ער באַהאַלט זיך און ווייזט זיך נישט פאַר די אורחים. האָט איהם רבי פּנחס געבעטען, ער זאָל איהם נישט דערמאָנען זיין צער און ער זאָל איהם נישט אויפהאַלטען, ווייל ער מוז געהן צוריק צו זיין ווייב, זי צו היטען. איז דער אַלטער אָרי־מאַן אָבער נאָך שטאַרקער צוגעשטאַנען, ביז ער האָט איהם געמוזט דער־ציילען אַלץ, וואָס מיט איהם האָט געטראָפען.

און ווען דער אַלטער האָט אויסגעהערט זיינע ווערטער, האָט ער געזאָגט :

— אויב עס איז שוין יאָ אַזוי, וועל איך אנדערש נישט פאַרזוכען עפּעס, ביז דו וועסט געהן און ברענגען דיין ווייב !

האָט רבי פּנחס איהם גענומען בעטען, און וויינען פאַר איהם, און ער האָט געזאָגט :

— האָט רחמנות אויף מיר, זיידעשי, און עסט! גאָט האָט מיך שוין אַזוי אויך גענוג געשטראָפט! זי זיצט דאָרט א פאַר'חלש'טע, א פאַרוויינטע, און זי וועט נישט געהן.

— האָט צו איהם דער אַלטער אָרימאַן געזאָגט :

— איך שווער, אַז איך וועל נישט טועם זיין קיין זאַך, ביז דיין ווייב וועט אהער קומען! און אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל שטאַרבען ביי דיר אין הויז פון הונגער, בין איך גרייט דערצו. עס וועט אָבער זיין אויף דיר די עבירה.

האָט רבי פּנחס געזעהן, אַז ער וועט מיט איהם גאָרנישט מאַכען, און ער איז געגאַנגען, און האָט געוויינט פאַר זיין ווייב, און געבעטען איהר, זי זאָל מיטגעהן מיט איהם.

האָט אָבער רחל נישט געוואָלט געהן. איז רבי פּנחס געבליבען ביי איהר, און ער האָט איהר נישט אָפּגעלאָזט, און געזאָגט :

— זעהסט דאָך, אשה, אז עס איז א נסיון; לאָמיר נישט געשטרויכעלט ווערען!

זי איז אָבער נישט געגאנגען, ביז מ'איז געקומען צולויפען פון הכנסת־אורחים מיט א געוואלד, אז דער אלטער אָרימאַן געהט ממש אויס פון הונגער.

ווען זי איז געקומען אהין, און זי האָט דערזעהן דעם אלטען אָרימאַן און זיין אויסזעהן, האָט זיך דערוועקט אין איהר דאָס אמאָליגע גוטע הארץ, און זי האָט פארגעסען איהר גאנצען שמערץ. און זי איז געלאָפען און האָט באדינט דעם אלטען אָרימאַן, און איהם געגעבען עפּעס אין מויל אריין, און זי איז געשטאנען איבער איהם ביז ער האָט ברייט געעפענט זיינע אויגען, און זיין פּנים האָט זיך צוריק גענומען רויטלען מיט לעבען.

א צעפרידענער שמייכעל האָט, צום ערשטען מאָל אין די דריי־צעהן יאָהר, באלויכטען איהר פארכמורעט פּנים. רבי פּנחס האָט עס דער־זעהן און זיין הארץ האָט אין איהם אויפגעלעבט.

און דער אלטער האָט געזאָגט:

— אז גאָט, ברוך־הוא, האָט מיך יאָ געבראכט צו אייך, אז איך זאָל אייערע פּנים'ער נאָכאמאָל אָנקוקען, וויל איך, איהר זאָלט פארזאמלען צעהן פארשוין, מאכען א סעודה, און צוזאמען עסען מיט מיר, ווארים איך בין א כהן און איך וויל בענשען!

און ווי רבי פּנחס און זיין ווייב האָבען דערהערט דאָס וואָרט כהן, האָט עס זיי געטאָן א קלאַפּ אין די הערצער, און זיי האָבען זיך א מינוט נישט געקאָנט ריהרען פון זייערע ערטער. זיי האָבען זיך אָבער באלד געשטארקט און פארבאָרגען זייערע הערצער, און זיי האָבען געטאָן ווי דער אלטער האָט געהייסען.

און דעם אלטען'ס פּנים האָט אויפגעלויכטען, און זיינע אויגען האָבען זיך צעפונקעלט, און ער האָט זיך אוועקגעזעצט פון אויבענאָן, און רבי פּנחס'ן האָט ער אוועקגעזעצט לעבען איהם, און רחל האָט דערלאנגט אלע־מען עסען, ווי אמאָל, און איהר הארץ האָט געציטערט מיט א שטומער פרייד.

ד.

און ווי זיי האָבען אָפּגעגעסען און אָפּגעבענשט, האָט דער אַלטער אָרימאַן אַריינגערופען רבי פּנחס'ן און זיין ווייב אין א באַזונדער חדר. און זיי האָבען זיך אומגעקוקט און דערזעהן, ווי דעם אַלטען'ס פּנים האָט זיך פאַרענדערט און ער קוקט אויס פּונקט ווי דער כהן, וואָס האָט צוגעכאַפּט זייער קינד, און זיי האָבען געציטערט.

און דער אַלטער אָרימאַן האָט זיך אָנגערופען און געזאָגט:

— ציטערט נישט, מיינע קינדער, נישט צום שלעכטען האָב איך צוגענומען אייער קינד! דרייצעהן יאָהר האָב איך איהם אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, און איצט איז געקומען די צייט, ווען אייער קינד דאַרף אייך ווערען צוריקגעגעבען. דו, רבי פּנחס, ביזט בייגעשטאַנען דעם נסיון פון דעם אָרימאַן מיט די קאַלטענעס, וואָס איז געווען דער מלאך־המות; דו האָסט איהם נישט פאַרשעמט, און זיך נישט געבייזערט אויף איהם; אדרבא, דו האָסט איהם צוגענומען ווי דעם חשוב'סטען אורח; האָסט אַלע אַנדערע געלאָזט זיצען, און אָפּגעגעבען זיך מיט איהם, דעם געמיינסטען. דערמיט האָסטו פאַרשלאָסען זיין מויל, און אַרויסגענומען די שווערט פון זיין האַנט. איך בין די גאַנצע צייט געשטאַנען און געהיט. און מיין אמאָליג מענשליך האַרץ, אונטער מיינע מלאכים־פליגעל, האָט געקלאַפּט און געציטערט. ווען דו ביזט בייגעשטאַנען דעם נסיון, בין איך געגאַנ־גען אויספיהרען די לייכטערע שטראָף, וואָס בית־דין־של־מעלה האָט אויף דיר אַרויפגעלעגט, כדי פון דיין נשמה דעם פלעק אַראָפּצונעמען, וואָרים דו האָסט באַנוצט דיין כח פאַר דיר זעלבסט, און דו האָסט מטריח געווען פמליא־של־מעלה, צו דערפילען דיין ווייב'ס באַגעהר. האָסטו אָבער אָנ־גענומען די יסורים פאַר ליב, און האָסט אויף זיין־ליבען־נאָמען נישט גע־פרעגט קיין קשיות, און דער פלעק איז פון דיין נשמה אַראָפּ. און דו, אשה, דו האָסט פאַרזינדיגט דיין קינד, דערפאַר וואָס דו האָסט געטאָן גלוסטען דערצו מיט קנאה; דו האָסט געעפענט דעם שטן'ס מויל, און די קליפּות האָסטו אויפגעבונדען די הענט. איז דיר אָבער בייגעשטאַנען דער זכות פון דיין צדקה און הכנסת־אורחים, און דו ביסט אָפּגעקומען בלויז מיט צער. דערפאַר אָבער, וואָס דו האָסט דיינע יסורים נישט אַזוי אָנ־גענומען פאַר ליב, ווי דיין מאַן, וועסטו נישט זוכה זיין צו זעהן דאָס אָרט, וואו דיין קינד איז געווען די גאַנצע צייט. דו וועסט איהם האָבען

אין דיין אייגען הויז, אונטער דיין דאך, פערציג טעג, און דו וועסט איהם נישט קענען זעהן. דיין מאן וועט געהן מיט מיר, און ער וועט איהם צור־יקברענגען איינגעהילט אין דעמזעלבען טלית. ער וועט זוכה זיין צו זעהן די הייליגע היכלות, און די נשמות פון אלע צדיקים אין זייער פראכט. און דו שיק ארויס דיינע באדינער, און זאָלען זיי פארזאמלען פיל לומדים און מופלגים, און זיי זאָלען זיצען און לערנען אין דיין הויז. איין חדר זאָלסטו אָנגרייטען, וואָס זאָל זיין פינסטער, און דו זאָלסט פארקלעפען אלע שפארעס מיט ליים, אז קיין ליכט זאָל אהין נישט אריינדריגגען, און דאָרטען וועט מען דיין קינד ארייגברענגען. פערציג טעג וועט ער זיין דאָרט, און זיינע אויערען וועלען פארנעמען דאָס קול פון דער נידעריגער וועלט. יעדען טאָג זאָלסטו מיט דיינע שפיץ־פינגער אויסרייסען אביסעל ליים פון די שפארעס, כדי די שיין זאָל אהין אריין ביסלאכווייז, און ער זאָל זיך צוגעוועהנען צו דער ליכט פון דער וועלט. דו זאָלסט זיך אָבער היטען און קיין בליק נישט ווארפען אויף דיין קינד, ביז עס וועלען אריבער די פערציג טעג. און ווען די צייט וועט אריבער, זאָלסטו עפענען די טיר פון דעם חדר, און ארויסנעמען דיין קינד פון דאָרט אויף דער ליכטיגער שיין. געדענק, דו זאָלסט טאָן אלצדינג, וואָס איך זאָג דיר דאָ אָן, נישט פארפעהלען קיין זאך. דריי טעג האָסטו צייט אלצדינג אָנצוגרייטען, און איידער דער פערטער טאָג וועט אָנקומען, מיט'ן מאָרגען צוגלייך, וועל איך דיר צוריקברענגען דיין מאן, און אין זיינע אָרעמס וועט ער טראָגען דאָס קינד ,איינגעהילט אין א ליכטיגען טלית.

און ווי דער אלטער אָרימאן האָט געענדיגט זיינע ווערטער, האָט זיך זיין פנים אזוי צעשטראַלט, אז עס האָט געבלענדעט צו קוקען דערין. זיינע אָרימע מלבושים זענען פארשוואונדען געוואָרען, און א האָריג מאנ־טעל, און א גארטעל פון פעל, באגאָסען מיט ליכט, האָבען זיך באוויזען, און איבער זיי א פאָר גרויסע פליגעל. און ער האָט אָנגענומען ר' פנחס'ן ביי דער האנט, און איז פארשוואונדען מיט איהם.

האָט רחל פארשטאַנען, ווער דער אלטער אָרימאן איז געווען, און זי האָט געכאפט און געטאָן אלצדינג, וואָס ער האָט איהר אָנגעזאָגט. זי האָט געשטארקט איהר הארץ, זי זאָל קענען ביישטעהן דעם גרויסען נסיון, וואָרים זי האָט גוט געוואוסט, אז איהר וועט נישט אָנקומען גרינג צו האָ־בען איהר איינציג קינד, וואָס איז אוועקגענומען געוואָרען פון איהר אין

טאָג פונ'ם ברית, פערציג טעג אונטער איהר דאך, און זי וועט עס נישט קענען זעהן, צומאָל קיין איינציגען בליק ווארפען. זי האָט אָבער גע־וואוסט, אז דאָס האָט מען איהר צוגעשיקט א נסיון דערפאר, וואָס זי איז אנטלאָפען פון מענשען, און האָט זיי נישט געוואָלט אָנקוקען די גאנצע צייט. און זי האָט תשובה געטאָן אויף איהר זינד, און אָנגענומען דעם גזר־דין פאר ליב, געדאנקט גאָט, און געלויבט זיין גערעכטיקייט.

אליהו־הנביא האָט גענומען רבי פנחס'ן, און איז געפלויגען מיט איהם איבער דער גאנצער וועלט, אין אלע זיבען ימים האָט ער איהם גע'טובל'ט און אין זיבען טייכען האָט ער געריייניגט זיין לייב. ער איז געפלויגען מיט איהם איבער די העכסטע בערג, און געטראָגען איהם אויף זיינע פליגעל איבער די אוצרות פון שניי און האָגעל, ווי אן אָדלער טראָגט זיינע יונגע פויגעלעך. אויפ'ן דריטען טאָג, פארנאכט, האָט ער איהם געבראכט צו א שמאָל געשלענגעלט טייכעל, וואָס האָט זיך געאיילט דורכצולויפען צווישען זעהר הויכע פעלזען־ווענט, וואָס זענען עס פארלאָפען דעם וועג. דאָס וואַ־סער איז געווען קלאָר און פריש, און איז געלאָפען מיט נצחון און שמחה קעגען דער זון, וואָס איז אראָפּ פון די בערג זיך צו טובל'ען. דאָרט האָט איהם אליהו־הנביא אראָפּגעלאָזט, געהייסען איהם וואשען זיינע קליידער, און זיך טובל'ען זיבען מאָל. דערנאָך האָט ער צו איהם אזויגעזאָגט:

— איצט ביסטו שוין ריין און הייליג, און דו קענסט אריינקומען אין דעם אָרט, וואו דיין קינד זיצט, און זעהן דעם היכל, וואָס ער פאר־שיינט מיט זיין תורה. פיל נשמות פון צדיקים זיצען ארום איהם, און האָבען הנאה פון די טיפע סודות פון דער תורה, וואָס קומען ארויס פון זיינע לעפצען. איינער איז ער דאָרט, פון בלוט־און־פלייש, צווישען הייליגע און גרויסע נשמות, וואָס זענען שוין אָפּגעקומען דאָס זייערע אויף דער נידעריגער וועלט, און די וואָס דארפען נאָך אָפּצוקומען. דו וועסט איהם זעהן ווי ער זיצט אויבענאָן, איינגעהילט אין א ליכטיגען טלית, און דרש'ענט פאר, און אלע זיצען און הערען זיינע ווערטער, און שעפּען גרויס תענוג. דאָס זאָגט ער זיין בר־מצוה דרשה פאר זיי. ווי זיי וועלען דיך דערזעהן, וועלען זיי דיך שטרענג אָנקוקען, און ווען דו וועסט ווע־לען צוגעהן נעהנטער צו איהם, וועלען אייניגע פון זיי זיך אָנהויבען צו בייזערען אויף דיר און פרעגען, ווי דו קומסט אהין. דו זאָלסט זיך אָבער גאָרנישט שרעקען, און זאָלסט צוגעהן און גוט פארדעקען זיין פנים מיט'ן

טלית, נעמען איהם אויף דיינע אָרעמס, און געהן. איך וועל שוין ווארטען אויף דיר, און ברענגען דיך אהיים בשלום. איך קען מיט דיר נישט מיט־געהן, ווייל איך בין געווען אויף דער שפּל'דיגער וועלט, און האָב זיך נאָך נישט גע'טובל'ט אין נהר־דינור. אָט עפען איך דעם טויער פאר דיר, און דו וועסט אהין אריינגעהן; גלייך וועסטו געהן, אין א געדיכטער פינסטער־ניש, ביז דו וועסט דערזעהן א גרויס ליכט, וואָס געהט אויף פון מזרח, און דו וועסט געהן נאָך דעם ליכט, ביז דו וועסט קומען צו א גלוסטיגען גאָר־טען. אין דעם גאָרטען וועסטו געהן, און דיינע אויגען וועסטו אָנזעטיגען מיט דער שיינקייט פון זיינע בוימער, און דיינע נאָזלעכער וועלען זיך אָנ־שמעקען מיט די זיסע ריחות פון זיינע פּירות. דו וועסט געהן דאָרט ביז דו וועסט קומען צו א קריסטאָלענעם פּאלאץ, וואָס איז ארומגערינגעלט מיט אן אפרסמון־טייכעל. דו זאָלסט אריבערגעהן דאָס טייכעל, און אריינגעהן אין פּאלאץ, און נעמען דיין קינד, ווי איך האָב דיר אָנגעזאָגט. קוק און זעה, און באהאלט אין דיין נשמה, וואָרים נישט אלץ, וואָס דו וועסט זעהן, וועסטו קענען איבערגעבען אין ווערטער.

און אליהו־הנביא האָט איהם צוגעפיהרט צו דער פעלזען־וואנט, האָט אָנגעריהרט דעם פעלז און איהם געעפענט, און רבי פּנחס איז אהין אריינגעגאנגען.

און עס איז געווען ווי אליהו־הנביא האָט געזאָגט. רבי פּנחס האָט געטאָן אלצדינג וואָס מ'האָט איהם אָנגעזאָגט, און ער איז געגאנגען אָהן מורא. און ווען ער איז צוריקגעקומען צו דער פעלזען־וואנט, מיט דעם קינד אין זיינע אָרעמס, פון דער אינוועניגסטער זייט, האָט ער געטראָפען אליהו'ן שטעהן און ווארטען אויף איהם ביי דער אָפענער טיר. און אליהו־הנביא האָט אראָפּגענומען דעם טלית פון דעם אינגעל'ס אויגען, און האָט געזאָגט צו איהם:

— זאָלסט וויסען, מיין קינד, אז דו געהסט איצט אראָפּ אויף דיין וועלט, וואו דו וועסט זיין, ביז דיין צייט וועט קומען, און וועסט גערופען ווערען, צוריק צו קומען אהער, ווי אלע מענשען. דאָס איז דיין פּאָטער, און איהם דארפסטו פּאָלגען, און צוהערען צו זיינע ווערטער. די תורה וואָס דו האָסט דאָ געלערנט וועט דיר לייכטען דיין גאנץ לעבען, זי וועט דיך פיהרען און אָנצייכענען דיינע וועגען. דו זאָלסט אָבער געדענקען, אז דו דארפסט מכבד זיין די תורה, און נישט די תורה זאָל דיך מכבד זיין.

דו זאָלסט זיך נישט דערוועגען גרויסצוהאַלטען מיט דעם, וואָס דו האָסט דאָ געלערענט, און פאַרשעמען אַנדערע מיט דיין לומדות. טאָג און נאַכט זאָלסטו זיצען און לערנען, און דו זאָלסט נישט פאַרלאָזען די תורה און זיך נעמען צו אַנדערע זאַכען. דו זאָלסט זיך למען־השם, נישט לאָזען אין קיין ווייטען וועג אַריין, און פאַר'ן ים זאָלסטו זיך היטען, און אויף איהם קיינמאָל נישט פאָהרען. געדענק, דריי זאַכען האָבען איך דיר אָנגעזאָגט, און דו זאָלסט זיי געדענקען, און געוואָרענט זיין זיי אָפּצוהיטען, כדי דיר זאָל גוט זיין, און קיין בייז זאָל צו דיר נישט קענען צוקומען: דו זאָלסט ערליך האַלטען דיין פאָטער, איהם פאָלגען אַלצדינג, און קיינמאָל נישט איבערשפּאַרען אָדער אָפּוועגדען זיינע ווערטער, אפילו ווען דו וועסט זיכער זיין, אַז דו ביסט גערעכט; דו זאָלסט זיך נישט גרויסהאַלטען מיט דיין תורה און קיין אַנדערע זאָלסטו נישט פאַרשעמען מיט איהר; און דו זאָלסט זיך קיינמאָל נישט לאָזען אויף דעם ים. געדענק דידאָזיגע דריי זאַכען, און היט זיי אָפּ דיין גאַנץ לעבען!

און ווי אליהו־הנביא האָט געענדיגט זיינע ווערטער, האָט ער צוריק איינגעהילט דאָס אינגעל אין דעם טלית, און פאַרדעקט זיין פּנים, און ער האָט פאַרשפּרייט זיינע פליגעל, גענומען דעם פאָטער מיט'ן זוהן, און איז מיט זיי אַוועקגעפלויגען. פיר מאָל האָט ער א מאַך געטאָן מיט זיינע פליגעל, און מיט די פיר שוועבען, איז ער דורכגעפלויגען די גאַנצע וועלט, ביז ער האָט זיי געבראַכט צו זייער הויז.

און דער מאָרגענשטערען איז אַרויסגעקומען אויפ'ן הימעל זיי צו באַגריסען, און פון הויז איז זיי אַנטקעגענגעקומען א פלאַמענדיגער ניגון פון תורה.

ח.

פערציג טעג איז דאָס אינגעל געזעסען אין דעם פינסטערען חדר, און יעדען טאָג האָט זיין מוטער ארויסגעריסען מעהר לֵיים פון די שפּארעס פון די ווענט, און אריינגעלאָזט אהין מעהר ליכט. איהרע פינגער האָבען געבלוטיגט פון רייסען די ווענט, איהר הארץ האָט געקלאפּט פון ציטערניש און פרייד, און די נשמה איז איהר שיר אויסגעגאנגען פון גרויס בענק־שאפט, זי האָט זיך אָבער געשטארקט און איז בייגעשטאנען דעם נסיון. ביסלאכווייז האָט דאָס ליכט פון אונזער וועלט אריינגעדרונגען אינ׳ם פינסטערען חדר, און עס האָט געשטאָכען און געבלענדט זיינע אויגען, ביז ער האָט זיך צוגעוואוינט דערצו. אין אָנהויב האָט ער דערפיהלט א וועה־טיג אין די שלייפען, ביי יעדען אריינדרונג פון א ליכט־כוואליע, און ער האָט מיט שרעק פארמאכט זיינע אויגען־לעדלעך, און געקוקט אין יענער ליכטיקייט, וואָס איז געבליבען אויפבאוואהרט אין זיין מח. ביסלאכווייז האָט אָבער יענע ליכטיקייט געגומען פארשווינדען, און זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעהויבען צוגעוואוינען צו דעם פלאַמיגען און רויכיגען ליכט פון דער וועלט; די לערלעך האָבען זיך אויפגעהערט צו פארמאכען, און ער איז גע־בליבען שטעהן מיט אָפענע אויגען, און האָט געקוקט פארגאפט.

אינ׳ם פערציגסטען טאָג, האָט זיך געעפענט די טיר, און א גע־שטאלט וואָס ער האָט נאָך נישט געזעהן דאָס גלייכען, איז איהם אנטקעג־נען געלאָפען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, איהם ארומגעכאפּט, צוגע־דריקט צו זיך, און אויסגעשריגען:

— אלעזר, מיין קינד, אלעזר, מיין קינד!

און מעהר נישט גערעדט קיין וואָרט, נאָר אויסגעבראָכען אין א געוויין.

ער האָט זיך אויך דערשראָקען, דאָס הארץ איז איהם פארקלעמט געוואָרען, און ער האָט אויך אָנגעהויבען צו וויינען.

איז אָבער רבי פּנחס געשטאנען איבער זיי ביידען, און זיין פּנים האָט געשטראלט פון גליק, און ער האָט זיי ביידען איינגעשטילט און געזאָגט:

— וויש אויס דיינע טרערען, אשה, און זאָלען די קוואלען פון צער נישט פארפלייצען די שמחה פון דער מוטער, וואָס האָט צוריקגעקראָגען איהר איינציג קינד. און זאָל דאָס קינד וואָס איז אין די אָרעמס פון דער

דערפרעהטער מוטער זיך נישט שרעקען פאר דערדאַזיגער וואָס האָט איהם, מיט וועהטיג, געבראכט אויף דער וועלט, און מיט טרויער און שמערץ אָנגעפילט איהרע טעג און נעכט, נאָכדעם ווי מ'האָט איהר איינציג קינד ארויסגעריסען פון איהרע הענט. שרעק זיך נישט, אלעזר מיין קינד, דו ביסט אין דיין מוטער'ס אָרעמס.

און די מוטער האָט זיך איינגעשטילט, און געקוקט אין די ליכטיגע אויגען פון איהר קינד, און דאָס אינגעל האָט זיך בארוהיגט, ברייט געעפנט די לעדלעך, און געקוקט אין די אויסגעוויינטע אויגען פון דער מוטער, און רבי פנחס איז געשטאנען איבער זייביידען, און זיין הארץ איז איהם איבערגעקוואָלען.

און מ'האָט ארויסגעלאָזט דאָס אינגעל אויף דער פרייער וועלט, און ער איז ארומגעגאנגען איבער דעם הויף, און געזעהן משונה'דיגע זאכען, פרעמדע פאר זיין אויג, און ער האָט געקוקט און געגאפט. איינער אליין איז ער ארומגעגאנגען, און זיך געוואונדערט, איהם האָבען נאָר באלייט די אויסגעוויינטע אויגען פון דער מוטער, וואָס האָבען זיך צוריק אָנגעצונדען, און דאָס גליקליכע קול־תורה פון דעם פאָטער, וואָס האָט צוריק אָנגעהויבען צו קלינגען מיט שמחה, און עס איז ארויסגעשוואומען איבער די כוואליעס־קולות פון אלע בחורים פון זיין ישיבה.

און רחל האָט זיך אומגעקעהרט צו איהר אמאָליגער ארבייט, אין הכנסת־אורחים, און זי איז געוואָרען א מוטער צו אלע אומגליקליכע און נויטבאדירפטיגע; זי האָט זיי באהאנדעלט מיט ליבשאפט, און אוועקגעגעבען זיי א גרויסען טייל פון דער צערטליכקייט, וואָס זי האָט פארמיטען פון איהר זוהן אלעזר, ווארים זי האָט זיך אזוי געטראכט: איך האָב געזינדיגט צו גאָט, מיט דעם וואָס איך האָב זיך מעהר אין זינען געהאט, ווי די נויטבאדערפטיגע און ליידענדע; דערמיט וואָס איך האָב נישט פארגונען און מקנא געווען די־יעניגע, וואָס זענען געהאָלפען געוואָרען דורך מיין מאנ'ס תפילות, דעריבער מוז איך איצט זיך אביסל אָפּזאָגען פון דעם תענוג, וואָס מיין קינד קען מיר פארשאפען; איך מוז צונעמען אביסל צערטליכקייט פון איהם, און עס אָפּגעבען די, וועמען עס פעהלט. איך האָב אמאָל מקנא געווען מוטערס מיט זייערע קינדער, דארף איך איצט אוועקגעבען פון מיין מוטערליכקייט צו יתומים.

און אלעזר'ן האָט מען נישט אריינגענומען אין דער ישיבה, נייערט,

ער איז געזעסען ביי זיך אין חדר, און האָט געלערנט דאָרט אליין, וואָרים רבי פנחס האָט מורא געהאַט, ער זאָל נישט צופיל נתפרסם ווערען. און דאָס וועט איהם חלילה ברענגען צו גאוה. קען מען דען אָבער פאַרשטעלען דאָס ליכט פון דער זון? — ווי רבי פנחס האָט נישט געפּרואווט, און וואָס ער האָט נישט געטאָן, האָט איהם אלץ נישט געהאָלפען, אלעזר'ס תורה האָט געקראָגען א שם, מ'האָט אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט, וואָס איז ארויס פון זיינע ליפּען. אלע תלמידים פון דער ישיבה האָבען געגאַרט צו טרינקען מיט דורשט זיינע ווערטער. און זיי האָבען פאַרגעהאַלטען רבי פנחס'ן, פאַרוואָס ער פאַרמיידט דאָס גוטס פון די, וואָס נויטיגען זיך אין דעם. אלעזר'ן אליין איז אויך פאַר'מיאוס'ט געוואָרען דאָס לערנען פאַר זיך, אָהן א רבי'ן, אָהן א חבר, אָדער א תלמיד, און ער האָט זיך געקלאָגט פאַר'ן פאָטער און געבעטען פון איהם, ער זאָל איהם געבען רשות צו לערנען אין דער ישיבה. רבי פנחס האָט איהם פיל מאָל מדחה געווען, אפּגעלעגט פון טאָג צו טאָג. עס איז שוין אָבער אזוי צוגעקומען, אז ער האָט איהם געמוזט געבען רשות. איז ער אריין מיט גרויס שמחה אין דער ישיבה, און האָט דאָרט געלערנט. רבי פנחס האָט שוין געזעהן, ער זאָל צופיל זיך נישט מישען מיט אנדערע, און מעהר זיין אָפּגעזונדערט, כדי ער זאָל נישט צוקומען צו קיין נסיונות. ער אליין האָט אויך געדענקט אליהו־הנביא'ס ווערטער, און זיך, אָפּגעהיט, און אויסגעמיטען ויכוחים, און איז אנטלאָפען פון פרסום און כבוד, ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט. רבי פנחס האָט עס געזעהן, און עס איז איהם זעהר געפעהלען, און ביסלעכווייז, האָט ער אויפגעהערט אזויפיל משגיח צו זיין אויף איהם.

איינמאָל איז אָנגעקומען אין דער ישיבה אריין א בחור, אן עלוי, א שם־דבר, און די גאנצע ישיבה האָט אָנגעהויבען צו קלינגען מיט איהם. ער האָט געבראַכט בריף פון גדולים, און סמיכה פון די גרעסטע רבנים, וואָס האָבען עדות געזאָגט אויף איהם, אז ער איז איינער וואָס מ'דאַרף אויספאָהרען א וועלט צו געפינען זיין גלייכען. ער אליין האָט אויך געהאַט א מויל, א כח־הדבור, פלאַם־פייער. א בעל־פלפול איז ער געווען נאָר א גרויסער, און ער האָט געקאָנט אויסרייסען בערג און זיי צעמאָלען איינעם אָן אנדערען. האָט עמיצער אין דער ישיבה געזאָגט עפּעס אן אויפטו, האָט ער עס צעשניטען און צעפיצעלט, און געמאַכט דערפון אש און בלאָטע.

אלע בחורים האָבען גערעדט וועגען איהם מיט גרויס ערפורכטי־

קיים. אין דער ישיבה האָט זיך גענומען טאָן, אַלע האָבען זיך געכאַפּט צום לערנען מיט גרויס התמדה, און עס זענען געפלויגען פּלפּולים איבער פּלפּולים. רבי פּנחס האָט זיך צוגעקוקט און עס האָט איהם זעהר פיל הנאה געטאָן, און ער האָט זיך געטראַכט, גוט אַזוי! „קנאת סופרים תרבה חכמה". און חוץ מזה, וועט מען דאָך אַביסל פאַרגעסען אָן זיין אלעזר'ן, ער אַליין וועט אויך אַביסל ביי זיך אַראָפּפאַלען, וואָרים ער האָט נישט אַרויסגעוויזען קיין באַזונדערען כח אין פּלפּול — זיין כח איז נאָר געווען אין לערנען אויפ'ן אָרט, מיט גרויס עמקות, און אין סודות־התורה. און רבי פּנחס האָט נישט מקפּיד געווען, ווען ער האָט געזעהן, אַז דער בחור נעמט זיך חבר'ן מיט אלעזר'ן, אדרבא, ער איז געווען גאַנץ צופרידען דערפון.

האָט אָבער אלעזר אויסגעלערנט פון בחור דעם דרך פון פּלפּול, און ער האָט אויך איבערגענומען פון איהם די שלעכטע מדה פון אָפּוועגדען און איבערשפּאַרען יענעם. און איינמאָל, ווען איינער פון די בעסטע בחורים האָט געזאָגט א פּשט'יל, איז ער אַרויף און האָט סותר געווען אַלע זיינע ווערטער, געמאַכט איהם פאַר אַן עם־הארץ.

אַלע בחורים האָבען עס דערהערט, און זיי האָבען איהם גענומען לויבען דערפאַר, נייערט, דער צדיק, רבי פּנחס, האָט איהם אַריינגערופען אין א באַזונדער חדר, און האָט איהם גוט אויסגע'מוסר'ט. האָט אָבער אלעזר איהם אויך נישט געלאָזט רעדען, ער האָט אָנגעהויבען ברענגען ראיות, מטהר זיין דעם שרץ מן התורה מיט ק"ן טעמים. האָט רבי פּנחס צו איהם געזאָגט מיט א צעוועהטיגט קול:

— מיין קינד, דו ווייסט דאָך, אַז חז"ל זאָגען, אַז א מענש איז זיך אין אַלעמען מתקנא, אָבער נישט אין זיין זוהן און אין זיין תלמיד, איז דאָך וועגען קנאה נישטאָ וואָס צו רעדען; אדרבא, עס וואָלט מיר נאָך געמעגט הנאה טאָן, וואָס דו קענסט מעהר לערנען פון מיר. געדענק אָבער, וואָס אליהו־הנביא האָט דיר אָנגעזאָגט. איך זעה, ווי אין דיין הארץ נעמט זיך צעבליהען א סם־המות, א שורש־פּורה־ראש־ולענה. איך בין אַביסל אַליין שולדיג אין דעם, דערפאַר וואָס איך האָב נישט געפאָלגט דעם מאמר חז"ל: „כבדהו וחשדהו"; איך האָב פריהער געדאַרפט זיך צוקוקען צום בחור, איידער איך האָב דיר געלאָזט מתחבר זיין מיט איהם. איצט זעה איך, אַז ער געהט אויף א שלעכטען וועג, און ער פיהרט דיך אַראָפּ פונ'ם דרך־הישר. איך האָב היינט געהאַט א שרעקליכען חלום, און מ'האָט מיך זעהר

געוואָרענט, איך זאָל זיך היטען פון איהם. געדענק, מיין קינד, צוויי זאַ־כען האָסטו שוין עובר געווען. איך בין דיר מוחל. געה בעט אויך מחילה ביים בחור, ווען מען דו האָסט מבייש געווען ברבים, און אויב ער וועט דיר מוחל זיין, וועלען מיר בעטען דעם רבונו־של־עולם, אפשר וועט ער אויך מוחל זיין.

איז אלעזר געבליבען שטעהן א צעטומולטער, און האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט.

דערווייל איז אָנגעקומען די צייט פון עסען, און רבי פנחס און זיין זוהן, האָבען זיך געזעצט צום טיש צוזאמען מיט אלע בחורים פון דער ישיבה. האָט מען זיך ארומגעקוקט און מ'האָט דערזעהן, אז דער בחור, דער עלוי, איז נישטאָ. האָט מען איהם געשיקט זוכען, און מ'האָט איהם נישט געקאָנט געפינען; עס איז פון איהם קיין זכר נישט געבליבען.

האָט רבי פנחס אריינגערופען זיין זוהן אין א באזונדער חדר, און ער האָט געזאָגט צו איהם :

— איצט זעהסטו דאָך שוין באשיינפערליך, וואָס דאָ איז געווען ! לאָמיר תשובה טאָן מיט'ן גאנצען הארץ. און דו, רייס ארויס מיט'ן וואָר־צעל, אלעס שלעכטס, וואָס דער שטן האָט אין דיין הארץ פארזייהט.

און אלעזר האָט אויפגעהויבען זיין קול און ער האָט געוויינט מיט גרויס חרטה און צער, און רבי פנחס האָט מיטגעוויינט מיט איהם.

און אלעזר איז געגאנגען און האָט איבערגעבעטען דעם פארשעמטען בחור, און געוויינט פאר איהם, ער זאָל איהם מוחל זיין. און דער בחור האָט געשמייכעלט און מוחל געווען מיט'ן גאנצען הארצען.

און אלעזר האָט ארויסגענומען אויף זיך א הארבע תשובה.

ו.

אין יענער צייט איז אויפגעשטאַנען א נייער מלך אין דער מדינה מאראקא, און ער האָט זיך צוגעהערט צו די עצות פון זיינע יועצים, די שונאי־ישראל, און האָט אָנגעהויבען ארויסצוגעבען שלעכטע גזרות, באַהיט זאָל מען ווערען, אויף אידען. און אז מ'האָט געזעהן, אז עס איז שלעכט, האָט מען גוזר־תענית געווען, און זיך פארזאמעלט אין שוהלען און בתי־מדרשים, געוויינט און פארפיהרט, און געבעטען צו גאָט, ער זאָל רחמנות האָבען אויף זיין פאָלק ישראל, און מבטל זיין אלע שלעכטע גזרות און וויי־בער מאכען דאָס הארץ פון מלך און זיינע שרים, זיי זאָלען נאָר טראַכטען גוטע מחשבות אויף אידען. זענען אָבער די זינד געווען זעהר גרויס, און די אייזערנע וואַנט, וואָס שטעהט צווישען אידען און דעם פאָטער אין הימעל, איז געווען צו שטארק, און די תפילות האָבען זיך נישט געקאָנט דורכשלאָגען קיין וועג און דערגרייכען צום כסא־הכבוד.

דער מלך איז געוואָרען פון טאָג צו טאָג ערגער, און ער האָט אלע־מאָל ארויסגעגעבען שווערערע גזרות אויף אידען. די יועצים, די רשעים, האָבען כסדר אָנגערעדט בייז אויף כלל־ישראל, נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגענהייט שלעכטס צו טאָן, ביז דער מלך האָט איינמאָל ארויסגעגעבען א גזרה, אז אלע חכמים און רבנים זאָלען קומען צו איהם אויף א ויכוח. און ער האָט געהייסען צעשיקען פאַפירען אין אלע שטעט, וואו עס געפינען זיך נאָר אידען, אז אויף דעם און דעם טאָג דאַרפען זיי זיין גרייט צום ויכוח. זיי וועלען מעגען ענטפערען, ווי זיי וועלען קאָנען. אויב זיי וועלען מנצח זיין, וועט דער מלך זיי מעהר קיין שלעכטס ניט טאָן, אויב נישט, וועלען זיך אלע מוזען חלילה אויס'שמד'ן, אָדער אומקומען, אָפּגעהיט זאָל מען ווערען.

אידען האָבען דערהערט די נייע גזרה, און זיי האָבען שטארק גע־וויינט און געשריגען צו גאָט, און ארומגעגאַנגען ווי אבלים, מיט אראָפּגע־לאָזטע קעפּ. איין האָפנונג האָט מען נאָך געהאַט, דורך רבי פנחס'ן און זיין ישיבה, געהאָלפען צו ווערען.

און ביי רבי פנחס'ן אין דער ישיבה, איז אויך געוואָרען זעהר א גרויס גערודער, אלע זענען ארומגעגאַנגען און האָבען געזיפצט, און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. עס האָט נישט גענומען לאַנג און שליחים האָבען אָנגעהויבען צו קומען פון פיל קהילות, אן עצה זיך צו האַלטען; עס זענען

זיך אָנגעקומען רבנים און לומדים, פּרנסים און גבירים, פון דער גאנצער מדינה. דריי טעג איז דאָרט געווען אן אסיפה, מ'האָט געזוכט עצות, וואָס צו טאָן, כדי מבטל צו זיין דעם גזר־דין, און מ'האָט נישט געקאָנט געפינען. האָט מען גענומען קלערען, ווער עס זאָל געהן צום ויכוח, און עס איז נישט געווען ווער עס זאָל וועלען נעמען אויף זיך דעם כלל־ישראל. האָט מען געקלערט און געקלערט, און עס איז געבליבען, אז עס איז זעהר שלעכט, איין גאָט זאָל זיך מרחם זיין און טאָן א נס. מ'האָט זיך געווענדעט צו רבי פּנחס'ן און ער האָט געהייסען גוזר־תענית זיין אויף דריי טעג. מ'האָט אזוי געטאָן, און מ'איז געשטאַנען אין די בתי־מדרשים און שוהלען, און מתפּלל געווען צו גאָט מיט א צעבראָכען געמיט. רבי פּנחס איז ארומגע־געגאנגען און האָט געשטארקט די הערצער, זיי זאָלען חלילה נישט פארלירען דעם בטחון, וואָרים דער רבונו־של־עולם וועט העלפען, און נישט לאָזען פארלענדען זיין פאָלק.

די צייט האָט זיך צוגערוקט, און קיינער איז נישט געווען, וואָס זאָל זיך איינשטעלען און נעמען אויף זיך צו פיהרען דעם ויכוח; אלע האָבען מורא געהאט, זיי זאלען חלילה נישט געשטרויכעלט ווערען מיט זייערע צונגען, און ברענגען אזא גרויסע צרה אויף אידען.

טעג זענען פארבייגעגאנגען אין תפילות און תעניתים, און נעכט זענען אריבער אין קרעכצען און געוויין, און צום יום־המוגבל זענען נאָר געבליבען געצעהלטע טעג, און עס איז נאָך אלץ נישט געווען, ווער עס זאָל געהן. האָט מען גענומען וואַרפען אן אויג אויף אלעזר'ן, רבי פּנחס'עס זוהן, וואָרים מ'האָט געוואוסט, אז ער איז דער גרעסטער חכם, ער האָט זכות־אָבות, מיט איהם זענען געשעהן נסים, און ער האָט געלערענט תורה פון די צדיקים און קדושים אין גן־עדן. האָט מען גענומען רעדען מיט רבי פּנחס'ן, ער זאָל פּועל'ן ביי זיין זוהן אלעזר, ער זאָל נעמען אויף זיך צו געהן צום ויכוח, און רבי פּנחס האָט נישט געענטפערט.

און ווען מ'האָט געזעהן, אז רבי פּנחס שווייגט, איז מען געגאנגען און מ'האָט אָנגעהויבען צו רעדען מיט אלעזר'ן זעלבסט; רבנים און זקנים האָבען גענומען שמועסען מיט איהם, אויפווייזען איהם, ווי גרויס די סכנה איז, און אז ער טאָר נישט מפקיר זיין כלל־ישראל צוליב עניוות; אז עס איז זיין חוב ארויסצוקומען אָפען, און מקדש־השם זיין מיט דער חכמה, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען, און מציל זיין כלל ישראל, אז אפשר

זענען די אַלע נסים געשעהן מיט איהם, כדי ער זאָל קומען צו הילף דעם פאָלק ישראל אין זיין נויט.

און זיי האָבען גערעדט מיט איהם א לאַנגע צייט, ביז ער האָט זיי צוגעזאָגט, צו געהן און בעטען רשות ביי זיין פאָטער.

און ווען ער איז אריינגעקומען צו רבי פנחס'ן, און האָט געבעטען רשות פון איהם צו געהן, האָט רבי פנחס געשוויגען, און געקוקט אויף זיין זוהן, און געהיט דאָס דאָס הייליגע פייערל, וואָס האָט געברענט און זיך צע־פלאַקערט פון רגע צו רגע שטאַרקער און שטאַרקער, אין זיינע אויגען, דאָס פייער פון ליבשאַפט און מסירת־נפש פאר כלל־ישראל. און ער האָט אריינ־געקוקט אין זיין נשמה, און געזעהן, אז זי איז שוין געלייטערט פון יעדען מינדסטען פלעק פון דער תאוה פון נצחון, און פון וועלכער קלענסטער פניה פון כבוד, און צוויי גרויסע טרערען האָבען זיך אראָפּגעקייקעלט פון רבי פנחס'עס אויגען, און זיי זענען אריינגעפאַלען אין אלעזר'ס אויגען און זיי נאָך העלער אָנגעצונדען. א צייט זענען ביידע אזוי געשטאַנען, און האָ־בען נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, דערנאָך האָט רבי פנחס געטאָן א טיפען זיפץ און געזאָגט :

— מיין קינד, איך וויים באמת נישט, וואָס פאר אן ענטפער דיר צו געבען. עס איז מיר שווער מסכים צו זיין, און נאָך שווערער צו זאָגען ניין. מיט פיל נסיונות בין איך אין מיין לעבען געפּרוואווט געוואָרען, און דער איז דער שווערסטער פון אַלע. דריי זאכען האָט דיר אליהו־הנביא אָנגעזאָגט, צוויי פון זיי האָסטו שוין עובר געווען, און איצט וועסטו מור־זען עובר זיין אויך אויף דער דריטער. ווארים דעם מלך'ס פאַלאַץ שטעהט אויף אן אינזעל, און מ'קען נישט צוקומען צו איהם, נאָר דורכ'ן ים. איך שרעק זיך זעהר, מיין קינד, ווארים אליהו־הנביא האָט בפירוש אָנגעזאָגט, אז דו זאָלסט קיינמאָל נישט פאָהרען אויפ'ן ים, און פאר איהם איז דאָך אַלץ אנטפּלעקט געווען. זאָל איך ווידער זאָגען, ניין, שטעהט דאָך כלל־ישראל אין אזא גרויסע סכנה און אפשר קען דורך דיר ארויסקומען א הילף? טו, מיין קינד, ווי דו פארשטעהסט, און זאָל גאָט זיין מיט דיר.

האָבען אלעזר'ס אויגען אויפגעלויכטען און ער האָט געזאָגט :

— איך וועל געהן, אפשר וועט גאָט רחמנות האָבען, און אָנעמען מיין קרבן און דערבאַרעמען זיך אויף זיינע קינדער.

האָט איהם רבי פנחס א קוש געטאָן אין שטערען, און געזאָגט :

— פעסט איז דיין הארץ, און שטארקער ווי מיינס, און מיט שמחה נעהסטו זיך מקריב זיין. פון דיר, מיין זוהן, האָב איך זיך אָנגענומען מיט גבורה, און ווי אברהם־אָבינו, וועל איך דיך פיהרען צו דער עקדה, און זאָל נאָט אָנעמען דעם קרבן.

און רבי פנחס און זיין זוהן זענען ארויסגעקומען צום עולם, און געהייסען זיך צוגרייטען צו דער נסיעה.

און ווען זיי זענען געקומען פאר'ן מלך, צום ויכוח, זענען געשטאנען פון אויבענאָן צוויי שטולען, פאר דעם מלך און דער מלכה, און לעבען זיי שטולען און בענק פאר די שרים. רעכטס איז געשטאנען א גאָלדענער שטענדער, און ביי איהם דער ראש פון די כומרים, א הויכער גרייז, ארום איהם אלע גרעסטע כומרים פון דער מדינה, לינקס איז געשטאנען א זיל־בערנער שטענדער פאר דעם פיהרער פון ויכוח, פון אידישען צד, און ער־טער פאר זיינע חברים. ארום און ארום — זעהר א גרויסער עולם, גע־שטאנען און געוואַרט, מיט גרויס אומגעדולד.

און דער מלך האָט געגעבען א צייכען, אז דער ויכוח זאָל זיך אָנהויב־בען. און אלעזר איז ארויפגעגאנגען, און האָט זיך אוועקגעשטעלט ביים זילבערנעם שטענדער, און ארום איהם האָבען זיך געשטעלט אלע רבנים, זקנים און תלמידי־חכמים; גלייך איז ער געגנאנגען, און קיין ציטער נישט געטאָן. ער האָט אָפּגעגעבען דעם מלך זיין כבוד, און געוואַרט אויף דער ערשטער שאלה.

און ווי דער ראש פון די כומרים האָט דערזעהן דעם יונגען בחור שטעהן אנטקעגען איהם, האָט עס איהם שטארק פארדראָסען, און ער האָט זיך אָנגערופען:

— אדוני המלך, די אידען לאכען פון אונז, און האָבען ארויסגע־שטעלט א אינגעל נעגען מיר, מורדים במלכות זענען זיי!

האָט אלעזר געבעטען רשות ביים מלך, און ער האָט געענטפערט:

— האָבען דאָך אונזערע עלטערען געשיקט דעם קליינעם דוד געגען דעם ריז גלית!

דער מלך און די מלכה האָבען זיך צעשמייכעלט, און די שרים האָ־בען אויך צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ, צופרידענע פון דער תשובה, און דער ראש פון די כומרים און זיין סוויטע האָבען אראָפּגעלאָזט די קעפּ.

און אלעזר האָט צעקלאַפּט אלע זייערע שאלות, און געמאכט פון

זיי גאָרנישט, און ער האָט באַוויזען פאַר דעם מלך און די שרים, אַז דער ראש פון די כומרים איז אַן עם־הארץ.

האָבען דער מלך און די מלכה און אַלע שרים אָפּגעגעבען גרויס כבוד אלעזר'ן, געטראָגען איהם ממש אויף די הענט, און די כומרים זענען אַוועק פאַרשעמטע.

און מ'האָט גלייך מבטל געווען אַלע שלעכטע גזרות און מיט גרויס כבוד באַליים אלעזר'ן און די חכמים צו דער שיף.

און רבי פנחס און אַלע וואָס זענען געווען מיט איהם, האָבען זיך זעהר געפרעהט, געטראָגען אלעזר'ן אויף די הענט, געהיט איהם, ווי אַן אויג אין קאָפּ.

שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע זענען געווען פאַרזונקען אין אַ טיפען שלאָף, איז אליהו־הנביא געקומען, און ער האָט אַראָפּגענומען אלעזר'ן פון זיין געלעגער, און איז מיט איהם אַוועקגעפלויגען, און קיינער האָט גאָר־נישט געהערט.

אין דערפריה, ווען אַלע האָבען זיך אויפגעכאַפּט, האָבען זיי דער־זעהן, אַז אלעזר איז נישטאָ, און זיי האָבען איהם גענומען זוכען און נישט געפונען און זיי האָבען אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען און טרויערן. רבי פנחס איז געזעסען אַ פאַרשטיינערטער, און ער האָט געשוויגען. קיינער האָט נישט געפונען קיין וואָרט אין זיין מויל, צו טרייסטען רבי פנחס'ן.

און די גרויסע שמחה איז פאַרשטערט געוואָרען אין יענעם טאָג, און אַלע זענען אַהיימגעקומען מיט אַ טיפען צער אין זייערע הערצער, און האָבען אָנגעזאָגט די שלעכטע בשורה, מיט אַ טרויער אויף די ליפּען, און אַלע אידען פון דער גאַנצער מדינה האָבען גענומען אַנטייל אין רבי פנחס'עס צער.

און רבי פנחס איז אַהיימגעקומען, און ער האָט אָנגענומען די שטראָף פאַר ליב, און ער האָט איינגענומען זיין ווייב רחל מיט גוטע רייד, און זי האָט געשוויגען, און נישט געזינדיגט מיט איהרע ליפּצען.

ז.

און אליהו־הנביא האָט גענומען אלעזר'ן, און איז געפלויגען מיט איהם איבער דעם ים, און ער האָט איהם געזאָגט פיל שטראָף־רייד, דער־פאר וואס ער האָט נישט אָפּגעהיט די דריי געבאָטען; און ער האָט צו איהם אזויגעזאָגט:

— א קינד פון נסיונות און דורכפאלען ביסטו; נאָך איידער דו ביזט באשאפען געוואָרען, האָט מען אָנגעגרייט צעהן נסיונות פאר דיינע עלטערען און פאר דיר, און מיך האָט מען אוועקגעשטעלט איבער דיר, צו היטען דיך. פיל נעצען האָט דער שטן פארשפּרייט פאר דיר; ער איז דער שטן און אויך דער מלאך־המות, און איך האָב דיך געדארפט באהאל־טען פאר זיינע טויזענט אויגען. צוויי מאָל האָט ער שוין געהאט פאר־שפּרייט זיינע שווארצע פליגעל איבער דיר, און איך האָב איהם דעם רויב פון מויל ארויסגעריסען. דריי זאכען האָב איך דיר אָנגעזאָגט, דיך צו באַ־שיצען, און דו האָסט זיי נישט אָפּגעהיט, און געעפענט דעם שטן'ס מויל, און אויפגעבונדען דעם מלאך־המות די הענט.

האָט אלעזר געענטפערט מיט א צעבראָכען געמיט, און ער האָט געזאָגט:

— איך וויים, מיין האר, אז מיין זינד איז גרויס; צווייטמאָל האָב איך געזינדיגט, און עובר געווען אויף דיינע ווערטער. איך האָב תשובה געטאָן, נאָר מיין תשובה, זעה איך, איז נישט אָנגענומען געוואָרען. איצט האָב איך זיך געבראכט פאר א קרבן פאר כלל־ישראל — וועט מיין קרבן אויך נישט אָנגענומען ווערען? יא, א בעל־מום בין איך, און בין פסול פאר א קרבן. זאָל געשעהן דער ווילען פון מיין באשעפער!

האָט איהם אליהו־הנביא א קוש געטאָן אין קאָפּ, און ער האָט גע־זאָגט:

— שרעק זיך נישט, אלעזר מיין זוהן, דיין תשובה איז אָנגענומען געוואָרען, און דיין קרבן איז נישט פארשטויסען. א קליינער פלעק איז נאָך אָבער געבליבען אויף דיין נשמה, און דו דארפסט איהם אָפּווישען מיט יסורים אין גלות. עס איז דיין לעצטער נסיון, און ווען סטו איהם ביישטעהן, וועט דער מלאך מיכאל אויפברענגען דיין קרבן אויף דעם מזבח פאר גאָט ברוך־הוא, און ער וועט זיין א ריח־ניחוח פאר זיין־ליבען־נאָמען. עס איז נגזר געוואָרען אויף דיר מיתה, און איך האָב דיך אויסגעלייזט, און דו

וועסט נאָר אָפּקומען מיט דער שרעק און די יסורים פון טויט. אין ים וועל איך דיך אריינוואַרפן, זיינע טיפענישען וועלען דיך אָבער נישט פאַר־שלינגען. איך האָב אָנגעגרייט א גרויסען פיש, און אין דער רגע, ווען דאָס וואסער וועט קומען עד־נפש, וועט ער דיך איינשלינגען. ער וועט מיט דיר שווימען, ביז צו דער גרויסער שטאָט סטאַמבול. דאָרט וועט איהם א פישער כאַפּען אין זיין נעץ, און דער רב וועט איהם קויפען לכבוד שבת. אין די געדערים פון פיש זאָלסטו ליגען און שווייגען, ביז דו וועסט דער־פיהלען דאָס מעסער נאָהנט פון דיין האַלז. דער רב וועט דערהערען דיין קול, און ער וועט דיך ארויסנעמען. ער וועט דיך אויספרעגען, ווער דו ביסט, ווי דו הייסט, פון וואנען דו קומסט, און דו זאָלסט וויסען וואָס צו ענטפערן. דיין נאָמען און דיין פאָטער'ס נאָמען מעגסטו איהם זאָגען, אָבער ווען ער וועט דיך פרעגען, אויב דו האָסט געלערנט תורה, זאָלסטו זיך מאַכען ווי איינער וואָס פארשטעהט נישט וואָס מ'וויל פון איהם, און ווען ער וועט פּרואווען לערנען מיט דיר, זאָל דיין קאָפּ זיין פארשטאָפּט. ביי איהם אין הויז זאָלסטו זיין, און האָלץ זאָלסטו האַקען פאַר איהם, און וואסער זאָלסטו טראָגען, ביז איך וועל קומען און דיר זאָגען, וואָס דו זאָלסט ווייטער טאָן. געדענק, דו זאָלסט נישט פארפעהלען קיין זאַך, פון דעם וואָס איך זאָג דיר דאָ אָן!

און אליהו־הנביא האָט געענדיגט זיינע ווערטער, האָט איהם גע־בענשט, אריינגעלאָזט אין וואסער, און ער איז אוועקגעפלויגען.

און גלייך האָבען איהם די כוואליעס אויפגעכאפּט, און זיי האָבען איהם אָנגעהויבען צו פּאַטשען איבער דעם קאָפּ, און וואַרפען איינע צו דער אנדערער. ער איז צעמישט געוואָרען, און זיין שכל האָט איהם פארלאָזט, און האָט אָנגעהויבען צו זינקען אין ים. די געזאַלצענע וואסער איז אריינ־געדרונגען אין זיין מויל און נאָזלעכער, און ער האָט פארלוירען זיין פאַר־שטאנד, און האָט אָנגעהויבען צו געהן ארויף און אראָפּ. דעמאָלט איז אונ־טערגעקומען א גרויסער פיש, און האָט איהם איינגעשלונגען.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאפּט, און זיין פארשטאנד איז צוריק־געקומען צו איהם, און ער האָט דערזעהן וואו ער איז, האָט ער זיך דער־מאָנט אליהו־הנביא'ס ווערטער, און זיין הארץ איז געוואָרען רוהיג.

און דער פיש איז געשוואומען אין די טיפענישען פון ים, און זיינע צוויי גרויסע אויגען זענען געווען, ווי ליכטיגע פענסטער, און אלעזר איז

נעזעסען אין איהם און געזעהן אלץ, וואָס עס טוט זיך אין דער טיפעניש. און דער פיש איז געשוואומען ביז סטאמבול.

דער סטאמבולער רב איז געווען זעהר א גרויסער צדיק, אן אָפּגע־היטענער איד, און פלעגט מקפיד זיין צו קויפען די שעהנסטע פיש אויף שבת. ער האָט בכלל זעהר ליב געהאט צו באשיינען זיינע מצוות און אליין זיך אָפּצוגעבען מיט זיי. לכבוד שבת פלעגט ער זיך אליין מתעסק צו זיין מיט די פיש, דאָס איז געווען ביי איהם א מנהג נאָך פון זיינע יונ־גע יאָהרען. ער האָט זיך שוין געהאט זיין פישער, וואָס פלעגט איהם יע־דען דאָנערשטאג ברענגען די שעהנסטע פיש. יענעם דאָנערשטאג, האָט ער איהם קיין פיש נישט געבראכט. דער רב איז געוואָרען אביסל אומ־רוהיג, און ער האָט ארויסגעשיקט דעם שמש, צו דערגעהן די סבה. איז דער שמש צוריקגעקומען, און האָט איהם דערציילט, אז א גרויסער שטורם האָט זיך צעשפּילט אויף דעם ים, און אלע פישער זענען קוים צוריקגעקומען מיט'ן לעבען. האָט מען געווארט ביז פרייטאָג אינדערפריה, קיין פיש האָט מען אָבער אלץ נישט געבראכט. די רבי'צין האָט שוין אפילו גע־וואָלט מאכען שבת אָהן פיש, האָט ער אָבער געזאָגט, אז ביי איהם איז עס ווי א נדר. און ער איז אליין ארויסגעגאנגען צום ים. דער ווינט האָט זיך שוין געהאט אביסל איינגעשטילט, די פישער האָבען זיך אָבער נישט גע־וואָלט ארויסלאָזען, וואָרים זיי האָבען געזאָגט, אז אין אזא וועטער איז אומזיסט די ארבייט. איז דער רב שטארק צוגעשטאנען צו זיין פישער, און האָט איהם גענומען בעטען, ער זאָל פּרוּווען זיך ארויסלאָזען; ער האָט צוגעזאָגט איהם צו באצאָלען פאר א גאנצען טאָג, סיי ער וועט יאָ עפּעס כאפּען, און סיי נישט. דער פישער האָט זיך געלאָזט איינרעדען, און איז ארויס אויפ'ן ים, און האָט פארוואָרפען זיין נעץ. עס האָט נישט לאנג גענומען, און די נעץ האָט זיך גענומען שטארק ווארפען און רייסען, און דאָס שיפעל האָט זיך אָנגעהויבען האסטיג צו וויגען. דער פישער האָט א קוק געטאָן, און ער האָט דערזעהן, אז אין דער נעץ ליגט א גרייליך גרוי־סער פיש, וואָס האָט גאָרנישט זיין גלייכען. ער האָט זיך דערגראָבען ביז צום ברעג, איהם ארויסגעשלעפּט מיט אלע כחות, און אויף א וואָגען גע־בראכט איהם צום רב. פרייטאָג בייטאָג איז עס געווען, צופיל צייט צו וואונדערען זיך האָט מען נישט געהאט. דער רב איז געווען פארנומען מיט א שאלה, האָבען די רביצין און די טאָכטער זיך גענומען מאכען דעם פיש.

אלעזר האָט געהערט דאָס שאָבען און קראַצען, און דאָס האַרץ האָט אין איהם געציטערט. ווען ער האָט דערפיהלט, ווי דאָס מעסער הויבט אָן צו שניידען דעם בויך, האָט ער אַרויסגעשריגען:

— האָט רחמנות! אַ לעבעדיגער מענש!

די רביצין און איהר טאָכטער האָבען דאָס דערהערט, און זיי האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען, און אָנגעהויבען צו שרייען. איז דער רב אַריינגעלאָפען, און האָט זיי געגומען בארוהיגען, אַז דאָס האָט זיי זיך נאָר אויסגעדאַכט. ער האָט אַליין גענומען דאָס מעסער, און האָט אָנגעהויבען צו עפענען דעם פיש. ווי ער האָט גענומען שניידען, האָט זיך ווידער דערהערט אַ קול פון אַ מענש, וואָס האָט זיך געבעטען, מ'זאָל איהם נישט דערקוילען. דער רב איז נישט געווען קיין שרעקעדיגער, ער האָט געכאַפּט און פאַריכט דעם גאַרטעל, האָט געהייסען די ווייבער אַנטאָן פאַרטיכער, און האָט גענומען שניידען פאַמעליך און פאָרזיכטיג, ביז ער האָט אויפגעשניטען דעם בויך פון דעם פיש, און האָט געפונען אין איהם אַ דערשראָקענעם בחור.

זענען אַלע געבליבען שטעהן פאַרוואונדערטע, און האָבען נישט געקאָנט אויסרעדען קיין וואָרט. האָט דער בחור זיך אָנגערופען, און געזאָגט צו זיי מיט אַ שוואַך קול:

שרעקט אייך נישט, איך בין אַ אידיש אינגעל! איך בין געפאָהרען אויף אַ שיף, פון אַ ווייטער מדינה, איז געקומען אַ שטורמווינט, און האָט די שיף צעבראָכען. האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ ברעט, און בין געשוואומען, ביז עס איז געקומען דער גרויסער פיש און ער האָט מיך איינגעשלונגען. געלויבט איז גאָט, וואָס איך בין אַרויס אַ לעבעדיגער, און אַריינגעפאַלען אין אידישע הענט.

איז געוואָרען אין הויז אַ גרויסע שמחה. מ'האָט געכאַפּט און איהם אַרומגעוואַשען, און איבערגעטאָן זיינע קליידער. האָט מען דערזעהן, אַז ער איז זעהר אַ שיינער. און אסתר, דעם רב'ס טאָכטער, האָט געכאַפּט און געמאַכט עפּעס עסען פאַר איהם, צו דערכאַפּען זיין האַרץ. און זי האָט אויסגעבעט פאַר איהם אַ געלעגער, ער זאָל זיך אָפּרוהען.

אַ גאַנצען שבת איז ער געלעגען און געשלאָפען, און אסתר האָט פון זיין בעט נישט אָפּגעטראָטען, און זי האָט איהם געהיט. פאַרנאַכט צייט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז שוין

נישט מיד, און ער איז אראָפּגעגאַנגען פון זיין געלעגער.

האָט דער רב גענומען רעדען צו איהם און אויספרעגען:

— ווי הייסטו, בחור?

האָט ער געענטפערט:

— אלעזר.

— פון וועלכער מדינה קומסטו?

— פון זעהר א ווייטער.

— וואו וואוינט דיין פאָטער, און ווי הייסט ער?

האָט דער בחור זיך צעכליפּעט און געזאָגט:

— פּנחס הייסט ער. וואו ער איז ווייס איך נישט. ער איז צו־זאמען געוועזן מיט מיר אויף דער שיף.

און ער האָט זיך שטארק צעוויינט.

האָט איהם דער רב איינגענומען מיט גוטע רייד, און געטרייסט איהם, אז דער פאָטער וועט זיך מיט גאָט'ס הילף אָפּזוכען; אז ער זאָל נישט זאָרגען, וואָרים ער און די רביצין וועלען צו איהם זיין, ווי א פאָטער און א מוטער, און זיי וועלען איהם האַלטען אין זייער הויז, ווי אן אייגען קינד. און ער האָט זיך איינגעשטילט.

און די רביצין און אסתר האָבען איהם אויך שטארק געטרייסט, און צוגעזאָגט, אז זיי וועלען איהם טייער האַלטען, און איהם וועט גאָרנישט פעהלען ביי זיי אין הויז, נאָר ער זאָל נישט טרויערען, און האָפען צו זיין־ליבען־נאָמען, וואָס ער האָט געטאָן מיט איהם אזא נס.

ח.

דער רב האָט ווייטער גענומען חוקר־ודורש זיין אלעזר'ן, אויסצוגע־פינען פון וואנען ער איז, און ער האָט גאָרנישט געקאָנט דערגעהן. האָט ער איהם גענומען אויספרעגען, אויב ער האָט עפּעס אמאָל געלערענט, און אלעזור האָט זיך געמאכט, ווי ער וואלט נישט פארשטאנען קיין זאך. האָט דער רב געפּרואווט אָנהויבען מיט איהם עפּעס צו לערנען, און ער האָט אין איהם גאָרנישט געקאָנט אריינברענגען. האָט ער זיך גענומען צוקוקען צו זיין אויפפיהרונג, און עס איז געוואָרען פאר איהם זיכער, אז ער האָט צו טאָן מיט א יונג א תם, אן ערליך קינד, א גוט קינד, אָבער, לא־עלינו, האָט נישט קיין שכל און קיין מוח. האָט ער געהייסען אלעזור'ן טאָן פאר איהם ארבייט אין הויז, ארויסהעלפען דער רביצין און אסתר'ן.

און אלעזור האָט געטאָן זיין ארבייט בשלמות, געהאקט האָלץ און געטראָגען וואסער, ווי איינער וואָס איז געבוירען דערביי, און קיינעם איז נישט איינגעפאלען עפּעס איבערצוקלערען.

דער רב האָט זיך מיט איהם זעהר ווייניג אָפּגעגעבען, דערפאר אָבער, האָט די רביצין געהאט אויף איהם השגחה, און אסתר האָט איהם שטארק אָפּגעהיט. זיי האָבען נישט געוואוסט פארוואָס, נאָר ער איז זיי שטארק איינגעבאקען געוואָרען אין הארצען. ער האָט אָבער זיך גאָרנישט וויסענדיג געמאכט, און געפיהרט זיך, ווי איינער וואָס איז נישט קיין גרויסער בר־דעת.

א צייט איז אזוי דורכגעגאנגען, און אלעזור האָט געטאָן ווי אליהו־הנביא האָט איהם אָנגעזאָגט, ער האָט נישט פארפעהלט קיין וואָרט. ער איז ארומגעגאנגען ווי א תם צווישען אלע בחורים פון רב'ס ישיבה, ווען עס איז נישט געווען קיין ארבייט אין הויז. ער האָט געהערט פילמאָל, ווי זיי לערנען א פאלשען פשט אין דער תורה, ווי זיי געהן אראָפּ פון וועג, אָדער זיי בלאָנדזשען — איין קלייניקייט, און ער קען זיי ארויפיהרען אויפ'ן ריכ־טיגען וועג, — ער האָט זיך אָבער אָפּגעהאלטען און געשוויגען. ער האָט אפילו געשוויגען, ווען ער האָט געהערט, ווי דער רב האָט געמאכט א טעות אין א דין, און האָט מכשיר געווען דאָס, וואָס איז געווען טרפה. עס איז פאר איהם געווען זעהר א שווערער נסיון, ער איז איהם אָבער ביינעשטאַ־נען. ער האָט אלץ געהאלטען אין זיך, און מיט קיין מינדעסטער תנועה עס נישט ארויסגעוויזען.

איינמאָל איז געקומען קיין סטאמבול א גרויסער עלוי, א מפורסם. און ער האָט געבעטען רשות ביים רב, צו דרש'ענען אין גרויסען בית־המדרש. דער רב האָט איהם געגעבען רשות, מיט גרוים תשואות־חן, און האָט אליין געזעהן, מפרסם צו זיין די זאך, כדי עס זאָל קומען א גרויסער עולם. די גאנצע שטאָט איז זיך אָנגעקומען, צו הערען די דרשה; דער רב אליין האָט דעם עלוי ארויפגעפיהרט אויף דעם באלעמער. האָט אָבער דער עלוי אָנגעהויבען צו פרעגען איהם קשיות, אָפּווענדען זיינע סברות, און געוויזען דער גאנצער שטאָט, אז דער רב איז נישט קיין גרויסער למדן. ער האָט זיך צעקאָכט און געשיט פעך־און־שוועבעל, געוואָלט אויפווייזען מיט זיינע פּלפּולים, אז דער רב איז פּשוט אן עם־הארץ. דער רב איז נעבאך געבליבען א פארשעמטער, און האָט נישט געקאָנט ענטפערן קיין וואָרט: אויף אזא מין פלוצלונגער זאך האָט ער זיך נישט געקאָנט ריכטען. און די בני־קורח, די בעלי־מחלוקה, וואָס לעבען אין איטליכען דור און זענען צעשפּרייט איבער אלע שטעט, האָבען מעהר נישט געדאַרפט, זיי האָבען זיך גלייך אָנגעכאַפּט אָן דעם, און האָבען גענומען שרייען, אז מ'דארף דעם עלוי אויפנעמען פאר א מרא־דאתרא, און דעם רב ממש ארויסוואַרפען.

אלעזר איז געשטאנען אין א ווינקעל, אין בית־המדרש, און האָט דאָס אלץ געהערט, און עס האָט אין איהם שטארק געברענט. ער האָט דערקאָנט דאָס קול פון עלוי, און עס האָט איהם געריהרט אין מח. ער האָט געהערט ווי דער עלוי לערענט פאלשע פשטים, ווי ער פארדרעהט אלעמען די קעפּ; ער האָט געוואוסט, אז מיט א קלייניקייט קען מען אלע זיינע בנינים צעשטערען; עס איז פאר איהם קלאָר געווען, אז אזעלכע דרשות זענען ווי א סם־המות, און מ'טאָר נישט צולאָזען, אז זיי זאָלען זיך איינ־וואורצלען אין די הערצער פון די צוהערער — און דאָך האָט ער געשוויגען, און נישט גערעדט קיין וואָרט. ער האָט א קוק געגעבען אויף דעם פאר־שעמטען רב'ס פּנים, וואָס האָט אלעמאָל געביטען די קאָלירען, און דאָס הארץ האָט איהם שטארק געריסען; עס האָט איהם נאָכמעהר געאַרט דער פאַרשוועכטער כבוד־התורה; עס האָט איהם געצויגען, געריסען, ארויס־צורופען זיך מיט א וואָרט, און עפענען אלעמען די אויגען — און דאָך איז ער בייגעשטאנען דעם נסיון.

אין שטאָט האָט זיך דערנאָך געטאָן א גאנצע נאכט, געווען

אסיפות, די בני־קורח האָבען געליארעמט, עס האָבען זיך געטאָן מעשים. אלעזר האָט נישט געקאָנט רוהען און עס האָט איהם געקאָסט פיל געזונט, וואָס ער קען נישט עפענען זיין מויל. ער האָט זיך באהאלטען אויף זיין געלעגער, און געוויינט אין דער פאַרבאָרגעניש אויפ'ן פארשוועכטען כבוד פון דער תורה. ער איז איינגעשלאָפען און אין חלום האָט ער געוויינט. איז געקומען צו איהם אליהו־הנביא, האָט איהם אָנגעריהרט און אויפגע־וועקט, און ער האָט צו איהם אזויגעזאָגט:

— אלעזר, מיין זוהן, ביסט בייגעשטאנען דעם נסיון, און איצט זאָלסטו עפענען דיין מויל. מאָרגען אינדערפריה, ווען דו וועסט אויפ־שטעהן, וועסטו זעהן, ווי אלע אין הויז געהן ארום אין גרויס צער, זאָלסטו צוגעהן צו אסתר'ן און איהר טרייסטען, און בעטען איהר, זי זאָל געהן צו איהר פאָטער, און איהם זאָגען, אז דו ווילסט ענטפערען דעם עלוי, און אויפווייזען דער גאנצער שטאָט, אז אלע זיינע פשטים און פשט'לעך זענען פאלש, און ער איז א מגלה פנים בתורה שלא כהלכה. דער רב וועט צום ערשטען מאָל נישט וועלען הערען דערפון, וועט אָבער אסתר צושטעהן צו איהם, ביז וואנען ער וועט דיך אריינרופען, און ער וועט אָנהויבען מיט דיר צו שמועסען און דיך אויספרואווען. זאָלסטו דעמאָלט אביסל אויפ־הויבען דעם שלייער, און ארויסווייזען א טייל פון דיין חכמה. ער וועט זיך שטארק דערפרעהן, און דיר געבען רשות, צו ענטפערן דעם טמא, און דו זאָלסט אלעמען ווייזען ווער ער איז. דו וועסט מציל זיין דעם כבוד פון דער תורה, און אויסוואָרצלען די ביטערע קרייטיכצער, וואָס ער האָט געבטען פארפלאנצט, אין די הערצער פון פיל וואָס האָבען צוגעהערט זיינע ווערטער. די בעלי־מחלוקה וועלען בלייבען ווי שטומע, פון גרויס חרפה, און דער טמא וועט פארפאלען ווערען. די גאנצע שטאָט וועט נעמען פלוצלונג קלינגען מיט דיר, און די גרעסטע גבירים און מיוחסים וועלען אָנהויבען אָפצוקלאפען די טירען און שיקען שדכנים, דיך צו קריגען פאר א חתן פאר זייערע טעכטער. זאָלסטו אלעמען אויסהערען און נישט ענט־פערען קיין וואָרט. דערנאָך וועסטו אריינקומען אין רב'ס חדר, און דו וועסט דאָרט טרעפען אסתר'ן און דער רביצין, זיצען מיט פארוויינטע אויגען, פארשמאכטע און פארשעמטע, דערפאר וואָס זיי האָבען נישט אזא גרויסען נדן, און קענען אפילו נישט קלערען אין דיר זוכה צו זיין. זאָלסטו זאָגען דעם רב, אז דו האָסט מיט איהם עפעס צו רעדען אין א באזונדער

חדר, און דו זאָלסט איהם בעטען, ער זאָל דיך נעמען פאר א חתן פאר זיין טאָכטער. חופה־טאָג זאָלסטו ארויסקומען צום ים צוזאמען מיט דעם רב, און דאָרט וועל איך זיין, און וועל ברענגען דיין פאָטער און דיין מוטער צו דער חתונה. געדענק, דו זאָלסט נישט געהן צו דער חופה, ביז זיי וועלען קומען! און איהר וועט שוין בלייבען צוזאמען, און קיינער וועט אייך מעהר נישט צעשיידען, ווייל אלץ איז שוין פאריכט געוואָרען, און מעהר קיין נסיונות וועט מען אויף אייך נישט אָנשיקען.

און עס איז אזוי געווען. אינדערפריה האָט ער געטראָפען אלע אין הויז ארומגעהן ווי די אבלים, אסתר האָט געוויינט אין דער שטיל, די רביצין איז ארומגעגאנגען אין איין צער. איז אלעזר צוגעגאנגען צו אסתר'ן, און ער האָט איהר געזאָגט, אז ער וויל זאָגען בייגאכט א דרשה, אין בית־המדרש, און מאכען צו נישט אלע פאלשע פשט'לעך, וואָס דער עלוי האָט געזאָגט; אז זי זאָל ארייגעהן צום רב, און בעטען פאר איהם רשות. האָט אסתר געוואָרפען א ליבען בליק אויף איהם, און איהרע אויגען האָבען אויפגעלויכטען, און זי האָט געזאָגט צו איהם, אביסל א צעמישטע פון גרויס שמחה:

— איך האָב עס געוואוסט! דאָס הארץ האָט עס מיר געזאָגט, באלד ווי איך האָב דיך דערזעהן און דיין קול דערהערט.

און זי האָט נישט געענדיגט איהרע ווערטער און איז אריינגעלאָפען צו איהר פאָטער.

א צייט האָט זי איינגעטענה'ט מיט דעם רב, די רביצין איז איהר געקומען צו הילף, און זיי האָבען אזוילאנג גערעדט מיט איהם, ביז זיי האָבען איהם איבערגערעדט. און ער האָט אריינגערופען אלעזר'ן, געמאכט א שמועס מיט איהם, און ער האָט דערזעהן, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן.

און עס איז געווען ווי אליהו־הנביא האָט געזאָגט. די שטאָט האָט גענומען קלינגען מיט אלעזר'ן; גבירים האָבען זיך גענומען רייסען איבער איהם, מ'האָט איהם געוואָלט אָפגילדען, ער האָט אָבער קיינעם פון זיי נישט געענטפערט און האָט געטאָן, ווי אליהו־הנביא האָט איהם אָנגעזאָגט. און דער רב האָט געשריבען מיט איהם תנאים.

די חתונה האָט מען אָפגעלעגט אויף א קורצער צייט, פרייטאָג האָט זי געדארפט זיין, אזוי האָט דער חתן געוואָלט.

און עס איז געקומען דער טאָג פון דער חתונה, פרייטאָג נאָך האַל־בען טאָג, און אלעזר האָט ארויסגערופען דעם רב, און האָט איהם געבעטען, ער זאָל מיטגעהן מיט איהם צום ים זיך צו טובל'ן פאַר דער חופה.

דער רב האָט איהם אפילו געפּרואווט אָפּרעדען דערפון, נאָר ער האָט געזאָגט, אז ער האָט דערין אַ ענין, און דער רב איז מיט איהם מיט־געגאַנגען.

און אלעזר און דער רב האָבען זיך גע'טובל'ט אין ים, דערנאָך האָט זיך אלעזר אוועקגעזעצט ביים ברעג, און ער האָט געוואַרט. דער רב האָט איהם געפרעגט, אויף וועמען ער וואַרט, און ער האָט נישט געענטפערט. האָט זיך דער רב זעהר געוואונדערט.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך אליהו־הנביא ווידער פאַרשטעלט פאַר אַן אַלטען מאַן, אָנגעטאָן ווי אַ מחותן, און ער איז געקומען צו רבי פנחס'ן. ער האָט איהם גראָד געטראָפען ארויסגעהענדיג פון מרחץ. האָט ער איהם אָפּגעשטעלט און צו איהם אזויגעזאָגט :

— רבי פנחס, איך האָב אַן אָפּגעציטערט קינד; איך בין אויס־געשטאַנען פון איהם גענוג, ביז איך האָב איהם דערלעבט אויפצוברענגען, איצט האַלט איך שוין, דאַנקען גאָט, ביי זיין חופה. איך וויל אָבער, אז דו און דיין ווייב, זאָלען קומען און זיין די אונטערפיהרער, ווייל מיין אשה האָט אַ נדר געטאָן, אז אויב גאָט וועט אונז שענקען דאָס קינד, וועט זי איהם נישט פיהרען אליין צו דער חופה, נייערט, זי וועט דערמיט מכבד זיין דיראָזיגע וואָס האָבען נישט זוכה געווען צו פיהרען זייער אייגען קינד צו דער חופה. בין איך דעריבער געקומען נאָך אייך. און זיי ווייסען, אז אַלץ איז גרייט, און מ'קען צו דער חופה נישט געהן.

האָט רבי פנחס זיך אָנגעהויבען צו בעטען ביי איהם, ער זאָל איהם צורוהלאָזען און נישט דערמאָנען זיין צער. איז אָבער דער אַלטער נאָכ־מעהר צוגעשטאַנען צו איהם, און געזאָגט, אז ער וועט נישט געהן צו דער חופה, ביז זיי וועלען מיט איהם מיטגעהן, און אויב ער וויל מבייש זיין צוויי כשר'ע אידישע קינדער, אין דעם טאָג פון זייער חופה, איז די ברירה צו איהם.

און ער האָט נישט אָפּגעטרעטען, ביז רבי פנחס איז מיט איהם אריינגעגאַנגען צו זיין ווייב.

און דער אלטער מאן האט גענומען טענה'ן מיט רחל'ן, בעטען איהר, זי זאל איהם נישט פארשעמען, און נישט פארשטערען די שמחה, אז ער האט שוין יא דערלעבט חתונה צו מאכען אזא אפגעציטערט קינד.

און ווען זי האט נישט גלייך געענטפערט, האט ער געזאגט:

— גערענקסט, הויבט זיך נישט אן מיט מיר, ווארים איך בין א כהן!

און אזוי ווי רחל האט דערהערט דאס ווארט כהן, האט זי געטאן א טיפען זיפץ, און זי האט געזאגט צו רבי פנחס'ן:

— מיין מאן, קום ווערען מיר געהן מיט דעם איד!

און זיי זענען איהם נאכגעגאנגען ביז צום ברעג פון טייך, דארט איז געשטאנען א שיפעל, און זיי זענען אהין אריין.

און וואונדער איבער וואונדער, און איבעראשונג איבער איבעראשונג — זיי האבען קיין צייט נישט געהאט אויף קיין רגע זיך אפצושטעלען און א טראכט געבען, וואס מיט זיי קומט דא פאר.

און אלעזר האט דערזעהן דאס שיפל פון דערווייטען, און אליהו־הנביא האט זיך מיט איהם דורכגעוואונקען, און אנגעזאגט איהם אלצדינג, וואס ער האט צו טאן. דער רב האט מעהר נישט געזעהן, ווי אלעזר'ס וואונקען, און ער האט נישט געקאנט פארשטעהן וואס דא קומט פאר.

און אלעזר האט געזאגט צום רב:

— עס איז צייט צו געהן צו דער חופה! ביי אונז איז דער מנהג, אז דער חתן פארדעקט דאס פנים, מיט א טלית, ביז איבער דער חופה, וויל איך נישט משנה זיין פון דעם מנהג. צו דער חופה וועלען קומען צוויי פארשוין, מאן און ווייב, זאלט איהר זיי מכבד זיין מיט אונטערפיהרונג. פרעגט נישט קיין שאלות ,זיי זענען מיינע אונטערפיהרער.

און אזוי איז געוועזן.

רבי פנחס און רחל זענען געווען ווי אין א חלום, און זיי האבען נישט געוואוסט און נישט פארשטאנען, וואס מיט זיי קומט דא פאר. דעם חתן'ס פנים האבען זיי נישט געזעהן, און זיין קול האבען זיי נישט געהערט. נאר ווען ער האט געעפענט זיין מויל, און נאכגעזאגט דעם הרי־את, האבען זייערע הערצער אנגעהויבען צו ציטערען.

און ווען מ'האט אנגעהויבען צו לייענען די כתובה, און מ'האט דערמאנט דעם חתן'ס נאמען, אלעזר ב"ר פנחס הכהן, האבען זיי עס שוין

כמעט נישט געקאַנט אריבערטראָגען, דאָס חיות איז זיי שיר אויסגעגאַנגען, און זיי זענען קוים דערשטאַנען אויף זייערע פיס.

איז אליהו־הנביא צוגעלאָפען און ער האָט אויפגעדעקט דעם חתן'ס פנים, און זיי האָבען איהם דערקאָנט, און זיי זענען ארויפגעפאלען איהם אויפ'ן האלז, און עס איז געוואָרען זעהר א גרויסע שמחה.

און אליהו־הנביא האָט זיי געבענשט, און ער איז פארשוואונדען.

תשובת־המשכל.

תשובת־המשקל

א.

אין א גרויסער אידישער שטאָט, אין מרחקים, האָט אמאָל געוואוינט א איד, מיט וועמען די גאנצע סביבה האָט זיך געבענשט. ער איז געווען דער גרויסער למדן, דער גביר, דער עניו, דער שטאַרקער בעל־צדקה און מכניס־אורח, און דערצו א מענש א הדרת־פּנים; געווען א איד א שיינדעל, א שם־דבר.

האָט אמאָל אָבער זיך דאָס רעדעל דערלאַנגט א דרעה, און עס האָט איהם גענומען געהן, ווי מ'זאָגט: מיט דער פּוטער אראָפּ. עס איז געקומען א שרפה און האָט איהם בדלות געשטעלט; ווייב און קינדער האָבען אָנגעהויבען קרענקען, נישט פאר קיינעם געדאכט; ס'איז געגאנגען אראָפּ, אראָפּ, ביז ער איז, לא עלינו, געוואָרען אן עני ואביון. האָט ער מצדיק געווען דעם דין אויף זיך, אָנגענומען אלצדינג פאר ליב. איז, ווייזט אויס, דאָס מעסטל נאָך נישט פארפולט געווען, זענען איהם, באהיט זאָל מען ווערען, נאָך אוועקגעקומען ווייב און קינדער, און ער איז געבליבען איינער אליין.

ער איז איבערגעבליבען אין גרויס עלענד און נויט, נישט־דאָ־געדאכט. די הענט האָבען זיך איהם נישט געהויבען צו קיין זאך. עס איז איהם אויסגעקומען נאָר אָנצוקומען צו צדקה.

איז עס איהם זעהר שווער געווען צו טאָן אין זיין אייגענער שטאָט, האָט ער זיך מיישב געווען, ער וועט געהן אין דער פרעמד, וואו מ'קען איהם נישט, צוזאמען מיט אלע אָרימעלייט, און וועט מקבל זיין אויף זיך דעם גזר־דין.

איז ער אָבער נישט געווען קיין געבוירענער אָרימאן און האָט נישט געקאָנט אויסשטרעקען קיין האנט און בעטלען ווי אנדערע, פלעגט ער קומען אין א שטאָט אריין און אוועק אין בית־המדרש און זיך זעצען לערנען; פלעגען אידען לומדים זיך ארומקוקען און זעהן אז ער איז אן איידעלער איד, א תלמיד־חכם, פלעגען זיי איהם בעטען, ער זאָל געהן מיט זיי עסען, ער זאָל עפּעס נהנה זיין פון זיי.

אזוי איז עס געגאנגען א לאנגע צייט. קיין געלט האָט ער נישט געוואָלט זאמלען, ער איז צופרידען געווען, אז ער האָט געהאַט אָפּצועסען, אן אָרט וואו דעם קאָפּ אוועקצולעגען, א שטיקעל מלבוש, און דער עיקר,

אז ער האָט זיך געקאָנט אוועקזעצען און לערנען.

דאָס לערנען איז געווען זיין איינציגער טרייסט, עס האָט איהם געמאכט פארגעסען אָן אלע צרות, אין דער גאנצער עלענד און נויט.

און ער איז געגאנגען פון שטאָט צו שטאָט, האָט זיך באגעגענט מיט פיל לומדים און יראי־שמים, און געדאנקט השם־יתברך, וואָס ער לאָזט איהם אזוי דורכגעהן זיין נאריש וועלטעל.

איינמאָל איז ער געגאנגען דורך א וואלד, און ער האָט פאר־בלאָנדזשעט. צוויי טעג און צוויי נעכט איז ער ארומגעגאנגען און האָט נישט געקאָנט ארויס פון וואלד, און א פחד האָט איהם אָנגעכאפּט און ער איז געגאנגען אין איין שרעק. דאָס ברויט האָט זיך אויסגעלאָזט און ער איז שטארק הונגעריג געוואָרען, און קיין אויסוועג האָט זיך נישט געוויזען. האָט ער מתפלל געווען צו גאָט און געזאָגט:

רבונו־של־עולם, אויב עס איז דיין רצון מיך צוצונעמען פון דער וועלט, איז עס מיר אויך ניחא; מסתם בין איך שוין אָפּגעקומען דאָס מיי־ניגע און האָב פאריכט אלץ וואָס איך האָב מקלקל געווען אין פריהערדיגע גלגולים. אלע צרות, וואָס דו האָסט אָנגעשיקט אויף מיר, האָב איך אָנגע־נומען פאר ליב, איך בין דאָס אויך מקבל־באהבה. טו אָבער מיט מיר, גאָטעניו, א חסד און לאָז מיך קומען צו קבר־ישראל; פיהר מיך צו א ישוב, און לאָמיך שטארבען צווישען אידען.

און אזוי ווי ער האָט געענדיגט זיינע ווערטער, האָבען זיך גע־עפענט זיינע אויגען, און ער האָט דערזעהן פון דערווייטען א שטעג.

איז ער געגאנגען א צייט מיט דעם שטעג, ביז ער איז געקומען צו א שיינעם פּאלאץ, וואָס איז געשטאנען אינ׳ם מיט פון א גרויסען גאָר־טען, פארפלאנצט מיט כל המינים בוימער. ער איז געגאנגען א צייט ארום דעם גאָרטען, און האָט מורא געהאט אריינצוגעהן אהין. האָט ער זיך אוועק־געזעצט ביים פּארקען אָפּצורוהען.

אזוי ווי ער איז געזעסען, האָט ער דערזעהן, ווי א איד קומט ארויס פון גאָרטען, האָט ער זיך שטארק דערפרעהט.

איז ער צוגעגאנגען צום איד, און ער האָט איהם געפרעגט, וועמעס פּאלאץ עס איז און אויב עס איז נאָך ווייט פון א אידישען ישוב. האָט איהם דער איד געענטפערט, אז עס איז נאָך א קליין שטיקל וועג אין שטאָט אריין, און אין פּאלאץ וואוינט א איד, א גביר, א גרויסער למדן, וואָס האָט

זיך אויפגעבויט אַ בית־המדרש'ל, און אַלע לומדים פון שטאָט, וואָס דער־גרייכען נישט זיינע קנעכעל, קומען אהין לערנען, און דער גביר אליין זאָגט פאַר זיי יעדען טאָג אַ שיעור. דער איד האָט איהם דערציילט, אַז דער גביר איז אַ ווילדער מתמיד, וואָס זיצט יומם ולילה און לערענט, און ווייל ער האָט נישט געוואָלט, אַז מ'זאָל איהם מבטל זיין פון לערנען, האָט ער אויפגעבויט זיין פּאַלאַץ און דאָס בית־המדרש'ל אויסער דער שטאָט.

האָט זיך דער אָרימאַן שטאַרק דערפרעהט מיט די ווערטער, און איז אריין אין גאָרטען און אָפּגעגעבען אַ דאַנק און אַ לויב השם־יתברך, וואָס האָט איהם געפיהרט אין אזא אָרט, וואָרים ער איז געווען זיכער, אַז איצט וועט איהם שוין גאָרנישט פעהלען. דער גביר וועט זעהן ווער ער איז, און וועט איהם מקרב זיין, און ער וועט קענען זיצען במנוחה אַ שטיקעל צייט און לערנען.

און ער האָט דערהערט אַ זיס קול, וואָס איז ארויסגעקומען דורך די אָפענע פענסטער פון דעם בית־המדרש, און ער האָט זיך דערקוויקט, האָט פאַרגעסען אָן דער מידקייט און דעם הונגער, און איז אריינגעגאַנגען אין בית־המדרש און האָט זיך אוועקגעזעצט לערנען.

די לומדים וואָס זענען דאָרט געווען האָבען זיך גלייך ארומגעזעהן, אַז דער אָרימאַן איז אַ למדן, און זיי האָבען איהם גענומען פרעגען פיל הארבע קשיות, וואָס האָבען זיי געמאַטערט אַ לאַנגע צייט, און ער האָט אַלצדינג פאַרענטפערט. עס איז זיי ליכטיג געוואָרען אין די אויגען, און זיי האָבען געזעהן, אַז דער אָרימאַן איז אַ גדול־בתורה, און דער גביר דערגרייכט נישט עד קרסוליו. און זיי האָבען אָפּגעמאַכט צווישען זיך, אַז איידער זיי וועלען געהן אהיים צום אָנבייסען, זאָלען זיי וואַרפען גורל צווישען זיך, און דער, אויף וועמען עס וועט פאַלען דער גורל, וועט זוכה זיין מיטצונעהמען דעם למדן אויף אָנבייסען.

דער אָרימאַן האָט געכאַפּט אַ וואָרט דערפון, און געדאַנקט השם־יתברך פאַר זיין גרויס חסד.

עס איז אָבער דערפון גאָרנישט געוואָרען. —

דער גביר איז פּלוצלונג אריינגעקומען און האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, גענומען שמועסען אין לערנען, זיך אויספרעגען, וואָס מ'האָט היינט אָפּגעלערענט, פאַרענטפערען קשיות, אויסגלייכען סתירות, פּושט זיין ספקות. האָט מען איהם אָנגעוויזען אויף דעם פרעמדען אָרימאַן.

האָט ער זיך אריינגעלאָזט אין א טיפען שמועס מיט איהם, און געזעהן, אז ער איז איינער פון די גדולים, און ער האָט זיך שטארק דערפרעהט מיט'ן אורח. און הויך האָט ער געזאָגט צו איהם אויפ'ן קול:

— אין א שעה ארום עס איך אָנבייסען, וועט איהר מוחל זיין און אריינקומען צו מיר אין הויז.

דער ארימאן האָט זיך דערפרעהט. פאר די לומדים איז עס געווען א גרויס חידוש: זיי האָבען געקאָנט דעם גביר און געוואוסט, אז נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז אן אוהב־תורה און אן אָפגעהיטענער איד, האָט ער אָבער זיין געלט נאָך ליבער; ער האָט נאָך קיינמאָל קיין פרוטה אויף צדקה נישט געגעבען, און זיינע טירען זענען פארשלאָסען פאר אן אורח; זיינע בני־בית און משרתים לאָזען קיין ארימאן פאר די אויגען נישט, ווארפען ארוים מיט קללות און בזיונות. זיי האָבען זיך עס גאָר נישט געקאָנט גלויבען, אז דער גביר זאָל נעמען א אידען צו זיך אויף א סעודה. האָבען זיי עס אָבער אָנגעהאנגען אָן זיין גרויסער אהבת־תורה, און חיבת תלמידי־חכמים, אז ער האָט זיך דורכדעם מתגבר געווען איבער'ן יצר־הרע, און משנה געווען זיין טבע. זיינען זיי געווען שטארק צופרידען דערפון, ווארים זיי האָבען געוואוסט, אז פאר זיך איז דער גביר גאָרנישט קארג, און דער אָרימער תלמיד־חכם וועט זיך אביסל צוזעהן ביי איהם.

עס איז אָבער געווען א ביטערער טעות. —

דער אָרימער תלמיד־חכם איז אריינגעקומען צום גביר אין הויז, און האָט איהם געטראָפען זיצען ביי א טיש געגרייט מיט אלעמגוטען. דער גביר האָט איהם אוועקגעזעצט לעבען זיך, און ווייטער אָנגעהויבען מיט איהם צו שמועסען אין לערנען. דעם ארימאן איז אויסגעגאנגען דאָס חיות: אָט, אָט, האָט זיך איהם געדאכט, הייסט מען איהם געהן זיך וואַשען און עסען. ער איז אזוי הונגעריג. די מאכלים שמעקען אזוי. אָט אזעלכע מאכלים פלעגט מען ביי איהם מאכען, אין די גוטע יאָהרען, אויף א יומא־דפגרא, אָדער פאר אן אורח הגון. ער קען זיך שוין קוים דערוואַרטען, אז מ'זאָל איהם זאָגען דאָס גוטע וואָרט. דער גביר זיצט אָבער און עסט, און שמועסט מיט איהם אין תורה. אָט ברענגט מען איין מאכל נאָך דעם צווייטען, און איהם בעט מען נאָך אַלץ נישט מיט צום עסען. עס ווילט זיך איהם דערמאָנען. אפשר האָט דער גביר זיך אזוי שטארק פארטיפט אין דעם ענין, אז ער האָט אינגאנצען פארגעסען אָן איהם; עס ווילט זיך

איהם בעטען עסען, זאָגען, אז ער איז הונגעריג, ער געהט אויס, ער קען אָבער קיין מויל נישט עפענען.

דער גביר עסט אָפּ און זאָגט צו איהם :

— איצט געה איך זיך אביסל צושפּאַרען, כאַפּען א דרימעל, איהר וועט מוחל זיין אריינקומען מיטאָג־צייט צו מיר. דערווייל געהט אביסל אריין אין בית־המדרש, אָדער שפּאַצירט זיך גאָר אביסל דורך אין מיין שפּאַציר־גאָרטען.

דער אָרימער תלמיד־חכם איז מלמד־זכות אויף איהם: מסתם גע־מיינט, אז איך האָב שוין געגעסען.

און ער געהט זיך אביסל דורך אין גאָרטען, שלעפּט זיך קוים, און זעהט די שיינע פּירות, וואָס הענגען אראָפּ פון די בוימער, די בלוט־רויטע עפּעל און די העל־גאָלדענע בארען, די גרויסע פלוימען, וואָס זענען ווי באַצויגען מיט א טוי, די אלע שיינע און גלוסטיגע פּירות, וואָס רייסען אויף אויגען און נאָז, מיט זייערע מראות און ריחות. און עס ציהט איהם אויס־צושטרעקען א האַנט און אָפּרייסען א פּרי זיך צו דערקוויקען, שטילען אביסל דעם הונגער, דערכאַפּען דאָס הארץ. זעהט ער אָבער, אז עס איז נישט קיין הפקר, וואָרים אויף יעדען טריט און שריט זענען אָנגעקלאַפּט הזהרות, געשריבענע אין גרויסע גע'כתיבה'טע אותיות; איסור־גזל. איז ער עומד־בנסיון, און געהט נאָר צו צום טייכעל, און טרינקט אביסל וואַ־סער, צו דערפרישען זיינע פאַרברענטע ליפּען. ער וועט נאָך וואַרטען ביז מיטאָג; שוין נישט לאַנג צו וואַרטען. מ'דאַרף קענען מכניע זיין דעם יצר־הרע, צעברעכען די תאוה פון עסען.

און ער געהט אריין אין בית־המדרש'ל, און זעצט זיך ווייטער אוועק לערנען געשמאַק, לערנט מיט אלע כחות, וויל פאַרטרייבען דעם הונגער.

אלע לומדים וואָס זענען דאָרט פאַראַן זעהן עס, און זיינען שטאַרק צופרידען דערפון, זענען זיכער, אז ער האָט געגעסען א גוטע סעודה.

צום מיטאָג קומט ער ווידער אריין צום גביר, און דערזעהט ווייטער א טיש מיט כלי־כסף־וזהב, און מעדני־מלך שטעהן אָנגעשטעלט אויף איהם. דער גביר זיצט זיך ברייט ביים טיש און עסט, און איהם בעט ער ווידער זיצען אויף א שטוהל לעבען דעם טיש, און נעמט ווייטער שמועסען מיט איהם אין לערנען, פאַרציהט דעם שמועס, רעדט אזוילאַנג ווי עס איז נאָך עפּעס פאַראַן אויפ'ן טיש צום עסען, און האָט גאָרנישט אין זינען צו

בעטען דעם אָרימען תלמיד־חכם צום עסען, אפילו פון יוצא־וועגען. דער אָרימער תלמיד־חכם זיצט נעבעך, און שלינגט דאָס שפּייעכץ. דאָס חיות געהט איהם פּשוט אוים. ער וויל בעטען, און קען נישט. טרערען קומען איהם אין די אויגען אריין, דאָס הארץ חלש'ט, עס ציהט, עס נאָגט. דאָס מויל איז אָבער שטום, בעטען קען ער נישט.

דער גביר מאכט זיך אָבער גאָרנישט וויסענדיג, הויבט זיך אויף פון טיש און זאָגט צו איהם :

— איהר וועט מיר איצט מוחל זיין, איך דארף אביסל ארייננעהן צו מיינע מענשען, וועגען מיינע עסקים, ווען נישט וואָלטען מיר נאָך גע־שמועסט א ווייַלע. עס איז א שטארקער ענין. מיר וועלען זיך אם־ירצה־השם זעהן אין אָוונט.

דער אָרימער תלמיד־חכם זעהט, אז ער קען שוין מעהר נישט אריבערטראָגען, ער פיהלט פּשוט, אז די כחות געהן איהם אוים פון הונגער, און לאָזט זיך אין שטאָט אריין, מיט די לעצטע קרעפטען. בעטען קען ער נישט, אידען זענען אָבער רחמנים בני רחמנים, זיי וועלען דערזעהן אַן אָרימאַן, וואָס שלעפּט זיך קוים אויף די פיס, וועלען זיי איהם אריינעמען אין א הויז, און געבען עפּעס אין מויל אריין.

און מיט די לעצטע כחות געהט ער, א קאַלטער שוויים שלאָגט איהם ארוים אויפ'ן פּנים, ער דערשלעפּט זיך קוים ביז צום מארק און פאַלט אוועק אין חלשות. אידען שטעלען זיך ארום, מ'פּרואווט איהם אָפּ־מונטערען, און מ'קען נישט. מ'כאַפּט איהם אריין אין א הויז, מ'ברענגט דעם רופא, ער נעהמט איהם אָן ביים דופק, לעגט איהם צו א פעדער צו דער נאָז, און זאָגט, אז ער איז טויט.

מילא, אן אָרימאַן איז געשטאָרבען. מ'באַגראָבט איהם שטיל, אָהן רעש. מ'יאָגט זיך צו, פּאָליציע זאָל נישט געוואָהר ווערען, און מ'זאָל איהם חלילה נישט דארפען פּאַלמעסען.

און שא, שטיל, דער גביר ווייס אפילו גאָרנישט; די לומדים מיי־נען, אז דער גביר האָט איהם אָפּגעגעבען א חדר־מיוחד, און האָט מקיים געווען דעם „וקנה לך חבר".

ב.

דער גביר פלעגט זיך נוהג זיין יעדע נאַכט אָפּצוריכטען חצות אין זיין בית־המדרש'ל, קיינער האָט זיך דעמאָלט דאָרט נישט געטאָרט געפינען. יעדען אָווענט פלעגט דער שומר זעהן, אז אלע זאָלען אוועקגעהן, און דערנאָך פלעגט ער צושליסען די טירען מיט א שווערען שלאָס, און דעם שליסל האָט ער אריינגעטראָגען צום גביר. קיינער האָט מעהר קיין שליסל נישט געטאָרט האָבען. נאָך חצות פלעגט דער גביר איהם צוריק אָפּגעבען דעם שליסל.

אין יענעם אָווענט איז דער גביר אריינגעקומען אין בית־המדרש'ל, און ער האָט דערהערט טריט. פינסטער איז געווען, האָט ער געוואָלט אָנ־צינדען א ליכט, און האָט נישט געקאָנט: אלעמאָל האָט זיך פארלאָשען דאָס פייער. איז ער ארויסגעלאָפען צום שומר, איהם אויפגעוועקט, און גוט אָנגעזידעלט. האָט זיך דער שומר פארענטפערט, אז ער האָט פאר־שלאָסען און געפּרואווט דעם שלאָס. און ער איז אריינגעגאַנגען מיט דעם גביר, מיט אַן אָנגעצונדענע לאַמטערען אין האַנט, און געוויזען איהם, אז קיינער איז נישטאָ. ער האָט אָנגעצונדען א ליכט פאר דעם גביר, און איז צוריק ארויס כאַפּען א דרימל אין זיין ביידעל.

אזוי ווי דער גביר האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד און אָנגעהויבען זאָגען א אידיש וואָרט, האָט זיך פּלוצלונג פארלאָשען דאָס ליכט, און ווייטער האָט ער דערהערט טריט פון א מענשען. האָט ער זיך דער־שראָקען, אויפגעהויבען און גענומען לויפען, געוואָלט אָנהויבען צו שרייען. האָט ער דערפיהלט, ווי א ציטערניש געהט איהם דורך איבער'ן לייב, און דאָס קול איז איהם פארשטיקט געוואָרען אין האלז. און ער האָט דער־הערט א מורא'דיג קול :

— ריהר זיך נישט פון אָרט, וואָרים אזוי ווי דו ריהרסט זיך שטארבסטו!

און ווי ער הערט די ווערטער דערזעהט ער, ווי א נאַקעטער אָרעם הילט זיך אויס פון דער פינסטערניש, און א ליכט נעמט ארויסשיינען פון איהם, און עס באַלייכט דאָס גאַנצע בית־המדרש'ל. ער בלייבט שטעהן דערשראָקען און פארגאַפט, און קוקט. און ער דערזעהט דעמזעלבען אָרי־מאַן, שטעהן פאר איהם, ווי א לעבעדיגער, נאָר אָנגעטאָן אין ווייסע תכריכים.

דערשרעקט זיך דער גביר נאָכמעהר, נעמט זיך ווארפען, ציטערען און וואקלען.

און ער הערט ווייטער א קול:

— בלייב שטעהן גלייך, און הער אויס, וואָס איך האָב דיר צו זאָגען!

און ער בלייבט שטעהן ווי פארשטארט.

און דער טויטער אָרימאן זאָגט צו איהם:

—זאָלסט וויסען, אז דו האָסט מיך גע'הרג'עט! דו האָסט זיך מפלפל געווען מיט מיר, געהייסען מיר ארייננקומען און צוקוקען ווי דו עסט די בעסטע מאכלים; דו האָסט גוט געזעהן אין מיין פּנים, אז איך געה אויס פון הונגער. דו האָסט מיר אליין נישט געגעבען צו עסען, און דו האָסט אנדערע אויך פארמיטען פון דעם. איבער דיר און איבער דיין שלעכט הארץ בין איך געגאנגען פון דער וועלט. איצט געהסטו חצות אָפּריכטען, גיסען טרערען און לערנען, טאָן זאכען וואָס קאָסטען נישט קיין געלט, און וואָס קיינער חוץ דיר האָט פון זיי גאָרנישט. נעכטען, גלייך נאָכדעם ווי מ'האָט מיך געבראכט צו קבר־ישראל, בין איך געקומען פאר בית־דין־של־מעלה, און אלע האָבען מסכים געווען, אז איך בין גענוג אָפּגעקומען אין מיין לעבען, און מיר קומט א חשוב אָרט אין גן־עדן. האָט מען מיך אָבער אהין נישט געקאָנט ארייגלאָזען, ווייל איך דארף מיט דיר פריהער האָבען א דין־תורה, און דו מוזט קריגען דיין עונש, און א צדיק צוליב וועלכען עמיצער וועט נענש הייסט א שלעכטער צדיק, און קען נישט ארייגעלאָזט ווערען אין כביכול'ס מחיצה. און דו, אכזר איינער, דו ביסט ווערט דעם עונש, וואָס דו דארפסט קריגען — צוליב דיין אכזריות בין איך געגאנגען פון דער וועלט, און קען איצט אויך נישט קומען צו מיין רוה! קום מיט מיר צו א דין תורה פאר בית־דין־של־מעלה! איך האָב גע־געבעטען און געזאָגט, אז איך בין דיר מוחל אלצדינג במחילה גמורה, און זאָל מען מיך ארייגלאָזען אין מיין רוה, אָבער בית־דין־של־מעלה האָט גע־ענטפערט, אז עס ווענדט זיך נישט אין מיר. איין זאך האָט מען יאָ גע־טאָן, מ'האָט מיר געגעבען רשות אראָפּצוגעהן צו דיר, ווייזען דיר א וועג, און געבען דיר אן עצה, ווי צו פאריכטען די גרויסע זינד, וואָס דו האָסט געזינדיגט געגען גאָט און לייט, מיט דיין שלעכט הארץ. צוליב דיין גרויס ליבשאפט צו דער תורה, און כדי צו ווייזען א וועג פון תשובה, האָב

איך עס גענומען אויף זיך. געדענק, אויב דו וועסט נעמען אויף זיך די תשובה און דעם תיקון, און דו וועסט ביישטעהן די שווערע נסיונות, וועט דיין גרויסע זינד פארגעבען ווערען, און אונזביידען וועט גוט זיין, אויב נישט וועסטו גלייך שטארבען און געהן מיט מיר צו דין־תורה פאר בית־דין־של־מעלה !

דער גביר איז געשטאנען ווי א פארשטיינערטער, האָט זיך נישט געקאָנט ריהרען. א קאַלטער שוויים האָט איהם באַגאָסען, עס האָט איהם געשווידערט אין אַלע אברים. ער האָט געוואָלט בעטען, וויינען, ענטפע־רען, און האָט פון מויל נישט געקאָנט ארויסקריגען קיין וואָרט. קוים מיט צרות האָט ער ארויסגעכליפּעט :

— כ'האָב געזינדיגט, וועה איז מיר! איך נעם אויף זיך אַלצדינג, וואָס דו וועסט הייסען !

דעם נפטר'ס פּנים האָט שטארק אויפגעלויכטען, און ער האָט געזאָגט :

— הלואי זאָלסטו אויסהאַלטען די תשובה, און ביישטעהן אַלע נסיונות! מאָרגען בייטאָג זאָלסטו קומען אין וואַלד אריין, לעבען דער שטאָט, דאָרט וועסטו מיך טרעפען, און דאָרט וועל איך דיר ארויסגעבען דיין תשובה. געדענק אָבער, טאָמער דערציילסטו עמיצען א וואָרט דער־פון, מוזטו גלייך שטארבען. דאנק און לויב דעם ליבען־נאָמען, וואָס דו ביסט נאָך אויף דער וועלט, און דו קענסט נאָך פאריכטען דיין זינד.

און ווי דער טויטער האָט געענדיגט די ווערטער, איז ער גלייך פאר־שוואונדען.

דער גביר איז איבערגעבליבען א שטיקל צייט אין בית־המדרש'ל, אין די אויגען איז איהם פינסטער געווען, זיינע קניה זענען געווען ווי אונ־טערגעבראָכען, און אַלע אברים האָבען איהם געציטערט. ער האָט זיך קוים דערשלעפּט אהיים, און א צעבראָכענער זיך געלעגט אויף זיין בעט. ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפען, זיך געוואָרפען אויף אַלע זייטען, געקרעכצט, געזיפצט, און געמאכט מיט זיך א ביטערען חשבון־הנפש. זיין זיפצען און קרעכצען האָט נישט געלאָזט שלאָפען די בני־בית, זיי האָבען זיך אויפגעכאפּט דערשראָקענע און צוגעלאָפען זעהן, וואָס מיט איהם איז. ער האָט פון זיי אַלצדינג פארהוילען, געזאָגט א תירוץ, אז ער האָט דער־האַלטען א ידיעה פון זיינע משולחים אין א ווייטער שטאָט, אז ער מוז

אליין קומען אהין אויף עטליכע וואָכען, צוליב זעהר א גרויס געשעפט, אין וועלכען ער דארף אריינלעגען א מטמון מיט געלט, און דעריבער האָט ער נישט געקאָנט שלאָפען; ער איז די גאנצע צייט געלעגען און געקלערט, און האָט באשטימט צו פאָהרען, ווייל עס שטעהט דערין צו מאכען א פארמעגען. מאָרגען וועט ער אוועקפאָהרען און ער האָפט, מיט'ן אויבערשטענס הילף, צו קומען אין א קורצער צייט ארום אהיים.

און גלייך מיט'ן טאָג האָט ער זיך אויפגעהויבען, און גענומען זיך צוגרייטען, ווי א גביר, אין וועג אריין. מ'האָט איינגעשפאַנט א טייערע קארעטע מיט גוטע פערד, ער האָט מיטגענומען צידה־לדרך, געזעגענט זיך מיט די בני־בית, און געפאָהרען.

און ווי ער איז צוגעקומען נישט ווייט פון וואלד, האָט זיך צו איהם באוויזען דאָס געשטאלט פון אָרימאַן, און ער האָט געזאָגט צום משרת:

— דו בלייב שטעהן דאָ, און ווארט אויף מיר. איך דארף אריינ־געהן אין וואלד אויף א ווײלע.

און ער איז אריין אין וואלד און געגאנגען ביז צום אָרט, וואו דער נפטר איז געשטאנען.

און דער טויטער אָרימאַן האָט געזאָגט צו איהם אזוי:

— ווארף אראָפּ פון זיך קודם־כל, דיינע רייכע קליידער, און טו אָן דידאָזיגע מלבושים, וואָס דו זעהסט דאָ!

און דער גביר האָט אזוי געטאָן. ער האָט אראָפּגעוואָרפען פון זיך זיינע טייערע קליידער, און האָט אָנגעטאָן די מלבושים פון דעם ערגסטען קבצן. און גלייך ווי ער האָט זיי אָנגעטאָן, האָט צו איהם דער נפטר גע־זאָגט:

שפּיגעל זיך איין דאָ אין טייכל!

האָט ער זיך איינגעשפּיגעלט אין דעם טייכל, וואָס איז דאָרט גע־פלאסען, און ער איז אָפּגעשפרונגען א דערשראָקענער. ער האָט זיך אליין ניט דערקענט און האָט געציטערט פאר זיין אייגען אויסזעהן. שווארץ איז געוואָרען זיין פּנים און איינגעשרומפּען, זיין שטערען איז פול געוואָרען מיט טיפע קנייטשען, און פון זיינע האלב־אויסגעגלאָצטע אויגען האָט ארויסגעקוקט דער הונגער; זיין גוף איז איינגעבויגען און איינגעקורטשעט געוואָרען, און זיינע פיס ווי אונטערגעהאקט. און ער

האָט אויסגעזעהן ווי אַן אַלטער בעטלער, מיאוס און פאַרלאָזט.
און דער נפטר האָט געזאָגט צו איהם:

— איצטער געה אין דיין אייגענער שטאָט אריין, און זעץ זיך אוועק אין דיין בית־המדרש לערנען, מיט גרויס התמדה, טאָג און נאכט. קיינער וועט דיך בשום־אופן נישט דערקענען, און דו זאָלסט פאַר קיינעם נישט אנטפּלעקען ווער דו ביסט. אַז דו וועסט הונגעריג ווערען, זאָלסטו ביי קיינעם נישט בעטען קיין עסען, אָדער אַ נדבה, און אפילו ווען מ'וועט דיר אליין געבען טאָרסטו נישט נעמען. ווען דו וועסט שוין נישט קענען אריי־בערטראָגען דעם הונגער, זאָלסטו געהן בעטלען אין דיין אייגען הויז, ביי דיין אייגען הויזגעזינד, ווי אַן ארימער פרעמדער קבצן זאָלסטו געהן, און זיך היטען מיט קיין ווארט ארויסצוכאַפּען פאַר זיי. שלאָפען טאָרסטו נישט אין קיין אנדער אָרט, ווי אין בית־המדרש אויף דער דיל, מיט דיין פויסט צוקאָפּענס. אַ יאָהר צייט זאָלסטו זיך אזוי פיהרען, ביז איך וועל קומען און דיר זאָגען, וואָס דו זאָלסט ווייטער טאָן. אָבער געדענק, און זיי געוואָרענט, צו טאָן אַלץ, וואָס איך האָב דיר דאָ אָנגעזאָגט, וואָרים אויב דו וועסט חלילה געשטרויכעלט ווערען, און דו וועסט אויסזאָגען פאַר וועמען עס איז, אָדער דו וועסט חס־ושלום איין טאָג פאַרפעהלען צו טאָן אַלץ ,וואָס איך זאָג דיר אָן, וועסטו שטארבען, און דיין נשמה וועט מוזען שטעהן צו דין־תורה מיט מיר פאַר בית־דין־של־מעלה.

און גלייך איז דער נפטר פארשוואונדען געוואָרען.

דער גביר איז געבליבען שטעהן אַ צעטומולטער איינער אליין אין וואלד, און האָט געקוקט אויף דער פּלוצלונגער פארענדערונג, וואָס איז געקומען אויף איהם, און זיך געשראָקען פאַר זיין אייגען געשטאלט. דער־נאָך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און אַ ציטער געטאָן, און ער האָט מצדיק געוועהן אויף זיך דעם דין, גענומען אויף זיך צו טאָן תשובה מיט'ן גאנצען הארץ, אויסצופיהרען אלצדינג, וואָס דער טויטער אָרימאַן, וועמען ער האָט געטויט מיט זיין שלעכטיקייט, האָט איהם אָנגעזאָגט. ער האָט זיך נוט אויסגעוויינט אויף זיינע שווערע זינד, און ער האָט געגומען געהן אין שטאָט אריין.

ג.

און ווי ער איז ארויסגעקומען פון וואלד, האָט ער געזעהן ווי זיין בעל־עגלה לויפט ארום, ווי א משוגענער, מיט פארבראָכענע הענט, וויינט און שרייט:

— בעל־הבית, וואו זייט איהר? געוואלט, וואָס איז מיט אייך גע־וואָרען! האָט רחמנות, רופט זיך אָפּ! ווי קען איך זיך גאָר דערוועגען אהיימצוקומען?!

און פון וואלד קומט נישט קיין ענטפער. דער בעל־עגלה וויינט און קלאָגט:

— וועה איז מיר, מ'וועט נאָך חלילה מאכען א בלבול אויף מיר, מיך אומגליקליך מאכען! איך האָב דאָ צו טאָן מיט א משפחה רוצחים, גזלנים, ווי קען איך גאָר אָנהויבען צו קומען אין שטאָט אריין!

און ער האָט דאָס אלץ צוגעהערט און געשוויגען. דאָס הארץ האָט איהם געריסען אויף דעם אָרימען בעל־עגלה, און ער האָט געשוויגען.

און ער איז צוריקגעקומען אין זיין שטאָט אריין, איז אוועק אין זיין אייגען בית־המדרש'ל, און האָט זיך אוועקגעזעצט לערנען מיט'ן גאַנ־צען כח. און עטליכע טעג נאָכאנאנד האָט ער געלערענט, און גאָרנישט טועם געווען.

ער האָט געהערט, ווי מענשען קומען אריין און דערציילען וועגען דעם גביר, וואָס איז פּלוצלונג פארלוירען געוואָרען אין וואלד, ווי מ'זוכט איהם ארום און מ'קען איהם נישט געפינען, נישט קיין לעבעדיגען און נישט קיין טויטען, און ער איז געזעסען און האָט געלערענט, און געמאכט זיך נישט הערענדיג.

און ווען די לומדים האָבען איהם געזעהן זיצען גאנצע טעג און לערנען, און גאָרנישט נעמען אין מויל אריין, זענען זיי צוגעגאנגען צו איהם און געבעטען, ער זאָל מיט זיי מיטגעהן עסען, און ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט. האָבען זיי איהם געבראכט עסען אין בית־המדרש אריין, און ער האָט נישט פארזוכט. און זיי האָבען איהם דערציילט, אז מיט עטליכע טעג צוריק איז דאָ אויך געווען אן ארימאן, וואָס איז כסדר געזעסען און געלערנט, און זיך געשעמט צו געהן בעטען עסען, און ער איז געפאלען א טויטער, רחמנא לצלן, אין מיטען גאָס.

און זייערע ווערטער זענען געווען פאר איהם, ווי זאלץ אויף די

וואונדען פון זיין הארץ, און ער האָט זיך געשטארקט און נישט צוגעהערט צו זיי, און האָט נישט מפסיק געווען פון זיין לערנען.

און ווען ער האָט דערפיהלט, אז לענגער קען ער שוין דעם הונגער נישט אריבערטראָגען, האָט ער גענומען קלערען וועגען געהן בעטלען אין זיין אייגען הויז. און ער האָט דערזעהן, וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאר זיך אין די יאָהרען פון זיין קארגשאפט. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, ווי אן ארעמאן ווערט באהאנדעלט אין זיין הויז, און האָט פארשטאנען, אז מ'וועט זיך איצט מיט איהם אליין אויך אזוי באגעהן. איז זיין הארץ אין איהם צעריסען געוואָרען פון גרוים צער, און ער האָט געזאָגט צו זיך:

— לאָמיך געהן און אָפּקומען. איך וועל רייסען די ביטערע קרייטעכצער, וואָס איך האָב אליין פארפלאנצט. אפשר וועט דער רבונו־של־עולם אָנעמען מיין צער און חרטה, און וועט אראָפּנעמען די זינד פון מיין נשמה.

און ער איז געגאנגען אין זיין אייגען הויז אריין בעטלען.

און ווי ער איז צוגעקומען נאָהנט פון זיין הויז, האָט ער דערהערט דאָס קול פון זיין ווייב און קינדער, וואָס זענען געזעסען און האָבען גע־ווײנט און געטרויערט אויף איהם, און דאָס הארץ איז איהם איבערגעגאנ־גען, און ער האָט זיך געשטארקט און נישט ארויסגעלאָזט קיין טרער. ער האָט געוואוסט, אז עס איז אין זיינע הענט, זיי צו טרייסטען און אויס־צעווישען די טרערען פון זייערע אויגען, און ער האָט זיך געשטארקט, און איז בייגעשטאנען דעם נסיון. און ער איז אריינגעגאנגען אין זיין הויז א פארהונגערטער, אויסגעשטעלט זיינע הענט, געבעטעלט און געזאָגט:

— האָט רחמנות, טייערע מענשען, גיט מיר עפּעס צו עסען, וואָרים איך בין זעהר הונגעריג, שוין עטליכע טעג קיין ביסען אין מיין מויל נישט אריינגעקומען.

און זיין דינסט האָט איהם באגעגענט מיט קללות און זידלערייען, זי האָט געעפענט א מויל אויף איהם, ווי איינצושלינגען, און האָט גע־שריגען:

— ארויס, שלעפּער! דו ווייסט דען נישט, אז דאָ איז נישט קיין פּלאַץ פאר שנאָרער! דער בעל־הבית האָט אָנגעזאָגט, אז מ'זאָל אהער קיין בעטלער נישט אריינלאָזען. געטראָפען נאָך דעם טאָג, ווען צו קומען, פונקט ווען דער בעל־הבית איז פארפאלען געוואָרען, און אלע אין הויז זי־

צען און וויינען. צו אלדי רוחות!

און ער איז געבליבען שטעהן און האָט אויסגעהערט די אלע ווער־טער, וואָס האָבען געשניטען זיין הארץ, ווי שארפע מעסערס, און האָט זיך נישט גערירהרט פון אָרט, זיינע הענט האָט ער געהאלטען אויסגעשטרעקט, און זיינע לעפצען האָבען געמורמעלט:

— האָט רחמנות אויף אן אָרימען אידען, גיט א לעפעל עסען, איך געה אוים!

און די דינסט האָט זיך נאָכמעהר צעשריגען אויף איהם, ביז זיין ווייב און קינדער האָבען דערהערט, און זענען ארייינגעקומען פארוויינטע, צו זעהן וואָס דאָרט קומט פאָר. און זיי זענען ארויפגעפאלען אויף איהם, ארויסגעוואָרפען איהם פון הויז, אראָפגעוואָרפען פון די טרעפ.

האָט ער זיך אויפגעהויבען מיט גרויסע צרות און איז ווידער ארויפגעגאנגען און געפּרואווט עפענען די טיר, און ער האָט דערזעהן, אז זי איז פארשלאָסען. האָט ער געשריגען, און קיינער האָט איהם נישט געענטפערט. דער הונגער האָט איהם געדריקט, און ער האָט שוין לענגער נישט געקאָנט אויסהאלטען. איז ער אראָפּגעגאנגען, האָט געכאפּט א שטיין, און אויסגעהאקט א שויב, און ארייינגעשריגען:

גזלנים, האָט רחמנות, גיט א לעפעל עסען א אידען וואָס געהט אוים פון הונגער!

מעהר האָט איהם שוין נישט געפעהלט; ער האָט שוין געכאפּט דאָזיינינגע: אלע זענען ארויפגעפאלען אויף איהם, געשלאָגען, גע׳הרג׳עט, מכות רצח. זיי האָבען זיך אָבער נישט געקאָנט אָפּטשעפּען פון איהם. ווי זיי האָבען איהם נאָר אָפּגעלאָזט, האָט ער ווייטער געקלאַפּט אין די טירען, געבראָכען שויבען, נישט געקוקט אויף קיין קלעפּ. און זיי האָבען געזעהן, אז זיי וועלען פון איהם נישט פּטור ווערען, און זיי האָבען איהם ארויסגעוואָרפען דאָס ברויט, וואָס איז געלעגען איינגעוויקט פאַר די עופות.

ער האָט זיך צוגעכאפּט דערצו, און געגעסען זעהר געשמאַק, און ער איז צוריקגעגאנגען אין בית־המדרש אריין, און ווידער געזעסען און געלערענט עטליכע טעג.

כל־זמן ער האָט נאָך געקאָנט אויסהאלטען, איז ער נישט געגאנגען אין זיין הויז אריין בעטלען, אָבער ווען דער הונגער איז שוין ווידער

אַזוי שטאַרק געווען, אַז ער האָט איהם נישט געקאָנט בייקומען, איז ער נאָכאַמאָל געגאַנגען, און האָט ווייטער געפיהרט אַ לאַנגע מלחמה מיט זיינע פּאַרוויינטע בני־בית, ביז זיי האָבען געזעהן, אַז עס איז אומעגליך פון איהם פּטור צו ווערען, און זיי האָבען איהם גוט אָנגעבראָכען די ביי־נער, און נאָכגעוואָרפען שטיקער אַלט פאַרשימעלט ברויט.

די מעשה האָט געקראָגען אַ שם איבער דער גאַנצער שטאָט, און אַלע האָבען זיך שטאַרק גע'חידוש'ט דעריבער: היתכן, אַ איד אַ תלמיד־חכם, וואָס זיצט יומם ולילה און לערענט, יעדער איינער בעט זיך ביי איהם, ווייל איהם געבען עסען און טרינקען פון שעהנסטען און פון בעס־טען, מיט'ן גרעסטען כבוד, און ער וויל בשום אופן נישט נהנה זיין פון קיין בשר־ודם, ער האַלט אין איין פאַסטען, און דאָ געהט ער דוקא אין אַ הויז, וואו מ'לאָזט קיין אָרימאַן איבער דער שוועל נישט אריבער, שטעהט אויס אַלע חרפות און בושות, נעמט צו קלעפּ, ברעכט שויבען, און רייסט אַרויס פון זיי שטיקלעך ברויט, וואָס אַ מענש קען שוין נישט עסען, און דערמיט לעבט ער אַ צייט. אין אָנהויב האָט מען נאָך געפּרואווט איינ־טענה'ן מיט איהם, פרעגען איהם, וואַרטען אויף אַ תירוץ, מ'האָט אָבער געזעהן, אַז מ'קען מיט איהם גאָרנישט מאַכען, האָט מען אויפגעהערט איהם צו טשעפּען, און ס'איז מוסכם געוואָרען ביי אַלעמען, אַז דאָס איז אַ מין משוגעת, באהיט זאָל מען ווערען.

און ער איז מפורסם געוואָרען אין שטאָט פאַר אַ משוגענעם, און קינדער האָבען איהם גענומען אַרומיאָגען אין די גאַסען, געשלאָגען, גע־וואָרפען שטיינער, ווי זייער שטייגער. ער האָט אַלצדינג מקבל־באהבה געווען, ביז עס איז זיי צוגעגעסען געוואָרען, און זיי האָבען איהם צורוה־געלאָזט.

ביי זיינע אייגענע בני־בית איז ער ערשט געווען דער רעכטער משוגענער, און כאָטש זיי זענען געווען גרויסע קמצנים, זענען זיי געוואָ־רען מילדער צו איהם יעדעס מאָל; זיי האָבען איהם אַלעמאָל געגעבען מעהר ברויט, אַמאָל אַ לעפעל געקעכץ אויך. זיי האָבען זיך געוואונ־דערט איבער זיין מאָדנער משוגעת, געשפּילט מיט איהם, און פאַרגעסען דורכדעם אַביסל אָן דעם צער פון זייער פאָטער. גלייך ווי ער פלעגט זיך באַווייזען אויף דער שוועל, האָט זיך געפלעגט אָנהויבען אַ שמחה: דער משוגענער איז שוין דאָ! עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ חתונה, איינער האָט

איהם געשלעפּט ביי דער באָרד, איינער ביי די אויערען, ביי די הענט, ביי די פיס, און מ'האָט איהם אריינגעשלעפּט אין הויז. דעמאָלט האָט מען זיך גענומען צו איהם, אָפּגעשוואַרצט זיין פּנים מיט קויל, געהייסען איהם טאַנצען און שפּרינגען משוגענערווייז, און ער האָט דאָס אַלץ געמוזט טאָן, כדי צו קריגען עפּעס אָפּצועסען. נאָך עטליכע שעה פון מאַטערניש, און דערצו קלעפּ פאַר נישט קענען מאַכען די קונצען ריכטיג, ווי זיי האָבען געוואָלט, האָט מען איהם געפּלעגט צו געבען עסען, און מ'האָט איהם ארויסגעוואָרפען.

און ער האָט אויף זיך מצדיק געווען דעם דין, און געפיהרט זיך אזוי א גאנץ יאָהר. בייטאָג איז ער געזעסען און האָט געלערענט, און ביינאכט האָט ער אין פארבאָרגעניש געוויינט אויף זיינע זינד און אויף די זינד פון זיין גאנץ הויזגעזינט, אין וועמען ער האָט איינגעפלאנצט קארג־שאפט און שלעכטס, און ער האָט באמת תשובה געטאָן.

ווען דאָס יאָהר איז אריבער, איז דער נפטר ווידער געקומען צו איהם, ביינאכט, און ער האָט איהם געזאָגט:

— די צייט איז אריבער. מאָרגען זאָלסטו קומען אין דעמזעלבען וואלד, ביים טייכל, וואו דו האָסט מיך דעמאָלט געפונען, און איך וועל דיר ווייטער זאָגען, וואָס דו האָסט צו טאָן.

אויף צומאָרגענס איז ער געקומען, און האָט געטראָפען דעם נפטר שטעהן און וואַרטען, זיין פּנים האָט געלויכטען, און אינגאנצען האָט ער געשטראַלט. און ער האָט אזויגעזאָגט:

— גוט און וואויל איז דיר, וואָס דו האָסט זוכה געווען בייצושטעהן די גרויסע נסיונות! דו האָסט תשובה געטאָן מיט דיין גאנצען הארץ, און האָסט ארויסגעריסען דאָס שלעכטס, און אָפּגעמעקט דיין זינד. גוט און וואויל איז מיר, וואָס איך וועל שוין באלד קומען צו מיין רוה. וואויל איז דיר, וואָס דו וועסט נאָך דערלעבען זיך צו עלטערען אויף דער וועלט, און וועסט נאָך קענען טאָן פיל גוטס, און האָבען די אמת'ע הנאה פון צדקה און גמילת־חסדים, און דיין שכר וועט זיין גרויס אויף יענער וועלט. ווארף אראָפּ פון זיך די בעטלער־קליידער, און טו אָן דיינע אייגענע מלבושים, וואָס דו האָסט דאָ אויסגעטאָן מיט א יאָהר צוריק.

און אזוי ווי ער האָט אָנגעטאָן זיינע אייגענע קליידער, האָט ער צוריק געקראָגען זיין אייגען אויסזעהן; זיינע אויגען האָבען אויפגעלויכ־

טען, און זיין פּנים האָט זיך אויסגעגלייכט און אויפגעשטראַלט. ער האָט זיך איינגעשפּיגעלט אין טײכל, און געבליבן שטעהן א פאַרוואונדערטער.

און דער טויטער האָט געזאָגט צו איהם:

— איצט געה אהיים, און דאָס פּעקל בעטלער־קליידער נעם מיט זיך מיט, וואָרים זיי וועלען דיר צונוץ קומען, דו וועסט דורך זיי אויס־רייסען דאָס שלעכטס, וואָס דו האָסט אמאָל פאַרזייט אין די הערצער פון דיין הויזגעזינט. געה לחיים ולשלום, און דער רבונו־של־עולם וועט דיך פיהרען אין דעם ריכטיגען וועג.

און ער האָט געענדיגט זיינע ווערטער, און איז פאַרשוואונדען.

און דער גביר איז אוועק אין א דערבייאיג שטעטל, איז אריין אין א גאסטהויז, און געהייסען זיך אָפּגעבען א באזונדער חדר. און די מענ־שען פון גאסטהויז האָבען איהם דערזעהן און עס איז געוואָרען ביי זיי א גרויס וואונדער, וואָרים זיי האָבען איהם גוט געקאָנט און געהערט, וואָס מיט איהם האָט זיך פאַרלאָפען. ער האָט זיי אָבער מדחה געווען מיט פאַרשידענע תירוצים, זיך ארויסגעדרעהט, און געזאָגט, אז ער איז זעהר מיד, און ער מוז זיך צום ערשטען אָפּרוהען.

און ער איז אריין אין זיין חדר און האָט זיך אוועקגעזעצט שריי־בען א בריף אהיים און באשריבען, ווי ער איז געווען אין זעהר א גרויסער סכנה, און דער רבונו־של־עולם האָט איהם מציל געווען, און ער איז ארוים גאַנץ, הן אין גוף הן אין געלט, און ער קומט אהיים דעם און דעם טאָג, דורך דער און דער שטאָט.

איז געוואָרען אין הויז זעהר א גרויסע שמחה, מ׳האָט זיך אָנגע־טאָן בגדי יום־טוב, און מ׳איז איהם ארוים אנטקעגען, מיט גרויס פרייד.

און ווען זיי האָבען איהם דערזעהן געזונט און פריש און אָנגע־טאָן אין זיינע בגדי־כבוד, זענען זיי געוואָרען מלא־שמחה. זיי האָבען זיך געפרעהט און געוויינט, און זייער שמחה איז געווען אָהן א שיעור.

די גאַנצע שטאָט האָט עס אויפגערודערט.

און ווען זיי האָבען זיך אביסל בארוהיגט, האָט דער גביר געזאָגט צו זיינע בני־בית:

— אז דער רבונו־של־עולם האָט מיט מיר יא געטאָן אזא גרויסען נס, דאַרף מען מאַכען א סעודה פאַר דער גאַנצער שטאָט, כיד הגביר.

און ער האָט געשיקט אין אלע שטעט ארום, געבעטען אלע ארוי־

מעליים, זיי זאָלען קומען צו דער סעודה, און ער האָט אָנגעגרייט א מאָל־צייט כיד המלך .

די בני־בית האָט ער אָנגעזאָגט, אז זיי זאָלען די ארימעלייט גוט באהאנדלען, גלייך ווי אלע חשוב׳ע אורחים. און זיי האָבען עס געהערט און געוואונדערט זיך.

ביי דער סעודה, האָט ער זיך אָנגערופען צו זיינע קינדער, און האָט צו זיי געזאָגט :

— זאָגט מיר, קינדערלעך, ווי אזוי האָט איהר געלעבט אָהן מיר אזא לאנגע צייט? איך האָב געמיינט, אז איך וועל אייך אלעמען, חלילה, טרעפען קראנקע און בלייכע, פון גרוים צער, צום סוף, א דאנק השם־יתברך, איהר קוקט אוים, קיין עין־הרע, אזוי גוט און שיין. ווי אזוי האָט איהר דאָ געלעבט?

האָבען זיי איהם דערציילט וועגען דעם משוגענעם אָרימאַן, וואָס האָט זיי פרעהליך געמאכט די גאנצע צייט, און פארשלאָגען זייער צער.

האָט ער געזאָגט צו זיי :

— איך האָב דאָך אייך געהייסען רופען אלע אָרימעלייט, פאר־וואָס האָט איהר איהם נישט גערופען אהער? געהט ברענגט איהם גלייך !

זענען זיי געלאָפען זוכען דעם משוגענעם אָרימאַן, און זיי האָבען איהם נישט געקאָנט געפינען; האָבען זיי איהם ארומגעזוכט א צייט.

דערווייל האָט דער גביר זיך אריינגע׳גנבה׳ט אין זיין חדר, האָט זיך איבערגעטאָן אין די בעטלער־קליידער, האָט געקראָגען זיין בעטלער־געשטאלט, און ער איז ארוים און געלאָזט זיך געפינען.

און זיי האָבען איהם אריינגעבראכט מיט גרוים געפילדער, גע־צופט און געריסען פון איהם שטיקער, פארוואָס זיי האָבען איהם געדאַרפט אזוי לאנג ארומזוכען.

און ווי זיי האָבען איהם געוואָלט צופיהרען צום פאָטער, איז גע־פאלען אויף זיי א גרויסע ציטערניש: דער פאָטער איז נעלם געוואָרען. זיי האָבען איהם געזוכט אומעטום, און נישט געקאָנט געפינען.

דערווייל האָט זיך דער בעטלער ארויסגעדרעהט פון זייערע הענט, האָט זיך באהאלטען און איבערגעטאָן די מלבושים, צוריקגעקראָגען זיין אייגען געשטאלט, און האָט זיך באוויזען, און עס איז ווייטער געוואָרען פרעהליך אין הויז.

און ווען זיי האָבען איהם געוואָלט ווייזען דעם משוגענעם בעטלער האָבען זיי זיך ארומגעקוקט און דערזעהן, אז ער איז ווידער נישטאָ.

האָט דער גביר געזאָגט :

איך וועל זיך דערוייל צושפּארען אויף א קורצע ווייל, און איהר געהט, זוכט איהם אויס, און ברענגט איהם צו מיר.

און ווייטער האָט ער געטאָן דאָסזעלבע.

און אזוי עטליכע מאָל כסדר: איז דער גביר געווען, האָבען זיי דעם משוגענעם בעטלער נישט געקאָנט געפינען; האָבען זיי איהם געפונען, איז דער גביר פארשוואונדען געוואָרען. האָבען זיי זיך שטארק געוואונדערט, און געהאט צער דערפון.

און ווען דער גביר, אָנגעטאָן אין בעטלער־קליידער, האָט געזעהן זייער צער, האָט ער אויסגעשריגען :

— זוכט נישט, קינדער, אייער פאָטער, קומט, וועל איך אייך ווייזען וואו ער איז.

און ער האָט זיי געפיהרט ביז צום חדר, און ער איז אהין אריינגעגאנגען, זיך איבערגעטאָן, און ארויסגעקומען פאר זיי אין זיין איינען געשטאלט.

ווי זיי האָבען דאָס דערזעהן, זענען זיי געפאלען אין חלשות.

האָט ער זיי אָפּגעמונטערט און בארוהיגט, און דערציילט זיי די גאנצע מעשה.

האָבען זיי געהערט און געציטערט, און גענומען אויף זיך תשובה צו טאָן און אויסצורייסען דאָס שלעכטס פון זייערע הערצער.

און דעם גביר'ס טירען האָבען זיך געעפענט פאר אלעמען, און אָרימלייט זענען געוואָרען זיינע הויזקינדער.

און די קליידער האָט ער באהאלטען, און יעדעס יאָהר, צום אָרימאַן'ס יאָהרצייט, האָט ער געזאָגט קדיש נאָך איהם, אָנגעטאָן זיינע קליידער, און געקראָגען זיין געשטאלט.

רבי יוסף דילה ריינא.

רבי יוסף דילה ריינא.

א.

דעמאָלט איז אידיש האָב־און־גוטס געווען הפקר, און דאָס בלוט פון די קינדער פון ישראל האָט זיך געגאָסען ווי וואסער. די חיה פונ׳ם מענ־שען האָט צעבראָכען איהר שטייג, זיך ארויסגעריסען, און באוויזען אין איהר ריכטיג געשטאלט. אויסגעלאָשען איז געוואָרען יעדער פונק פון רחמנות אין דעם מענשליכען הארץ, און גסיסה־קרעכצען פון א דערשלאָ־גענעם, וואָס האָט זיך געראנגעלט מיט׳ן טויט, האָבען געקלונגען פאר דעם אויער, ווי די זיססטע טענער פון פידלען און הארפען. אויס ליבשאפט צו אלע קינדער פון דער ערד, אין דעם נאָמען פון א גאָט, וואָס איז געוואָרען א קרבן פאר דער וועלט, האָט מען אקעראייזענס איבערגעשמידט אויף שווערדען און שפיזען, און מ׳איז געגאנגען פארזייהען ליבע און פאר־צייהונג איבער נאָנטע און ווייטע לענדער, און דעם הימעל אראָפּברענגען אויף דער ערד. מיט צלמים און בילדער פון מענשען, וואָס זענען פאר־מאטערט געוואָרען צום טויט ווי קדושים, פון די וואָס האָבען זיך געלאָזט פייניגען איבער זייער גלויבען, פון מענשען וואָס זענען אומגעקומען, כדי צו ברענגען אביסל גליק פאר שפּעטערע דורות, ועמעס לעצטער וואונש עס איז געווען, אז גאָט זאָל מוחל זיין זייערע פייניגער פאר זייער ריין־פארגאָסען בלוט, ווייל זיי ווייסען אליין ניט וואָס זיי טוען, איז מען געגאנ־גען אומברענגען מענשען צוליב זייער גלויבען, און איבער׳ם געוואלט זיי אוועקשיקען, מיט אומגעהויערע יסורים, צו דער קעניגרייך פון הימעל, דאָרט צו געניסען די אמת׳ע ליבע און גליקזעליקייט. פון ענגלאנד, פראנק־רייך און דייטשלאנד האָבען זיך א לאָז געטאָן מחנות בלוטדורשטיגע מענ־שען־חיות, צום הייליגען לאנד, ארויסצוטרייבען פון דאָרט די אומבארימ־הערציגע, אומריינע, גאָטס־פארפלוכטע, אומגלויביגע, און צוגרייטען די וועלט, דורך פייער און שווערט, צו גאָט׳ס קעניגרייך, וואָס דארף אראָפּ־קומען אויף דער ערד. און פארגעסען האָבען זיי היים און לאנד, ווייב און קינד, זיך געלאָזט אין דער גרעסטער געפאהר, אין דעם ווילדען וויי־טען וועג, אָהן שפּייז און אָהן קליידער. און געגאנגען זענען זיי בלינד און לייכט, ריין אָהן זינד, מיט צעטלען פון סליחה־און־מחילה פון דעם „הייליגען פאָטער" אויף די הערצער, און האָבען זיך געלאָזט אין דער ווייטער וועלט אריין, צו רויבען און צו מאָרדען פאר גאָט׳ס וועגען, צו

באפרייען דעם קבר פון יענעם טרוימער פון גליל, וואָס איז געוואָרען דורך זיי א פאַלשער משיח, און אין זיין נאָמען דערשטיקען דער וועלט פאר ליבשאפט. אויף דעם וועג האָבען זיי זיך באטראכט:

נאָכוואָס זאָלען מיר געהן אזוי ווייט, צו זוכען אָרימע און אומ־גליקליכע זיי צו באגליקען, ווען זיי בלאָנדזשען ארום צווישען אונז, ווי די פארווירטע שאָף, און דער רחמנות אויף זיי איז נישט אריבערצוטראָגען?

און מ'האָט זיך גענומען צו דעם אומוויסענדען, אומגלויביגען פאָלק, פון וועמעס לענדען עס זענען ארויסגעקומען די־יעניגע טרוימער און קדושים, וועמעס בילדער מ'האָט געטראָגען אין די הענט, און וועמעס ווערטער מ'האָט געהאט אויף די ליפען, און מ'האָט אין זייער נאָמען גע־לערענט מיט זייער בלוט־און־פלייש, מיט פייער און שווערט, די תורה וואָס הייסט זיך נישט ווידערשטעלען דעם שלעכטען, און ליבען דעם שונא ווי זיך זעלבסט. האָט אָבער דאָס הארטנעקיגע פאָלק, מיט א טעמ־פער איינגעשפארטקייט, נישט געוואָלט צונעמען די לייטזעליקייט; האָט נישט געוואָלט עפענען די אויגען און זעהן די וואונדער, וואָס זענען גע־שעהן. עס האָט פאר'עקשנ'טערהייד ווייטער געווארט און געהאָפט, אז משיח זאָל קומען און דערלייזען די וועלט, און נישט געוואָלט און נישט געקאָנט גלויבען, אז ער איז שוין געקומען און גערייניגט און געלייטערט די וועלט און אויסגעלייזט זי דורך גלויבען. דאָסדאָזיגע פאָלק האָט וויי־טער געלעבט מיט דער איינגעבוירענער הארטנעקיגקייט, האָט זיך נישט געלאָזט פארבלענדען די אויגען און פארשפרעכען די אויערען, און גע־פאָדערט פון א ריינער, אומשולדיגער וועלט, כאָטש א קליין ביסל גערעכטי־קייט, און איין טראָפען שיין לעבען אנשטאט ניין מאָס פון שיין רעדען. עס איז ווידער געווען א לעבעדיגער פראָטעסט געגען דער רעכט פון מאכט און גוואלט, און עס האָט ווידער גערופען די וועלט, צו געהן זוכען גאָט, יעדער איינער אויף זיין שטייגער, ערליך און פריי זוכען איהם, און נישט ארויפצווינגען דעם אייגענעם גלויבען אויף יענעם. און דאָסדאָזיגע פאָלק, וואָס האָט גערעדט, מיט א הארץ קראנק פון ליבשאפט, פון א גאָט־פון־נקמה, אונטער וועמעס פיס ימים ווערען אויסגעטרוקענט און בערג צעגעהן ווי וואקס, האָט זיך איינגעקורטשעט ווי א שילדקרעט אין דעם פאנצער פון גלויבען, און איז געבליבען ליגען איינגעשפארט, טויב און בלינד, און אויסגעשטאנען אלע צרות און פיין; געשפרונגען אין פייער און אין וואסער

אריין, כדי צו אנטלויפען פון דער ליבע און אויסלייזונג. דאָסדאָזיגע פאָלק איז אויך געוואָרען אן אכזר, און האָט ארויסגעריסען רחמנות פון הארצען, און פאָטערס האָבען אומבארעמהערציג געשאָכטען אייגענע קינדער, מיט א ברכה אויף די ליפען. מיט געזאנג און טענץ זענען זיי געלאָפען מקריב זיין מענשען־קרבנות, און אויף בית־עלמינס, אָדער ביי טייכען, פריש געטובל'טע, אין ווייסע קיטלען, האָבען זיי אויסגעשטרעקט די העלזער צו חלפים, און איינער האָט זיך געבעטען ביים אנדערען, ער זאָל טאָן מיט איהם א חסד און איהם שעכטען, איידער ער פאלט אריין אין די הענט פון די הייליגע, פון זינד־ריינע, וואָס געהן פארזייהען ליבע און פארצייהונג אויף דער ערד.

און דאָס פאָלק, וואָס מ'האָט געוואָלט אָפּרייסען פון דער זינדיגער ערד און רייניגען און הייליגען עס פאר דער קעניגרייך פון הימעל און עס האָט זיך בשום אופן נישט געלאָזט, איז אליין אנטלאָפען און פארמאכט זיך אין הימעל־שלעסער, זיך אינגאנצען אָפּגעזאָגט פון דער וועלט; עס איז אוועק פון מענשען און האָט געלעבט מיט מלאכים און שרפים; עס האָט אָן זיך זעלבסט פארגעסען, און איז געזעסען און געקלאָגט אויף גלות־השכינה און אויפ'ן צער פון גאָט כביכול. דאָסדאָזיגע פאָלק האָט ווייטער געקוקט מיט גרוים רחמנות אויף דער אומגליקליכער וועלט, וואָס זוכט און בלאָנדזשעט, רייסט זיך צום גוטען און פאלט אריין אין נעץ פון שלעכטס, און טוט, און ווייסט אליין נישט וואָס זי טוט. און אין די הייליגסטע מינוטען, ווען די וועלט איז געשטאנען צום משפט, געבעטען פאר איהר, געוואונשען איהר, זי זאָל געהאָלפען און אויסגעלייזט ווערען, און פול ווערען מיט דער דערקענטניש פון גאָט, ווי דער ים מיט וואסער.

דעמאָלט האָבען אידען אָנגעהויבען חלום'ן אין דער וואך. פליגעל זענען זיי אויסגעוואקסען, און זיי האָבען ארומגעשוועבט אין די הימלען. און ווען די שונאים האָבען געוואָלט אראָפּברענגען דעם הימעל אויף דער ערד, דורך אכזריות'דיגער ליבע, האָבען זיי זיך אינגאנצען אָפּגעריסען פון דער ערד, און געצויגען זיך צום הימעל. עס איז דעמאָלט פארשפרייט גע־וואָרען די קבלה, און יונג און אלט האָט זיך גענומען צו איהר. מ'האָט זיך פארטיפט אין קבלה־עיונית, און געזוכט אויסצוגעפינען די טיפע סודות פון דער באשאפונג; מ'האָט געלעגט גרויסע האָפנונגען אויף דער קבלה־מעשית, מיט וועלכער מ'קען באשווערען אלע מלאכים פון הימעל, זיי זאָ־

לען מאַן דעם באַגעהר פון מענשען.

דעמאָלט איז אַנטפּלעקט געוואָרען דאָס גרויסע בוך־פון־הימעל, דער זוהר; עס איז געוואָרען דאָס הייליגסטע ספר, און האָט זיך פאַר־שפּרייט מיט בליץ־שנעלקייט. עס איז דאָס ספר, וואָס דער גרויסער תנא רבי שמעון בן יוחאי האָט געשריבען אין דער סודות'דיגער אַראַמיי־אישער שפּראַך — צו פאַרבאַרגען עס פון די אויגען פון די מלאכים און נישט צו דערוועקען זייער קנאה — אין פאַרלויף פון די דרייצעהן יאָהר, וואָס ער האָט זיך באַהאַלטען פאַר די רוימער, אין אַ הייל, צווישען די בערג פון גליל.

און דער משיח, וועמען דאָס פאָלק האָט געטראָגען אין זיך דורות־לאַנג, איז רייף געוואָרען און זיינע געבורטס־וועהען האָבען זיך שוין גע־פיהלט. עס האָט זיך געטראָגען אין דער לופט דאָס קלינגען פון משיח'ס גאָלדענע קייטען, וואָס האָבען זיך געהאַלטען ביים צערייסען; עס האָט זיך געהערט זיין יאָמערליך געוויין, וואָס קומט אַרויס פון היכל־קן־צפור, און דערציטערט די גאַנצע וועלט. עס האָט זיך געפיהלט אַ שטאַרקע בענקשאַפט צו באַפרייען משיח'ן; עס האָט זיך געהערט זיין רייסען זיך, מיט אַלע כחות, צו באַפרייען זיין פאָלק.

און אַ בענקשאַפט האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט דאָס אידישע הארץ, עס האָט געגאַגט און געצויגען קיין ארץ־ישראל. עס האָט זיך געוואָלט באַפרייען די שכינה, פאַריכטען דעם כסא־הכבוד, פאַרגענצען זיין נאָ־מען כביכול. עס האָט זיך געוואָלט לויפען צום כותל־מערבי, און אין די אייביגע שטיינער, די מצבה פון אַמאָליגען גליק און פּראַכט, אַריינגיסען די טרערען, און אָנפילען דעם טרערען־בעכער, ביז ער זאָל איבערגעהן דעם ראַנד. עס האָט זיך געוואָלט פליהען צו דער מערת־המכפלה, צו דערציילען די אָבות דעם צער פון זייערע פאַרוואָגעלטע און געפּייניגטע קינדער. עס האָט געצויגען צום ברעג פון ירדן, אַרומצוגעהן דאָרט און שרייען: „שטעה אויף עמרם'ס זוהן, טרייער הירט, און זעה דיינע שאָף, וואָס וועלף האַל־טען אין צערייסען!" עס האָט זיך געוואָלט אויפשטורעמען וועלטען, אויפ־וועקען צדיקים און קדושים פון זייערע קברים, שיקען זיי פאַר'ן כסא־הכבוד הימלען איינצורייסען, משיח'ן באַפרייען פון זיין געפענגעניש, זיינע קיי־טען צעברעכען, און זיינע וואונדען אויסהיילען.

ב.

אין דער שטאָט טולוזא, אין דער מדינה פראַנקרייך, האָט געלעבט אין יענער צייט א גרויסער מקובל, און זיין נאָמען איז געווען רבי יוסף דילה ריינא. געשטאַמט האָט ער פון דער גרויסער משפחה פון די שטראַס־בורגער קדושים, פון וועלכער א צווייג איז אנטרונען געוואָרען, אין דער צייט פון די ערשטע קרייצוגגען, האָט געוואָלט אריבער קיין שפּאַניע, און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם וועג אין טולוזא, און זיך דאָרט באַזעצט; דאָרט זיך גענומען צום האנדעל פון טייערע שטיינער, און שטארק רייך געוואָרען, און ביי זיי זענען געגאַנגען תורה, יחוס און רייכקייט צוזאמען.

שוין אין זיין פריהער קינדהייט האָט מען געזעהן, אז ער איז גע־בוירען געוואָרען אויפצוטאָן גרויסע און אויסערגעוועהנליכע זאכען. ער איז נאָך געווען א קינד, און ער איז שטענדיג ארומגעגאַנגען פאַר'חלומ'ט און פאַרטראַכט, זיינע טיף־ברוינע אויגען האָבען געברענט מיט א געטליך פייערל, און געזוכט אין דער ווייטקייט און אין דער טיפקייט. אויסגע־וואקסען איז ער שלאַנק און הויך, און א ליכט האָט ארויסגעשטראַלט פון זיין פּנים; אויסגעוואַקסען זענען אויך זיינע חלומות און געדאנקען, און זיי האָבען אמאָל באַלויכטען און אמאָל פאַרוואָלקענט זיין געזיכט, און אלע, וואָס האָבען איהם געזעהן, האָבען זיך אָפּגעשטעלט קוקען אויף איהם מיט פאַרוואונדערונג. זיין יוגענט האָט ער פאַרבראַכט אין ים־פון־תלמוד, און איז אויסגעוואַקסען איינער פון די גרעסטע לומדים פון זיין צייט. אײ־נערליך איז ער אָבער געווען אומצופרידען מיט דעם אלעם, און זיין נשמה איז פול געווען מיט בענקשאַפט נאָך זאכען, וואָס ער האָט אליין נישט געוואוסט, וואָס זיי זענען. עס איז איהם געווען ענג און שטיקענד. און לופט האָט איהם אויסגעפעהלט; עס האָט איהם געצווינגען צום ברייטען און טיפען, צום ווייטען און פאַרהוילענעם. זיין אויג האָט אלץ דורכגע־דרונגען, און געזעהן די פוסטקייט און לעערקייט, און עס האָט איהם גע־צוויגען צו אנדערע וועלטען. ער איז געווען דורשטיג און פאַרשמאַכט נאָך גאָט'ס וואָרט, און די וואַסערען פון ים־פון־תלמוד האָבען נאָך פאַרשטאַרקט זיין דורשט. עס האָט איהם געצויגען צו גאָט'ס וואָרט, וואָס קוועלט ארויס פון אייביגע פעלזען און הויכע בערג־שפּיצען, און דערקוויקט די מידע און פאַרלוירענע נשמות. איז ער ארומגעגאַנגען א פאַר'חלש'טער

און א פארשמאכטער, און האָט דערהאַלטען זיין חיות מיט די ווערטער פון די נביאים און די חלומות פון דער אגדה.

זיין שטאָט איז איהם ענג געוואָרען, א פרעמדער איז ער דאָרט ארומגעגאנגען, און ער האָט זיך געריסען ארויסצוקומען פון דאָרט, און געהן און זוכען, אָבער די אַלטע ווענט פון בית־מדרש האָבען פארשטעלט פאר איהם דעם וועג, און די פיר איילען פון הלכה זענען פאר איהם געווען ווי א פעסטונג.

נישט איינמאָל האָט מען איהם געוואָלט ארויפזעצען די קרוין פון רבנות אויפ'ן קאָפּ; פון נאָנטע און ווייטע קהילות איז מען געקומען און מ'האָט זיך געבעטען ביי איהם, ער איז אָבער שטענדיג אנטלאָפען דערפון. ווען עס איז געקומען די צייט, איז ער געוואָרען א סוחר, ווי זיינע עלטערען, געהאנדעלט מיט טייערע שטיינער און פערל, און ער האָט ארומגערייזט איבער ווייטע מדינות, אן אומרוהיגער און א פארבענקטער.

נאָך וואָס ער בענקט האָט ער אליין קלאָר נישט געוואוסט, עפּעס האָט איהם געפעהלט און ער זעלבסט האָט נישט געקאָנט דערגעהן, וואָס עס איז. א קוואל פון אומצופרידענקייט האָט געגראָבען טיף אין זיין הארץ, און געזוכט אן אָרט פאר זיין אויסברוך. שטענדיג האָט איהם געצויגען צום פארנעפּעלטען און אומדערגרייכבארען, און אפילו די נסיעות אין ווייטע לענדער האָבען איהם נישט צופרידענגעשטעלט. אומרוהיג און לעבעדיג איז ער געווען, און טיף אין זיין הארצען האָט ער געפיהלט, אז ער איז באשאפען געוואָרען אויפצוטאָן עטוואָס גרויסעס, נאָר וואָס דאָס איז, האָט ער נישט געוואוסט. אויף זיינע רייזען, אין שפּאניע, האָט ער זיך געטראָפען מיט פיל מקובלים, און ער האָט זיך נענטער באקאנט מיט דער קבלה; דאָרט האָט ער אויך געקראָגען דעם זוהר, און דאָס הייליגע ספר האָט געעפענט פאר איהם נייע וועלטען.

פילמאָל האָט ער אוועקגעוואָרפען זיינע מסחרים, איז אוועק אויף א צייט און געלעבט אליין און מיט זיך, דערווייטערט זיך פון דער גאנצער וועלט, זיך מתבודד געווען צווישען בערג, ארומגעגאנגען א פארטיפטער אין די גרויסע סודות פון דער וועלט, און געזוכט צו פארשטעהן די וועגען פון זיין באשעפער. טיפע אָפּגרונטען האָבען זיך געעפענט אונטער זיינע פיס, ווילדע חיות זענען איהם פארבייגעלאָפען און געברומט מיט שרעק, און זיי האָבען איהם נישט אָפּגעריסען פון זיין דבקות. לעבעדיג

איז געווען פאַר איהם די גאַנצע וועלט און פול מיט טיפע סודות און וואונ־דער; בערג זענען געוואָרען זיינע ברידער און אוראַלטע ריזען פון וואַלד — זיינע חברים; צו איהם האָט יעדעס גרעזעלע גערעדט און יעדעס שטילע ווינטעלע שירה געזונגען; זיין אויער האָט פאַרנומען די פרייד פון דער גאַנצער באַשאַפונג און איהר צער, און צוזאַמען מיט איהר האָט ער גע־בענקט און גע'חלום'ט.

לאַנג, לאַנג, פלעגט ער ארומגעהן אין א וועלט, וואו ער איז נישט געווען קיין פרעמדער, צווישען די, וועמעס שפראַך ער האָט פאַרשטאַנען; פון זיי האָט ער געשעפּט חיות און געוועבט שטאָף פאַר זיינע חלומות; פאַר זיי האָט ער אַנטפּלעקט זיין גאַנץ האַרץ, און געפרעגט די רעטעני־שען פון זיין לעבען. דערנאָך פלעגט ער ווידער קומען א דערפרישטער, פול מיט הייליגע חלומות, א יונגער מיט נייע כחות, און ווייטער לעבען א צייט זיין אַלטעגליך, וואָכעדיג לעבען, שלעפּען דעם יאָך א פאַר'חלום'טער, א פאַרבענקטער.

איינמאָל, נאָך אזא לאַנגער וואַנדערונג, איז ער צוריקגעקומען אין זיין שטאָט אריין און האָט זי געפונען א האַלב־חרוב'ע. פון זיין הויז און הויזגעזינט איז קיין זכר נישט געבליבען, די קהילה אַן אונטערגעגאַנ־גענע, און די שול פאַרוואַנדעלט אין א פערד־שטאַל. עס איז געווען אין דער צייט פון דער פאַסטיכער־גזרה, דאַן ווען דער פאַסטוך־יונג האָט פאַר־זאַמעלט ארום זיך, אין פראַנקרייך, פערציג טויזענט ווילדע מענשען־פערד, זאָגענדיג זיי, אז א טויב איז געקומען צופליהען צו איהם, זי האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף זיין אַקסעל, פון דאָרט איז זי ארויפגעפלויגען אויף זיין קאָפּ, ווען ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און געוואָלט זי כאַפּען, האָט זי זיך גלייך פאַרוואַנדעלט אין דער געשטאַלט פון א שיינער יונג־פרוי, און צו איהם אַזויגעזאָגט: „פאַר א פאַסטוך פון מענשען האָב איך דיך גע־זאַלבט! געה און פאַרזאַמעל א מחנה פון די קינדער־פון־גאָט, פיהר זיי אין דעם הייליגען לאַנד אריין, און פאַרטרייב פון דאָרט די פאַרשאָלטענע קינדער־פון־טייוועל!" און זיי זענען געגאַנגען און האָבען חרוב געמאַכט די גרעסטע אידישע קהילות פון פראַנקרייך.

פיל האָט רבי יוסף געטרויערט אויף דעם חורבן פון די הייליגע קהילות און אויף די פרישע צרות, וואָס האָבען זיך אויסגעגאָסען אויף אידישע קעפּ. ער האָט דאַן אינגאַנצען אוועקגעוואָרפען זיין מסחר און

איז אנטלאָפען פון מענשען, ארומגעוואנדערט אין די וועלדער, צווישען די בערג, און פיל ספקות האָבען געגאָגט זיין הארץ און געפרעסען זיין נשמה. ער האָט געוואוסט, אז די וועגען פון באשעפער זיינען גערעכט און רעכטפארטיג און קיין קשיות אויף איהם קען מען נישט און מ'טאָר נישט פרעגען, און דאָך האָט זיך איינגעקריצט אין זיין הארצען די פראגע :

— פארוואָס געהט עס די רשעים אזוי גוט אויף דער וועלט, און די צדיקים דארפען אזויפיל ליידען און אָפּקומען? גאָט שטראָפט זיין פאָלק ישראל, ווייל עס האָט פאר איהם געזינדיגט — און די אנדערע פעלקער, וואָס זענען פול מיט די שווארצעסטע זינד, לעבען און געהן דורך די וועלט אין כבוד און גליק! זיינען דאָך אידען די קינדער פון גאָט, און קען דען א פאָטער פארבאָרגען זיין רחמנות און שווייגען אויף אזויפיל עולות און אומרעכט ?

אומזיסט האָט ער זיך געמיהט צו פארטרייבען דידאָזיגע געדאנקען, ווי דער יתוש האָבען זיי איהם געעגבוירט אין מח און נישט געלאָזט רוהען. ער האָט געוואוסט, אז ער זינדיגט אין זיין געדאנק, און ער האָט זיך נישט געקאָנט פון זיי באפרייען. א פארטרויערטער איז ער ארומגעגאנ־גען, א פארצאָרענטער, און די קנאה פון זיין פאָלק האָט פארברענט זיין הארץ. פון זיין מויל פלעגט זיך אפטמאָל ארויסרייסען :

— עד מתי אלהים, עד מתי ? !

ער האָט זיך דאן נאָכמעהר פארטיפט אין דער קבלה און געזוכט צו שטילען זיין שמערץ מיט די הייליגע סודות פון מעשה־בראשית און מעשה־מרכבה. ער האָט זיך שטארק פארטיפט אין זהר ,און די הימלען האָבען זיך פאר איהם געעפענט און דאָס פארבאָרגענע־ליכט האָט איהם אויפגעשיינט, און ער האָט געפונען אן ענטפער אויף זיינע קשיות. ער האָט דערזעהן, אז די קליפות האָבען פארכאפט די ערד אין זייערע הענט, איינגעשלונגען פיל הייליגע פונקען, און דער שטן געוועלטיגט איבער דער נידעריגער וועלט. די מענשען האָט ער פארנארט, און זיי דינען צו איהם, און זיי פלעכטען קרוינען פאר זיין טמאַ'ן קאָפּ. ער האָט געזעהן, אז סמאל'ס כח איז גרויס, און שווער איז זיך ארויסצורייסען פון זיינע הענט. ער האָט געלערענט, אז דאָס שלעכטס איז נישט געבוירען אין דעם מענשען און איינגעוואורצעלט, נאָר עס איז ווי א שלעכטע נעץ פארשפרייט פאר איהם, צו פאנגען זיין נשמה; אז מענשען זענען אומשולדיגע קרבנות, וואָס

פאַלען אַריין ווי פיש אין אַ שלעכטער נעץ; זיי רייסען זיך דאָרט, וואַרפען זיך, צאַפּלען, און קענען זיך נישט אַרויסרייסען. ער האָט זיך פאַרטיפט און פאַרשטאַנען ווי עלענד און אומגליקליך דער רשע איז, אין זיין שלעכטס, און דער גרעסטער רחמנות איז אויף איהם. און ער האָט באַגריפען, אַז נישט אין כעס דאַרף מען זיין אויף זיי, די אומגליקליכסטע, נאָר אַרויסראַטעווען דאַרף מען זיי פון סמאל'ס הענט, אויסלייזען זייערע נשמות, לייטערען זיי, אַרויסרייסען די הייליגע פונקען, וואָס זענען אַריינ־געפאַלען צווישען די קליפות, און דערהויבען זיי צוריק צום אָרט, פון וואַ־נען זיי זענען אויסגעהאַקט געוואָרען. ער האָט זיך מעהר פאַרטיפט, און אַ גרויס רחמנות האָט איהם אַרומגעכאַפּט, אַ רחמנות אויף דער גאַנצער וועלט. ער האָט אויסגעגאָסען זיין גאַנצע שנאה אויף דעם קוואַל פון שלעכטס, און גענומען אויף זיך מלחמה צו האַלטען דערמיט, ביז צום פאַר־טיליגען, אונטערטעניג צו מאַכען די קליפות און אויסצוואָרצלען די זינד, כדי עס זאָלען מעהר נישט זיין קיין זינדיגע. ער האָט דערזעהן, אַז נישט די ערד אַליין קלאָגט. נאָר די הימלען זענען אויך פול מיט טרויער; אַז מלאכים און שרפים זיינען דורכגעזאַפּט מיט צער; אַז דער כסא־הכבוד איז צעבראָכען, און כביכול געהט אַרום אין גלות, אין זיינע העכסטע הימ־לען, וויינט און קלאָגט יאָמערליך. און רבי יוסף'ס נשמה האָט זיך אָנ־געזאַפּט מיט דעם צער פון באַשעפער און באַשאַפונג, און צוזאַמען מיט די חילות פון הימעל און ערד האָט ער גענומען בענקען נאָך דעם תיקון פון דער וועלט.

ג.

רבי יוסף איז אינגאַנצען אַוועק פון דער ערד און ער האָט געלעבט אין די הימלען. דאָרט האָט ער געוואַנדערט אַ לאַנגע צייט און געזוכט, ביז אַלע וועגען און שטעגען זענען איהם באַקאַנט געוואָרען, און די טויערען פון די פאַרבאָרגענסטע היכלות האָבען זיך געעפענט פאַר איהם. און געהייליגט איז ער געוואָרען ווי אַ מלאך, ער האָט זיך באַקענט מיט אַלע מלאכים און שרפים, און געוואוסט יעדען איינעמ'ס כח.

און ער האָט דערזעהן, אַז די גאַנצע וועלט איז אין גלות, מלאכים און שרפים געהן אויס פון צער, און הימעל און ערד בענקען נאָך זייער תיקון. אַלץ שמאַכט אונטער סמאַל'ס יאָך, ווערט דערשטיקט אונטער דער משא פון שלעכטס און אומרעכט, און בענקט און לעכצט נאָך משיח'ן, וואָס דאַרף קומען און אַלץ אויסלייזען. און אַ מענש מוז ער זיין, אַ באַשעפעניש מיט פרייען ווילען, און נישט קיין מלאך, אָדער קיין שרף, וואָרים גובר זיין דעם שטן און די קליפות, און ברענגען די גאולה, קען נאָר דער, וואָס קען זינדיגען און שטאַרקט זיך און בלייבט ריין. און משיח זיצט אַ געבונדענער, אין היכל־קן־צפור, און וואַרט אויף דעמדאָזיגען מענש, ער זאָל קומען און צעררייסען זיינע קייטען. און פון דעם צעבראָכענעם כסא־הכבוד געהט אַרויס אַ קול, דריימאָל יעדען טאָג, רופט אויס און שרייט:

— עפענט מיר אַ טירל, גרויס ווי דאָס אויער פון אַ נאָדעל, און איך וועל אייך עפענען די טויערען פון די גרעסטע פּאַלאַצען! קומט צו־ריק מיינע קינדער, צו מיר, און איך וועל זיך אומקעהרען צו אייך!"

און רבי יוסף'ס נשמה איז באַפרוכפּערט געוואָרען מיט אַ גרויסען געדאַנק. —

צו גרויס איז געווען דער געדאַנק, און ער האָט איהם זעלבסט נאָך נישט געקאָנט ריכטיג באַגרייפען; ער האָט נאָר מורא געהאַט צו טראַכ־טען וועגען איהם, טיף אין זיין נשמה איז ער אָבער געוואַקסען און האָט זיך צעבליהט און איז רייפער געוואָרען פון טאָג צו טאָג. און רבי יוסף האָט מעהר נישט געוואוסט, ווי פון דער שטאַרקער בענקשאַפט, וואָס האָט איהם אַרומגעכאַפּט, און דעם גרויסען רחמנות, וואָס האָט איהם אָנגענו־מען: אַ בענקשאַפט צו צעררייסען די קייטען פון דעם געבונדענעם משיח און אַ רחמנות אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס ליידט און שמאַכט און

בענקט נאָך דער גאולה, וואָס דאַרף קומען דורך א מענשען. און דאָס הארץ איז איהם שיר צעגאַנגען פאַר רחמנות און די נשמה איז איהם שיר אויסגעגאַנגען פון גרויס בענקשאַפט. און א שטאַרקע ליבשאַפט האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען און צעפלאַקערט, א ליבשאַפט צו אַלץ און צו אַלע־מען, און ער איז ווי פאַרברענט געוואָרען אין איהר פלאַם.

און פון די טיפענישען פון זיין הארץ האָט ער געהערט א קול:

— „יוסף, יוסף! וואָס זיצסטו דאָ און שווייגסט? אין דעם הייליגען לאַנד אַריין גיה, וועק אויף די אבות און די אמהות, רייס אויף פון זייער שלאָף נביאים, צדיקים און קדושים! רוה נישט ביז די וועלט וועט ווערען אויסגעלייזט, און די ממשלה פון בייזוויליקייט און שלעכטס וועט אָפּגע־ווישט ווערען פון דער ערד! וואָס האָסטו דאָ צו טאָן אויף א טמאַ'ר ערד? לויף קיין ארץ־ישראל! ווילאַנג וועסטו וואַרטען און ביז וואַנען וועסטו זיצען און שווייגען? רוה אַליין נישט און לאָז זיי דאָרט נישט רוהען אין די קברים — זאָל קומען דער קץ און זאָל נעמען א סוף צו אַל־דאָס־בייז!“

נאָך א לאַנג וואַנדערען און גרויסע אויסשטעהענישען איז רבי יוסף אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. מיט א הארץ איבערגעקוואָלען פון בענק־שאַפט איז ער אַרויפגעפאַלען אויף דער ערד, אַרומגעכאַפּט די שטיינער פון יפו, זיי הייס געקושט, און דורכגעזאָפּט די ערד מיט זיינע טרערען. א באַרוויסער איז ער פון דאָרט געלאָפען קיין ירושלים, און זיין הארץ האָט שנעלער און העכער געקלאַפּט, ווי די טריט פון זיינע פיס. ער איז געלאָפען און זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף קיין מינוט, און נישט באַמערקט קיין זייטיגע זאַך, וואָרים יעדע רגע איז געווען ביי איהם יאָהרען און יעדע מינוט — אייביקייטען. ער האָט שוין געוואָלט דערלעבען די מינוט, ווען ער וועט אַוועקפאַלען פאַר דעם כותל־מערבי, פאַרטרויען די אייביגע שטיינער די צרות, וואָס זיינע אויגען האָבען געזעהן אין די גלות־לענדער. נאָר אַזוי ווי ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים, און ער האָט דערזעהן די פאַרוויסטקייט און אָפּגעלאָזענקייט פון גאָט'ס שטאָט, איז אין איהם זיין הארץ צעריסען געוואָרען. ווען ער איז צוגעקומען צום הר־הבית, און ער האָט דערזעהן דעם אמאַר־מעטשעט, וואָס הויבט זיך איבער דעם הייליג־סטען פּלאַץ אין דער וועלט, דאָרט וואו קיינער אויסער די כהנים און די אויסדערוועהלטע פון גאָט האָבען נישט געטאָרט צוקומען, האָט ער שוין

מעהר נישט געקאָנט אריבערטראָגען דעם ווייטיג. ער איז געפאַלען צו דער ערד, און אויסגעגאָסען זיין הארץ אין א קינה פון צער־און־צאָרן. ער האָט געוויינט יאָמערליך ביז ער איז געפאַלען אין אונמאכט, און ער האָט איינ־געדרימעלט. האָט ער געזעהן אין זיין חלום די אויבערשטע־ירושלים, מיט איהר חרוב'ן בית־המקדש, אין הימעל, און סמאל'ס פּאלאץ און זיין טראָן, וועלכע שטעהן פּונקט איבער דעם אמאר־מעטשעט, און שטעכען אוים די אויגען פון די מלאכים, אבלי־ציון, וואָס האלטען אין איין קלאָגען און וויינען אויף דעם חורבן. דער קוואל פון טרערען האָט זיך ווידער אין איהם געעפענט. און ער האָט אָנגעהויבען צו וויינען און קלאָגען, אין זיין חלום, און זיין הארץ איז איהם שיר געפּלאצט פון גרוים ווייטיג און דריי־קעניש. א רויהע האנט פון אן אראבער האָט איהם אויפגעריסען פון זיין חלום, געשלאָגען און אוועקגעטריבען פון הייליגסטען פּלאץ.

א פאר'צרה'טער, א פארצאָרענטער, איז ער אוועק פון דאָרט און געלאָפען צו די קברים פון די נביאים און מלכים, ווי א קינד פארשטויסען פון זיין פאָטער'ס הויז, וואָס לויפט צו קרובים און עלטסטע פון דער משפחה, זיי זאָלען זיך אָנעמען פאר איהם — נאָר אויך פון דאָרט האָט מען איהם אוועקגעטריבען.

און ער איז ארויסגעטריבען געוואָרען פון דער הייליגער שטאָט, א צעשלאָגענער, א פארוואונדעטער, און מיט די לעצטע כחות האָט ער זיך געלאָזט געהן אויף דעם וועג קיין בית־לחם, צו פאלען אויף דער מוטער רחל'ס קבר, און אויסגיסען זיין ביטער הארץ פאר איהר, איינטוליען זיין קאָפּ אין דער ערד פון קבר, צודריקען זיך שטארק צו דער אוראלטער מצבה, און אויסוויינען פאר איהר זיין צער און דעם צער פון אלע איהרע אומ־גליקליכע קינדער; דערציילען איהר וועגען די יסורים און פיין, וואָס זיי־נע אויגען האָבען צוגעזעהן אין די לענדער פון גלות און אויך דאָ אין דעם הייליגען לאנד; אויפוועקען איהר, זי זאָל לויפען פאר דעם כסא־הכבוד און איינרייסען הימלען, דערמאָנען דעם רבונו־של־עולם די הבטחות, וואָס ער האָט איהר צוגעזאָגט, און מאָנען דעם לוין פאר איהר מיה. ער איז גע־קומען אהין, און מ'האָט איהם נישט צוגעלאָזט צום קבר. א מידער, א פאר'צרה'טער, איז ער אנידערגעפאלען און האָט איינגעדרימעלט, און ער האָט געזעהן אין זיין חלום, ווי די מוטער רחל איז ארויסגעקומען פון איהר קבר און איז צוגעגאנגען צו איהם; זי האָט ארומגעוואשען מיט איהרע

הייסע טרערען די וואונדען פון זיינע פיס, האָט אוועקגעלעגט זיין צע־וויטיגטען קאָפּ אויף איהר שויס, האָט איהם איינגענומען ליבליך, געגלעט איבער דעם קאָפּ און איינגערוימט אין אויער:

— יוסף מיין קינד, איך ווייס פון דיין צער און קען דיין שמערץ! עס איז דאָך דער צער פון מיינע פארוואָגלטע קינדער, דאָס גאנצע פאָלק ישראל, וואָס האָט זיך אָנגעזאמעלט אין משך פון פיל דורות, פון אלע צרות און פורעניות, און האָט זיך אריינגעגאָסען אין דיין נשמה. דו האָסט געבראכט אהער דעם אלטען צער, אריינצוגיסען איהם אין די הייליגע און אייביגע שטיינער, און מ'האָט דיר נישט געלאָזט. עס איז זיין ארבייט, סמאל דער רשע, ער לאָזט נישט צו. שטארק זיך, מיין קינד, וואָרים דו ביסט באשאפען געוואָרען אויפצוטאָן גרויסע זאכען! אלע זיינע תחבולות וועלען איהם נישט העלפען, דו וועסט איהם אונטערטעניג מאכען, און ארויסרייסען דעם רויב פון זיין מויל. געה מיט דעם ברעג פון דעם ירדן, ביז דו וועסט קומען קיין גליל, און וועק דאָרט אויף די קדושים און צדיקים פון זייער אייביגען שלאָף; זאָלען זיי ארויסגעהן פון זייערע קברים, מיהען זיך פאר דעם כסא־הכבוד, און העלפען דיר אין דיין ארבייט. וויין נישט, יוסף מיין קינד, א גרויסער לוין איז פאר דיר אָנגעגרייט, הימעל און ערד ווארטען אויף דיר, דו זאָלסט זיי אויסלייזען...

א ניי־געבוירענער האָט ער זיך אויפגעכאפּט, און איז געגאנגען צום ירדן און האָט זיך גע'טובל'ט אין זיינע וואסערען, און זיין פרישקייט איז צוריקגעקומען צו איהם. מיט דעם ברעג פון ירדן איז ער געגאנגען דערנאָך זעהר לאנג, און אין זיין הארץ האָט געשריגען א קול:

— „עמרם'ס זוהן, עמרם'ס זוהן, טרייער הירט, שטעה אויף און זעה, וואָס עס איז געוואָרען פון דיין פאָלק! הויב זיך אויף פון דיין קבר, און זעה, ווי די וועלף צערייסען דיינע שאָף!"

און ער איז ווייטער געגאנגען מיט דעם ירדן, ביז ער איז צוגעקומען צו די ברעגעס פון ים־כנרת, צו דער שטאָט טבריה. ער האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט, גע'טובל'ט זיין לייב אין די חמי־טבריה, און זיך פארשפרייט אויף דעם קבר פון רבי מאיר־בעל־נס, און זיך הארציג אויסגעוויינט, אויסדערציילט די צרות, און מתפלל געווען.

פון דאָרט איז ער ווייטער געגאנגען און האָט געוואנדערט צווישען די בערג, ביז ער איז געקומען אין דער שטאָט צפת. איז איהם די שטאָט

שטארק געפּעהלען געוואָרען, און ער האָט זיך באַזעצט אין איהר. און ער איז דאָרט געווען א צייט, און האָט זיך נישט אויסגעגעבען צו קיינעם און נישט געלאָזט זיך דערקענען; אליין איז ער געזעסען, אָפּגעזונדערט פון אלעמען ,און זיך פארטיפט אין קבלה און אין זוהר; צווישען די בערג האָט ער ארומגעוואנדרעט, און זיך מתבודד געווען; ער האָט פיל נאָכגעדענקט און נאָכגעטראכט, און געזוכט א וועג ,ווי ארום מקרב צו זיין די גאולה.

ד.

און רבי יוסף האָט זיך אָנגעהויבען צו רייניגען און הייליגען, צו פארברענגען זיינע טעג אין תעניתים און זיינע נעכט אין סיגופים, צו טובל'ן זיך אין כנרת און צוגרייטען זיך צו עפּעס, וואָס איז איהם זעלבסט נאָך נישט געווען באוואוסט. און ער האָט מתפלל געווען צו גאָט, ער זאָל איהם ווייזען דעם וועג, אין וועלכען ער דארף געהן, און פון הימעל איהם אנטפּלעקען, וואָס ער דארף טאָן.

און ער האָט זיך שטארק פארטיפט אין קבלה־עיונית, און האָט אָנגעהויבען זיך צו באשעפטיגען זעהר פיל מיט קבלה־מעשית, ער האָט געזוכט דאָס גרויסע ליכט, וואָס איז באהאלטען אין דעם הייליגען זוהר, דאָסדאָזיגע ליכט, מיט וועלכען א מענש קען קוקען און זעהן פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען.

גאַנץ אָפט איז ער אוועק אין דער סביבה פון מירון און האָט זיך פארשפּרייט אויף דעם קבר פון דעם הייליגען תנא רבי שמעון בן יוחאי און זיין זוהן רבי אלעזר, און ער האָט אויסגעגאָסען פאר זיי די שטומע בענקשאפט, וואָס האָט געברענט אין זיין הארץ. פילמאָל האָט זיין אויער פארנומען, אין דער שטילקייט פון די בערג, טיפע געטליכע סודות. רבי שמעון בן יוחאי און זיין זוהן רבי אלעזר האָבען זיך באוויזען צו איהם, איהם געשטארקט און אנטפּלעקט פאר איהם פיל סודות.

אָפטמאָל פלעגט ער ארויפקלעטערען, א פארבענקטער און א פאר־טראכטער, אויף דעם שפּיץ פון דעם בארג עצמון, און פון דאָרט אראָפּ־קוקען אויף דעם גאַנצען לאנד. פאר זיינע אויגען איז געלעגען אויסגע־שפּרייט א ברייטע ווייטקייט, אויסגעזועצט מיט בערג און היגלען, און דורכ־געשניטען מיט לאנגע און נעדרעהטע זילבער פאסען — סימנים פון טייך־כען און טייכלעך. איבער זיין קאָפּ האָט זיך געוועלבט א טיפע בלוי־קייט, ריין אָן א סימן פון א וואָלקענדל. ער האָט א קוק געטאָן אין איין זייט, און ער האָט דערזעהן דעם ים־הגדול, ברייט אויסגעגאָסען פאר איהם; ער האָט געגעבען א קוק אין אן אנדער זייט, און דערזעהן דעם ירדן און דעם כנרת — אלע ווי זיי שטעהן, קנייטשען און וויגען זיך, און א נעץ פון גאָלד איז פארשפּרייט אויף זיי. ער האָט געוואָרפען א בליק, און האָט געזעהן דעם וואסערפאל מירום — א גלייכע וואנט פון צעלאָזט גרין גלאָז, וואָס רוישט און קאָכט, שוימט און שפּריצט, מאלט אויס און צע־

וואַרפט מחנות טאַנצענדיגע רעגענבויגענס. אַרום און אַרום אַן ערדה פון בערג אין העל־און־טונקעל־בלויע סאַמעט קיטלען און ווייסע יאַרמולקעס אויף זייערע קעפּ, שטעהן אין אַן אייביג־סודות׳דיגער שטילקייט, הויבען זיך, בויגען זיך, איינער איבער דעם אַנדערען, און ווערען פאַרפאַלן אין די טיף־בלויע הימלען. און זיינע אויגען האָבן געזעהן טיפקייט און הויכקייט, און זיינע אויערען האָבען פאַרנומען שטורמישען רויש און געטליכע שטיל־קייט, און זיין נשמה האָט געוואַנדערט צווישען דעם אַלעם, אַן אומרוהיגע, אַ פאַרבענקטע.

פילמאָל איז ער געזעסען אין די טיפע היילען, איינער אַליין, גע־לעבט פון די באַקסערען־בוימער, וואָס זענען געוואַקסען לעבען זיי, און פון די קלאָרע קוועלכעלעך, וואָס האָבען אַרויסגעשטראָמט פון די בערג. ער האָט זיך מתבודד געווען און פאַרטיפט אין סודות, געלעבט אין און מיט זיך. ער האָט געזעהן אַ פאַרבענקטע, אַ צעבראָכענע, וועלט אַרום איהם; ער האָט זיך איינגעקוקט אין דער טיפעניש פון זיין אייגענער נשמה, אין דער איינזאַמקייט און שטילקייט, און האָט געפונען איהר אָפּשפּיגלונג, און ער האָט געזוכט וועגען, אַלץ צו פאַריכטען.

און צייטען זענען אַוועק, אַלט איז ער געוואָרען און גרוי, אין יאָהרען און אין צרות, ער האָט אָבער ניט געקניט אונטער זייער לאַסט, און נישט פאַרלוירען זיין פרישקייט; ער האָט זיך געשטאַרקט, און איז אַלץ בייגעקומען. פול איז ער געווען מיט האָפענונג און בענקשאַפט, ווי אין זיין פריהער יוגענט, און זיין נשמה איז געבליבען יונג, און זיין גייסט — פריש און מונטער. זיין האַרץ איז געווען אַ גאָרטען פון הייליגע חלומות און געטליכע זעהונגען, וואָס האָט זיך צעבליהט און איז זיך צעוואַקסען פון טאָג צו טאָג. אין זיינע טיף־ברוינע אויגען, וואָס זענען, וואָס ווייטער געוואָרען אַלץ טיפער און שווארצער, האָט געברענט דאָס הייליגע פייערל, און זיי האָבען געקוקט פאַר׳חלום׳ט און פאַרבענקט, אומרוהיג געזוכט אין דער ווייטקייט און טיפקייט, און דורכגעבויערט די שטאַק־פינסטערניש. און זיין גרייז־גרויער קאָפּ און זיין שניי־ווייסע באָרד מיט די פינקעלדיגע אויגען, האָבען אויסגעזעהן, ווי ברענעדיגע פייער־פונקען, וואָס שפּריצען אַרויס פון אַ פאַרשנייטען וואולקאַן. אין דער שטילקייט פון די בערג האָט ער, וואָס אַ טאָג ווייטער, אַלץ מעהר פאַרנומען סודות, און פון דעם ים וואָס איז געלעגען אויסגעגאָסען פאַר איהם, און פון ירדן און כנרת,

האָט ער אויסגעפּישט באַשיידענישען פאַר זיינע אייביגע חלומות. נישט איינמאָל האָט זיין אויער פאַרנומען, אין דעם מעכטיגען, אומאויפהערליכען גערויש פון דעם מירום, דעם ווידער־קול פון זיין אייגענער, אייביג־בענ־קענדיגער נשמה, וואָס ציהט שטענדיג צום אומבאַוואוסטען, שטרעבט צום שטאַרקען און אומדערגרייכבאַרען, און פאַראייניגט אין זיך הייליגע שטילקייט און מעכטיגען שטורם.

דאָרט, צווישען די אוראַלטע בערג פון גליל, אין דער סודות׳דיגער סביבה פון טבריה, צפת, מירון און גוש־חלב, דאָרט וואו גבורים און קנאים האָבען געהערט זייער ווינענליד, און טרוימער און וואונדערמענשען האָבען געפונען זייערע קברים, האָט ער אַרומגעוואַנדערט יאָהרענלאַנג. זיינע פיס האָבען אויסגעמאָסטען די טיפסטע אָפּגרונטען, און זיין קאָפּ האָט דער־גרייכט ביז צו די העכסטע הימלען. ער איז געגאַנגען העכער און העכער, פון מדרגה צו מדרגה, און די סודות פון הימעל און ערד זענען פאַר איהם אַנטפּלעקט געוואָרען. ער איז געוואָרען ריינער, טיפער און העכער, ער האָט זיך איינגאַנצען אויסגעטאָן פון זיין חומר, און זיין צער האָט זיך פאַר־שטאַרקט און פאַרטיפט, און זיין בענקשאַפט — שטאַרקער צעפּלאַקערט.

איינמאָל, ליגענדיג אויף איינעם פון די הייליגע קברים, איז ער פאַרשמאַכט געוואָרען פון גרויס צער און בענקשאַפט אויף גלות־השכינה, און ער האָט געזעהען אין זיין חלום דעם היכל פון־טרערען־און־טרויער, און האָט דערהערט דאָס יאָמערען פון די מלאכים מיט די אויסגעוויינטע אויגען, וואָס ווערען אָנגערופען אבלי־ציון, וואָס זיצען שטענדיג און קלאָ־גען אויף דעם חורבן פון דער אויבערשטער ירושלים. עס האָבען זיך אויפ־געעפענט פאַר זיינע אויגען אַלטע שולען פולע מיט גרייז־גרויע אידען, וואָס זיצען אויף דער ערד, אין צעריסענע קליידער, און אַש באַדעקט זייערע קעפּ, און יאָמערען פאַרצווייפעלט אין דער שטילקייט פון האַלבער נאַכט אויף דעם חורבן פון דער אונטערשטער ירושלים. די קולות פון געוויין און יאָמער האָבען זיך צענויפגעגאָסען אין איין גרויסער יללה, וואָס איז אַלעמאָל איבערגעריסען געוואָרען פון אַ טיפען שלוכץ, און דעמאָלט האָט זיך געהערט ווי די שטים פון אַ טויב, וואָס ברומט און קרעכצט אויס: „וועה איז מיר, איך האָב חרוב געמאַכט מיין הויז, איך האָב פאַרברענט מיין פּאַלאַץ, און מיינע קינדער פאַרטריבען צווישען די פעלקער!“ ער האָט שטאַרק געוויינט און געקלאָגט אין חלום, און די שכינה, אָנגעטאָן אין

איהרע צער־קליידער און א קרוין פון אש אויף איהר קאָפּ, איז געקומען צו איהם. זי האָט ארויפגעלעגט אויף איהם איהר האנט, געגלעט איהם און אויסגעווישט זיינע טרערען. זי האָט איהם אויסדערציילט איהר גאנצען צער, און אויסגעגאָסען איהר ביטער הארץ. זי האָט איהם פארטרויט, ווי שלעכט עס איז איהר צו וואנדערען אין גלות, צווישען איהרע קינדער, אומגעזעהן און אומבאמערקט פון זייערע אויגען, און צוזעהן דעם צער און די צרות פון איהרע פארוואָגעלטע שעפעלעך, פאר וועמען די ערד האָט קיין אָרט נישט, און די הימלען האָבען זיך אויך פארשלאָסען; ווי עס בענקט איהר הארץ נאָך קודשא־בריך־הוא, דער עתיק־יומין, דער מלך פון דער וועלט, וואָס קען זיך נישט געפינען קיין אָרט אין די הימלען, און ער פארברעכט אלעמאָל די הענט, לויפט און פארשליסט זיך אין זיין טרערען־פאלאץ מסתרים; ער וויינט דאָרט און קלאָגט, ברילט ווי א לייב און וויל חרוב מאכען וועלטען; ער לאָזט אריין צוויי טרערען אין ים־הגדול, אז די ערד זאָל פון זיי אויפציטערען. און זי האָט צו איהם געזאָגט:

— יוסף מיין זוהן, וואָס ליגסטו דאָ און וויינסט? דערבארעם זיך אויף מיר, און לייז מיך אויס! פאראייניג מיך צוריק מיט דעם עתיק־יומין, וועמעס צער עס איז נישט אריבערצוטראָגען. צעריסען ווערט זיין געטליך הארץ, כביכול, פון גרויס בענקשאפט און פייערדיג ליבשאפט, וואָס א׳ז באהאלטען אונטער א פאנצער פון שטרענגקייט און שטאָלענע גערעכטי־קייט — און ער ברילט ווי א לייב און גלוסט בענקענדיג, ווי אן אינד נאָך די שטראָמען פון וואסער. הערסטו נישט דאָס געוויין פון די מלאכים מיט די אויסגעוויינטע אויגען? הערסטו נישט א קלינגען פון קייטען? — דאָס רייסט משיח זיינע גאָלדענע קייטען ,ער רייסט זיך מיט אלע כחות, שרייט און רופט דעמראָזיגען, וואָס דארף קומען און צעברעכען זיינע קיי־טען, וואָרים קיין געבונדענער קען זיך אליין נישט באפרייען פון זיין תפיסה. אין אלע הימלען קלינגט אָפּ דאָס קול, אלץ שרייט מיט איהם מיט, אלע קלאָגען מיט איהם מיט, אָבער העלפען קענען זיי איהם נישט, ווייל זיי זענען נישט פון בלוט־און־פלייש. עס זיצען מיינע פארוואָגעלטע קינדער אויף דער ערד, אין דער שטילקייט פון האלבער נאכט, און לאָ־זען די שטילקייט נישט שלאָפען, וויינען, קלאָגען, און זייער געשריי געהט ארויף און מישט זיך אויס מיט דעם געוויין פון אלע וועלטען. איז דען די גאנצע וועלט נישט באשאפען געוואָרען צוליב זיי? געה, באפריי

משיח'ן, ברענג צוריק דעם פארשמאכטען בן־מלך צו זיין פאָטער'ס טיש; דערפרעה דעם מלך פון דער וועלט און וויש אוים די טרערען פון זיינע אויגען; הויב מיר אויף פון דער ערד, און רייניג מיך אָפּ פון מיין שטויב!

און רבי יוסף האָט זיך אויפגעכאפּט און זיין הארץ האָט געקלאפּט, און ער האָט אויפגעהויבען זיין האנט און ער האָט געשוואוירען, אז ער וועט נישט רוהען און נישט שווייגען, ביז ער וועט ברענגען משיח'ן, דער שכינה אויסווישען די טרערען און אויפהויבען פון דער ערד, דעם מלך פון דער וועלט צוריק אָנטאָן די קרוין, גאנץ מאכען זיין כסא־הכבוד, צו־ריקפיהרען אין זיין פּאלאץ, און פאראייניגען איהם מיט דער הייליגער מטרוניתא.

און ער האָט זיך אויפגעהויבען, און איז אוועק קיין צפת, זיך צו־צוגרייטען צו דער גרויסער ארבייט.

און ווען ער איז געקומען אהין, האָט ער זיך דערוואוסט פון די פרישע צרות און פורעניות, וואָס זענען געקומען אויף אידען אין אלע לענדער פון גלות, פון די הונ־ערטער קהילות, וואָס זענען ווייטער חרוב געוואָרען.

ח.

רבי יוסף איז צוריקגעקומען קיין צפת, ער האָט זיך דערנעהנטערט צו מענשען און געלאָזט דערקענען. און די מענשען פון צפת האָבען שוין לאַנג געוואוסט, אז צווישען זיי געהט ארום א געטליכער מאַן, נאָר זיי האָבען מורא געהאט נאָהענט צוצוקומען צו איהם, זיי זאָלען נישט אָפּגעבריהט ווערען ביי זיין פייער, וואָרים זיי האָבען געזעהן, אז ער דערווייטערט זיך פון מענשען. און ווען זיי האָבען דערזעהן, אז ער נעמט זיך דערנעהנטערען צו זיי, אז ער הויבט אָן צו קומען און זיך אָפּצוגעבען מיט זיי, האָבען זיי זיך געוואונדערט, און זייער הארץ איז געוואָרען דערפרעהט. האָבען זיי זיך פארזאמעלט ארום איהם, צו טרינקען זיינע ווערטער פאר דורשט, צו היטען יעדען וואונק פון זיין אויג און יעדען מאך פון זיינע ליפּען. זיי האָבען זיך פארזאמעלט ארום איהם, געוואָלט איהם קרוינען מיט דער קרוין פון תורה, אויפנעהמען איהם פאר א רב און א ראש־ישיבה איבער זיי. ער זאָל זיי פיהרען און ווייזען דעם ריכטיגען וועג. האָט אָבער רבי יוסף נישט געוואָלט צוהערען צו זייערע רייד, און ער האָט זיך צו זיי נישט אראָפּגעלאָזט. הויך איז ער געבליבען שטעהן איבער זייערע קעפּ, ווי א הויכער צעדערבוים צווישען די גראָזען און קריך־געוויקסען. ער האָט געקוקט אויף זיי מיט גרויס רחמנות. געזוכט צווישען זיי, ארויפגעצויגען זיך, און צו זיי זיך נישט אראָפּגעלאָזט.

און תלמידים האָבען גענומען קומען צו איהם, צו ניסען וואסער אויף זיינע הענט, האָט ער אָבער געהאלטען אָן אָפען אויג, און געקוקט, און מיט דעם ליכט פון זיבען זונען האָט ער דורכגעדרונגען זייערע נשמות, געזוכט און בודק געווען די פארבאָרגענישען פון זייערע הערצער, דערנעהנטערט, ווען מ'האָט געדאַרפט דערנעהנטערען און דערווייטערט, ווען מ'האָט געדאַרפט דערווייטערען.

און רבי יוסף האָט געפאָרשט און געזוכט, געזיפט און געקליבען, ביז ער האָט געפונען פינף תלמידים, וואָס זענען איהם געווען צום הארצען, אזעלכע נאָך וועמען ער האָט געגאַרט זיינע גאַנצע יאָהרען. ער האָט דערקאָנט דעם שורש פון זייערע נשמות און געוואוסט, אז זיי זענען דיזאָזינגע, וואָס וועלען איהם קענען העלפען אין זיין גרויסער און שווערער ארבייט.

און ער האָט זיי גענומען צו זיך און געלערנט מיט זיי, אנטפּלעקט

פאר זיי די טיפע סודות פון מעשה־בראשית און מעשה־מרכבה; ער האָט זיך פארטיפט מיט זיי אין ספר־יצירה און זוהר, און האָט געעפענט פאר זיי נייע וועלטען. און ער האָט אָנגעפילט זייערע הערצער מיט דעם צער פון גלות־השכינה, און אָנגעצונדען זייערע נשמות מיט דעם פייער פון דער בענקשאפט נאָך דער גאולה.

און ער איז אוועק מיט זיי אין די היילען, צווישען די בערג, און ער האָט זיי איבערגעגעבען פיל צירופים און יחודים, און אויסגעלערענט פיל השבעות; און ער האָט זיי דערהויבען צו די העכסטע מדרגות, און איבער־געגעבען דעם כח איבער מלאכים און הערשאפט פון הימעל. זיין הארץ איז געווען זיכער, זיין נשמה איז געווען רוהיג, און ער האָט געוואוסט, אז זיי זענען דערהויבען איבער דער גאנצער וועלט, און וועלען זיך דערמיט, חלילה, נישט באנוצען, נישט פאר זיך און נישט פאר קיינעם, און מ'קען זיי אָנטרויען דידאָזיגע אלע סודות און איבערגעבען אלע כחות.

און ער איז אוועק מיט זיי פון ישוב און זיך מתבודד געווען און פארבראכט א לאנגע צייט אין תעניתים און סיגופים, געטרויערט אויף דעם צער פון גלות־השכינה און אויף די צרות פון כנסת־ישראל, דאָס שעפעלע צווישען וועלף, די רויז צווישען דערנער.

און ווען רבי יוסף האָט אריינגעקוקט אין זייערע הערצער און גע־זעהן, אז זייערע נשמות זענען שוין גענוג אויסגעלייטערט, און זיי קענען אויסשטעהן אלע מינים שווערע נסיונות, האָט ער זיי פארזאמעלט און געזאָגט צו זיי אזוי :

— מיינע ברידער און פריינד! צו שווער איז דער עול פון גלות, און עליונים און תחתונים קניען אונטער זיין לאסט פארשמאכטע. עס בלוטיגט דאָס אומשולדיגע שעפעלע צווישען די ציין פון זיבעציג וועלף, און עס האָט שוין נישט קיין כח אפילו צו שרייען נאָך הילף. עס איז פאריאָגט געוואָרען די שעהנסטע און שמעקעדיגסטע רויז פון דעם גאָר־טען, וואָס כביכול האָט אליין געפלאנצט, און אריינגעפאלען צווישען די דערנער. פון צווישען די נאָדלען און שטעכיגע דערנער שיינט זי ארוים און פארשפרייט איהר גן־עדן־ריח, פאנגט דאָס אויג און דערקוויקט דאָס הארץ. שטעכען זי אָבער די דערנער, רייסען איהרע בלעטער, און ווילען דורכלעכערען איהר הארץ. לענגער שווייגען קען מען נישט! נישט אומ־זיסט האָט מען אונז אנטפלעקט די סודות, יחודים און צירופים, און איבער־

געגעבען דעם כח איבער אלע מלאכים. שטעהט אויף, און לאָמיר פאר־טרייבען די בייזע וועלף, וואָס ווילען צערייסען דאָס ריינע שעפּעלע! קומט און מיר וועלען פארשניידען די דערנער, וואָס רינגלען ארום די אוי־בערשטע רויז. עס זיצט דער הייליגער משיח א געבונדענער, אין היכל־קן־צפור, פאַ־גט מיט זיינע קייטען, ער וויל זיי צערייסען און אויסלייזען זיין פאָלק, און שטארק זענען די קייטען, און ער קען זיי נישט צערייסען. ער שרייט און רופט מ׳זאָל איהם העלפען און באפרייען, און צו די קינדער פון מענשען טוט ער רופען, ווייל קיין מלאך און קיין שרף קען איהם נישט העלפען אָהן זיי. שווער איז אָבער די ארבייט, און גרויסע סכנות שטעהן אין וועג. זייט איהר גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין, כדי די שכינה אויס־צולייזען פון גלות און אונטערצוברעכען די ממשלה פון שלעכטס און בייזוויליקייט?

און זיי האָבען איהם אלע געענטפערט מיט איין קול:

— הייליגער רבי, מיר וועלען טאָן אלצדינג, וואָס דו וועסט אונז הייסען; פיהר אונז און מיר וועלען דיר נאָכגעהן!

און רבי יוסף האָט זיי געהייסען רייניגען די לייבער און הייליגען זיך דריי טעג און דריי נעכט, און זיי אָנגעזאָגט, אז זיי זאָלען זיך טובל׳ן זיבען מאָל אין ירדן. ער האָט זיי איבערגעגעבען די כוונות, וואָס זיי דארפען אין זינען האָבען די גאנצע דריי טעג, און ער איז אליין אוועק, זיך מתבודד זיין אין דער שטילקייט פון די בערג.

און ווען די דריי טעג זענען אריבער, איז ער צוריקגעקומען צו זיי־נע תלמידים, און ער האָט אריינגעקוקט אין זייערע אויגען, און זיין פנים האָט זיך צעשטראַלט, ווארים ער האָט דערזעהן, אז זיי זענען ריין, ווי די מלאכים און שרפים, און אויף זייער נשמה איז נישטאָ קיין פלעק פון א הרהור פון זינד; און זייערע אויגען ברענט דאָס פייער פון בענקשאפט נאָך דער גאולה, און אויף זייערע פנים׳ער איז אויסגעגאָסען דער צער פון גלות־השכינה.

און ער האָט צו זיי אזויגעזאָגט:

— געבענשט זייט איהר, מיינע קינדער, צו גאָט! ריין זענען זייערע נשמות און שטארק אייערע הערצער. קומט, און מיר וועלען געהן קיין מירון, זיך צו פארשפרייטען אויף רבי שמעון בן יוחאי׳ס קבר. ער וועט אונז אנטפלעקען וואָס מיר האָבען צו טאָן, און פון הימעל וועט

מען אונז צוהעלפען.

און זיי האָבען איהם געענטפערט מיט גרויס שמחה און התלהבות:

— וואוהין דו וועסט אונז פיהרען וועלען מיר געהן, און וואָס דו וועסט אונז הייסען וועלען מיר טאָן!

און זיי האָבען זיך אויפגעהויבען און זיי זענען געגאנגען קיין מירון, דאָרט האָט רבי יוסף זיך פארשפרייט אויף די קברים פון רבי שמעון בן יוחאי און זיין זוהן רבי אלעזר, און ער האָט געמאכט א שאלת־חלום. די צוויי הייליגע תנאים האָבען זיך באוויזען צו איהם. רבי יוסף האָט אויס־גערעדט פאר זיי זיין גאנץ הארץ, דערציילט זיי אלץ, וואָס ער וויל טאָן, און געבעטען פון זיי, אז זיי זאָלען איהם אנטפלעקען דעם סוד פון דער גאולה. האָבען די צוויי תנאים צו איהם אזויגעזאָגט:

— יוסף, יוסף! די צרות פון דעם פאָלק ישראל שטערען אונזער אייביגען שלאָף, און דער צער פון גלות־השכינה לאָזט אונז נישט רוהען אין קבר. וואָס קען מען אָבער טאָן, וואָס קען מען העלפען? דער קץ איז נאָך ווייט און די צייט איז נאָך נישט געקומען! בערג פון צרות, חבלי־משיח, ווילען זיך ארויפוואַרפען אויף אידישע קעפּ, און מיר קענען זיי קוים אָפּהאַלטען, זיי זאָלען נישט פאַלען מיט אמאָל. צו שטארק איז דער שטן, און עס איז צו שווער פאר דיר! לאָז אָפּ, ווארט, ביז עס וועט קומען די צייט, שפּאר זיך נישט איין, דריק נישט דעם קץ!

האָט זיי רבי יוסף געענטפערט און געזאָגט:

— הייליגע תנאים, איך האָב געשוואוירען, אז איך וועל נישט רוהען און נישט שווייגען, ביז די טומאה וועט פארשווינדען פון דער ערד און די גאולה וועט קומען. מיין הארץ איז פעסט און מיין נשמה איז זי־כער, אז די גאנצע פמליה־של־מעלה וועט מיר צוהעלפען אין מיין הייליגער ארבייט. און איהר, גרויסע תנאים, אנטפלעקט מיר נאָר דעם סוד, און ווייזט מיר דעם וועג.

און רבי שמעון בן יוחאי און רבי אלעזר ברבי שמעון האָבען איהם געענטפערט און געזאָגט:

— פעסט איז דיין רצון און שטארק איז דיין אמונה און בטחון— געה און זאָל גאָט זיין מיט דיר! דער סוד פון דער גאולה איז אָבער נישט אנטפלעקט געוואָרען צו קיין צדיק אין גן־עדן, און קיין קדוש האָט איהם נישט געקאָנט דערגעהן. א סוד איז עס און מ'האָט איהם פון אונז פאר־

הוילען, ווייל מ'האָט מורא, טאָמער וועלען מיר נישט קענען צוזעהן דעם צער פון דער וועלט און צוקוקען די צרות פון כנסת־ישראל, און מיר וועלען זיך איינשטעלען און אנטפלעקען דעם סוד. פרעג אליהו־הנביא'ן, אפשר ווייסט ער דעם סוד.

און רבי יוסף האָט זיך אויפגעהויבען און ער איז געגאנגען צו זיינע תלמידים, און ער האָט זיי דערציילט די ווערטער, וואָס די תנאים האָבען איהם געזאָגט, און האָט זיי געהייסען זיך צוגרייטען אראָפצוברענגען אליהו־הנביא'ן.

ז.

און זיי האָבען זיך אויפגעהויבען און זיי זענען געגאַנגען צו דער הייל פון טבריה, און זיי זענען אריין אין איהר, און האָבען זיך דאָרט באַהאַלטען, זיי זאָלען נישט זעהן קיין שום אומריינע זאַך. דרייצעהן טעג נאָכאנאנד האָבען זיי געפאסט, און נישט אָנגעזעהען קיין לעבעדיגע באַשעפעניש אין די אויגען. יעדער איינער איז געזעסען באַזונדער, פאַרטיפט אין זיינע כוונות און יחודים, האָט נישט געעפענט די אויגען און נישט ארויסגעקוקט פון זיינע פיר איילען. און זייערע הערצער זענען צעבראָכען געוואָרען אין זיי, און זייערע נשמות האָבען זיך גענומען באפרייען פון דעם חומר. דעמאָלט זענען זיי ארוים פון דער הייל, און האָבען דריי טעג כסדר יעדען טאָג זעקס־און־צוואנציג מאָל זיך גע'טובל'ט אין דעם ים כנרת. און זיי האָבען ווייטער געפאסט דריי טעג און שטארק געוויינט אויף גלותהשכינה, און ביינאכט אין זייער שלאָף האָבען זיי געיאָמערט. און זיי האָבען גענומען אויף זיך די זינד פון כל ישראל, און האָבען תשובה געטאָן אויף זיי מיט צעבראָכענע הערצער און אָפּגעוואשען אלע פלעקען מיט הייסע טרערען. דערנאָך האָט יעדער איינער געבעטען מחילה ביים אנדערען אויף אלץ, וואָס ער האָט געזינדיגט געגען איהם, ווילענדיג אָדער אומגערן, ווי־סענדיג אָדער נישט וויסענדיג, וואכעדיגערהייט אָדער אין חלום. נאָכדעם האָבען זיי געמאכט התרת־נדרים, פאר זיך און פאר כלל־ישראל, און זיי האָבען זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און געדאווענט מנחה מיט די כוונות און יחודים, וואָס רבי יוסף האָט זיי איבערגעגעבען.

אזוי האָבען זיי געטאָן דריי טעג כסדר, זיי האָבען זיך גערייניגט און געהייליגט ווי די מלאכים. און זייערע נשמות זענען געוואָרען ריין פון יעדען פלעק; און די נשמות פון כל־ישראל זענען געוואָרען אויסגעלייטערט און זייערע פגימות זענען אראָפּ, און זיי זענען געוואָרען ווי עולות תמימות, ווערט אויפגעבראכט צו ווערען אויף דעם מזבח פאר גאָט.

און זייער עבודה האָט געמאכט א גרויסען רעש אין הימעל, און זייער געוויין האָט אויפגערודערט וועלטען. און דער רויטער פאָדים, וואָס איז אָנגעבונדען ביים מזבח פון גאָט, אין הימעל, צו דערמאָנען די זינד פון פאָלק ישראל, האָט אָנגעהויבען ווייס צו ווערען. און מיכאל, דער כהן גדול פון דער הויך, האָט דאָס דערזעהן, און ער האָט דערוועקט די אנדערע מלאכים, און א שטארקע התעוררות האָט זיך דערוועקט אין הימעל.

דעם דריטען טאָג, פארנאכט, זיינען זיי אויפגעשטאנען און געגאַנ־

גען צום ירדן, און זיי האָבען זיך אכטצעהן מאָל טובל געווען אין זיינע וואסערען. דערנאָך האָבען זיי אָנגעטאָן ווייסע קליידער און זיי האָבען זיך געשטעלט דאווענען און סליחות זאָגען. און זיי האָבן געזאָגט „עננו“ און דריימאָל דערמאָנט דעם שם „אדני“. ביים פערטען מאָל האָבען זיי זיך אויסגעגלייכט, און געשטעלט אויף די שפּיץ־נעגעל, אויפגעהויבען זייערע קעפּ צום הימעל, אויסגעשטרעקט זייערע העלזער און דערמאָנט דעם שם „הויה“, ווי ער איז געשריבען, מיט גרויס געוויין און געבעט.

און ווי דער הייליגער שם איז ארויס פון זייערע מיילער, האָט די גאנצע וועלט א ציטער געטאָן, און בערג האָבען זיך אָנגעהויבען צו וויגען; דער הימעל איז איינגאנצען רויט געוואָרען, די אופנים האָבען גענומען רוישען, די הייליגע חיות האָבען אָנגעהויבען ברומען, און א שטים איז ארויס און האָט געשריגען:

— געהט צוריק אין אייער הייל אריין, און הערט אויף צו וויינען און צו בעטען! אויב איך וועל נאָך איינמאָל דערהערען אזא קול, וועל איך מאכען פון דער וועלט תוהו־ובוהו!

און א ציטערניש פון גאָט איז געפאלען אויף זיי, און זיי זענען געבליבען שטעהן א ווילע ווי פארשטארטע, און האָבען זיך נישט געקאָנט ריהרען פון אָרט. איז אָבער רבי יוסף באלד צוריקגעקומען צו זיך, און ער האָט געוואָרפען א בליק פול מיט בטחון צו זיי און צוריק אָנגעצונדען זייערע הערצער. און זיי האָבען זיך געשטארקט און זענען צוריק אריין אין דער הייל; דאָרט האָבען זיי זיך אנידערגעזעצט, יעדער איינער אין א באזונדער ווינקעלע, דעם קאָפּ געזונקען צווישען די קניה, און געשוויגען. זיבען טעג און זיבען נעכט זענען זיי אזוי געזעסען און קיין וואָרט נישט אויסגערעדט — אין דער שטיל האָבען זיי מקבל נזיפה געווען — און אין זייערע הערצער זענען די נשמות צעריסען געוואָרען פון שטומען צער.

און זייער שטומער צער האָט אויפגערודערט אלע וועלטען, און מלאכים און שרפים האָבען נישט געקאָנט רוהען; אלע זענען אָנגעפילט געוואָרען מיט צער און זייער שירה איז פון טאָג צו טאָג דורכגעזאפּטער געוואָרען מיט שמארץ און שטילען טרויער.

און אליהו־הנביא איז אראָפּגעקומען, און ער האָט זיך געשטעלט ביי דער טיר פון דער הייל און ער האָט גערופען צו רבי יוסף׳ן, ער זאָל ארויסקומען, און רבי יוסף האָט זיך אויפגעהויבען און איז ארויס צו איהם,

און אליהו־הנביא האָט צו איהם אזוינעזאָגט :

— יוסף, מיין זוהן! זינט דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, האָט זיך נאָך נישט געהערט אזא יללה אין הימעל. די גאנצע פמליה־של־מעלה האָט אויפגעציטערט און מיט זייער יאָמער רייסען זיי איין הימלען. צום כסא־הכבוד האָט דערגרייכט זייער געוויין, צו כביכול׳ס אויערען איז עס צוגעקומען, און עס האָט געעפענט דעם קוואַל פון זיינע טרערען. ער האָט זיך, כביכול, נישט געקאָנט איינהאַלטען פון געוויין, און ער איז געלאָפען, א וויינענדיגער, זיך צו באהאַלטען אין דעם טרערען־פּאַלאַץ „מסתרים“. וואָס ווילסטו? וואָס פּאַרפיהרסטו? וואָס גיסטו אָן? וואַרט, די צייט איז נאָך נישט געקומען! גרייט איז דער שופר אין מיין האַנט, און איך שטעה לעבען היכל־קן־צפור און וואַרט אויף משיח׳ן, און זיינע וואונדען ווילען זיך נישט פאַרהיילען. יעדען טאָג, ווען איך דערהער דאָס קול פון דעם באשעפער, וואָס ברומט ווי א טויב, וויינט און קלאָגט : „וועה איז צום פאָטער, וואָס האָט פאַרטריבען די קינדער, און וועה איז צו די קינדער, וואָס זענען פאַרטריבען געוואָרען פון זייער פאָטער׳ס טיש!“— פליה איך פאַר דעם כסא־ הכבוד, אויסצוגעפינען, אויב די צייט איז נאָך נישט געקומען, און סמאל, דער רשע, און זיין כת באגעגענען מיך מיט א שפּאָטיש געלעכטער. געה צוריק, מיין קינד, די צייט איז נאָך נישט גע־קומען.

און רבי יוסף האָט איהם געענטפערט:

— הייליגער מלאך, באַדינער פון גאָט־ברוך־הוא, ווען דו ביסט געווען צווישען מענשען, האָסטו שטענדיג זיך אָנגענומען פאַר דער קנאה פון גאָט פון צבאות, און נישט איינמאָל איינגעשטעלט דיין לעבען צוליב דעם — פון דיר האָב איך אָפּגעלערענט, און אזוי געה איך אויך טאָן. ביי דעם נאָמען פון גאָט האָב איך געשוואוירען, אין דעם נאָמען פון דער שכינה, וואָס געהט ארום אין גלות, און ביי די אומדערטרעגליכע צרות פון כנסת־ישראל, וואָס ליידט אומזיסט, אז איך וועל נישט רוהען, נישט שוויי־גען, ביז די גאולה וועט קומען! און אויב די צייט איז נאָך נישט געקומען, וועל איך און מיינע תלמידים דאָ אויף דער ערד, און דו און אלע מחנות נשמות פון צדיקים און קדושים, און מיט אייך אלע גוטע מלאכים און שרפים אין הימעל, די גאולה צוויאָגען מיט טרערען, בענקשאַפט און הייסע תפילות.

און ווייטער האָט אליהו הנביא געזאָגט :

יוסף, מיין זוהן! צו שווער איז די ארבייט, און דער וועג איז פול מיט סכנות, שטארק איז סמאל און זיין כח ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג, מיט זייערע גרויסע זינד האָבען מענשען באשאפען פאר איהם פאלשע הימלען, און אָנגעטאָן קרוינען אויף זיין טמא'ן קאָפּ. גרויס זענען די צרות, וואָס האלטען זיך יעדען טאָג ביים אויסגיסען אויף גאָט ברוך־הוא'ס פאָלק, נאָר אלע טאָג נעם איך משיח'ן אונטער מיין אָרעם, און געה מיט איהם אין דעם פאלאץ פון ליידען־און־אָפּקומעניש, און ער בעט די צרות, וואָס דארפען פאלען אויף אידישע קעפּ, אז זיי זאָלען זיך אויסגיסען אויף איהם. באדעקט מיט פרישע וואונדען, געהט ער יעדען טאָג ארויס פון דאָרט און זעצט זיך צווישען די קראנקע אָרימעלייט ,ביי די טויערען פון רוים, זיינע הענט געבונדען מיט גאָלדענע קייטען. דריק נישט און יאָג נישט דעם קץ, עס קען זיך נאָך חלילה אויסגיסען דער צאָרן אויפ'ן פאָלק ישראל!

און רבי יוסף האָט איהם געענטפערט מיט א פעסטע שטים :

— איינמאָל האָב איך געשוואוירען, און איך וועל עס נישט ענדערען! איך און מיינע תלמידים וועלען זיך נעמען די צרות, און גאָט וועט אונז העלפען. און דו, גערעכטער אָנזאָגער, אנטפלעק אונז דעם סוד פון דער גאולה.

און אליהו־הנביא האָט געזעהן, אז רבי יוסף האלט זיך ביים זייניגען, און עס איז איהם נישט מעגליך איבערצורעדען, און ער האָט צו איהם אזוי געזאָגט :

— איך זעה, אז דיין הארץ איז שטארק, און פעסט איז דיין רצון, פול ביסטו מיט אמונה און בטחון, און דו וועסט קענען אויפטאָן די גרעסטע וואונדער; דו האָסט אויך פון דיינע מדרגות איבערגעגעבען דיינע תלמידים, און איהר זענט צוגעקומען צו א העכערע מדרגה ווי מלאכים — טוט ווייטער, און זאָל גאָט ברוך־הוא אייך העלפען אין אייער הייליגער ארבייט. מיר איז אָבער נישט איבערגעגעבען געוואָרען דער סוד פון דער גאולה. פרעג ביים גרויסען מלאך סנדלפון, וואָס שטעהט פינפהונדערט־יאָהר־גאנג העכער פון מיר און פלעכט קרוינען, פון אידישע תפילות, פאר'ן באשעפער'ס קאָפּ, אפשר וועט ער דיר איבערגעבען דעם סוד.

און אליהו־הנביא האָט רבי יוסף'ן איבערגעגעבען דעם סוד, ווי אראָפּצוברענגען דעם מלאך סנדלפון; ער האָט איהם אָנגעזאָגט, וואָס צו

טאָן און ווי צו רעדען מיט דעם גרויסען מלאך און זיינע מחנות. דערנאָך האָט ער איהם געגעבען א ביסל ווייררויך און ער האָט געזאָגט צו איהם :

— די תאוה פון עסען האָט איהר שוין אלע צעבראָכען, און איהר קענט שוין לעבען מיט דעם ריח פון ווייררויך, ווי מלאכים. דערפון זאָלט איהר שמעקען און אייערע הערצער וועלען געשטארקט ווערען, ווארים איהר האָט זעהר פיל אריבערצוטראָגען און בייצוקומען.

און אליהו־הנביא האָט זיי געבענשט און צוגעזאָגט, אראָפּצוקומען און העלפען זיי, ווען זיי וועלען איהם נאָר דארפען, און ער איז פאר־שוואונדען געוואָרען.

ז.

און אויף צומאָרגענס איז רבי יוסף אוועק מיט זיינע תלמידים, און זיי זענען געגאַנגען אין דער מדבר אריין. דאָרט האָבען זיי געפאַסט איין־און־צוואַנציג טעג כסדר, קיין ברויט האָבען זיי נישט געגעסען און קיין וואַסער האָבען זיי נישט געטרונקען, און ווען דאָס הארץ איז אין זיי פאַרחלש'ט געוואָרען, האָבען זיי עס דערכאַפּט מיט דעם ריח פון וויירויך, און זיי האָבען אראָפּגעוואָרפען פון זיך דאָס גאַנצע גשמיות, און געלייטערט זייערע נשמות. דערנאָך זענען זיי ארויס פון דער מדבר און צוגעקומען צו א טייכל, וואָס האָט גערוישט און געשטורעמט צווישען צוויי הויכע פעלזענווענט, און זיי האָבען זיך דאָרט טובל געווען איין־און־צוואַנציג מאָל. דערנאָך זענען זיי ארויף אויף דעם שפּיץ פון בארג, געמאַכט גלגול־שלג און זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד און געלעגען שטיל דריי טעג און דריי נעכט. אין זיי האָבען די הערצער שטיל געקלאָגט אויף גלות־השכינה, און זייערע נשמות זענען שיר אויסגעגאַנגען פון שטומער בענקשאַפט נאָך דער גאולה.

דעם פערטען טאָג, פאַרנאַכט, האָבען זיי אָנגעטאָן ווייסע מלבושים, זיך איינגעהילט אין טלית און תפילין, געדאַווענט און געזאָגט סליחות. דערנאָך האָבען זיי געמאַכט אַן עיגול ארום זיך, און זיך איינגעשלאָסען אין איהם. זיי האָבען זיך אָנגענומען ביי די הענט און געשטעלט אויף די שפּיץ־נעגעל, קוים אָנצוריהרען די ערד, און אויפגעהויבען די קעפּ צום הימעל, אויסגעגלייכט די העלזער, און ארויסגעזאָגט דעם „שם־בן־מ"ב", און באַשוואוירען דעם מלאך סנדלפון און זיין מחנה, זיי זאָלען אראָפּקומען אויף דער ערד.

און גלייך איז דער גאַנצער פּלאַץ פול געוואָרען מיט שטורם, דונערען און בליצען און אלץ האָט געציטערט. און א פייער האָט אָנגעצונדען די פעלזען און באַלויכטען דעם אייביגען שניי. א מחנה פון פייערדיגע וואָלקען, ענני־הכבוד האָט זיך אראָפּגעלאָזט פון הימעל, און סנדלפון און זיין גאַנצע מחנה זענען אראָפּ מיט גרוים שטורם.

און רבי יוסף און זיינע תלמידים האָבען געציטערט און זיי זענען געפאַלען אויף דער ערד און האָבען אויסגעשריגען:

„ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד!"

און סנדלפון האָט געדונערט מיט זיין שטים, און אויסגעשריגען:

— וואָס איז מיט אייך, מענשען־קינדער, וואָס איהר האָט זיך פאַר־נומען איבערצוקעהרען הימלען און איבערצושרעקען מלאכים ? ! געהט צוריק, טאָמער וועלען אייך מיינע מחנות פארברענען מיט דער פארע פון זייערע מיילער!

און רבי יוסף האָט זיך געשטארקט און ער האָט געזאָגט :

— מעכטיגער און הייליגער מלאך, באדינער פון גאָט ברוך־הוא, הער אויס די ווערטער פון דיין קנעכט, און צירן נישט אויף איהם. נישט פאר מיין כבוד, און נישט פאר דעם כבוד פון מיין פאָטער'ס הויז האָב איך עס געטאָן; איך האָב מקנא געווען די קנאה פון גאָט פון צבאות; איך האָב נישט געקאָנט אריבערטראָגען דעם צער פון דער שכינה, און די צרות פון כנסת־ישראל האָב איך נישט געקאָנט צוזעהן, און איך האָב איינגע־שטעלט מיין לעבען און דאָס לעבען פון מיינע תלמידים, און געשוואוירען צו פיהרען א מלחמה מיט דעם שטן, ביז מיר וועלען איהם מנצח זיין, מיט גאָט'ס הילף, און ברענגען די גאולה. און איך האָב גערופען צו דיר און צו דיינע הייליגע מחנות, אונז צו העלפען אין דער מלחמה.

און געשטילט האָט זיך דער צאָרן פון דעם מלאך, און ער האָט גע־ענטפערט און געזאָגט :

— בן־אָדם, דיינע ווערטער זענען שטארק און אויפריכטיג, און דיי־נע מעשים — גרויס און הייליג. דיינע תפילות זענען ארויפגעקומען צו מיר, און די שעהנסטע קרוינען האָב איך אויסגעפלאָכטען פון זיי, פאר בביכול'ס קאָפּ. אויך מיר מלאכים און שרפים, שמאכטען אין גלות, און בענקען נאָך דער גאולה. וואָס זאָל מען אָבער טאָן? צו שווער איז די אר־בייט און געפעהרליך און איבער אונזער כחות. די שליסלען פון דער גאולה זענען איבערגעגעבען געוואָרען צו די צוויי הייליגסטע מלאכים אין הימעל, אכתריאל און מטטרון — נאָר זיי קענען ביישטעהן קעגען סמאל'ן און זיין בת.

און דער מלאך סנדלפון האָט איבערגעגעבען רבי יוסף'ן דעם סוד, ווי אראָפּצוברענגען די צוויי גרעסטע מלאכים פון הימעל; ער האָט איהם אָנגעזאָגט אלץ, וואָס צו טאָן, ווי ער זאָל זיך מיט זיי פיהרען, און וואָס ער זאָל רעדען, און ער איז פארשוואונדען געוואָרען מיט זיינע מחנות.

און רבי יוסף און זיינע תלמידים האָבען זיך אויפגעהויבען, און זייערע הערצער האָבען זיך געשטארקט, נאָכדעם ווי זיי האָבען געזעהן דעם

מלאך פון גאָט. זיי האָבען געוואוסט, אז גאָט איז מיט זיי, און זייער ארבייט איז באוויליגט געוואָרען. און זיי האָבען זיך גענומען מיט מעהר ברען ווייטער צו דער ארבייט.

און צום פלוין פון ירדן זענען זיי געגאנגען, דאָרט האָבען זיי זיך ווידער מתבודד געווען און געפאסט פערציג טעג און פערציג נעכט, און גע־פייניגט זייערע לייבער. ביי יעדע תפילה האָבן זיי מכוין געווען אלע כוונות און יחודים, וואָס דער מלאך סנדלפון האָט איבערגעגעבען רבי יוסף'ן. און זייער התלהבות און דבקות איז געווען אזוי שטארק, אז ווען א פויגעל איז דורכגעפלויגען איבער זייערע קעפ, איז ער פארברענט געוואָרען. די וועלט איז געוואָרן קלאָר און דורכזיכטיג פאר זיי, און זיי האָבן געקוקט און געזעהן פון איין עק וועלט ביז צום צווייטען. ווען די פערציג טעג זענען אריבער, האָבען זיי זיך אויפגעהויבען און זיי זענען געגאנגען ביז צום טייך גיחון, און דער טייך האָט זיך געשפאָלטען פאר זיי און זיי זענען איהם דורכגעגאנגען אין דער טרוקעניש. און זיי זענען ארויפגעגאנגען אויף א גלייכען בארג. וואָס שטעהט ווי א וואנט איבער דעם טייך, דאָרט האָבען זיי זיך גענומען צוגרייטען צו דער גרויסער מנחה.

און זיי האָבען געמאכט אן עיגול און אין איהם א צווייטען עיגול, זיי זענען אריין אין דעם צווייטען און זיך אוועקגעשטעלט אין איהם, און איינער האָט אַנגענומען דעם אנדערן ביי דער האנט, און זיי האָבען אריינ־גענומען רבי יוסף'ן אין מיטען און געמאכט אן עיגול פון הענט ארום איהם. און זיי האָבען זיך געשטארקט און געשריגען צו גאָט מיט א צעבראָכען גע־מיט. זיבען מאָל האָבען זיי ארומגערינגעלט דעם עיגול, ביז עס איז אראָפּ א פייער פון הימעל און עס האָט געברענט ארום זיי. אין דעם פייערדיגען עיגול האָבען זיי זיך אוועקגעשטעלט, און האָבען ארויסגעזאָגט דעם הייליגען „שם־בן־ע"ב", און באשוואוירען מיט איהם די צוויי גרעסטע מלאכים פון הימעל, אכתריאל און מטטרון, זיי זאָלען אראָפּקומען מיט זייערע מחנות, צו העלפען זיי אין דער הייליגער ארבייט.

און ווען זיי האָבען ארויסגעלאָזט דעם הייליגען שם פון מויל, האָבען הימעל און ערד גענומען ציטערען, און בערג און ימים האָבען זיך אָנגעהויבען צו וויגען; דונערען האָבען צעבראָכען בוימער און בערג־שפּי־צען, און בליצען האָבען אויפגעשניטען די הימלען. און עס האָט זיך גע־שפּאָלטען דער הימעל, און די הייליגע מלאכים זענען אראָפּגעקומען, אין

פייערדיגע רייטוועגען, און אַ וואָלקען־שטויב איז געגאַנגען פאַר זיי.

און רבי יוסף און זיינע תלמידים האָבען דערזעהן און זיי האָבען קיין כח נישט געהאַט צו דערשטעהן אויף זייערע פיס. און זיי האָבען זיך געשטאַרקט און פעסט אָנגעהאַלטען איינער ביים אַנדערען, און געפאַלען צו דער ערד אין אַ עיגול און געזאָגט:

„ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד!"

און אכתריאל און מטטרון האָבען אויסגעשריגען צו זיי פון דער ווייטען מיט דער שטים פון דונער:

— ווער זענט איהר עס, ווערים־באַשעפענישען, וואָס האָט גע־האַט די העזה זיך צו באַנוצען מיט דעם חותם פון מלך, צו דערמאָנען דעם הייליגען שם, און טאָן אַזעלכעס, וואָס איז נאָך נישט געהערט געוואָרען זייט הימעל און ערד שטעהן!

און רבי יוסף האָט זיך געשטאַרקט און האָט אַ שמעק געטאָן פון דעם ווייראויך, און האָט געענטפערט מיט גרויס נידערטעניקייט און געבעטען:

— הייליגע שרים פון הימעל, דערבאַרעמט אייך און העלפט אונז אין אונזער גרויסער אַרבייט! צירענט נישט אויף אונז, אייערע אָרימע קנעכט. גיט רשות אייער קנעכט און ער וועט רעדען עטליכע ווערטער.

און די מלאכים האָבען איהם געענטפערט:

— רעד, בן־אדם, דיינע ווערטער!

און רבי יוסף האָט געזאָגט:

— הייליגע מלאכים, באַדינער פון גאָט, שטאַרקט אונז! די קנאה פון גאָט צבאות און זיין פאָלק האָט איבערפולט אונזערע הערצער, און דער צער פון גלות־השכינה האָט פאַרברענט אונזערע נשמות. מיר האָבען אוועקגעגעבען אונזער לעבען צו ברענגען די גאולה. לענגער וואַרטען קען מען שוין נישט! און איהר, הייליגע מלאכים, האָט רחמנות אויף די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, אויף די שאָף פון גאָט, האָט רחמנות אויף הימעל און ערד! קענט איהר דען נישט, ווי מיר, בלוט־און־פלייש, ברענגען קיין קרבן?

און ווייכער איז געוואָרען די שטים פון די מלאכים, און זיי האָבען געענטפערט:

— שווער און שרעקליך איז דער וועג, אויף וועלכען דו געהסט. געה צוריק, נאָכוואָס זאָלסטו פאַרלירען דיין לעבען? **שטאַרק איז סמאל**

און מעכטיג, און צוויי מויערען רינגלען איהם ארום, איינע פון אייזען און איינע פון שניי. הויך זענען זיי, פון הימעל ביז צו דער ערד, און זיי שטעהן, ווי מחיצות צווישען כנסת־ישראל און דעם פאטער אין הימעל — אט די מויערען דארפסטו דורכברעכען!

און רבי יוסף האט זיך געשטארקט, און געענטפערט מיט א זיכערער שטים:

— זאל מיינע הארען נישט פארדריסען און איך וועל נאך רעדען די ווערטער. איך האב געשוואוירען ביי גאט, אז איך וועל נישט רוהען און נישט שווייגען, ביז די גאולה וועט קומען. שווער איז דער וועג און געפעהרליך, אבער שווערער און געפעהרליכער זענען די צרות פון כנסת־ישראל, און שרעקליכער איז דער צער פון דער שכינה און דער גלות פון עליונים און תחתונים. העלפט אונז, שרים פון הימעל, און שטארקט אונז!

און די מלאכים האבען געענטפערט:

— גרויס איז דיין מסירת־נפש, בן־אדם, שטארק זיך און זאל דיין הארץ נישט פאלען!

און זיי האבען איהם איבערגעגעבען די סודות פון דער גאולה, און געלערענט איהם וואס צו טאן. זיי האבען נאכאמאל איהם אנגעזאגט און געווארענט, אז זיין וועג איז פול מיט די גרעסטע סכנות. און זיי האבען צו איהם אזויגעזאגט:

— פיפיג און ליסטיג זענען סמאל און לילית, די אוראלטע שלאנגען, און זיי פארשפרייטען פיל נעצען פאר דעם מענשען. היט זיך, זיי זאלען דיין נשמה נישט אריינכאפען און פארלענגערען דעם גלות! מיר וועלען דיר העלפען אין דיין שווערער און גרויסער ארבייט, און אראפוואר־פען סמאל און לילית'ן פון הימעל, און דו מיט דיינע תלמידים, שטארקט אייך, און פיהרט זיי געבונדענע צום בארג שעיר. איהר זאלט צו זייער גע־בעט נישט צוהערען, און נישט געבען זיי קיין זאך צו עסען, אדער צו טרינקען. פארשטאפט אייערע אויערען צו זייער געבעט, און לאזט זיך נישט אריינכאפען אין זייער נעץ!

און נאכאמאל האט געדונערט און געבליצט, און די ערד האט גע־טאן א ציטער, און די מלאכים זענען ארויף אין הימעל מיט שטורם.

ח.

און רבי יוסף האָט זיך אויפגעהויבען און איז אוועק מיט זיינע תלמידים צום בארג סיני, און דאָרט, אין אליהו־הנביא'ס הייל, ביים בארג חורב, האָט ער זיך אָנגעהויבען צוצוגרייטען צו דער רעכטער מלחמה מיט סמאל'ן און זיין כת. דאָרט האָט ער געטאָן אלצדינג, וואָס די מלאכים, אכתריאל און מטטרון, האָבען איהם אָנגעזאָגט, און זיינע תלמידים האָבען איהם געהאָלפען אין דער ארבייט.

און ער האָט געמאכט זעקס אייזערנע שטעקענס און אויף זיי אויס־געקריצט הייליגע שמות; און ער האָט אויסגעגאָסען צוויי גרויסע רינגען, פון בליי, און אויף זיי אויסגעקריצט פסוקים און הייליגע שמות. און א שווערט האָט ער געמאכט, א שפאן די לענג און שארף פון ביידע זייטען, און אויף איהר צירופים און שמות. און קייטען האָט ער אויסגעשמידט צו בינדען מיט זיי סמאל'ן און לילית'ן און אויסגעקריצט אויף זיי די שמות, וואָס די מלאכים האָבען איהם איבערגעגעבען. אלע זאכען האָט ער גע־מאכט מיט גרויס קדושה און טהרה, מיט כוונות און יחודים.

און די גאנצע צייט, וואָס זיי זענען געווען אין דער הייל, האָבען זיי נישט געגעסען און נישט געטרונקען און געלעבט בלויז מיט דעם ריח פון ווייררויך, און פארבראכט אין תפילות און בקשות, אין צירופים און יחודים.

און ווען אלצדינג איז שוין געווען צוגעגרייט און אָפגעטאָן, האָט רבי יוסף צוגערופען זיינע תלמידים און געזאָגט צו זיי אזוי:

— מיינע קינדער, שטארקט אייך און זאָל אייער הארץ נישט אָפ־פאלען! פיל שרעקליכע זאכען וועלען מיר טרעפען אין וועג, פיל סכנות וועלען אונז אנטקעגענקומען, און פיל שטערונגען וועלען מיר באגעגענען; זיי וועלען זיך מיהען צו צעמישען אונזערע מחשבות און אָפרייסען אונז פון דבקות. און איהר זאָלט זיך שטארקען און זיי נישט צולאָזען, אין זינען אריינעמען די כוונות און הייליגע שמות, וואָס די מלאכים האָבען אונז אי־בערגעגעבען, און אלץ וועט פארשווינדען. נישט שרעקט אייך פאר די קליפות, ווארים דער כח פון קדושה איז שטארקער, און ער וועט זיי ביי־קומען. געדענקט, נאָר שטארק זאָלט איהר זיין, און ביי זיך נישט אראָפ־פאלען אויף קיין איינציגער רגע!

און זיי האָבען איהם געענטפערט:

— מיר זענען שטארק, און אונזערע הערצער זענען זיכער און

פעסט! מיר האָבען געזעהן די גרעסטע מלאכים, און גערעדט מיט זיי, און געבליבען לעבען, און קיין זאך אין דער וועלט קען אונז נישט אָפּ־שרעקען.

און זיבען טעג און זיבען נעכט זיינען זיי געגאַנגען אין וועג, אָהן אָפּרוה און אָהן מידקייט. און זיי זענען צוגעקומען צו הויכע, שפּיציגע, פעלזען, און האָבען אריבערגעקלעטערט איבער זיי. און זיי זיינען דורכ־געגאַנגען פעלדער פון ברענעדיג זאמד און וועלדער פון שטעכעדיגע דער־נער. און זיי זענען אריין צווישען בערג און פעלזענשפּאַלטען; פוןביידע זייטען הויכע, גלייכע, ווענט פון שטיין און זייערע שפּיצען דערגרייכען ביז צום הימעל. שווערע פעלזען הענגען אראָפּ פון זיי, נאָר אראָפּצופאַלען און פארשיטען דעם תהום. אונטען א רוישיג טייכל, וואָס שטורעמט, שוימט און שפּריצט און וואשט אונטער די שטיינער. און קיין וועג דורכצוגעהן איז נישטאָ. האָבען זיי זיך געשטאַרקט און געגאַנגען, ביז זיי זענען דורך און ארויס פון דעם טאָל־פון־שאָטענס־פון־טויט. און זיי זענען ווייטער געגאַנגען, ביז זיי זענען צוגעקומען צו די הרי־חושך, און זיי האָבען נישט געזעהן קיין וועג און קיין שטעג. אויסגעלאָשען זיינען געוואָרען זייערע אויגען און זיי האָבען אָנגעטאַפּט די פינסטערניש; פאר־שוואונדען איז געוואָרען יעדער שיין פון לעבען, און דער חושך האָט אלץ פארשלונגען. זיי זענען איינגעהילט געוואָרען אין דער פינסטערניש, ארומ־גערינגעלט געוואָרען פון איהר, און זיי האָבען זיך נישט געקאָנט ריהרען. האָבען זיי זיך אָנגעהאַלטען, שטארק, איינער ביים אנדערענ'ס הענט, און רבי יוסף איז געגאַנגען פאָראויס, ער האָט זיי געפיהרט און געצווי־גען נאָך זיך, ביז זיי זענען דורכגעגאַנגען די הרי־חושך, נישט זעהענדיג אפילו די תהומות, וואָס האָבען זיך געעפענט אונטער זייערע פיס.

און אזוי ווי זיי זענען ארויס פון די הרי־חושך, איז אָנגעפאַלען אויף זיי א מחנה הינט, ווילדע און גרויסע, ווי וועלף און ווי לייבען, און זייער בילען האָט אָנגעוואָרפען א שרעק. האָט רבי יוסף געהייסען אויפהויבען אויף זיי די אייזערנע שטעקענס, מיט די הייליגע שמות, און אזוי ווי די שטעקענס זיינען נאָר אויפגעהויבען געוואָרען, זיינען די הינט פאר־שוואונדען.

און זיי זענען פארבייגעגאַנגען א טיפען וואלד, מיט מורא'דיג הויכע און דיקע בוימער, און דער וועג איז פאר זיי פארצוימט געוואָרען

פון די דערשלאָגענע ריזען, וואָס זענען געלעגען אַנגעוואָרפען אויף דער ערד, איינער איבער דעם אנדערען; זייערע פיס האָבען זיך פארפלאָנטערט אין די הויכע און געדיכטע גראָזען. פון דער טיפעניש פון דעם וואלד איז ארויסגעקומען א ווילד טרומפייטערען, וואָס האָט אַנגעוואָרפען א מורא. און זיי האָבען אויפגעהויבען זייערע אויגען און דערזעהן, ווי פון צווישען די הויכע בוימער קומט ארוים געגען זיי א מחנה פון ווילד־גרויסע העלפאַנ־טען, און זיי לויפען מיט א מורא'דיג טרומפייטערען. האָבען זיי ווידער אויפגעהויבען די שטעקענס אויף זיי, און עס איז פון זיי גאָרנישט גע־וואָרען.

און זיי זענען ווייטער געגאַנגען דורך דער מדבר, צווישען שלאַנגען און עקדישען, און זיי האָבען געקלעטערט אויף די בערג און צווישען די שפאַלטען פון די פעלזען. און געגען זיי איז ארויס א מחנה פון ווילדע חזירים, און פייער האָבען זיי געשפריצט מיט זייערע אויגען, וואָס זענען געווען פארלאָפען מיט בלוט, און שוים איז געגאַנגען פון זייערע אָפענע מיילער, מיט די געדרעהטע הערענדלעך ביי די שלעסער פון די ליפען. נאָך זיי האָבען נעפּוויזשעט פייערדיגע שלאַנגען און עקדישען, געגרעגערט און געשיפּעט, און רבי יוסף און זיינע תלמידים זיינען זיי באפאלען מיט די שטעקענס, און האָבען זיי געשלאָגען און פארטיליגט.

און פלוצלונג האָבען זיי דערזעהן א בארג פון שניי, הויך פון דעם הימעל ביז דער ערד. און דער בארג האָט זיי פארשטעלט דעם וועג, און זיי האָבען נישט געקאָנט געהן, נישט רעכטס און נישט לינקס. א ברע־נעדיגע קעלט האָט געיאָגט פון דעם בארג און פארקיהלט דאָס בלוט אין זייערע אָדערען, און א שניי־ווינט האָט געווירבעלט און געדרעהט ארום זיי, געוואָלט זיי פארשיטען און באגראָבען אין שניי. האָבן זיי אויסגע־מאָלט אין זייער געדאנק די שמות, וואָס די מלאכים האָבען זיי איבערגע־געבען, און אין זינען געהאט די כוונות, און דער בארג איז צעגאַנגען און פון איהם איז געוואָרען א טייך.

און ווייטער האָבען זיי מיחד געווען די יחודים און מצרף געווען די שמות, וואָס מ'האָט זיי אנטפלעקט, און אויסגעטרוקענט איז געוואָ־רען דער טייך, און זיי זענען איהם דורכגעגאַנגען אין דער טרוקעניש.

און זיי זיינען ווייטער געגאַנגען, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַן אייזערנער וואנט, הויך פון דער ערד ביז צום הימעל, וואָס האָט זיי פאר־

שטעלט דעם וועג, פארמאכט איבער זיי און זיי פארשלאָסען אינווענינ. האָט רבי יוסף ארויסגעכאפּט די שווערט, מיט די אויסגעקריצטע שמות, און ער האָט זי אריינגעשטאָכען אין דער וואנט און אויסגעשניטען אין איהר א טויער, האָט צוגעהאלטען די טיר און געלאָזט די תלמידים דורכ־געהן.

און איינער פון די תלמידים איז עטוואָס שוואך געוואָרען אין זיין אמונה, און ער האָט זיך דערשראָקען דערזעהענדיג די וואנט, און ער איז געווען דער לעצטער דורכצוגעהן דעם טויער, האָט זיך, זיין לינקער פוס אריינגעכאפּט אין טויער, און די טיר האָט זיך פארהאקט אויף איהם. האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען. האָט רבי יוסף ווידער ארומגעשניטען מיט זיין שווערט דאָס אייזען ארום דעם פוס, און דער תלמיד איז ארויס. און רבי יוסף האָט געשטארקט זיין הארץ, און האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך מעהר נישט שרעקען.

און ווי זיי זענען דורכגעגאנגען די וואנט, האָבען זיי דערזעהן א ברייטען טאָל ,ארומגערינגעלט מיט הויכע בערג. דער טאָל איז פול גע־ווען מיט אלטע חורבות און איבערבלייבענישען פון פארברענטע און איינ־געפאלענע פאלאצען. פון די חורבות איז ארויסגעקומען א מורא׳דיג בילען און האווקען פון הינט, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס גאנצע געגענט מיט שרעק און גרויל. און זיי זענען ווייטער געגאנגען, זיך נישט געשראָקען, און נישט געציטערט, און זיי זענען געגאנגען גלייך צו די חורבות.

און ווי זיי זענען צוגעקומען צו איינער פון די חורבות, זיינען ארויס־געשפרונגען אנטקעגען זיי צוויי מורא׳דיג גרויסע הינט, אן ער און זי, שווארצע, ווי די פינסטערניש פון די הרי־חושך. פון זייערע פארבלוטיג־טע, ווילדע, אויגען האָבען געשפריצט פונקען פון צאָרן און האס, און דורך די פארקריצטע ציין און אָפענע מיילער איז געלאָפען שוים. און זיי האָבען זיך געוואָרפען אויף רבי יוסף׳ן און זיינע תלמידים, זיי צו צערייסען; זיך געוואָרפען און אָפּגעשפרונגען.

און רבי יוסף און זיינע תלמידים האָבען מכוין געווען די הייליגע שמות, וואָס די מלאכים האָבען זיי איבערגעגעבען, און גלייך האָבען זיך די הינט פארקליידט אין א מענשליך געשטאלט, ריזען, מיט שווארצע פליגל, און זייערע גופים פול מיט אויגען. און זיי האָבען געעפענט זייערע מיילער און געוואָלט איינשלינגען רבי יוסף׳ן און זיינע תלמידים.

און רבי יוסף האָט מכוין געווען זיינע כוונות און דערמאָנט די שמות, און זיי זענען גלייך געבליבן שטעהן ווי צוגעשמידטע צו זייערע ערטער, און האָבען זיך נישט געקאָנט ריהרען. דעמאָלט איז ער צוגעגאנגען צו זיי און האָט ארויפגעטאָן אויף זייערע העלזער די בלייענע רינגען, מיט די שמות, און זייער כח איז אינגאנצען אוועק פון זיי, און זיי האָבען זיך גאָרנישט געקאָנט וועהרען, און האָבען זיך געלאָזט בינדען מיט די קיי־טען, וואָס רבי יוסף האָט געמאכט פאר זיי אין דער הייל.

און רבי יוסף האָט זיי געבונדען מיט די קייטען, און ער האָט זיי גענומען פיהרען. אליין איז ער געגאנגען פאר זיי, צוויי תלמידים זיינען געגאנגען פון דער רעכטער זייט, צוויי פון דער לינקער זייט. און איינער הינטער זיי, און האָבען זיי געפיהרט ביי די קייטען.

ט.

און ווען זיי האָבען געזעהן, אז זיי זענען געבונדען און דער כח איז אוועק פון זיי, האָבען זיי אָנגעהויבען צו וויינען און צו קלאָגען און זיך צו בעטען, און האָבען אזוי געזאָגט:

— וואונד און וועה איז אונז; סמאל און לילית זענען מיר; אויף דער גאנצער וועלט איז פארשפרייט געווען אונזער ממשלה, און קיינער האָט אונז נישט געקאָנט בייקומען; מלאכים און שרפים האָבען געציטערט פאר אונז — איצט זענען מיר אריינגעפאלען אין די הענט פון בלוט־און־פלייש, און מיר קענען זיך נישט ארויסרייסען פון זיי. צום בארג שעיר שלעפט מען אונז, דאָרט וועלען מיר געקוילעט ווערען ווי די שאָף. האָט רחמנות אויף אונז, גיט אונז כאָטש א טרונק וואסער פאר דער שחיטה; א טרונק וואסער גיט אונז, די נשמות צו דערהאלטען, וואָרים איהר האָט אונז געגוג געפייניגט, איידער מיר זענען אראָפּגעפאלען פון אונזער הויך!

און רבי יוסף און זיינע תלמידים האָבען נישט צוגעהערט צו זייער געוויין און נישט געענטפערט, און שטילערהייד זיי ווייטער געפיהרט.

און ווידער האָט זיך סמאל גענומען בעטען, און ער האָט גערעדט מיט א פאלשער צונג:

— גרוים און מעכטיג איז דער מענש און שטארקער איז ער פון מלאכים; מעכטיג איז זיין ווילען, און ווער קען זיך געגען איהם שטעלען; לאָמיר זינגען צום מענש אונזער לעצט לויב־געזאנג; לאָמיר איהם דינען און לויבען זיין גבורה פאר אונזער טויט, דען אין די הענט פון שטארקערע פון מלאכים זענען מיר אריינגעפאלען!

און דידאָזיגע ווערטער האָבען זיך אריינגעג'גנבה'ט אין דעם הארץ פון איינעם פון די תלמידים, און זיי האָבען צעמישט זיינע מחשבות און איבערגעריסען זיינע כוונות, און ער האָט דערפיהלט א שוואכקייט און ער האָט ווייטער נישט געקאָנט געהן, האָט ער גענומען א שמעק ווייַרויך זיך צו שטארקען.

און דאָס איז געווען דערזעלבער תלמיד, וועמעס פוס איז פאר־קלעמט געוואָרען אין דער אייזערנער וואנט.

און ווייטער האָט סמאל אָנגעהויבען און ער האָט געזאָגט:

— א מלאך בין איך געווען, און דער ריח פון ווייַרויך האָט מיך דער־נעהרט. אין דיינע הענט בין איך איצט, בארעמהערציגער צדיק, און פון

זיי וועל איך זיך שוין נישט ארויסרייסען. האָב רחמנות און גיב מיר כאָטש א שמעק וויירויך, איך זאָל קענען דערגעהן צו מיין שחיטה! א מלאך בין איך דאָך, און דעם ווילען פון דעם באשעפער האָב איך געטאָן, און געפּרואווט דעם מענש, ווען איך האָב נישט געקאָנט. לאָמיך פאר מיין טויט כאָטש קענען זאָגען, אז איך האָב א טעות געהאט, און נישט געקאָנט דעם מענשען'ס רחמנות.

און דער תלמיד האָט אויסגעשטרעקט אביסל וויירויך צו סמאל'ס נאָזלעכער . . .

און אזוי ווי סמאל און לילית האָבען דערשמעקט דעם וויירויך, איז אוועק דער כח פון די הייליגע שמות, און די השבעות זענען בטל געוואָרען, און זיי האָבען צעריסען די קייטען און אנטרונען געוואָרען.

און דונערען און בליצען, און א רויך ארום און ארום, און א שטאַרקע פינסטערניש האָט אלץ ארומגעהילט. און א יאָמערליך געוויין איז ארוים פון הימעל, און פון דעם געוויין האָט זיך געהערט א קול:

— וועה איז מיר! רבי יוסף דילה ריינא האָט מקטיר געווען קטורת פאר סמאל'ן און פארלענגערט דעם גלות!

און א פייער איז ארוים און האָט פארברענט דעם תלמיד, וואָס האָט דערלאנגט סמאל'ן דעם וויירויך, און א דונער האָט א קנאל געטאָן און צוויי פון די תלמידים זענען געפאלען צו דער ערד טויטע.

און א שרעקליך געלעכטער האָט זיך צעטראָגען צווישען די בערג און אָפּגעקלונגען אָן די הארטע פעלזען; שרעקליך איז געווען דאָס געלעכטער און שפּאָטיש האָט עס געקלונגען; עס האָט געריסען אין די אויערען, און געקראצט אין די מוחות, און די איבערגעבליבענע צוויי תלמידים זענען דערפון משוגע געוואָרען און אנטלאָפען אין דער מדבר.

איינער אליין איז רבי יוסף געבליבען, א צעטומולטער אין דער וויסטער פינסטערניש. זיינע אויגען האָבען זיך אויסגעלאָשען, זיין פארשטאנד האָט איהם פארלאָזט, זיין כח האָט פון איהם אוועקגעוואנדערט, און א פאר'חלש'טער איז ער געפאלען צו דער ערד, אין אונמאכט.

י.

און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער דערזעהן, אז ער ליגט לעבען א קריסטאַל־קלאָר טייכעל, און ער האָט זיך איינגעקוקט און דערזעהן זיין פארקרימט און פארקנייטשט פארמעט־פּנים, מיט די פארקריצטע ציין און פארביסענע ליפּען. פון דעם טייכל האָבען ארויסגעקוקט א פּאָר אויגען, אין וועלכע עס איז געווען אָנגעצונדען א פרעמד־פייערל, וואָס האָט פארגלאַנצט די טרערען, וואָס זענען געבליבען שטעהן אין זיי. און ער האָט דערזעהן די גרויע האָר פון זיין קאָפּ און באָרד, וואָס זענען געוואָרען פארטשוועקעוועט און צעשויבערט, און האָבען אויסגעזעהן, ווי פארשנייטע אייז־קנייטלעך וואָס הענגען אראָפּ פון דעם דאך פון א חורבה אין א ביטערען פראָסט, און דערשראָקען האָט ער זיך פאר זיין אייגען געשטאַלט.

און אין זיינע אויערען האָט געקלונגען דאָס שפּאָט־געלעכטער און די גרילצענדיגע שטים:

— „רבי יוסף דילה ריינא האָט מקטיר געווען קטורת פאר סמאל׳ן און פארלענגערט דעם גלות מיט זיינע זינד!“

און טראָציג האָט זיך רבי יוסף אויפגעהויבען און אויסגעגלייכט, זיינע צאָרניגע אויגען האָט ער געווענדעט צו דער הויך, און פארמאכטע, ציטערדיגע פויסטען אויסגעשטעלט געגען די פארכמארעטע בייזע הימלען, און ער האָט אויסגעשריגען און געזאָגט:

— פאר א שפּילכל האָסטו מיך באשאפען, באשעפער פון דער וועלט!

נישט סמאל האָט פארשפּרייט די נעץ פאר מיר, צו פאנגען מיין נשמה, נייערט דו! דו האָסט אָנגעצונדען אין מיין הארץ א ברענענדיג פייער זיך אָנצונעמען פאר דיין כבוד, און איך האָב מיין גאנץ לעבען פאר דיר פארברענט. ווען איך האָב זיך געוואָרפען אין פיבער פון בענקשאַפט און ליבשאפט צו דיר און געקורטשעט פון צער פון דיין שכינה, וואָס וואנדערט ארום אין גלות, ביסטו זיך געזעסען רוהיג אויף דיין כסא־הכבוד און פון מיר געשפּאָט. א שפּיל איז עס געווען פאר דיר. דאָס פלייש פון מיין קערפּער האָב איך פאר דיר פארצעהרט אין תעניתים, דעם מארך פון מיינע ביינער אויסגעטרוקענט מיט שלאָפלאָזיקייט, און דו האָסט געקוואָ־לען פון געלעכטער איבער דיין אָרימען קרבן! א לוסט־שפּיל איז עס גע־

ווען פאַר דיר, דו האָסט מיך בלויז געוואָלט פּרוּוון און זעהן, ווי איך צאַפּל אין יסורים פון דיינעט וועגען !

— אָ, גאָט פון גערעכטיקייט און גנאָד, אַלמעכטיגער באַשעפער פון וועלטען! אַ קליין ביסעלע ווייערויך האָט אויפגערייצט דיין צאָרן און דערוועקט דיין קנאה, און דו האָסט עס נישט געקאָנט אַריבערטראָגן ! האָסט מיך געפּרואווט און געשטרויכעלט, און איך בין געפאַלען, איצט זיצסטו און לאַכסט איבער מיין פאַל. אַ שפּיל איז עס פאַר דיר, אַ לאַנג־ווייליגער צייט־פאַרטרייב !

— אָ, גאָט פון אמת און חסד, דאָס איז דאָך דיין נאָמען און דיין לויב, און וועלטען האָסטו באַשאַפען, זיי זאָלען דיר דאָס טאָג־טעגליך דער־מאָנען! אַן אויסגענאַרטער, אַן אומגליקליכער, שטעה איך איצט פאַר דיר, ווי אַלע וועלטען וואָס דו האָסט באַשאַפען פאַר שפּילצייג, צו קווע־לען פון זייערע אומענדליכע יסורים, און פאַרשפּילען דיין אייביגע לאַנג־ווייליקייט. אָ, גאָט פון גערעכטיקייט און מיטלייד !

— און איך, דיין אויסגעלאַכטער קרבן, וועל דיר צעשטערען דיין שפּיל, און אין דיינע הימלען דיך נישט לאָזען רוהען! דיינע הייליגסטע מלאכים, דיינע קרוינען־פלעכטער און קדוש־טאַנצער, וועל איך פאַרשלע־פּען אין די ניין־און־פערציג־טויערען־פון־טומאה. מיט דעם כח פון דיין נאָמען וועל איך דיך נישט לאָזען רוהען! נקמה וועל איך נעמען פאַר דער פּיין פון וועלטען און פאַר די ליידען פון וועלטען !

— אָ, גאָט פון גערעכטיקייט און גנאָד! כאַ, כאַ, כאַ . . .

און אַ טייוועלשער געלעכטער האָט זיך צעטראָגען צווישען די בערג, און צעבראָכען אָן די שפּיצען פון די צאָרניגע פעלזען, און אין דער גאַנצער וועלט האָט אָפּגעקלונגען :

— כאַ, כאַ, כאַ, גאָט פון גערעכטיקייט און גנאָד, כאַ, כאַ, כאַ !

און די הימלען זענען רויט געוואָרען און צאָרניג געשוויגען, און די ערד האָט זיך אָנגעצונדען מיט אַ פייער . . .

* *
*

און רבי יוסף דילה ריינא האָט זיך אַריינגעלאָזט אין זינד און ער האָט פאַראומרייניגט זיין לייב אין דער ערגסטער טומאה, און צו־להכעיס גיטאָן דעם באַשעפער מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט.

און די נידריגסטע טעכטער פון מענשען האָט ער געזעהען און גע־גלוסט צו זיי, און מיט די טעכטער פון שדים האָט ער געלעבט.

און די הייליגסטע מלאכים האָט ער באשוואוירען, און איבערגע־ריסען זייער שירה, און אראָפּגעשלעפּט זיי אויף דער ערד און פארזינדיגט. און ווי קנעכט האָבען זיי איהם געמוזט פאָלגען און טאָן אלצדינג, וואָס ער האָט נאָר פארלאנגט, און העלפען איהם אין די וועגען פון טומאה און זינד.

און קיינער האָט איהם גאָרנישט געקאָנט טאָן, וואָרים מיט דעם הייליגסטען שם־המפורש האָט ער באשוואוירען דעם באשעפער און זיינע מלאכים און שדים, און הימעל און ערד און זייער גאנצער הערשפאט, און קיינער האָט איהם גאָרנישט געקאָנט טאָן . . .

דער קוש.

דער קוש.

הקדמה.

רבותי! איך האָב געפונען אין קעלער־אַלטע־שמות זעהר א פורכט־באַרע מעשה. דידאָזיגע מעשה שטאַמט נאָך פון גאַנץ אַלטע צייטען, פון יענע דורות פון אמונה, דעמאָלט ווען נסים זענען געשעהן טאָג־טעגליך, וואונדער זענען פאָרגעקומען יעדע מינוט און יעדע רגע, און מענשען האָבען געהאַט אָפענע אויגען און אויערען זיי צו זעהן און צו הערען. אין יענע צייטען זענען מענשען פון דער וועלט נאָך נישט געווען אָפגעריסען פון מענשען פון יענער וועלט; זיי פלעגען נאָך גאַנץ אָפט האָבען צו טאָן מיט באַשעפענישען פון גאַנץ אַנדערע וועלטען. די שדים זענען נאָך נישט גע־האַט פאַרטריבען געוואָרען הינטער די הרי־חושך; און זייער שנאה צו מענשען איז נאָך נישט געווען גרויס; אדרבא, זיי האָבען גאָר געוואָלט לעבען בשלום מיט מענשען, און זיך אויסמישען מיט זיי, ווערען גאַנצע מחותנים. אין יענע צייטען האָט זיך גאַנץ אָפט געטראָפען, אַז א מענשען־קינד האָט גענומען א שדים־טאָכטער פאַר א ווייב, און א שד האָט זיך גע־כאַפּט א טאָכטער פון אונזער וועלט. נאָך זייער טויט פלעגען פאָרקומען גאַנצע דין־תורות צווישען די יורשים פון מענש און שד, צוליב דער ירושה, און מ'פלעגט זיי מוזען אָפּגעבען קעלערס און חורבות. עס פאַרשטעהט זיך, אַז פון אַזעלכע שידוכים פלעגט קיין גוטס נישט אַרויסקומען, און קיין מענש, א בר־דעת, האָט עס נישט געוואָלט. געזוכט אַזעלכע שידוכים האָבען נאָר די שדים און די שדות; זיי האָבען געטאָן כל המינים תחבולות דערצו; זיי האָבען געלאַקערט אויף דעם מענשען, געזוכט זיי זאָלען האָבען שליטה איהם אַריינצוקריגען צווישען זיך. גאַנץ אָפט פלעגען זיי קומען צווישען מענשען, צו לערנען זייערע מנהגים. אַמאָל פלעגט טרעפען, אַז צו א דרשה פלעגט פּלוצלונג ענג ווערען אין שול, האָט מען געוואוסט, אַז דאָס זענען יענע־לייט געקומען אין זייער מלאכים־געשטאַלט, זיי זעהן אַלעמען און קיינער קען זיי נישט זעהן. דער אשמדאי פלעגט יעדען טאָג אַרויפ־געהן אין הימעל, צו לערנען תורה אין דער ישיבה־של־מעלה. עס זענען דעמאָלט געווען שדין־יהודאין, מיט אידישע נעמען, ווי יוסף שדא און אַנדערע, וואָס ווערען געבראַכט אין דער גמרא און אין אַנדערע הייליגע ספרים. זיי האָבען זיך געפיהרט ווי אידען, האָבען זיך געהאַט זייערע שולען אין זייערע מקומות, האָבען געדאַווענט און געלערענט תורה, לויט

זייערע ווילדע מנהגים. זיי פלעגען לאקערען און ארייננכאפען א בן־תורה, וואָס איז געשטרויכעלט געוואָרען און אראָפּ פון וועג, וואָס האָט זיך גע־לאָזט איבערריידען און האָט זיי פארקויפט זיין נשמה, פלעגען איהם מאכען פאר א רב איבער זיי, ער זאָל פסק'ענען זייערע שאלות, פיהרען זייערע דין־תורות און לערנען מיט זייערע קינדער. ער פלעגט מוזען פארבלייבען ביי זיי אויף אייביג און ווערען איינער פון זיי.

ווי געזאָגט, איז ביי זיי נישט געווען קיין שנאה צו מענשען, נייערט, זיי האָבען טיילמאָל געדארפט באשטראָפען איינעם, וואָס איז איבערגעגע־בען געוואָרען אין זייערע הענט אריין צוליב זיינע חטאים. זיי פלעגען מאכען א משפט איבער איהם, פסק'ענען לויט זייערע דינים, וואָס אין מערערע פאלען זענען זיי אנדערש ווי אונזערע; אמאָל גאָר משונה־ווילד און לאָזען זיך נישט גלויבען.

און הערט א מעשה־נורא.

א.

אין יענע אַלטע צייטען האָט געלעבט אַ איד, אַ גרויסער עושר. ער האָט געהאַט פיל גרויסע מסחרים אין זיין מדינה און נאָכמעהר—מעבר־לים. ער האָט פאַרמאָגט פיל שטעט און פּאַלאַצען אויף דער יבשה, פיל שיפען אויף דעם ים און פיל קאַראַוואַנען איבער דער מדבר. ער פלעגט אַליין פאַרברענגען די מעהרסטע צייט אויף וויטע נסיעות איבער ימים און מדבריות, צוליב זיינע עסקים. ער האָט געהאַלטען פיל נאמנים אין זיינע געשעפטען און אונטער זיי זענען געווען פיל מענשען און קנעכט, שרייבער און פּועלים. דער גביר האָט געהאַט אַ ווייב און אַן איינציגען זוהן, זעהר אַ געראָטענעם. זיי האָט ער באַזעצט אין איינעם פון זיינע פּאַלאַצען. דאָס ווייב איז געווען די עקרת־הבית, און דער זוהן איז געזעסען און האָט גע־לערענט טאָג און נאַכט. אין די מסחרים האָבען זיי זיך נישט געמישט, און האָבען נישט אָנגעהויבען צו וויסען וואָס אין זיי טוט זיך, וואָרים אַזוי איז געווען דער ווילען פון דעם אידען.

און ווען די צייט איז געקומען, האָט ער חתונה געמאַכט זיין בן־יחיד אין גרויס עשירות און כבוד, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר איהם. דער זוהן איז געהאָלפען געוואָרען מיט קינדער און די משפחה האָט זיך פאַר־גרעסערט, און זיי זענען אַלע געווען צוזאַמען.

די צייט האָט זיך אָנגערוקט און די עלטער האָט אָנגעשלאָגען, און דעם אַלטען גביר'ס ווייב איז, נישט פאַר אונז געדאַכט, געשטאָרבען. דער גביר האָט מעהר נישט חתונה געהאַט, נייערט, ער האָט זיך אָפּגעגעבען מיט זיינע מסחרים ווי פריהער. ער האָט פאַרבראַכט די מעהרסטע צייט אויף די נסיעות און אין זיינע געשעפטען, וואָס ער האָט געהאַט אין שטאָט, און קיינמאָל נישט געהאַט קיין מינוט צייט.

איינמאָל איז ער אַהיימגעקומען אַ טרויעריגער און אַ פאַרזאָרגטער, און האָט געזוכט צו פאַרבאָרגען זיין צער און צו דערווייטערען זיך פון מענשען. עס האָט נישט לאַנג גענומען און ער איז, לאַ־עלינו, קראַנק גע־וואָרען. האָט ער אַריינגערופען זיין איינציגען זוהן און האָט צו איהם אַזויגעזאָגט:

— מיין קינד! איך בין אַלט, און דאָס איז די קרענק פון וועלכער איך וועל שטאַרבען. איך לאָז דיר איבער זעהר אַ גרויסע ירושה, וואָס איך האָב פאַר דיר אָנגעזאַמעלט מיין גאַנץ לעבען. אפילו דו זאָלסט לע־

בען מתושלח'ס יאָהרען, וועסטו אויך נישט קענען פארברויכען אזוי פיל. דארום וויל איך פון דיר, אז דו זאָלסט זיך נישט יאָגען נאָך קיין מסחרים, נייערט, דו זאָלסט זיצען אינדערהיים און עוסק זיין אין תורה און עבודה דיין גאנץ לעבען. לאָז איבער די עסקים אין די הענט פון מיינע נאמנים, וועלכע איך האָב אויסגעפּרואווט און אויסגעפּאָרשט מיין גאנץ לעבען, און אויסגעפונען, אז מ'קען זיך אויף זיי פארלאָזען. איין זאך וויל איך פון דיר, דו זאָלסט מיר צושווערען, אז דו וועסט קיינמאָל נישט פאָהרען אויף דעם ים, מעג עס זיין די קלענסטע נסיעה. געדענק, איך פארלאנג עס פון דיר בגזרת כבוד־אב!

האָט דער זוהן געבעטען זיין פאָטער, ער זאָל איהם אנטפּלעקען דעם טעם, פארוואָס ער פארלאנגט דאָסדאָזיגע פון איהם, און דער פאָטער האָט איהם נישט געוואָלט זאָגען, נייערט, ער האָט געזאָגט, אז דאָס איז זיין לעצטער פארלאנג, און אויב ער וועט איהם פאָלגען און צושווערען, וועט איהם גוט זיין זיין גאנץ לעבען, און ער אליין וועט אויך קענען רוהיג שטארבען.

און ער איז זעהר שטארק צוגעשטאנען, און דער זוהן האָט איהם צוגעשוואוירען, אז ער וועט קיינמאָל נישט עובר זיין אויף זיין פארלאנג און זיך נישט לאָזען אויף דעם ים.

און דער פאָטער האָט איהם איבערגעגעבען דאָס גאנצע פארמעגען, וואָס ער האָט געהאט אויף דער יבשה, די צאָל פון די שיפען, וואָס ער האָט געהאט אויף דעם ים און פון די קאראוואנען, וואָס ער האָט געהאט איבער די מדבריות, און וועגען דעם פארמעגען, וואָס ער האָט געהאט אויף יענער זייט ים, האָט ער גאָרנישט דערמאָנט.

דעמזעלבען טאָג נאָך איז דער אלטער גביר געשטאָרבען, און איז באגראָבען געוואָרען מיט גרויס כבוד. דער זוהן האָט אוועקגעגעבען א גרויס פארמעגען אויף צדקה, ווי דער פאָטער האָט איהם אָנגעזאָגט אין זיין צוואה.

די שבעת־ימי־האבל זענען אריבער, און דער זוהן האָט געטאָן ווי דער פאָטער האָט איהם אָנגעזאָגט און זיך ווייניג וואָס געמישט אין די עסקים, און זיי איבערגעלאָזט אין די הענט פון דעם עלטסטען פון די נאמנים, וועמען זיין פאָטער האָט דערהויבען דערצו נאָך א שטיק צייט פאר זיין טויט.

אזוי זענען אויך דורך די שלושים. דער זוהן איז געזעסען און האָט עוסק געווען אין תורה און עבודה, און יעדען טאָג געלערענט משניות פאר זיין פאָטער'ס נשמה. אזוי איז פארבייגעלאָפען דאָס יאָהר, און עס איז איהם נישט איינגעפאלען אָפּצוטרעטען אויף קיין האָר פון זיין פאָטער'ס צוואה.

איינמאָל איז אָנגעקומען א גרויסע שיף, אָנגעלאָדען מיט גאלד און זילבער, אבנים־טובות און פערל; מיט די טייערסטע פעל און די שמעקעדיגסטע בשמים. די שיף האָט זיך פאראנקערט אין פּאָרט, און דער קאַפּיטאַן און זיינע שיפסלייט זיינען געגאנגען צום גביר און האָבען איהם איבערגעגעבען אלצדינג, וואָס איז געווען אין דער שיף. דער יונגערמאַן האָט נישט אָנגעהויבען צו וויסען פון קיין זאַך, האָט ער געפרעגט דעם הויפּטנאמן, און יענער האָט אויך נישט געוואוסט. האָט ער איבערגעפרעגט דעם קאַפּיטאַן, אויב ער מאכט אמאָל נישט קיין טעות, האָט איהם דער קאַפּיטאַן אָנגעקוקט א פארוואונדערטער און האָט געזאָגט :

— א פנים דו ווייסט גאָרנישט פון דיין פארמעגען אויף יענער זייט ים !

און ער האָט איהם דערציילט וועגען דעם גרויסען פארמעגען, וואָס זיין פאָטער האָט איבערגעלאָזט דאָרט, און אז דאָס איז נאָר די יעהרליכע הכנסה פון יענעם פארמעגען; אז יעדעס יאָהר פלעגט דער פאָטער אליין קומען און עס אָפּנעמען און אריינלעגען אין פרישע מסחרים און קניות, און ווען ער איז געווען צום לעצטען מאָל, האָט ער אָפּגעמאכט מיט איהם, אז אויב גאָט וועט איהם נישט לאָזען לעבען, אָדער ער וועט חלילה קראנק ווערען און וועט מעהר נישט קענען קומען, זאָל ער יעדעס יאָהר ברענגען צו זיין איינציגען יורש א גרויסען טייל פון דער יעהרליכער הכנסה, דאָס איבעריגע זאָל ער אראָפּנעמען פאר זיך, שכר־טרחה. ער זאָל בעל־הבית'ען איבער זיין גאנץ פארמעגען.

און ער האָט איהם דערציילט, אז ער איז געווען זיין פאָטער'ס בעסטער ידיד, און אז זיי זענען געוואָרען אוהבים נאמנים אמאָל, ווען זיי זיינען ביידע געווען אין א גרויסע סכנה, דעמאָלט ווען זיי האָבען זיך ביידע ארויסגעראטעוועט אויף אן איינציג ברעט פון א שיף, וואָס איז איינגאנצען אונטערגעגאנגען.

צוויי וואָכען צייט איז די שיף געשטאנען פאראנקערט אין פּאָרט,

און דער קאפּיטאַן און זיינע הויפּטלייט זענען איינגעשטאַנען ביים גביר. זיי האָבען געהאַלטען אין איין אָפּריהמען די גיטער, וואָס דער פאָטער האָט איהם דאָרט איבערגעלאָזט, ביז זייערע ווערטער זיינען איהם אריין אין קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיך געזעגענט מיט זיי, און דער קאַפּיטאַן האָט איהם צוגעזאָגט, צו קומען איבער־א־יאָהר, מ'זאָל דערלעבען, אין דער־זעלבער צייט, און ברענגען איהם דאָס זייניגע.

דאָס פאַרמעגען פון יענער זייט ים האָט איהם א גאַנץ יאָהר נישט געלאָזט רוהען, און ער האָט שטאַרק נאָכגעקלערט וועגען דעם; עס האָט איהם פיל מאָל מבלבל געווען אין זיין לערנען און דאַווענען. דאָס ווייב האָט דערצו אויך אביסל צוגעהאָלפען. זי האָט גענומען איינ'טענה'ן מיט איהם, אז מ'דאַרף עפּעס טאָן דערצו, אז אינגאַנצען אין פרעמדע הענט זאָל אזא פאַרמעגען נישט זיין. ער האָט געפּרואווט איהר באַרוהיגען און אויפוייזען, אז ער האָט צו טאָן מיט זעהר ערליכע לייט, וואָרים זיי האָבען דאָך געהאַט א ברירה אינגאַנצען זיך נישט וויסענדיג צו מאַכען דער־פון. ער האָט איהר געוואָלט אויפווייזען, אז זיי דאַרפען זיך בכלל מעהר נישט יאָגען נאָך קיין פאַרמעגען, ווייל זיי קענען קיינמאָל נישט פאַרברויכען זייער עשירות, וואָס דער פאָטער האָט זיי דאָ איבערגעלאָזט. עס האָט אָבער נישט געהאָלפען. איהם זעלבסט האָט עס אויך גאַנץ אָפט באַ־אומרוהיגט. עס פלעגט זיך איהם אלעמאָל אוועקשטעלען א קשיא: פאַר־וואָס האָט דער פאָטער פון איהם דוקא פאַרלאַנגט, ער זאָל איהם צושווע־רען, אז ער וועט קיינמאָל נישט פאָהרען איבער דעם ים; פאַרוואָס האָט ער פאַרהוילען זיין עשירות פון יענער זייט ים פון איהם?

אזוי איז עס איהם אריין שטאַרק אין קאָפּ, און עס האָט איהם נישט געלאָזט רוהען א גאַנץ יאָהר. ער האָט געפּרואווט עס פאַרטרייבען פון זיינע געדאַנקען, אַרויסשלאָגען פון קאָפּ, און האָט נישט געקאָנט.

ב.

און פונקט צום יאָהר איז נאָכאמאָל געקומען די שיף, און זי האָט געבראכט נאָך א גרעסער פארמעגען. דער יונגער גביר האָט ווידער אריינגענומען דעם קאפיטאן און זיינע הויפלייט צו זיך אין זיינע פאלאצען, און געמאכט פאר זיי גרויסע סעודות; און זיי זענען געווען ביי איהם א חודש צייט.

און די גאנצע צייט האָבען זיי איהם געהאלטען אין דערציילען וועגען זיין גרוים עשירות אויף יענער זייט ים, און אין איין אָפריהמען זייער לאנד. און זייערע ווערטער זענען אריין איהם גוט אין הארץ, און זיי האָבען דאָרט אָנגעצונדען א פרעמד פייער, דאָס איז דאָס פייער פון שטן, צו גלוסטען אהין. זיי האָבען גערעדט זעהר פיל מיט זיין ווייב, און צעפלאקערט איהר תאוה צום גרויסען עשירות.

און זי האָט גענומען ארבייטען און פארפיהרען איבער איהם, צורעדען איהם עובר צו זיין אויף דער שבועה. זי האָט איהם גענומען איינרעדען, אז זיין פאָטער האָט איהם קיינמאָל נישט ליב געהאט, נישט איהם און נישט זיין מוטער, און ער האָט איהם דעריבער אזוי באשוואוירען. און זי האָט גערעדט שלעכטס אין זיינע אויערען אויף דעם טויטען פאָטער, און ער האָט געהערט און געשוויגען, וואָרים אין זיין הארץ איז אויך געזעסען א וואָרעם און האָט דאָרט גענאָגט, און דאָס פרעמדע פייערל האָט דאָרט געברענט אין א באהאלטען ווינקעל.

און אין דער ענדע פון דעם חודש, האָט איהם דער שיפסקאפיטאן אריינגערופען אין א באזונדער חדר, און האָט צו איהם אזויגעזאָגט:

— זאָלסט וויסען, אז איך בין אלט און קען אויף זיך מעהר נישט טראָגען אזא משא. איך האָב צופיל אייגענע נחלאות און קען זיך אפילו מיט זיי נישט אָפגעבען. דעריבער איז מיין עצה, אז דו זאָלסט אליין מיטפאָהרען און טאָן מיט דעם פארמעגען ווי דו וועסט פארשטעהן.

האָט דער יונגערמאן צו איהם געזאָגט:

— ווי קען איך דען טאָן אזא זאך און פארזינדיגען מיין נשמה?

האָט צו איהם דער קאפיטאן אזיגעזאָגט:

— דו זאָלסט וויסען, אז דיין פאָטער, זאָל איהם דאָרט צו קיין גנאי נישט זיין, האָט שטענדיג געהאט אזעלכע משוגעת'ן; עס איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען פון איהם אויסצושטעהן א שיין ביסל צוליב

דעם; אז ער פלעגט זיך אין עפעס איינשפארען, איז מיט איהם גארנישט געווען צו מאכען; אלע רייד זענען געווען ארויסגעווארפענע. דערנאך פלעגט עס איהם איבערגעהן, און ער פלעגט האבען גרויס חרטה דערויף. איך האב איהם שוין גוט געקאנט, און האב זיך מיט איהם אין אזעלכע פאלען גארנישט געשפארט. און וואס האסטו דען געקאנט טאן דעמאלט? האסט דאך איהם געמוזט צוליב טאן און צושווערען. ווען ער וואלט געבליבען געבען, וואלט ער געווייס חרטה געהאט דערויף, ווארים דאס איז מעהר נישט געווען ווי איינער פון זיינע משוגענע איינפאלען. ער האט זיך מסתמא דערמאנט אין זיין שרעק און סכנה, דעמאלט ווען די שיף איז אונ־טערגעגאנגען, און האט דיך געוואלט אויסהיטען. האט ער זיך דען אבער אליין געהיט דערפון? וויפיל מאל איז ער דערנאך געפאהרען איבער דעם ים? און קען מען דען זיך אויסהיטען פון אן אומגליק? אז עמיצען איז באַ־שערט קען ער דאך דערטרונקען ווערען אפילו אין א לעפל וואסער! נישט איינמאל פלעגט דיין פאטער כאפען און אפשווערען צו טאן, אדער נישט צו טאן, געוויסע זאכען, און דערנאך האט ער געזוכט א היתר פון דער שבועה זיך ארויסצודרעהען. איך האב איהם זעהר ליב געהאט, מיט זיינע אלע חסרונות, אויף וועלכע ער האט זיך אליין נישט איינמאל געקלאגט פאר מיר. עס איז דעריבער מיין עצה, אז דו זאלסט זוכען א וועג, ווי אזוי דו זאלסט קענען מתיר זיין די שבועה, וועלכע דו האסט נישט גע־שוואוירען מיט דיין גוטען ווילען, נייערט, כדי נישט מצער צו זיין דיין פאטער אין זיינע לעצטע מינוטען.

און דאס ווייב איז די גאנצע צייט געשטאנען הינטער דער טיר און האט אויסגעהערט יעדעס ווארט, און אזוי ווי דער קאפיטאן האט גע־ענדיגט זיינע ווערטער, איז זי אריינגעפאלען און האט אויסגעשריגען:

— אזוי ווערסטו טאן, מיין מאן, ווי דער געשייטער קאפיטאן זאגט! איך האב דאך די גאנצע צייט גע'טענה'ט, אז דער אלטער איז נישט גע־ווען די לעצטע צייט ביים קלארען שכל!

און דער יונגערמאן האט זיך פארלוירען, און נישט געענטפערט קיין ווארט. דער קאפיטאן האט גערעדט און די אשה האט איהם צוגע־האלפען, ביז זיי האבען איהם איבערגערעדט. און נאך דעמזעלבען טאג איז מען געווען ביים רב, און ער האט געזעצט בית־דין, און מ'האט געפונען א היתר — געמאכט איהם פאר אן אונס.

און די שיף איז גרייט געווען, און פון רב גלייך צו איהר, און — אוועק.

און ווי די שיף האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט איהם דאָס הארץ גענומען קלאפּען, ער האָט אָנגעהויבען זיך צו באַקלערען, און ער האָט שטארק חרטה געהאט דערויף, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין גאַייל. ער האָט גאָרנישט געקאָנט באַגרייפען, וואָס מיט איהם איז פּלוצלונג געוואָרען, און וואָס ער האָט זיך אַזוי גאַיילט, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז נישט אַזוי גלאַט מיט איהם.

דער קאַפּיטאַן איז געווען פאַרנומען, און האָט איהם אַ צייט נישט געזעהן, נאָר ווען די שיף איז אַרויף אויפ'ן רעכטען ים, איז ער אַראָפּ פון מאַסטבוים, צוגעגאַנגען צו איהם, אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע און געזאָגט:

— נו, הער שוין אויף, אָפּגעטאָן און פאַרפאַלען!

און זיינע אויגען האָבען געברענט מיט אַ בייז פייערל, און אויף זיינע ליפּען איז געווען אַ שאַלקהאַפּטיגער שמייכעל. און דער יונגערמאַן האָט עס געזעהן, און ער האָט געציטערט.

און ער האָט זיך גענומען בעטען ביים קאַפּיטאַן און געזאָגט:

— אַ העלפט פון מיין פאַרמעגען, אויף יענער זייט ים, וועט זיין דיינס, און פיהר מיך צוריק; נעם צו מיין גאַנץ פאַרמעגען דאָרט, און פיהר מיך גלייך צוריק!

און דער קאַפּיטאַן האָט זיך בייז צעשמייכעלט און געשוויגען.

האָט דער יונגערמאַן שטארק מורא געקראָגען פאַר דעם שיפס־קאַפּיטאַן, און ער האָט אויסגעמיטען זיין שטעכעדיגען בליק, און איז אַריינגעגאַנגען צו זיך אין חדר און אוועקגעפאַלען אויף דער דיל. געריסען די האָר פון זיין קאָפּ, און געוויינט יאָמערליך. און ער האָט תשובה געטאָן פון טיפען הארצען, שטארק חרטה געהאט אויף זיין זינד, און געבעטען גאָט, ער זאָל איהם מוחל זיין; ער זאָל אָפּמעקען זיין זינד; ער זאָל איהם צושיקען אַן אָפּקומעניש.

און אַ קאַלטער ווינט האָט זיך אויפגעכאַפּט און ער האָט אָנגעהויבען צו בלאָזען אויף דעם ים, און ער האָט אָנגעיאָגט אַ פראָסט, און אַ באַרג פון אייז איז אויסגעוואַקסען פון דעם טיפען אָפּגרונט, און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער שיף און זי צעבראָכען, אַלע איהרע מענשען

איינגעשלונגען, און איז ווייטער אוועק זיין וועג.

און אויף דעם ים זענען געבליבען צוויי ברעטער פון דער שיף, אויף איינעם איז געזעסען דער שיפסקאפּיטאַן, קאלט און רוהיג, און ער האָט בייז געשמייכעלט, און ביים צווייטען האָט זיך אָנגעהאלטען דער יונגערמאַן, מיט זיינע לעצטע כחות, און געראַנגעלט זיך מיט די כוואַליעס.

און געוויגט האָט זיך דער ים און זיינע כוואַליעס האָבען זיך געהויבען. אָט האָבען זיי די צוויי שווימער צוזאַמענגעבראַכט אַזוי נאָנט, אַז דער יונגערמאַן האָט געקאָנט זעהן דעם בייזען שמייכל, וואָס איז געלעגען אויף דעם קאַלטען און זיכערען פּנים, און אָט איז געקומען אַ כוואַליע, און האָט איהם פאַרשליידערט ווייט. און ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס מיט איהם איז געווען, און ווער דער קאַפּיטאַן איז, און ער האָט געוואוסט, אַז זיינע מינוטען זענען געצעהלטע, און ער האָט תשובה געטאָן צו גאָט פון די טיפענישען פון זיין האַרץ.

און דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעהויבען שטייערען דאָס ברעט און זיך צוצושאַרען נעהנטער צום יונגענמאַן, און זיין פּנים האָט זיך אָנגעצונדען מיט אַ בייז פייער; און ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ ווילדע חיה, וועלכע יאָגט זיך נאָך דעם רויב, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהרע נעגעל. נאָך עטליכע שפּאַן, און אַ ברעט וועט זיך אָנקלאַפּען אָן אַ ברעט. און דער יונגערמאַן האָט עס דערזעהן און האָט אויף זיך מצדיק געווען דעם דין, און איז גרייט געווען צו שטאַרבען פאַר זיין זינד. און ער האָט אויסגעשריגען „שמע ישראל", און אָפּגעלאָזט דאָס ברעט.

און אַ גרויסע כוואַליע האָט איהם אויפגעכאַפּט און אויפגעהויבען הויך, און זיין ברעט אַרויפגעשליידערט אויף דעם צווייטען, און דער קאַפּיטאַן איז אין איין רגע פאַרשוואונדען געוואָרען, און מ'האָט איהם מעהר נישט געזעהן, און דער יונגערמאַן האָט זיך געוויגט אויף דער כוואַליע.

און גאָט האָט אַ וואונק געטאָן צום שר־פון־ים, און ער האָט איינגעשלונגען דעם יונגענמאַן, און איהם אוועקגעטראָגען פיל טויזענטער מייל ווייט, און איהם אויסגעשפּיגען אויף אַ וויסטער יבשה.

און ער איז געלעגען דאָרט פאַר'חלש'ט און צעמישט, ביז די וואַסער איז פון איהם אַרויס און זיינע כחות זענען צוריקגעקומען צו איהם. און ער האָט זיך אומגעקוקט און געזעהן יאָ ער איז, און האָט אָפּגעגעבען

א לויב צו גאָט, וואָס האָט איהם, מיט זיין גרויס גנאד, מציל געווען און נישט געלאָזט דערטרונקען ווערען אין דעם טיפען אָפּגרונט.

האָט ער דערפּיהלט א ברענענדיגען דורשט, און ער האָט אָנגעגורט זיינע כחות, און איז געגאנגען זוכען וואסער. איז ער געגאנגען א צייט און דער דורשט האָט איהם שיער פארברענט; זיינע ליפּען זענען געווען בלויליך־שוואַרץ און זיינע אויגען האָבען אויסגעזעהן ווי גוסס'דיגע קויה־לען; אין זיין הארץ האָט געברענט א העליש פייער, און זיין האלז האָט געכאָרכעלט פון טרוקענקייט.

האָט ער דערזעהן פון דערווייטענס א זילבער־טייכל, און ער האָט זיך מיט די לעצטע כחות דערשלעפּט צום טייכל, איז צוגעפאלען צום ברעג און האָט געטרונקען פון די וואסער, און איז געקומען אביסעל צו זיך.

ג.

און ווי ער האָט געטרונקען פון דעם וואַסער, האָט איהם אָנגע־כאַפּט א שלאָף, און ער איז אָפּגעשלאָפען א צייט. דער הונגער האָט איהם אויפגעוועקט פון זיין שלאָף, און ער האָט זיך ארומגעקוקט און דערזעהן, ווי ארום איהם פויזשען שלאַנגען און עקדישען; זיי שפּייען אויס און שלינ־גען צוריק אריין זייערע גיפט־געפּעלעך און גראַגערען, דרעהען זיך, וויקלען זיך, און הויבען זיך ארויס מיט שופּען פון קופּער און זילבער איבער דעם ברוינליכען זאמד פון דער מדבר. איבער זיין קאָפּ האָט זיך געוועלבט א ליכטיג בלויער הימעל, אָהן דעם מינדסטען וואָלקענדל, פון וועלכען עס האָט אראָפּגעקוקט א בלענדענדיגע זון, געלויכטען שמייכלענדיג, און פאַר־שפּרייט שפּיגלען פון גאָלד און זילבער איבער די רונצלען פון דעם טייכל, באשטראַלט די הויך־געקאַרבטע שטיין־האַרטע שופּען פון די פלאַכקעפּיגע קראַקאַדילען, וואָס זענען געלעגען אָהן באוועגונג, מיט בלאַנקע זעגען, וואָס האָבען ארויסגעקוקט פון אומגעהויער לאַנגע מיילער, מיט האַרטע אָפּשטעהענדיגע ליפּען.

און ער האָט זיך ארומגעקוקט, און דאָס האַרץ איז אין איהם שיר געשטאָרבען פון פּחד פאַר די מורא'דיגע באַשעפענישען. און ער האָט זיך געשטאַרקט און געזאָגט צו זיך:

— האָט דען מיך גאָט ארויסגעראַטעוועט פון דעם ים, כדי אָנצו־זעטיגען די מיילער פון דידאָזיגע מיאוס'ע באַשעפענישען?

און די שלאַנגען און די עקדישען האָבען זיך געוויקעלט און פאַר־בייגעקראָכען איהם, מיט אויסגעשטעקטע גיפט־געפּעלעך, און איהם גאָר־נישט געטאָן, און די קראַקאַדילען זענען געלעגען, ווי טויטע, און זיך גע־וואַרעמט ביי דער זון, און ער האָט זיך געשטאַרקט און איז אוועק פון דעם אָרט.

דער פּחד האָט פאַרטריבען דעם הונגער, און ער איז געגאַנגען א שטיקל צייט און האָט געציטערט, ביז ער איז אוועק פון דעם אָרט. דער הונגער איז צוריקגעקומען און האָט גענאָגט זיין האַרץ שמערצליך, און ער איז ווייטער געגאַנגען זוכען עפּעס צו עסען. איז ער געגאַנגען א צייט, ביז ער האָט דערזעהן פון דערווייטען זעהר א הויכען בוים, און ער איז געגאַנגען צו איהם. און ער איז צוגעקומען און ער האָט דערזעהן, אז ער איז זעהר הויך און דיק און זיינע צווייגען פאַרשפּרייטען זיך ווי א סוכה, ברייט ארום. זעהר הויכע גראָזען און ריטער רינגלען ארום דעם בוים,

און די ברייטע צווייגען רוהען אויף זייערע קעפּ. האָט ער מורא געהאַט אַריינצוגעהן צווישען די גראָזען און ריטער, און ער האָט אַרומגערינגעלט דעם בוים, אפשר וועט ער געפינען אַ וועג צו איהם צו־צוקומען, און ער האָט נישט געפונען.

און ער האָט דערזעהן ווילדע ניס און ערד־בערעלעך, און ער האָט געגעסען פון זיי און זיך אויסגעזעצט אָפּרוהען. פּלוצלונג האָט ער דער־הערט אַ ברומען פון אַ לייב, און ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און איז אריין צווישען די גראָזען, צו־צוקומען צום בוים און אַרויפצוקלע־טערען אויף זיינע צווייגען, צו אנטרונען פון מויל פון דעם לייב.

און ער איז געלאָפען צווישען די הויכע גראָזען און ריטער, געלאָפען און געפאַלען, געלאָפען און געפאַלען; די ריטער האָבען איהם געשמיסען פון אַלע זייטען, און די גראָזען האָבן פאַרפּלאָנטערט זיינע פיס, און ער איז צוגעקומען צום בוים קוים אַ לעבעדיגער.

און ער איז אַרויף אויף איינער פון די צווייגען, האָט זיך אוועק־געזעצט אויף איהר, און אָנגעהאַלטען זיך ביי די געדרעהטע צווייגעלעך, וואָס זענען פון איהר אַרויסגעוואַקסען ווי הירשען־הערנער. און ער האָט געהערט ווי דער לייב שנאַרכט און שמעקט די לופט און ברומט. אָט האָט ער איהם דערשמעקט, און זיין געברום איז פורכטבאַר, אַ קול פון הונגער און ווילדקייט. אָט איז ער שוין ביים בוים, און עס הערט זיך דאָס פּעס־טע קלאַפּען פון זיין לייבען־האַרץ. דער לייב שמייסט ווילד די נידעריגע צווייגען פון דעם בוים, מיט זיין שטאַרקען עק, און זיי ציטערען און שאָק־לען זיך. אָט נעמט שוין זיין צווייג אויך ציטערען, און ער פאַלט . . .

און זיין נשמה האָט זיך אין איהם איינגעקנוילט און באַהאַלטען אין אַ פינסטער ווינקעל פון זיין האַרץ, און אַ פאַר'חלש'טער איז ער גע־בליבען ליגען אויף דער ערד.

דער לייב האָט איהם אַרומגעשמעקט, און איז געבליבען ווי אַ צוגעשמידטער צו זיין אָרט; ווי אַ הונט איז ער געבליבען שטעהן אויף די פעדערשטע פיס; ווי אַ הונט, וואָס היט זיין שלאָפענדיגען בעל־הבית, דערנאָך האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ ווילדען ברום, און אויפגעוועקט דעם יונגענמאַן.

און דער יונגערמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט און געוויגט זיין קאָפּ, און נישט געוואוסט, צי איז עס אין דער וואָך, אָדער אין חלום. און דער

לייב האָט א שפּרונג געטאָן און איז אוועק.

איז ער געקומען צו זיך, און האָט מורא געהאט, און געדאנקט און געלויבט זיין־ליבען־נאָמען דערפאר וואָס ער האָט איהם צום דריטען מאָל מציל געווען פון א משונה'דיגען טויט.

און ער האָט אָנגעזאמעלט ווילדע ניס און וואלד־בערעלעך און האָט ווידער ארויפגעקלעטערט אויף דעם בוים, און איז געקראָכען פון צווייג צו צווייג, ביז ער איז ארויף זעהר הויך; דאָרט האָט ער זיך אוועקגעזעצט רייטענדיג צווישען די צווייגען, וואָס זענען אויסגעוואקסען, ווי אויסגעשטרעקטע ארעמס.. און ער איז געזעסען און האָט געדאנקט גאָט פאר די נסים, וואָס ער האָט געטאָן מיט איהם, כאָטש ער איז עס נישט ווערט, און געבעטען צו זיין ליבען־נאָמען, ער זאָל מיט איהם טאָן א חסד, און צוריקברענגען צו זיין הויז־געזינט, כדי ער זאָל קענען טאָן גרויסע צדקות און חסדים מיט לייט.

און ווען עס איז פינסטער געוואָרען, האָט ער געהערט א גרויס גערודער אין דער לופט, ווי דאָס קלאפּען פון מעכטיגע פליגעל. און די צווייגען פון דעם בוים האָבען געציטערט און זיך געוויגט. און ער האָט זיך צוגעהאלטען פעסט ביי די צווייגען־ארעמס, ער זאָל פון דער הויך נישט אַראָפּפאלען. און ער האָט דערהערט, ווי א דיקע צווייג, אונטער איהם, האָט געטאָן א שווערען קרעכץ, און א ווילד־גרילצענדיג קול איז נאָכגעקומען, און די צווייג האָט זיך געוויגט א צייט. דאָס קול האָט זיך געהערט אלעמאָל, א גרילצענדיג פארוויינט־קוויטשיג קול פון א משונה'דיגען פויגעל, וואָס האָט אָנגעוואָרפען אן אימה ארום און ארום. ער האָט געהערט, ווי עס האָט זיך אויפגעכאפּט א יאָמער פון שאקאלען און א געברום פון ווילדע חיות, פון דעם גרילצענדיגען קול, און ער האָט זיך פארטראָגען ווייט, ווייט. דערנאָך איז אלץ שטיל געוואָרען, און עס האָט זיך מעהר נישט געהערט, ווי דאָס מורא'דיגע קול פון דעם ווילדען פויגעל; דערנאָך איז דאָס קול אויך שטיל געוואָרען, און אלץ איז פארזונקען אין א טיפען שלאָף.

איינער איז געווען דער יונגערמאן, וואָס איז נישט געשלאָפען, און האָט נישט צוגעטאָן מיט קיין אויג, נייערט, ער איז געזעסען און זיין בליק האָט דורכגעבויערט די פינסטערניש, און געזוכט אויסצוגעפינען דעם ווילדען פויגעל און איהם אויסצושפּייען. זיין הארץ האָט אין איהם

אלעמאָל א ציטער געטאָן, און ער האָט עס געשטארקט זאָגנדיג:

— האָט דען מיך גאָט מציל געווען פון דעם ים, פון די שלאנגען און עקדישען, און פון דעם לייב, איבערצוגעבען מיך צו דעמדאָזיגען רויב־פויגעל!

און ווי די לבנה איז ארויסגעשוואומען און איהר מילד־ליכט האָט באזילבערט דעם בוים און זיינע צווייגען, האָט ער דערזעהן דעם פויגעל זיצען און שלאָפען. און ער האָט איהם באטראכט און געזעהן אן אומגעהויער גרויסען קערפּער פון אן עוף, מיט פליגעל־ביינער אויפגע־שטעלטע ווי הויכע אקסעל־קנאָכען, פון צווישען וועלכע עס הויבט זיך ארויס עפּעס א קליין קעפּעל, און ער האָט געוואוסט, אז דאָס איז דער באַ־ריהמטער מדבר־אדלער קיפופא, וואָס איז באשריבען אין די הייליגע ספרים. און ער האָט זיך געטראכט:

— נישט אומזיסט האָט מען מיך אויפגעהויבען איבער דעם פוי־געל, וואָרים אזוילאנג, ווי איך בין איבער איהם, קען ער מיר נישט טאָן קיין שלעכטס.

און גאָט האָט איהם אריינגעגעבען שכל, און ער האָט אראָפּ־גענידערט פון זיין אָרט און שטיל געקלעטערט, אויף הענט און פיס, ווי אן אף, ביז ער איז צוגעקומען שטילערהייט צום רוקען פון פויגעל קיפופא, און האָט זיך אוועקגעזעצט צווישען זיינע פליגעל. דער פויגעל איז פעסט געשלאָפען, און האָט זיך נישט אויפגעכאפּט. און ער האָט אראָפּגענומען דעם גארטל פון זיינע לענדען, און האָט איהם פארוואָרפען ארום דעם נידעריגען האלז פון דעם פויגעל קיפופא, און דער גארטל איז געוואָרען אין זיינע הענט ווי לייצען פון א פערד, און ער איז געבליבען אזוי זיצען צווישען די ברייטע פליגעל.

און ווי דער מאָרגענשטערען איז אויפגעגאנגען און די ערשטע פאסען ליכט האָבען זיך דורכגעריסען צווישען די צווייגען פון דעם בוים, האָט דער פויגעל ארויסגעלאָזט זיין גרילצענדיגען קוויטש, און ער האָט געוואָלט א דרעה טאָן זיין קאָפּ הין־און־הער, א טרייסעל טאָן די קרוין פון זיינע פעדערען און אראָפּוואַרפען פון זיך די נאכט, און ער האָט נישט געקאָנט, וואָרים דער יונגערמאן האָט איהם פעסט געהאלטען און געשטיקט מיט דעם גארטל, וואָס איז געווען פארוואָרפען ארום זיין קור־צען האלז. האָט דער פויגעל אביסל איבערגעבויגען דעם קאָפּ אין דער

הויך, האָט איהם דערזעהן און א ציטער געטאָן. און ער האָט אויפגעהויבען די פליגעל, און איז פון דאָרט אוועקגעפלויגען מיט א גרילצענדיגען קוויטש.

און דער יונגערמאן איז געזעסען אויף איהם און זיך גוט צוגעהאַל־טען ביי די עקען פון דעם גארטל, און געוועלטיגט איבער דעם אומגעהוירען פויגעל; און קיפופא האָט זיך איהם אונטערגעגעבען, ווי א פערד גיט זיך אונטער זיין רייטער. ער איז געפלויגען וואוהין דער יונגערמאן האָט געוואָלט. און דער יונגערמאן איז געזעסען און האָט געבעטען צו גאָט, ער זאָל איהם פיהרען צו דעם ריכטיגען וועג, ברענגען איהם צו א ישוב, און אראָפּנעמען איהם בשלום פון דעם רוקען פון דער ווילדער באַשעפעניש.

און דער פויגעל קיפופא איז געפלויגען מיט איהם א גאנצען טאָג איבער ימים און מדבריות, ביז ער איז פארביי געפלויגען א ישוב. און דער יונגערמאן האָט דערזעהן פון דער הויך א שטאָט מיט הייזער, און ער האָט זיך זעהר דערפרעהט. ער האָט אראָפּגעצויגען דעם קאָפּ פון דעם פויגעל מיט זיין גארטל, אלעמאָל מעהר און מעהר, און דער פויגעל איז געפלויגען נידעריגער און נידעריגער, ביז ער איז שוין געוועזן ביי דער ערד. דעמאָלט האָט דער יונגערמאן האסטיג אָפּגעלאָזט דעם גארטל, איז אראָפּגעשפרונגען און געבליבען ליגען אויף דער ערד.

ד.

דער יונגערמאַן האָט זיך מיט אַלע כחות צוגעשאַרט צו אַ וואַנט פון אַ הויז, און איז דאָרט אָפּגעלעגן אַ שטיקל צייט, ביז ער איז געקומען צו זיך. די נאַכט האָט אַראָפּגענידערט און איהם פאַרדעקט, אַז קיינער זאָל איהם נישט זעהן, און פאַרשטעלט זיינע אויגען, ער זאָל נישט זעהן וואָס דאָרט קומט פאָר. אַ מידקייט איז אָנגעפאַלען אויף איהם און זיינע אברים זענען אָנגעגאָסען געוואָרען מיט בליי; זיינע וויהעס האָבען זיך צוגעקלעפּט און זיינע אויערען זענען פאַרשטאָפּט געוואָרען, ווי מיט וואַקס. אַזוי איז ער געלעגען ביז זעהר שפּעט אין דער נאַכט, ניט געזעהן און ניט געהערט קיין זאַך. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ טרויעריג־זיס קול פון תורה, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דעם הויז, ביי וועלכען ער איז געלעגען אָנגעשפּאַרט. דאָס קול האָט זיך דורכגעריסען און איז אַריינגעדרונגען אין זיינע אויערען, עס האָט זיך אַריינגעגאָסען אין זיין האַרץ, און עס האָט איהם אויפגעלעבט. די מידקייט איז ווי פאַרשוואונדען, און אַ ליכ־טיגע פרייד האָט זיך אויסגעגאָסען אויף איהם. ער האָט זיך אָנגעגורט מיט כח, און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

און ער האָט דערהערט, ווי דאָס קול פון תורה האָט זיך איבער־געריסען, און אַ טיפער זיפץ איז נאָכגעקומען. די טיר האָט זיך באַלד נאָכדעם געעפענט און אַ הויכער איינגעבויגענער גרייז, איז איהם אַנט־קעגענגעקומען און האָט איהם געגעבען שלום מיט אַ צעבראָכען קול. ער איז נאָכגעגאַנגען דעם גרייז, ביז יענער האָט זיך געזעצט אויף זיין אָרט, און האָט איהם אויך אָנגעוויזען אַן אָרט זיך צו זעצען, געגענאיבער איהם. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם גרייז'ס פּנים און געזעהן, אַז עס איז פאַרצויגען מיט אַ וואָלקען פון טרויער, זיינע אויגען זענען ווילד און צע־שראָקען און פול מיט פּחד און אַנגסט איז זיין בליק — און עס האָט איהם אָנגענומען אַ מורא. ער האָט דערהערט די שטים, וואָס איז געווען דורכ־געווייקט מיט אַ מרה־שחורה, און די טיפע זיפצען, וואָס האָבען זי באַגלייט, און ער האָט זעהר געציטערט.

און דער גרייז האָט איהם גענומען אויספרעגען, וואָס מיט איהם איז געשעהן, און ווי ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַזאַ אָרט. און דער יונגערמאַן האָט איהם דערציילט אַלצדינג, נישט געלייקענט פאַר איהם

קיין זאך; און ער האָט זיך מתודה געווען פאר דעם גרייז, מיט גרויס חרטה און געוויין.

און דער גרייז האָט טרויריג געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ און געזאָגט:

— מיין זוהן, עס רייסט מיר דאָס הארץ אויף דיר! דו ביסט דאָ זעהר אין א שלעכט אָרט אריינגעפאלען, און ווער ווייס, אויב איך וועל דיך קענען מציל זיין!

און דער גרייז האָט איהם אנטפּלעקט, אז ער איז נישט צווישען קיין מענשען, נייערט, אין דעם לאנד פון די נישטגוטע, רחמנא־לצלן. און ער האָט איהם דערציילט, אז ער איז אויך אמאָל אריינגעפאלען צווישען זיי, און ער איז שוין ביי זיי יאָהרענלאנג, אָהן שום האָפנונג ארויסצוקומען פון דאָרט; ער האָט געמוזט ווערען ביי זיי רב, און יעדען טאָג מוז ער לערנען מיט זייערע קינדער. זיי האָבען נישט געהאַט קיין שליטה אויף איהם, צו טאָן איהם שלעכטס, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט משנה געווען זיין וואָרט.

ווי דער יונגערמאן האָט דערהערט די ווערטער, איז ער געפאלען דעם גרייז צו די פיס, האָט געוויינט און געקלאָגט און געבעטען איהם, ער זאָל רחמנות האָבען אויף איהם, און מציל זיין איהם פון זייערע הענט.

האָט צו איהם דער רב געזאָגט:

— זאָג מיר, וואָס דו האָסט אויפגעטאָן אין דיין לעבען, וועל איך אפשר קענען געפינען עפּעס א זכות אויף דיר.

האָט איהם דער יונגערמאן געענטפערט:

— מיינע גאנצע יאָהרען, ביז איך בין געשטרויכעלט געוואָרען, האָב איך עוסק געווען אין דער הייליגער תורה.

האָט איהם דער רב ווייטער געפרעגט:

— זאָג מיר, מיין קינד, האָסטו געלערענט תורה־לשמה, אָדער דו האָסט געהאט אנדערע פּניות דערביי? האָסטו זיך אפשר ארומגעטראָגען און באריהמט מיט דיינע חידושי־תורה?

האָט איהם דער יונגערמאן געענטפערט:

— כל ימי בין איך געזעסען אין מיין באזונדער חדר און האָב געלערענט, און מיט דער וועלט גאָרנישט געהאט וואָס צו טאָן. איך האָב זעהר ליב געהאט צו זיצען און לערנען, און גרויס צער געהאט, ווען מיר

האָט זיך געמאַכט א שטערונג, וואָס האָט מיך מבטל געווען פון לערנען.

א מינוט האָבען אויפגעלויכטען דעם רב'ס אויגען, און ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען מיט דעם יונגענמאַן אין תורה. ער האָט איהם אויס־געפּרואווט און געזעהן, אז זיינע רייד זענען אמת, און ער האָט צו איהם געזאָגט:

— איך האָב גרויס רחמנות אויף דיר, מיין קינד, און איך וועל זעהן מיט אלע מיינע כחות, דיך מציל צו זיין פון טויט!

און ער האָט איהם געגעבען צו עסען און צו טרינקען און אן אָרט צו נעכטיגען, און געזאָגט צו איהם, אז די נאַכט האָט ער גאָרנישט וואָס מורא צו האָבען, עס וועט איהם קיין בייז נישט געשעהן.

פאַרטאָג האָט דער רב איהם אויפגעוועקט, און געזאָגט צו איהם אזוי:

— מיין קינד, לענגער קען איך דיך ביי מיר נישט באהאלטען. הויב זיך אויף און קום מיט מיר אין שול אריין. דו וועסט זיך באהאלטען אונ־טער מיין טלית און שווייגען, און איך וועל טענה'ן פאַר דיר.

און ווי דער מאָרגענשטערען איז אויפגעגאַנגען, האָבען זיך דער־הערט דריי שטאַרקע דונערען, און די שול איז פול געוואָרען מיט שדים. דער רב איז געשטאַנען אויף דער בימה און דער יונגערמאַן איז געווען באהאלטען אונטער זיין טלית, און האָט געציטערט.

און די שדים האָבען אָנגעהויבען צו דאַווענען מיט א ווילדען רעש און שטורם, און שטענדערס און בענק זענען געפאַלען. זייער חזן האָט פאַרגעזאָגט און זיי האָבען געענטפערט, און די קולות האָבן געגרילצט אין די אויערען און געקראַצט אין מח, ביז משוגע צו ווערען. דער יונגערמאַן איז געשטאַנען און האָט געציטערט, און נישט נאָכגעזאָגט קיין וואָרט.

פּלוצלונג האָט ער דערהערט, ווי איין שד זאָגט צום צווייטען:

— עפּעס פיהל איך דאָ א מענשען־ריח!

און אלע שדים האָבען אָנגעהויבען צו שמעקען און זיך ארומצוקו־קען, ביז זיי האָבען איהם דערשנאַפּט. האָט דער רב א מאַך געטאָן מיט זיין האַנט, און אלע זענען געבליבען שטעהן אויף זייערע ערטער, און האָבען ווייטער געדאַווענט.

ווי דער חזן האָט געענדיגט פּסוקי־דזמרה, האָט דער רב א קלאַפּ געטאָן אָן דער בימה און אויסגערופען, אז ער וויל רעדען פאַר דעם

עולם. און ער האָט זיי געבעטען, זיי זאָלען דעם יונגענמאן דערוויילּ נישט אָנריהרען, נישט טאָן איהם קיין גוטס אָדער קיין שלעכטס.

און דער רב האָט אָנגעהויבען צו רעדען, און ער האָט זיי דערציילט אלץ, וואָס עס האָט זיך געטראָפען מיט דעם יונגענמאן, נישט פארהוילען פון זיי קיין זאך.

און ווי דער רב האָט געענדיגט זיינע ווערטער, האָט זיך אָנגעהויבען א שטארק גערודער, און אלע שדים האָבען געשריגען אין איין קול: חיב מיתה!

האָט דער רב גענומען טענה'ן:

— דער רבונו־של־עולם האָט איהם מציל געווען פון דעם ים, פון די שלאנגען און עקדישען, פון לייב, פון פויגעל קיפופא, ער האָט אָפּגעהיט זיינע ביינער, זיי זאָלען נישט צעבראָכען ווערען פון דעם שפרונג און ער זאָל נישט גע'ניזוק'ט ווערען אויף קיין האָר — איז א סימן, אז ער האָט אָנגענומען זיין תשובה. און דער יונגערמאן איז שוין אָפּגעקומען פאר זיין זינד.

איז אָבער אויפגעשטאנען דער עלטסטער פון די שדים, און האָט געענטפערט:

— ניין, מ'האָט איהם מציל געווען פון די אלע זאכען, כדי איבער־צוגעבען איהם אין אונזערע הענט, מיר זאָלען איהם טויטען מיט א מיתה־משונה!

האָט דער רב ווידער גע'טענה'ט:

— דער יונגערמאן איז אָבער א תלמיד־חכם, און אויב טויטען, מוז מען לויט דעם דין; אָהן קיין משפט טאָר מען דאָס נישט טאָן.

און ער האָט געהייסען דעם חזן, ער זאָל אויסרופען בגזרת־הרב, אז קיינער זאָל דעם יונגענמאן נישט אָנריהרען, ביז מ'וועט איהם ברענגען צו דין־תורה פאר אשמדאי'ס בית־דין.

נאָך דעם דאוונען האָט מען איהם געבראכט פאר דעם אשמדאי, און ער האָט איהם איבערגעגעבען צו זיין בית־דין, זיי זאָלען גוט אכטונג געבען און איהם משפט'ן על־פי דין־תורה. און אשמדאי האָט אָנגעזאָגט, זיי זאָלען איהם אריינברענגען דעם פסק־דין, און ביז ער וועט נישט הייסען, זאָל מען דעם יונגענמאן נישט דערוועגען אָנצוריהרען.

אשמדאי'ס בית־דין האָט זיך געזעצט צום משפט, און האָט ארויס־

געבראַכט א פּסק־דין, אז ער איז חיב מיתה.

ווי מ'האָט אַריינגעבראַכט דעם פּסק־דין צום אשמדאי, איז דער רב אויפגעשטאַנען און האָט געבעטען רשות צו רעדען, און אַזויגעזאָגט :

— אונזער מלך, אשמדאי, האָט דאָך אָנגעזאָגט, איהר זאָלט משפּט'ן על פּי תורת משה, און איהר האָט עס נישט געטאָן, נייערט, איהר האָט זיך געאיילט. על־פּי־ דין־תורה דאַרף זיין „ושפטו העדה והצילו העדה" — האָט עמיצער פון אייך געפּרואווט זאָגען א גוט וואָרט פאַר איהם, אויסגעפינען א שטיקל זכות? אויב אזוי — איז דאָך דער דין: „כלו חייב איז זכאי". ניין, אַזא משפּט דאַרף על־פּי דין־תורה איבערגעכטיגען!

זענען דעם אשמדאי געפעהלען דידאָזיגע ווערטער, און ער האָט געזאָגט :

— יאָ, דער רב איז גערעכט! אין מתיבתא־דרקיעא האָב איך אזוי געלערענט. איך וועל איהם נעמען צו זיך; און מאָרגען וועט מען איהם משפּט'ן אויף דאָס ניי.

און אשמדאי האָט איהם גענומען מיט זיך, און האָט צו איהם אַזוינגעזאָגט :

— ציטער נישט, בן־אדם, און שרעק זיך נישט! ביז דיין משפּט וועט אַרויס, וועט דיר נישט געשעהן קיין בייז. דער רב האָט זיך שטאַרק געמיהט פאַר דיר און דער זכות פון דיין תורה, וואָס דו האָסט געלערענט לשמה, שטעהט דיר ביי. מ'האָט נאָכגעזוכט אין מיינע אלע ספרים, און נישט געפונען קיין איינציג וואָרט פון תורה אין דיין נאָמען, איז א סימן, אז דיין תורה איז ריין, איך וועל זיך זעלבסט נאָך דורכשמועסען מיט דיר און זעהן.

ה.

און אשמדאי איז געזעסען א צייט מיט דעם יונגענמאן, און האָט גערעדט מיט איהם אין תורה און געזעהן, אז ער איז מלא־וגדוש און זיין תורה איז גאַנץ אָהן א מום, און דער יונגערמאן האָט געפונען חן אין זיינע אויגען. און אשמדאי האָט געזאָגט צו איהם:

— איצט געה שלאָפען און פירכט זיך נישט. איך וועל נישט רוהען, ביז איך וועל אויסגעפינען א וועג, ווי דיך מציל צו זיין פון טויט. זעה, ווי דער זכות פון דער תורה שטעהט דיר ביי!

פארטאָג האָט אשמדאי איהם אויפגעוועקט, און געזאָגט צו איהם:

— זעה, בן־אדם, איך וועל דיך מציל זיין פון טויט און דו וועסט בלייבען אין מיין פאלאַץ, דערפאר וויל איך אָבער דיך באשווערען, אז דו זאָלסט לערנען תורה מיט מיין זוהן, מיט דעם יורש־עצר.

און דער יונגערמאן האָט איהם צוגעשוואוירען דערויף. און אשמדאי האָט איהם אויסגעלערנט, וואָס צו טענה'ן, און צוריקגעשיקט איהם פאר זיין בית־דין.

און ווען דאָס בית־דין האָט זיך געזעצט איהם צו משפט'ן און עס האָט ווייטער געהאלטען, ער זאָל ווערען א חיב מיתה, האָט ער זיי איבער־געהאקט אין מיטען זייערע רייד, ווי אשמדאי האָט איהם געהייסען, און געזאָגט:

— דער גרויסער מלך, אשמדאי, האָט מיך געהייסען משפט'ן על־פי דין־תורה, זעה איך אָבער, אז איהר האָט קיינמאָל די תורה נישט גע־לערענט און איהר ווייסט אפילו נישט, אז אויף עובר זיין א שבועה במזיד קומט נאָר מלקות און אויף שוגג — א קרבן. קיינער פון אייך קען מיך נישט משפט'ן חוץ דער גרויסער מלך אשמדאי, וואָס לערענט תורה אין ישיבה־של־מעלה און אין ישיבה־של־מטה; פאר איהם קען איך מיך רעכט־פארטיגען, און דעריבער פארלאַנג איך פון אייך, אז איהר זאָלט מיך ברענגען פאר דעם גרויסען מלך, און ער זעלבסט זאָל מיך משפט'ן.

איז געוואָרען א גרויסער רעש צווישען די דיינים, זיי האָבען אָנ־געהויבען פילדערען, עפענען גרוים מיילער און אויסשטעלען ווילד אויס־געלאָצטע אויגען. פון דעם טומעל האָט זיך דערהויבען א שטורמווינט, און בענקלעך און שטענדערס האָבען אָנגעהויבען צו פליהען אין דער לופט. פלוצלונג האָט זיך דערהערט א שטארקער דונער־קנאַל, אלע זענען גלייך

שטיל געבליבען, און א שרעק איז פארגליווערט געוואָרען אויף זייערע פנים'ער. און אשמדאי איז אריינגעקומען מיט גרויס גרימצאָרן.

אלע שופטים זענען פאר איהם געפאלען אויף דער ערד, און זיי האָבען געזאָגט:

— אדוננו המלך, משפט דו דעמדאָזיגען בן־אדם, און באצאָל איהם פאר זיין חוצפה!

האָט זיי אשמדאי איינגעשטילט מיט זיין בליק, און געזאָגט צו זיי:

— איך האָב געמיינט, אז איך קען זיך פארלאָזען אויף אייך און קען איבערגעבען אין אייערע הענט אלע דינים און משפטים, איצט זעה איך, אז איך האָב געמאכט א טעות, און וועה איז צו דעם, וואָס ברענגט אשמדאי'ן צו א טעות!

און ער האָט זיך א וואָרף געטאָן און אויסגעשפרייט זיינע פליגעל, און א וואנט האָט זיך אויפגעהויבען, הויך פון הימעל ביז צו דער ערד, און ער האָט זיך א דרעה געטאָן און אוועקגעשאַרט אלע דיינים, און פאר־וואָרפען זיי ווי ווייט.

און ער האָט גענומען דעם יונגענמאן, וואָס איז געפאלען א פארצי־טערטער, איהם אויפגעהויבען פון דער ערד, און געזאָגט צו איהם:

— ציטער נישט און פירכט זיך נישט מעהר, ווארים דו ביסט שוין ניצול געוואָרען פון טויט!

און דער יונגערמאן איז געבליבען אין אשמדאי'ס פאלאץ, און ער האָט געלערענט תורה מיט זיין זוהן.

אזוי איז דורכגעגאנגען א גאנצע וואָך. שבת האָט מען זיך גע־פיהרט אויפ'ן אידישען שטייגער, נייערט, מיט ווילדע שטיק. דער יונגער־מאן האָט זיך נישטוויסענדיג געמאכט אויף קיין זאך, ער האָט זיך צוגע־קוקט צו אלץ, און געשוויגען, ווארים ער האָט מורא געהאט ער זאָל נישט דערוועקען קיין כעס אויף זיך.

שבת־צו־נאכטס צו מעריב, איז די גאנצע שוהל פול געווען מיט שדים, וואָס האָבען געדאווענט אויף זייער ווילדען שטייגער. דער יונגער־מאן האָט זיך שטיל געדאווענט אויף זיין שטייגער, כמעט ביחידות. ער האָט באמערקט ווי דער חזן היפט איבער און זאָגט נישט „ויהי־נועם" און „ואתה קדוש". געוואוסט האָט ער, אז קיין יום־טוב־וואָך איז עס נישט און פארוואָס נישט צו זאָגען איז נישטאָ, האָט ער עס אָנ־

געהויבען צו זאָגען פאר זיך. אזוי ווי ער האָט גענומען זאָגען, איז די גאַנ־צע שוהל פּלוצלונג לײדיג געוואָרען און אלע וואָס זענען דאָרט געווען, זע־נען מיט אמאָל פארשוואונדען. דער יונגערמאן האָט זיך ארומגעקוקט און איז דערשראָקען געוואָרען. ער איז ארויס פון שוהל און האָט געזעהן, אז די גאנצע שטאָט איז וויסט. נישטאָ קיינער. איז ער צומישט געוואָרען, און האָט נישט געוואוסט וואָס מיט איהם איז דאָ ווידער געשעהן. ער איז אזוי געגאנגען א צעטראָגענער, ביז ער איז געקומען צו אשמדאי׳ס פּאלאַץ, און אויך דאָרט איז קיינער נישט געווען. האָט ער שטארק מורא געקראָגען און ער האָט געוויינט. א שטיק נאכט איז אזוי אריבער, און די גאנצע שטאָט איז געווען פּוסט און וויסט, ערשט נאָך האלבער נאכט האָט זיך דערהערט א גרויסער טומעל, און אלע שדים זענען צוריקגעקומען מיט גרוים כעס און שטורם. דער פּאלאַץ איז ליכטיג געוואָרען, און אשמדאי איז אריינגעקומען מיט גרימצאָרן.

און גלייך איז דער יונגערמאן געפאלען איהם צו די פים און האָט גענומען בעטען, ער זאָל איהם מוחל זיין אויף זיין זינד, וואָס ער האָט גע־זינדיגט, אויבוואָל ער וויים אליין נאָך נישט מיט וואָס; ער זעהט, אז עפּעס איז דאָ געשעהן דורך איהם, און ער איז דערין גאָרנישט שולדיג.

און אשמדאי האָט צו איהם געזאָגט:

— ווי האָסטו זיך עס דערוואגט צו טאָן אזא זאך, אונז אלעמען צו פארוואַרפען אזוי ווייט? האָסטו דען נישט געוואוסט, אז מיר קענען נישט הערען די ווערטער, וואָס דו האָסט געזאָגט, און מיר מוזען אנטלויפען פאר זיי אין די טיפעניש׳ען פון דעם תהום ? !

האָט דער יונגערמאן איהם געענטפערט מיט גרוים נידערטעניקייט:

— זאָל מיין האר, דער גרויסער מלך, נישט צירנען אויף מיר, זיין אָרימסטען קנעכט. דעם ערשטען שבת בין איך איצט אין דיין לאַנד, און איך האָב נישט געוואוסט דערפון. וואָלט איך דען באצאָלט מיט שלעכטס פאר אזויפיל גוטס? נאָך איין מאָל בעט איך, אז דו זאָלסט זיך אָנעמען פאר מיר, דו האָסט דאָך מיך מציל געווען פון טויט, און איך בין דאָך ווי דיין קינד; צירן נישט אויף מיר און לערן מיך, ווי איך זאָל זיך פיהרען.

און אשמדאי׳ן זענען געפעהלען זיינע ווערטער, און ער האָט גע־זאָגט:

— איך האָב דיר דאָסמאָל אויך מוחל געווען, בן־אדם, דו זאָלסט

אָבער זיין געוואָרענט, און נאָכאמאָל די ווערטער נישט ברענגען אויף דיי־נע ליפּען! געדענק, דו זאָלסט זיך היטען און נישט דערצירנען מיין מדינה!

און דער יונגערמאַן האָט איהם צוגעזאָגט, אז ער וועט זיך פיהרען ווי די גאַנצע מדינה פיהרט זיך און זעהן צו ווערען ווי איינער פון זיי.

דעמאָלט האָט אשמדאי גערופען זיין לץ, ראהיראט, און האָט איהם געהייסען מאכען פרעהליך דעם עולם. און ראהיראט האָט געמאכט פאַר־שידענע ווילדע שטיק, וואָס מ'קען זיך גאַרנישט פאָרשטעלען אין ישוב. שדים און שדות זענען ארויס אין א ווילדען טאַנץ, און א שטורמווינט האָט זיך דערהויבען פון אונטער זייערע פיס, האָט אויפגעכאַפּט אלע זעמדעלעך פון דער מדבר און זיך געדרייט מיט זיי אין ווירבעל־טאַנץ. און ראהיראט האָט א קראַץ געטאָן מיט זיין הינערשען פוס אין דעם דיל, און ער האָט זיך געעפענט ביז צום תהום; ווי א ברייט מויל האָט ער זיך געעפענט, און באוויזען אלע משונה'דיגסטע באַשעפענישען פון תהום. און מענשען מיט זעקס און אכט קעפּ זענען ארויס און האָבען געטאנצט און געזונגען דעם לויב־געזאַנג פון אשמדאי. דער תהום איז ארויפגעקומען העכער, און זיי־נע כוואַליעס האָבען געשלאָגען און געשפריצט מיט שוים, כוואַליעס העכע־רע פון די וועלען פון ים. זיי האָבען זיך געהויבען, געקנייטשט און גע־ווינגט, און רעגענבויגענס האָבען זיי געטראָגען אין זיך און געבליצט מיט זיי; אויף די רעגענבויגענס זענען געזעסען משונה־ווילדע באַשעפענישען, באַזעצט פון די קעפּ ביז די פיס מיט בליציגע פערל און דימענטען. פון דעם תהום האָט זיך ארויסגעהויבען א מלכות־שטול, פון שווארצען קאראל, שווארץ ווי פעך, און אויף איהר איז געזעסען לילית, די מוטער פון אלע שדים, און א קרוין געפלאָכטען פון לעבעדיגע שלאַנגען מיט כל־המינים קאָלירען איז געוועזען אויף איהר קאָפּ. און אלע, וואָס זענען דאָרט געוועזען, זענען געפאלען אויף זייערע פנים'ער און האָבען זיך געבוקט. איינער איז נאָר געבליבען, אונזער יונגערמאַן, וואָס איז נישט געפאלען צו דער ערד און האָט זיך נישט געבוקט, נייערט, ער האָט פאַרשטעלט זיין פנים מיט זיינע הענט און געציטערט פון קאָפּ ביז די פיס.

און פּלוצלונג האָט זיך דערהערט א קרעה פון א האָן און אלץ איז פאַרשוואונדען. די שדים האָבען זיך אויפגעכאַפּט, ווי מיט א בהלה, און זענען פאַרשוואונדען געוואָרען. געבליבען זענען נאָר אשמדאי און דער

יונגערמאַן. אשמדאי איז געוועזן שטאַרק אויפגעראַמט און דער יונגערמאַן איז געשטאַנען אין איין ציטערניש.

און אשמדאי האָט געזאָגט צו איהם :

— ציטער נישט, בן־אדם, און שרעק זיך נישט! איך האָב אָנגע־זאָגט אַלעמען, אז זיי זאָלען זיך נישט דערוועגען דיך אָנצוריהרען און צו טאָן דיר וואָס נישט איז, גוטס אָדער שלעכטס; איך האָב זיי שטרענג פאַרזאָגט, אז זיי זאָלען דיר לאָזען זיך פיהרען ווי דו ווילסט. איך זאָג דיר אָבער אָן, אז דו זאָלסט זיך היטען און זיי נישט דערצירנען מיט קיין זאַך; דו זאָלסט געוואָרענט זיין און נאָכאַמאָל נישט זאָגען די שרעקליכע ווערטער, וואָס דו האָסט היינט ארויסגעלאָזט פון דיינע ליפּען. זעה, איך האָב צוליב דיר געמוזט מאַכען דעם גאַנצען יום־טוב, זיי איבערצובעטען. איצט איז געקומען די צייט, ווען איך דאַרף ארויפגעהן אין ישיבה־של־מעלה לערנען תורה. דער האָן האָט געקרעהט צום ערשטען מאָל, דאָס גן־עדן האָט זיך אויפגעכאַפּט און מלאכים האָבען אָנגעהויבען שירה צו זאָ־גען, באַלד וועט דער האָן קרעהן צום צווייטען מאָל און די ישיבה־של־מעלה וועט זיך אוועקזעצען לערנען תורה.

און ווי ער האָט געענדיגט די ווערטער, האָט זיך ווידער דערהערט א קרעה פון א האָן, און עס האָט איהם א בריה געטאָן הינטער די פליגעל, און ער האָט זיי פאַרשפּרייט, און איז פאַרשוואונדען.

און דער יונגערמאַן איז געבליבען איינער אליין און ער האָט גע־ציטערט.

ז.

דריי יאָהר איז ער געזעסען אין אשמדאי'ס פּאַלאַץ, און האָט גע־לערענט מיט זיין בכור. ער האָט זיך שטאַרק געהיט און האָט מיט קיין זאַך נישט אויפגעבראַכט די שדים געגען זיך. ער איז מיט דער צייט גע־וואָרען זעהר באַליבט ביי זיי, און אַלע האָבען איהם אָפּגעגעבען גרויס כבוד. אשמדאי האָט איהם אויך ליבער געקראָגען פון טאָג צו טאָג, ביז ער האָט איהם געמאַכט פאַר איינעם פון זיינע יועצים. ער האָט געעפענט פאַר איהם דעם פּאַלאַץ און פיל פון זיינע פאַרבאָרגענע חדרים, און גע־לאָזט איהם פראַנק און פריי אַרומגעהן און זעהן אַלצדינג. נייערט איין הויז האָט ער געהאַלטען פאַרמאַכט פאַר איהם, דאָס איז געווען דאָס הויז, וואו־הין קיינער האָט נישט געטאָרט אריינקומען, חוץ אשמדאי זעלבסט; דאָס־דאָזיגע הויז, איבער וועלכען אַלע עלטסטע פון די שדים האָבען זיך גע־פלעגט שטאַרק צו סוד'ען.

אַזוי איז ער אָפּגעוועזען דריי יאָהר צווישען די שדים, און האָט ביסלאַכווייז גענומען אַרויסשלאָגען זיך פון קאָפּ דעם זכר פון זיין הויז־געזינט, וואָרים ער האָט זיך שוין געהאַט מיאש געווען אַרויסצוקומען פון דאָרט און צו זעהן אַ לעבעדיגען מענש. מיט דער צייט האָט ער זיך צו־געוואוינט צו לעבען אין אשמדאי'ס פּאַלאַץ און צוזעהן אַלע ווילדע זאַכען, און אויפגעהערט צו בענקען נאָך זיין אַמאָליג לעבען. ווען דער פּאַלאַץ האָט זיך ברייט געעפענט פאַר איהם, האָט ער דערזעהן אַ נייע וועלט, פול מיט ווילד־וואונדערליכע זאַכען, וואָס פאַרנעמען דאָס אויג, און ער פלעגט דאָרט אַרומבלאָנדזשען מיט אַ פאַרכאַפּטען אַטעם פון גרויס התפעלות.

פילמאָל איז ער אַרומגעגאַנגען אַרום דעם פאַרבאָטענעם פּאַלאַץ, באַטראַכט איהם פון דרויסען, און זיך געריבען די אויגען פון דער בלענ־דענדיגער שיינקייט, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגען פון דאָרט. עס האָט איהם געצויגען צו וויסען, וואָס דאָרט טוט זיך, נאָר ער האָט גאָרנישט געקאָנט דערגעהן. עס האָט נישט לאַנג גענומען, און אשמדאי האָט איהם אָפּגעגע־געבען אַ באַזונדערע וואוינונג, נישט ווייט פון דעם פאַרבאָטענעם פּלאַץ, און דעמאָלט האָט ער געקאָנט מעהר באַטראַכטען די שיינקייט, אומבאַ־מערקט פון קיינעם.

איינמאָל האָט ער דערהערט ווי עס קומט אַרויס פון דאָרט אַ זיס־פאַר'מרה־שחורה'ט קול, וואָס ציהט און רופט און געהט אויס פון בייגק־

שאפט. דאָס קול האָט זיך אריינגע׳גנבה׳ט צו איהם אין הארצען, און באַרויבט זיין רוה. שפּעט ביינאַכט איז עס געווען און שטילע, פאַרבענקטע נאַכטווינטעלעך האָבען אויפגעכאַפּט דאָס קול און געבראַכט עס צו איהם. ער איז געלעגען איינזאַם אויף זיין געלעגער, און דאָס הארץ האָט אין איהם אויפגעוואַכט, און די נשמה האָט זיך אַנגעצונדען. א פריידיגע ציטערניש האָט איהם אַנגעכאַפּט, און ער האָט זיך געוואָרפען אויף זיין געלעגער א גאַנצע נאַכט. אינדערפריה האָט ער זיך אויפגעהויבען און מורא געהאַט, און ער האָט פאַרבאָרגען דאָס אַלץ ביי זיך אין הארץ.

נאַכט ביי נאַכט האָט דאָס קול זיך דערטראָגען צו איהם, און עס האָט איהם נישט געלאָזט רוהען. פאַרשידענע זיסע חלומות האָט ער געזעהן, און זיי האָבען נאָכמעהר צעפּלאַקערט אין איהם די בענקשאַפט. ער האָט געוואוסט, אז דאָס אַלץ קומט ארויס פון דעם פאַרבאָטענעם פּאַלאַץ, און ער האָט מורא געהאַט. האָט ער געפּרואווט פאַרטרייבען די געדאַנקען, וואָס האָבען איהם נישט געלאָזט רוהען; ער האָט פאַרמאַכט די אויגען, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם פאַרבאָטענעם פּאַלאַץ; ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט די אויערען צו פאַרקלעפּען, דאָס קול זאָל צו איהם ביינאַכט נישט קענען צוקומען. האָט אָבער דאָס קול ארויסגעזונגען זיס־פאַרבענקט פון די טיפענישען פון זיין הארץ, און אין די פאַרמאַכטע אויגען האָט זיך נאָך שאַרפער אָפּגעשפּיגעלט די בלענדענדיגע פּראַכט פון דעם פּאַלאַץ. און א זיסע פּיין האָט איהם ארומגעכאַפּט, און ער האָט מורא געהאַט פאַר איהר און געבענקט נאָך איהר.

און געטראָגען האָט ער דאָס אַלץ פאַרבאָרגען טיף אין זיין הארצען, און זיין ברוסט איז שיר צעשפּרונגען געוואָרען דערפון.

האָט זיך געמאַכט אין יענער צייט, אז א מדינה האָט מורד געווען אין אשמדאי׳ן, און ער האָט געדאַרפט געהן אויף א מלחמה אנטקעגען איהר. האָט אשמדאי איהם אריינגערופען און געזאָגט צו איהם אזוי:

— איך האָב דיך אויסגעפּרואווט די גאַנצע צייט און געזעהן, אז דו ביסט מיר זעהר טריי, און איך קען זיך אויף דיר מעהר פאַרלאָזען, ווי אויף אַלע מיינע לייט, דארום גיב איך איבער אין דיינע הענט מיין גאַנצען חצר־המלכות. איך האָב אָנגעזאָגט מיינע אַלע שרים, אז זיי זאָלען דיך פאָלגען און אָפּהיטען אַלצדינג, וואָס וועט ארויס פון דיין מויל. איך גיב דיר איבער מיין גאַנצען הויף, אָבער איך באַשווער דיר, אז דו זאָלסט נישט

אריינגעהן אין דעם פאַרבאַטענעם פּאַלאַץ. געדענק, איך זאָג עס דיר אָן, און דו שווערסט מיר צו דאַרויף.

אין אָנהויב האָט דער יונגערמאַן זיך געפּרואווט אָפּבעטען און זאָגען, אַז ער איז נישט ראוי דערצו, האָט ער אָבער געזעהן, אַז אשמדאַי'ס גרימצאָרן נעמט זיך אָנצינדען, און ער האָט מורא געקראָגען, און ער האָט צוגעזאָגט אָפּצוהיטען אשמדאַי'ס באַפעהל.

אשמדאַי האָט איהם איבערגעגעבען אַלע שליסלען פון זיין הויף, און צווישען זיי דעם שליסעל פון דעם פאַרבאָטענעם פּאַלאַץ. ער האָט איהם אָנגעוויזען אויף יענעם שליסעל און נאָכאַמאָל איהם אָנגעזאָגט דאַרויף, און ער איז אוועק אויף דער מלחמה.

און דער יונגערמאַן האָט געוואוסט, אַז דאָ האָט מען איהם ווידער צוגעשיקט אַ שווערען נסיון, און ער דאַרף זיך שטאַרקען און איהם ביישטעהן, און ער האָט זיך שטאַרק געשראָקען.

פון דערווייטען האָט דער פאַרבאָרגענער פּאַלאַץ געוואונקען צו איהם און איהם גערופען, ער האָט געפּרואווט פאַרמאַכען זיינע אויגען און פאַרשטאָפּען זיינע אויערען, און ער האָט נישט געקאָנט. עס האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ זיס קול פון האַרפען און פידלען, און ניגונים פולע מיט תאוה זענען אַרויסגעקומען פון דאָרט, און זיי האָבען זיך אַריינגעגאָסען אין זיינע אויערען, אַריינגעריסען אין האַרצען איבער'ן גוואַלט. ער האָט זיך געשטאַרקט און דאָס ביינעקומען.

ביינאַכט אויף זיין געלעגער האָבען זיסע קולות אַריינגעדרונגען אין זיינע אויערען און זיי האָבען געבעטען, גערופען, געוויינט; פול מיט בענקשאַפט זענען זיי געוועזן און זיי האָבען געריסען פון איהם שטיקער. ווי אַ פייער האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען, און ער האָט געגליהט און געוואָרפען זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, געביסען זיינע ליפּען און געקריצט מיט זיינע ציין.

פריה פאַרטאָג האָט ער דערהערט אַ קול פון אַ פלייט, און עס איז געוועזן ווילד און פול מיט תאוה. אָט איז עס געוועזן שטיל און עס האָט געשלוכצט פאַרבענקט, ווי דער אויסגוס פון אַ נשמה פאַרזונקען אין טיפען צער, און אָט האָט עס אויסגעשריגען ווילד, אָפּגעריסען, געצאַפּעלט, ווי אַ שווערער גוף אין דער נכפה, באַהיט זאָל מען ווערען. און ווידער שטיל ווי דאָס שאַרכען פון צווייגעלעך אין אַ לייכט אווענטווינטל, און

פלוצלונג שטורמיש, ווי א ברייטער ים, געטריבען פון דעם שר פון די ווינ־טען. עס האָט זיך געוואָרפען דאָס קול און צעבראָכען, באלד זיך איבער־געריסען, באלד שטיל אויסגעגאנגען, און ווידער זיך אויפגעכאפט מיט שטורמישע אויסברוכען.

און דער יונגערמאן איז געבליבען ליגען פאר'שיכור'ט, פון דעם קול, זיינע אויגען האָבען זיך פארמאכט און זיינע ליפען ברייט צעעפענט; דער ווילען איז אין איהם אָפגעשטאָרבען, און דער כח פון אלע זיינע חושים איז איהם אָפגענומען געוואָרען, און ער איז געלעגען, ווי נאָך א שלאָפ־טראנק, און האָט געזעהן זיסע חלומות.

און דאָס קול פון דער מוזיק האָט איהם ווי ארומגעשפונען, ארייג־געכאפט אין נעץ, און געצויגען. ער איז אראָפ פון זיין געלעגער, ארויס פון זיין חדר, און נאָכגעגאנגען ביז צום פארבאָטענעם פאלאץ מיט פאר־מאכטע אויגען.

און ווי ער איז צוגעקומען צו דער טיר, האָט ער זיך אויפגעכאפט און האָט אָנגעהויבען צו ציטערען: אשמדאי'ס ווערטער האָבען איהם גע־נומען קלינגען אין די אויערען, און די שבועה מיט וועלכע ער האָט איהם באשוואוירען. האָט ער זיך שטארק געשראָקען און געוואָלט צוריקלויפען אין זיין חדר אריין, זיך דאָרט צו פארשליסען און דערשטיקען אלץ אין זיך — און ער האָט זיך נישט געקענט ריהרען פון אָרט. ביים טיר האָט זיך באוויזען א פרויען־געשטאלט, שיין ווי א מלאך און ברענעדיג ווי א טייוועל, אין מויל א שטאָק־פייפעל, און זי שפילט. די קולות, וואָס קומען ארויס פון פייפל, פארוואָרפען זיך ארום איהם ווי שטריק און זיי שלעפען. א זיסע ציטערניש געהט דורך זיין גאנץ לייב, און זיינע כחות געהן ווייטער אויס. אויף א רגע האָבען זיך צו איהם באוויזען צוויי אנדערע פרויען־געשטאלטען — זיין טויטע מוטער און זיין האלב־פארגעסען ווייב — זיי האָבען איהם אָנגענומען ביי די הענט, געוואָלט איהם ארויסרייסען פון דאָרט. פלוצלונג האָט ער דערזעהן דעם שיפסקאפיטאן, און ער האָט א שטארקען ציטער געטאָן. אלץ איז פארשוואונדען געוואָרען. ער האָט פארמאכט זיינע אויגען און איז נאָכגעגאנגען דעם ווילדען קול פון פייפל, ביז ער האָט אריבערגעטראָטען די שוועל.

שטיל איז פלוצלונג געוואָרען דאָס קול, זיינע אויגען האָבען זיך געעפענט און ער האָט דערזעהן, אשמדאי'ס טאָכטער זיצט פאר איהם אין

א גינגאָלדענער שטול.

און צעקלונגען האָט זיך איהר שטים אין געלעכטער, און זי האָט געזאָגט:

— וועה איז צו דיר, נארישער מענש! דו האָסט נישט געפאָלגט מיין פאָטער, דעם מלך, און שטארבען וועסטו דערפאַר נאָך היינטיגען טאָג.

איז ער איהר געפאלען צו די פיס, געבעטען און געוועקט איהר רחמנות, געפרעגט מיט תחנונים, פארוואָס זי האָט איהם אזוי אָפּגעטאָן. איז זי אויפגעשטאנען פון איהר שטול און האָט איהם אויפגעהויבען פון דער ערד, צוגעדריקט צו איהר הארץ, ביז צו דערשטיקען, און געזאָגט:

— אזוי לאנג האָב איך געוואַרט אויף דיר, געבענקט נאָך דיר, און דו ביסט נישט געקומען! אשמדאי, מיין פאָטער ווייסט שוין דערפון און גלייך וועט ער קומען, פול מיט גרימצאָרן און א בלאנקע שווערט אין זיין האנט. פאל איהם צו די פיס און בעט פון איהם, ער זאָל מיך געבען צו דיר פאר א ווייב. עס איז זיין ווילען שוין לאנג געוועזען, איז ער אָבער א מלך, און א מלך און א בת־מלכה ליידען און שווייגען. זאָג איהם, דו האָסט מיין געוויין נישט געקאָנט אריבערטראָגען, און מיין בענקשאפט צו דיר האָט דורכגעבראָכען מויערען און שלעסער. זאָג איהם, אז עס האָט אין דיר אָנגעצונדען א פייער, און אלע ווערטער און שבועות זענען אוועק מיט דעם פלאם; דו אליין האָסט זיך פאר א קרבן געבראכט צו מיר.

און גלייך איז אשמדאי געשטאנען פאר איהם, א צאָרנדיגער מיט א בלאנקער שווערט אין זיין האנט. און דער יונגערמאן האָט געאיילט און געטאָן ווי אשמדאי'ס טאָכטער האָט איהם אָנגעזאָגט. און געשטילט האָט זיך אשמדאי'ס צאָרן, און ער האָט אריינגעזעצט די שווערט אין איהר שייד, און געזאָגט:

— אָפען איז דער פאלאץ פאר דיר, מיין קינד! דו האָסט מיין טאָכטער אנטשפּויזט צו דיר פאר א ווייב, ווען איך וועל קומען פון דער מלחמה וועט זיין די חתונה.

ז.

און אשמדאי׳ס טאָכטער האָט איהם אריינגענומען אין איהר פּאַלאַץ און געעפענט פאר איהם איהרע לוסט־צימערען, און געוויזען פיל פון די סודות׳דיגע וואונדער, וואָס געפינען זיך אין זיי. גאַנצע טעג האָט זי ארומגעוואנדערט מיט איהם, גערייצט איהם מיט איהר שיינקייט, גע־ברענט איהם מיט איהר ליבשאַפט, ביז זי האָט זיין נשמה געפאַנגען. און זיין הארץ האָט זיך באהעפט אָן איהר׳ס, זי צו ליבען, און ער האָט פאר־געסען ווער ער איז און וואו ער איז.

און ליב האָט איהם געקראָגען אשמדאי׳ס טאָכטער, ווי נאָר א א שדה קען ליבען א מענשענקינד. זי האָט געהיט יעדען בלינצל פון זיין אויג און יעדען ציטער פון זיין ליפּ. זי האָט איהם אָפּגעהיט, ווי אן אויג אין קאָפּ, נישט אָפּגעטראָטען פון איהם בייטאָג, און ביינאכט האָט זי געוואכט איבער זיינע חלומות. זי האָט אויסגעזוכט אלע פארגעניגענס פון מענשען און שדים, און איהם אָנגעטאָן. מיט דעם בליק פון איהר אויג האָט זי אריינגעזויגען זיין מענשליכע נשמה, און מיט די ווילדע קושען פון איהרע ברענענדיגע ליפּען האָט זי איהר שדים־גייסט אין איהם אריינ־געאָטעמט.

דערווייל איז אשמדאי צוריקגעקומען פון דער מלחמה און ער האָט געפייערט דעם יום־טוב פון זיין נצחון מיט גרויס פּאראד. פון אלע מדינות איז מען געקומען און מ׳האָט איהם אָפּגעגעבען גרויס כבוד, און געזונגען פאר איהם נייע לויבגעזאנגען. און אשמדאי האָט געמאכט פאר זיי א גרויסע סעודה און געגעבען זיי גרויסע געשאנקען. און ווען אלע זע־נען געווען זעהר אויפגעראַמט, האָט ער צו זיי געזאָגט:

— גרויס איז געווען מיין נצחון און גרויס איז מיין שמחה, וואָס איך האָב אלע שונאים אונטערטעניג געמאכט; גרעסער אָבער איז מיין שמחה איצט, ווען איך האָב פאר מיין טאָכטער, וועלכע איך האָב ליב, גע־קראָגען דעם, וועמען איך האָב געוואָלט. פייערט מיט מיר דעם יום־טוב פון מיין טאָכטערס תנאים!

און אשמדאי׳ס סופר איז אריינגערופען געוואָרען, און ער איז אריינגעקומען און אין זיין האנט איז געווען א טינטורן, געמאכט פון א מענשען־שארבען, און א פּען, אויסגעשניצט פון א האנט־ביין. און אשמדאי האָט ארויסגענומען א שטיק פּארמעט און האָט עס געגעבען דעם סופר

און געזאָגט :

— דעמדאָזיגען פאַרמעט האָב איך געמאַכט פון דער פעל פון ז ע ם מלך, וועמען איך האָב דערשלאָגען אין דער מלחמה, אויף דעם פאַרמעט וועלען געשריבען ווערען די תנאים פון מיין געליבסטער טאָכטער !

און א פרייד געלעכטער האָט ארויסגעשאַלט פון העלזער פון שדים אָהן א צאָל, און א לויב־געזאַנג צו אשמדאי׳ן האָט פאַרהילכט דעם פּאַלאַץ. און דער יונגערמאַן האָט א ציטער געטאָן א רגע, און ער האָט זיך גע־שטאַרקט און דערשטיקט דעם ציטער, איידער אַן אויג האָט נאָך גע־קאָנט באַמערקען.

און א ווילדע מוזיק האָט זיך צעגאָסען איבער אשמדאי׳ס פּאַלאַץ, ווילד ווי א שטורמווינט אין דער מדבר, און זי האָט אַלעמען מיטגעריי־סען. מ׳האָט נישט געזעהן קיין כלי־זמר, און די נגינה איז פון צווישען אַלעמען ארויסגעקומען. און א ווילדער שדים־טאַנץ האָט זיך אויפגעכאַפּט און געווירבעלט, און דער גאַנצער פּאַלאַץ האָט געשטורעמט און געטאַנצט, ביז דער האָן האָט געטאָן דעם ערשטען קרעה.

אויפצומאָרגענס, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף, אויפגעמאַכט זיינע אויגען און זיך ארומגעקוקט, האָט ער דערזעהן, אז ער ליגט אויף א גינגאָלדען בעטל, אויסגעזעצט מיט די טייערסטע שטיינער און פּערל, וואָס שטעהט אויף א דיל בלויליך־גרין, ווי די וואַסער פון ים; איבער איהם געוועלבט זיך א באַלקען, בלוי ווי דער לויטערער הימעל פון חודש אָב; ארום און ארום ווענט — ווילד־הויכע בוימער, וואָס וואַקסען ארויס פון צווישען שפּאַלטען פון פעלזענבערג, און אויף זייערע באַבלע־טערטע צווייגען וויגען זיך גרויסע פויגעל און בלענדען דאָס אויג מיט אַלערהאַנט קאָלירען.

און ער האָט געריבען די אויגען און געקוקט און נישט געוואוסט, וואו ער איז און וואָס מיט איהם איז געוואָרען. פּלוצלונג האָט זיך אין איהם צעגאָסען א כוואַליע פון פרייד און התפעלות, זי האָט איבערגע־קוואָלען זיין הארץ און זיך ארויסגעריסען דורך דער קעהל אין מאָדנע אויסגעשרייען און ווילדע קולות אָהן ווערטער. פּלוצים האָט ער דער־זעהן, ווי פון די פויגעל זענען געוואָרען שיינע יונגפרויען, און זיי קוקען אראָפּ און שמייכלען צו איהם פון די צווייגען. פון דעם שפּיץ פון דעם העכסטען בוים האָט זיך צעקלונגען דאָס זיסע קול, וואָס איז איהם אזוי

גוט באקאנט געווען, עס האָט איהם איהם גערופען, געלאכט צו איהם. און ער האָט א וויג געטאָן זיין קאָפּ, און האָט זי דערזעהן, און איז אויפגעשפּרונ־גען מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס געגען איהר, און א געבריל ווי פון א לייב האָט זיך ארויסגעריסען פון זיין קעהל. א וויג האָט זיך געטאָן דער בוים און א ציטער, און אין זיינע אויסגעשטרעקטע ארעמס איז אריינגע־פלויגען זיין כלה, אשמדאי׳ס טאָכטער, און זי האָט אַנגעצונדען זיין גאַנץ לייב מיט איהרע ברענעדיגע קושען. שטיל זענען זיי ביידע געשטאַנען א מינוט, מיט איבערגעקוואָלענע הערצער, דערנאָך האָט זי אויסגערופען און געזאָגט:

— א שיינעם פאַלאַץ האָב איך דיר געלאָזט אויסבויען אין איין נאכט! איך האָב געוואכט איבער דיר און מיינע קנעכט האָבען דיך אין דעמדראָזיגען בעטל אריבערגעטראָגען, און דו האָסט נישט געוואוסט. איך האָב מיינע חבר׳טעס פאר פויגעל פארשטעלט, זיי זאָלען דיך זיס איינ־שלעפערען ביינאכט און אינדערפריה אויפוועקען דיך מיט זייער ליבען געצוויטשער. איך האָב געשיקט מיינע קנעכט אין די הערצער פון די בערג, דאָס בעסטע גאָלד פאר דיין בעטל אויסצוגראָבען, און די שענסטע בערג מיט זייערע בוימער האָבען זיי מיטגעבראכט פאר ווענט. אין די טיפע־נישען פון ים האָב איך אראָפּגענידערט, זיינע טייערסטע שטיינער און פּערל האָב איך אויסגעפישט, און דיין בעטל מיט זיי אויסגעפלאסטערט. און די שענסטע וואסערען האָב איך פארגליווערט, און אויסגעגאָסען פאר דיר א דיל. אין הימעל האָב איך ארויפגעשוועבט און זיין בלויקייט פאר דיר אראָפּגעבראכט, און אויסגעשפּרייט איבער דיין קאָפּ. זאָג, וואָס ווילסטו נאָך, מיין חתן, און עס וועט געשעהן! א, ווי איך האָב דיך ליב מענשענקינד!

און זי איז שטיל געבליבען און געקוקט איהם אין די אויגען אריין, און זיינע אויגען האָבען געפינקעלט, זיין פּנים האָט געלויכטען, און זיין גאַנצער גוף האָט זיך געטונקט אין פייער און ליכט. שטיל איז געווען אלץ ארום, אלץ האָט איינגעהאלטען דעם אָטעם, און שטיל איז ער גע־שטאַנען אין מיטען מיט צעעפענטע ליפּען. פּלוצלונג האָבען זיך זיינע אויסגעשטרעקטע אָרעמס ארומגעוויקעלט ארום איהר; ווי די שלאַנגען האָ־בען זיי זיך פעסט ארומגעדרעהט, און זי צוגעדריקט צו זיין האַרץ, און מיט׳ן גאַנצען כח האָט ער אויסגעשריגען:

— נעם אַלצדינג צו, מיין מענשען־האַרץ רייס אַרויס! נעם !

און פון די צווייגען פון די בוימער האָבען זיך ווידער באַוויזען די פויגעל מיט אַלערהאַנט קאָלירען, און אַ פרייד־געצוויטשער האָט זיך צע־שאַלט אַרום און אַרום.

טאָג נאָך טאָג איז אַזוי פאַרבייגעלאָפען, יעדער מיט זיינע נייע פאַרגעניגענס און פרישע פרייד. אשמדאי׳ס טאָכטער האָט איהם טאָג־טעגליך ליבער און ליבער געקראָגען, און מיט דער פולער האַנט האָט זי איהם געטיילט ליבשאַפט און גליק. זיין מענשען־האַרץ האָט זי אַריינגע־זעצט אין איהר בוזעם און אַ נשמה האָט זי דערפיהלט אין זיך, און אָנ־געצונדען האָט זיך די נשמה מיט דעם פייער פון טייוועלשער ליבע און צעפלאַקערט, און זי איז גרייט געווען אינגאַנצען זיך אויסצוברענען און מקריב זיין זיך, כדי צו ברענגען איהם אַ רגע פון גליק. אַראָפּגעוואָרפען האָט ער פון זיך אַלע מענשליכע זאָרג און זיין נשמה פון זיך פאַרטריבען און זיך איבערגעגעבען אין די הענט פון זיין גייסט, און איז געוואָרען פריי און ווילד, ווי אַ יונגער שד. לייכט איז ער געוואָרען און גרינג, קיין גע־דאַנק האָט נישט באַשווערט זיין קאָפּ אָדער פאַרוואָלקענט זיין שטערען. ער איז גרייט געווען צו באַצאָלען, פאַר איין רגע פון גליק מיט זיין נשמה, און פאַרלוירען צו ווערען אויף אייביקייטען. גליקליך איז געווען אשמדאי׳ס טאָכטער און זי האָט געשטראַלט מיט פרייד, און נייע וועלטען, פון וועל־כע זי האָט קיינמאָל נישט גע׳חלום׳ט, האָבען זיך געעפענט פאַר איהר; פאַר׳שכורט איז געווען דער יונגערמאַן און זיינע אויגען זיינען פול גע־ווען מיט לוסט, און אַלץ, וואָס מיט איהם איז פריהער געשעהן, איז אָפּגע־מעקט געוואָרען פון זיין זכרון. ער האָט געטרונקען פון דעם בעכער פון פאַרגעניגען און אויסגעלעערט איהם ביז צום באָדען, און זיין האַרץ האָט זיך נישט געזעטיגט. אַזוי איז דורך די צייט, און דער טאָג פון דער חתונה האָט זיך דערנעהנטערט.

אין פּאַלאַץ האָט מען זיך שטאַרק געגרייט צו דער חתונה; אשמדאי זעלבסט האָט אַרויסגעגעבען באַפעהלען, וואָס און ווי מ׳זאָל אַלצדינג צו־גרייטען.

חתן־כלה האָבען פאַרבראַכט זייערע טעג און נעכט אין פרייד און גליק, און זיך צומאָל נישט אומגעקוקט אויף דעם אַלעם, וואָס האָט זיך געטאָן אַרום זיי.

עטליכע טעג פאר דער חתונה, ווען זיי זענען ביידע געזעסען אין זייער לוסטגארטען, פארזונקען אין א ים פון ליבשאפט, און אויסגעגאסען זייערע הערצער, און זי האט איהם דערציילט פון איהר פריהערדיג לעבען און פון דעם פרישען ליכט, וואס האט אויף איהר אויפגעשיינט, האט ער געטאן א לייכטען ציטער און זיין פנים האט זיך עטוואס פארוואלקענט. האט זי איהם געבעטען און ער האט איהר דערציילט אלצדינג, וואס מיט איהם איז פארגעקומען. איז זי געווארען טרויעריג און האט געזאגט:

— טאמער לעבט נאך אין דיין הארצען עטוואס פון דיין פריי־הערדיג לעבען און דיך ציהט אהין, וועל איך דיך דערפון נישט אוועקרייסען. נישט אוים מורא, וויל איך, דו זאלסט מיך נעמען. איך שווער דיר צו, אז דיר וועט גארנישט געשעהן. איך וועל אלצדינג נעמען אויף זיך, און דיך וועל איך אהיימברענגען. דיין גליק וועט זיין מיינער, און מיט דער בענקשאפט נאך דיך וועל איך לעבען. זאג מיר דעם אמת, פארלייקען נישט קיין ווארט!

איז דער יונגערמאן אויפגעשפרונגען, און ער האט אויסגעשריגען:

— ניין, איך שווער דיר צו, אז אלצדינג איז אפגעמעקט געווארען! מיין הארץ איז אוועקגעגעבען געווארען צו דיר, און מיין נשמה — אויף אייביג! איך האב דיך אנטשפויזט מיט ליבשאפט, און מיין לעבען איז אנגעפילט געווארען מיט גליק און פרייד. דיינער בין איך, אויף אייביג, אויף אייביג!

און ארעמס ווי דיקע שלאנגען האבען זיך צוגעדריקט, ביז צום דערשטיקט ווערען, און פייערדיגע קושען האבען ביידען צונויפגעשמאלצען אין איין פלאמיגען גלוט.

ח.

א פּאַלאַץ איז אַרויפגעקומען פון די טיפענישען פון תהום, און ער איז געווען אַזוי גרויס און אַזוי ברייט, אַז ווען עמיץ זאָל שטיין ביי איין וואַנט וואָלט ער קוים געקאָנט כאַפּען א שוואַכען שאָטען פון דער צווייטער, פון קעגענאיבער; און הויך איז געווען דער פּאַלאַץ, אַז מ'האָט געדאַרפט אויסצולענקען דעם נאַקען, כדי צו קענען וואַרפען א בליק צום באַלקען. מיט אַלע שעהנסטע קאָראַלען פון ים זענען געווען באַצירט די ווענט אין דער הויך און ביי די זייטען, און אין דער מיט אויסגעמאָלט מיט אַלערליי בילדער פון תאוה און רייץ. גרויס זענען געווען די פענסטער, און זייערע ביישטעדלעך פון ווייסטען עלפענביין, אויסגעשניצט מיט אַלע מינים חיות פון יבשה און ים; די שויבען פון ריינסטען קריסטאַל, געשליפען שוקע און בולט. פון באַלקען האָבען אַראָפּגעהאַנגען, אויף לאַנגע גינגאָלדענע קייטען, שווערע דימאַנטען, ווי די אייער פון די שטרויספייגעל, אויסגעשליפען אין אַלערהאַנט שלייפען; אין זיי זענען אַרומגעלאָפען טויזענטער שטראַלען פון דער זון, און האָבען געזוכט א וועג זיך אַרויסצורייסען פון זייער תפיסה. פיר־ווייז זענען זיי אַראָפּגעהאַנגען, און אין דער מיט, אויף א לענגערע קייט, א פּערל גרויס ווי אַן עפּעל, דורכגעוועבט מיט פעדים פון ליכט. דער דיל איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט די טייערסטע שפּיגלען, און אין איהם האָבען זיך געזעהן א הימעל אויסגעזעצט מיט בלינצלענדיגע שטערען, און די ווענט און פענסטער מיט זייער גאַנצען געווימעל. און געוויגט האָט זיך ליכט געגען ליכט און שטיל געציטערט און געבלענדעט דאָס אויג. ברייטע קרעדענצען האָבען אַרומגעצירט די ווענט, ביי זייערע זוימען, געשניצטע פון טייערסטען האָלץ פון דער יבשה און אויסגעזעצטע מיט די בעסטע שטיינער און פּערל פון ים. אין מיטען זיינען געשטאַנען לאַנגע און ברייטע טישען פון גאָלד און זילבער און אבנים־טובות, און פון זיי זענען אַרויסגעוואַקסען בוימער מיט אַלע שעהנסטע פּירות.

אין דעמדאָזיגען פּאַלאַץ איז געווען די חתונה. געסט זענען געקומען פון אַלע עקען וועלט; אַלע פּרינצען און שרים פון אשמדאי'ס מלוכה זענען זיך צוזאַמענגעקומען, און יעדער האָט מיטגעבראַכט די שענסטע און רייכסטע מתנות פאַר דרשה־געשאַנק. מוזיק האָט דאָרט געשפּילט אַזעלכע וואָס קיין מענשליך אויער האָט נאָך קיינמאָל נישט גע־

הערט, און וואָס עס איז שווער פאַר אַ מענשען זיך פאָרצושטעלען. עס איז בכלל נישט מעגליך צו באשרייבען די גאַנצע חתונה, ווי זי איז צוגעגאַנגען און אַלץ, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען. אשמדאי אַליין האָט געמאַכט אַלע פּלענער און לויט זיינע באַפעהלען האָט מען אַלצדינג צוגעגרייט. ער האָט געזעהן, אַז אַלעס זאָל אויסזעהן ווילד־רייך, און עס זאָל אויפרייסען דאָס אויג; ער האָט אָבער אויך געזעהן, אַז קיין זאַך זאָל דאָרט נישט פאָרקומען, וואָס קען אָנדרייטען עפּעס וועגען דעם אָפּגרונט, וואָס ליגט צווישען מענש און שד.

דער יונגערמאַן האָט חתונה געהאַט מיט אשמדאי׳ס טאָכטער כדת־משה־וישראל, און האָט איהר געשריבען זעהר אַ גרויסע כתובה, ווי דער מנהג איז ביי שדים.

און אַ צייט מיט יאָהרען האָט ער דאָרט געלעבט און געגאָסען אַלע תענוגים צו וועלכע זיין האַרץ האָט געגלוסט. אשמדאי׳ס טאָכטער האָט איהם זעהר שטאַרק ליב געהאַט, און האָט נאָר געקלערט מיט וואָס איהם צו דערפרעהן און פאַרשפּילען.

מיט דער צייט האָט זי איהם געבוירען אַ זוהן, און מ׳האָט געררופען זיין נאָמען: שלמה.

און אשמדאי האָט ווידער געמאַכט אַ גרויסע שמחה צום ברית פון דעם אייניקעל, און ער האָט זיך זעהר משמח געווען, און געגעבען גרויסע געשאַנקען פאַר זיינע אַלע מדינות.

און אשמדאי׳ס טאָכטער האָט זעהר ליב געהאַט איהר האַלב־מענש קינד, און די ליבשאַפט צו איהר מאַן האָט זיך נאָכמעהר צעפלאַקערט. אַ מענשליכע נשמה האָט זיך איין איהר צעבליהט און צעוואַקסען, און די וואַרימע ליבשאַפט און איבערגעבענע טרייקייט פון דער מענשליכער נשמה האָט זיך געשטאַרקט און איז בייגעקומען דעם ברענעדיגען רייץ און ווילדען גלות פון דעם שד׳ישען גייסט. און זי האָט ליב געהאַט איהר קינד, ווי די צערטליכסטע מוטער צווישען פרויען, און צו איהר מאַן איז זי געווען צוגעבונדען ווי די טרייסטע טאָכטער פון מענשען. דער ווילדער כעס און גרימצאָרן פון אַ שד, איז איין איהר ווי אָפּגעשטאָרבען, און זי איז געווען פול מיט געדולד, גוט און מילד צו אַלעמען, און איהר האַרץ איז איבערגעגאַנגען מיט רחמנות.

און ער, דער יונגערמאַן, האָט זיך אַלץ מעהר אריינגעלאָזט אין די

תענוגים פון די שדים, און אין זייער ווילד לעבען, און ער האָט כסדר פאַרברענט די איבערגעבליבענע פונקען פון זיין נשמה, א קרבן צו די שדים. ער האָט זיך אויפגעהערט צו קימערען וועגען זיין פריהערדיג לע־בען פון א מענשען, און האָט ארויסגעשלאָגען פון זיין קאָפּ יעדע דערינע־רונג, וואָס האָט נאָך געלעבט אין איהם; ער האָט פאַרטריבען פון זיך יעדען רעכנונג און אויסרעכנונג און מיט זיך די גאַנצע צייט נישט גע־מאכט קיין חשבון־הנפש. ער האָט זיך איינגעוואוינט מיט די ווילדקייטען פון די שדים און ער איז געוואָרען ווי איינער פון זיי.

און די שדים האָבען זיך אויפגעהערט צו היטען פאַר איהם און צו שוינען דעם כבוד פון מענשען; און די לצים האָבען איהם אָנגעהויבען פרעהליך צו מאַכען מיט זייער אָפּשפּעטען פון מענשען און זייער לעבען, און מיט די ווילדע מעשיות, ווי זיי האָבען אָפּגענאַרט ארימע וואַנדערער און פאַרפיהרט זיי אין בלאָטעס; ווי זיי האָבען זיך פאַרשטעלט פאַר ווייַ־סע־שעפּסען און שווערע גענז און אינדיקעס און זעקלעך זאַלץ, און נאָכ־דעם ווי דער נאַרישער אָרימאַן האָט זיי ארויפגעשלעפּט אויף זיין צע־בראָכענעם וואָגען און אויסגעמאַטערט זיין דאַר פערדל ביז די לעצטע כחות, האָבען זיי ארויסגעשטעקט א צונג, אויסגעשאָסען מיט א געלעכ־טער, א פּאַטש געטאָן מיט די פליגעל און פאַרשוואונדען. ער האָט גע־הערט זייערע באַרימערייען, ווי זיי האָבען גע׳מזיק׳ט דעם אָדער יענעם מענשען און אָפּגענומען פון איהם דעם כח, און פיל אַנדערע מעשיות, און ער האָט מיטגעלאַכט מיט אַלעמען און גרוים הנאה געהאַט דערפון.

אזוי האָט ער אָפּגעלעבט אַ לאַנגע צייט און געלאָזט זיין נשמה אויס־געהן פונקען־ווייז, און אָט האָט עס שוין געהאַלטען ביי די לעצטע פונקען.

נאָר ווען דער לעצטער פונק האָט שוין געהאַלטען ביים צאַנקען, האָט זיך געטראָפען עפּעס, וואָס האָט איהם געגעבען דעם ערשטען שטויס צוריק און געבראַכט איהם צו מאַכען א חשבון־הנפש און זעהן וואו ער איז אין דער וועלט.

עס איז געווען נאָך א האַלבען טאָג פון ווילדע פאַרגעניגענס, און ער איז ארויסגעגאַנגען איינער אַליין שפּאַצירען אין אשמדאַי׳ס לוסט־גערטנער. איז ער געגאַנגען אַ לאַנגע צייט, ביז ער איז געקומען צו ערטער, וואָס זענען איהם נישט געווען באַקאַנט. האָט איהם אָנגענומען א ווילדער חשק צו געהן און זעהן וואָס דאָרט טוט זיך, און ער איז געגאַנגען און האָט

געבלאָנדזשעט א צייט, ביז ער האָט דערזעהן א שווארצען בארג. איז ער צוגעגאנגען נעהנטער, און ער האָט באטראכט דעם בארג און האָט דער־זעהן, אז ער איז פון פעך. איז עס איהם געווען א חידוש, און ער האָט גענומען ארומגעהן דעם בארג און באטראכטען, איהם פון אלע זייטען, און ער האָט דערזעהן א מויל פון א הייל. איז ער ארייננגעגאנגען אהין און ער האָט געזעהן אז די הייל איז באלויכטען מיט א רויכעדיג פייער. איז ער ווייטער געגאנגען ביז ער איז ארייננגעקומען אין א צווייטען חדר, פון וואנען דאָס רויכעדיגע ליכט איז ארויסגעקומען, און ער איז געבליבען א פארציטערערטער: קעפּ האָט ער דערזעהן הענגען, איינגעהילטע אין פלאמען, מענשען־קעפּ מיט לאנגע בערד און פיאות. פון די לעבער פון זייערע אויגען זעצט ארויס א ברענענדיג פייער, און פון די נאָזלעכער שלאָגט א רויך. די האָר פון די בערד און פיאות פלאטערען אין אייביגען פייער, און היים פעך גיסט זיך אין זייערע פאר׳שרפה׳טע מיילער אריין.

און די מורא האָט אויפגעוואכט אין זיין הארצען, און ער האָט אָנגעהויבען צו ציטערען און האָט געוואָלט אנטלויפען פון דאָרט. פּלוצ־לונג האָט ער דערהערט א מורא׳דיג קול, וואָס איז איהם געווען שטארק באקאנט, און דאָס קול האָט איהם גערופען. ער האָט זיך אומגעקוקט אין איין שרעק און ער האָט דערזעהן דעם קאָפּ, פון וועלכען דאָס קול איז ארויסגעקומען, און ער האָט איהם דערקענט: זיין פאָטער׳ס קאָפּ, ארומ־געקרוינט מיט פלאמען און רויך! און ער האָט דערהערט ווי א פאר־שטיקט קול קומט ארויס פון הייסען פעך:

— וועה איז מיר און וועה איז דיר, מיין קינד! דו האָסט זיך געלאָזט אָנרעדען, און האָסט עובר געווען אויף מיין שבועה, און ביסט אהער פארפיהרט געוואָרען, און מיך האָסטו צוריק פארשלעפּט אהער אויף אייביגער פארלוירענקייט! דו זעהסט מיין סוף, מיין קינד, און דעם סוף פון אלע, וואָס זענען אהער ארייננגעפאלען און האָבען פארקויפט זייערע נשמות צום טייוועל! אנטלויף פון דאנען, ווי שנעל דו קענסט!

מיט די לעצטע כחות איז ער אנטרונען פון דער הייל און אנטלאָפען פון דאָרט, ביז ער איז צוריק ארויסגעקומען אין לוסט־גאָרטען. דאָרט איז ער אנידערגעפאלען צווישען די בוימער און א ציטערניש האָט איהם גע־וואָרפען.

און ער האָט זיך געשטארקט און דערשטיקט אלץ אין זיך, און איז

צוריקגעגאַנגגען אין זיין פּאַלאַץ אריין, און האָט זיך גאָרנישט וויסענדיג געמאַכט.

טיף אין הארצען האָט עס איהם געפרעסען ווי א וואָרעם, עס האָט איהם געגעבערט אין מח און נישט געלאָזט רוהען. די איבערגעבליבענע פונקען פון זיין נשמה האָבען זיך אין איהם צעפלאַקערט און זיין מענשליך הארץ האָט צוריק אויפגעוואַכט, און ער האָט דערזעהן, ווי טיף ער איז אריינגעפאַלען, און עס האָט איהם געשווינדעלט.

און ער האָט געזוכט עצות, ווי דאָס צו פאַרבאָרגען פון זיין ווייב און קינד און פון אלע ארום, זיי זאָלען איהם נישט דערזעהן און אריינ־בליקען אין זיין הארץ און אויסגעפינען זיין סוד.

און ווען ער איז געקומען צו די ווילדע שפּילען פון די שדים, און ווען ער האָט געהערט די באריהמערייען פון די לצים, האָט ער מיטגעלאַכט, נאָר דאָס געלעכטער האָט איהם געשטאָכען דורך און דורך.

און ער האָט זיך ביסלאַכווייז צוריקגענומען צו דער תורה, וואָס ער האָט פאַרלאָזט, געלערענט מיט זיין זוהן, כלומר׳שט, און געזוכט אין איהר עצות, ווי זיך ארויסצורייסען פון דאָרט.

איינמאָל, ווען ער איז געזעסען און האָט געלערענט מיט זיין זוהן, איז אשמדאי׳ס טאָכטער אריינגעקומען, און זי האָט איהם געפונען א טרויעריגען. האָט זי געהייסען דעם זוהן ארויסגעהן, און זי האָט געזאָגט צו איהר מאן :

— די לעצטע צייט באמערק איך, מיין מאן, אז דו האָסט זיך ווי איבערגעביטען, און דיין פרעהליכקייט איז פון דיר אוועק. זאָג מיר, וואָס איז מיט דיר געשעהן? וואָס פעהלט דיר — און דו וועסט עס קריגען. געבים, מיין הערשער, און אלצדינג וועט געשעהן!

און דער יונגערמאַן האָט פאַרלייקענט און באהאַלטען זיין הארץ פאַר אשמדאי׳ס טאָכטער, און געזאָגט צו איהר, אז ער האָט זיך נישט געפיהלט ביים געזונט, און ער האָט איהר נישט געוואָלט קיין צער אָנטאָן, און ער האָט עס איהר נישט אנטפּלעקט.

און זי האָט איהם געגלויבט און געמיהט זיך צו שאַפען פאַר איהם נייע פאַרוויילונגען און פרישע פאַרגעניגענס.

ט.

דאָס קינד איז געוואקסען און מיט איהם זענען מיטגעוואקסען אלע מעלות, וואָס געפינען זיך ביי מענשען און שדים, און אשמדאי האָט איהם זעהר ליב געהאט. און אלע שרים פון אשמדאי'ס הויף האָבען זיך ארומגעטראָגען מיט דעם קינד, און אלע עלטסטע פון די שדים האָבען דערציילט זיין לויב און נאָכגעזאָגט זיינע חכמות.

און אשמדאי'ס טאָכטער איז אָנגעקוואָלען פון נחת, הערענדיג אלע לויבגעזאנגען פון איהר קינד, און איהר ליבשאפט צו איהר מאן, דעם מענש, האָט זיך נאָך טויזענטער מאָל פארשטארקט. זי האָט איהם אָפּגעהיט, ווי דאָס אפּעל פון אויג; בייטאָג האָט זי אָפּגעהיט יעדען רודער פון זיין האנט און יעדען ציטער פון זיין ליפּ, און ביינאכט האָט זי געוואכט איבער איהם.

און דער יונגערמאן האָט געקניהט אונטער דער לאַסט פון איהר ליבשאפט, און ער האָט זי נישט געקאָנט דערטראָגען. ער האָט געזוכט וועגען זיך צו באפרייען פון די אלע ווילדע פארגעניגענס, וואָס האָבען איהם אָנגעפילט מיט שרעק און גרויל. טיף אין זיין אויפגעוואכטער נשמה האָט ער פארבאָרגען זיין סוד און געהיט איהם זעהר שטארק, אז אשמדאי'ס טאָכטער זאָל איהם נישט אויסגעפינען. די חכמה און שכל פון א מענשען זענען איהם בייגעשטאנען, און זיין סוד איז נישט אנטפּלעקט געוואָרען. די מעלות פון זיין זוהן זענען איהם געקומען צו הילף, דורך זיי האָט ער געפונען א וועג, ווי זיך אויסצודרעהען פון די פרעמדע פארגעניגענס און ווילדע שפּילען פון די שדים. און ער האָט זיך שטארק גענומען צו לערנען תורה מיט זיין זוהן, און זיך אָפּגעזאָגט פון אלע פארגעניגענס, וואָס אשמדאי'ס טאָכטער האָט אָנגעגרייט פאר איהם. און ער האָט גערעדט צו איהר מיט פארשטעלטער ליבשאפט און געזאָגט:

— אונזער זוהן וואקסט אונטער, און ער איז געראָטען מיט אלע מעלות; ער איז שיין און קלוג, און צווישען שדים און מענשען געפינט מען נישט זיין גלייכען. עס איז געקומען די צייט מיט איהם צו לערנען תורה און איבערצוגעבען איהם אלע איהרע סודות, און ווער זאָל עס טאָן אויב נישט איך? אשמדאי, אונזער פאָטער, האָט איהם זעהר ליב, און ער האָט געוואָרפען אן אויג אויף איהם, צו מאכען איהם פאר זיין יורשעצר — דארף ער אויסוואקסען גרעסער פון אלע אין תורה און אין חכמה,

ווארים ער וועט דארפען אמאָל ארויפגעהן לערנען תורה אין הימעל. איך מוז זיך דעריבער אָפּזאָגען פון אלע תענוגים און אָפּגעבען זיך מיט אונזער קינד, לערנען מיט איהם טאָג און נאכט. דו וועסט מיר אויך מוזען באַ־הילפיג זיין און זעהן, אז קיינער זאָל אונז נישט שטערען אין אונזער לערנען.

זיינען זיינע ווערטער איהר וואוילגעפעהלען.

פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך שטארק גענומען צו לערנען מיט זיין זוהן, טאָג און נאכט האָט ער געלערענט מיט איהם. און דער זוהן האָט געהאט א גרויסע פעולה; ער האָט זיך ארויסגעוויזען זעהר גוט, א וויל־דער מתמיד, ער האָט פשוט געטריבען דעם פאָטער, ער זאָל לערנען מיט איהם וואָס מעהר. אשמדאי האָט דאָס געזעהן און האָט געהאט גרויס נחת דערפון. ער האָט פון זיין נחת דערציילט דער טאָכטער און געגעבען איהר אָנצוהערען, אז ער דענקט איהר זוהן צו מאכען פאר יורש־עצר. האָט זי געהערט און איז געווען זעהר צופרידען, און געזעהן, אז איהר מאן זאָל זיך מעהר קענען אָפּגעבען מיט דעם אינגעל און מעהר לערנען מיט איהם. אזוי האָט ער געקאָנט זיך ארויסרייסען, כמעט אומבאמערקטער־הייט, פון די ווילדע תענוגים פון די שדים און צוריק זיך נעמען צו דער תורה, און באהאלטענערהייט זוכען א וועג ארויסצוראטעווען זיין נשמה.

און דער יונגערמאן האָט זיך צוריקגענומען פארטיפען אין דער תורה און זיין הארץ האָט אויפגעוואכט און זיין נשמה האָט אויפגעלעבט, און ער האָט אָנגעהויבען שטארק צו בענקען נאָך א מענשען, פאר וועמען ער זאָל קענען אויסגיסען זיין הארץ; און זיין בענקשאפט איז געווען ביז אויסצוגעהן. אָפּטמאָל האָבען זיין בענקשאפט און צער איבערגעקוואָלען זיין ברוסט, און זיי האָבען זיך ארויסגעריסען און אויסגעגאָסען אין א הארציגען ניגון פון דער גמרא. אויף א רגע פלעגט ער זיך פארגעסען, וואו ער איז און וואָס מיט איהם איז געשעהן, און די אמאָליגע גוטע יאָהרען, ווען גאָט'ס ליכט האָט נאָך געשיינט איבער זיין קאָפּ, האָבען אין איהם אויפגעלעבט. פלוצלונג פלעגט איהם אבער ווי א קנאק טאָן אין מח, און זיין קאָפּ פלעגט אראָפּזינקען צווישען זיינע אויפגעשטעלטע עלענ־בויגענס, און א פארשטיקטער זיפץ פלעגט זיך ארויסרייסען פון זיין ברוסט.

אשמדאי'ס טאָכטער האָט עס אָנגעהויבען צו באמערקען, און זי

האָט זיך אָנגעהויבען צוהערען דערצו. אין איהר שדים־געשטאַלט האָט זי זיך פילמאָל פארשטעלט, און ער האָט זי נישט געזעהן און זיך נישט גע־היט, און זי האָט איהם געפונען אין זיין צער. איינמאָל, אין מיטען זיין טרויעריגען ניגון, האָט זי זיך צו איהם פּלוצלונג באוויזען, און זי האָט געזאָגט :

— מיין מאַן, איך האָב דיינע זיפצען געהערט, און זיי האָבען צע־זעצט מיין ברוסט. זינט איך האָב דיך דערקאַנט בין איך געוואָרען אַן אנדערע, מיין שד'ישע ווילדקייט האָט מיך פארלאָזט, און מיין גרימצאָרן איז פון מיר אוועק; א מענשען־הארץ האָב איך דערפיהלט אין זיך, ווייך און פול מיט ליבשאַפט און רחמנות, און א נשמה, וואָס צאַפּעלט אין דיין צער. איך האָב פילמאָל געוואָלט צירנען אויף דיר, און דער צאָרן איז גע־שטאָרבען אין מיין ברוסט. איך האָב געזעהן דיין פּנים, און עס איז פאר־ענדערט און דיינע אויגען בליצען נישט מעהר ווי אמאָל. וואָס איז גע־שעהן מיט דיר? זאָג מיר, מיין מאַן, מיין הערשער! וואָס פעהלט דיר — און דו וועסט עס האָבען, וואָס ווילסטו — און עס וועט געשעהן! געביט, דיין שקלאַפין בין איך, און וועל דערפילען אלצדינג, וואָס וועט ארויסקו־מען פון דיין מויל. פארוואָס פארבאָרגסטו דיין הארץ פון מיר ?

און דער יונגערמאַן האָט געשוויגען א מינוט און דערנאָך האָט ער געענטפערט :

— דו האָסט מיט מיר גוטס געטאָן אָהן א שיעור, מיין ווייב. ווי א מוטער ביזטו געווען צו מיר, און ווי די בעסטע פון ווייבער. דו האָסט געעפענט מיין הארץ, און פאר דיר וועל איך עס אנטפּלעקען. איך האָב דיר קיין צער נישט געוואָלט פארשאַפען, און איך האָב געשוויגען ביז איצט. און וואָלסטו עס דען באגריפען ?

א פּאָר ארעמס, ווי ברענענדיגע שלאַנגען, האָבען איהם ארומגע־נומען און צוגעדריקט צו א פלאַמיגער ברוסט, און פינקלענדיגע אויגען האָ־בען אריינגעקוקט אין זיינע, און געזוכט א באשיידעניש אויף די ווערטער.

און דער יונגערמאַן האָט ווייטער געזאָגט :

— א מענשענקינד בין איך און א הארץ טראָג איך אין מיין ברוסט. א מענשען־הארץ פילט זיך אמאָל אָן מיט עפּעס, וואָס איז פאר שדים אינ־גאַנצען אומבאַקאַנט — בענקשאַפט רופט מען עס ביי אונז — און ווערט א הארץ איבערפולט דערמיט, וויל מען פון זיך אליין אנטלויפען און זיך

אויסבאהאלטען און מ'קען נישט. די גאַנצע וועלט ווערט ענג, דער קאָפּ ווערט צעמישט, און דאָס האַרץ האַלט ביים פּלאַצען. וואָס מעהר מ'וויל עס פאַרטרייבען, אַלץ שטאַרקער עסט זיך עס איין און נאָגט, ווי טויזענטער ווערים, און ציהט ביז צום אויסגעהן. לאַנג, לאַנג האָב איך נישט גע־וואוסט דערפון, און מיין האַרץ איז פול געוועזן מיט גליק.

און שטיל איז געבליבען דער יונגערמאַן און האָט ווייטער נישט געקאָנט רעדען, און אין זיינע אויגען האָבען זיך געפּערלט טרערען.

און אשמדאי'ס טאָכטער האָט געקוקט צו איהם מיט ווילד־פּאַרי־סענע אויגען און אָן אָפען מויל, און געוואַרט אויף זיינע ווערטער:

און דער יונגערמאַן האָט זיך אָנגענומען מיט כח און ווייטער גע־רעדט:

— אין די טיפענישען פון אַ מענשען־האַרץ געפינען זיך פּערל, שע־נערע און ליכטיגערע ווי דער ים פאַרמאָגט, און ווערט אַ האַרץ איבערפולט מיט אַ בענקשאַפט און עס קען זי שוין מעהר נישט אַריבערטראָגען, רייסען זיך דיזאָזיגע פּערל אַרויס און שטעלען זיך אין די אויגען און צערינען אין געזאַלצענע וואַסער.

און אשמדאי'ס טאָכטער האָט אַ ציטער געטאָן און געזאָגט:

— האָסט דאָך מיר דיין האַרץ אוועקגעגעבען אויף אייביג!

און דער יונגערמאַן האָט געענטפערט און געזאָגט:

— דו האָסט עס אינגאַנצען נישט צוגענומען, און עס ווערט צעריסען צווישען דיר און מיין בענקשאַפט!

מיט אַ שטים פול מיט ווייטיג און צער האָט אשמדאי'ס טאָכטער ווייטער געפרעגט:

— און וואָס איז דיין בענקשאַפט? זאָג מיר, מיין מאַן! איך האָב עס אויך געפיהלט דעמאָלט, ווען עס האָט מיך געצויגען צו דיר און איך האָב דיך נישט געקאָנט זעהן; עס האָט מיך גענאָגט און איך האָב נישט געוואוסט וואָס עס איז מיט מיר. זאָג, וואָס באַגעהרט דיין האַרץ און עס ווער געשעהן!

און דער יונגערמאַן האָט זיך אויסגעגלייכט און ער האָט געזאָגט:

— איך האָב אַ קינד צווישען מענשען איבערגעלאָזט, פליישׁ פון מיין פליישׁ און ביין פון מיינע ביינער, און עס ציהט מיך צו זעהן מיין קינד; נאָר איין מאָל איהם צו זעהן. שיין איז ער און קלוג ווי אונזער

זוהן, וויביידע וואָלטען אויסגעגאָסען געוואָרען אין איין פורעם. איך האָב איהם פארגעסען אויף א צייט, האָט מיר דער בליק פון אונזער קינד אָן איהם דערמאָנט, און מיין הארץ געהט אוים נאָך איהם.

און אשמדאי'ס טאָכטער האָט אויסגעשריגען מיט גרימצאָרן:

— האָסט געשוואוירען!

און גלייך האָט זי געביטען איהר שטים, און זי האָט גערעדט מיט געבעט:

— פארלאָז מיך נישט, מענשענקינד, איך קען אָהן דיר נישט לע־בען. מיט דיין גוטען ווילען האָסטו דאָך מיך אויסדערוועהלט. צירן נישט אויף מיר, און קום צוריק!

און דער יונגערמאן האָט געענטפערט מיט א צעבראָכענער שטים:

— דיינער בין איך אויף אייביג, אויף אייביג. אויף א ווײלע וויל איך פון דיר אוועק, זעהן מיין קינד, און צוריק קומען צו דיר. ווען איך וועל אוועק פון דאנען, וועסטו אויך מיטגעהן מיט מיר, וואָרים אין מיין הארץ טראָג איך דיך שטענדיג!

און אשמדאי'ס טאָכטער האָט געזאָגט:

— איך קען מעהר נישט צוזעהן דיין צער, מיין מענשענקינד! שווער מיר צו, אז דו וועסט אין דער ענדע פון א יאָהר צוריק קומען צו מיר, און איך וועל דיך שיקען צו דיין זוהן!

און דער יונגערמאן האָט א קוק געטאָן אין איהר געזיכט און גע־זעהן, אז עס איז פול מיט בארעמהערציקייט, און ער האָט איינגעגראָבען זיין פנים אין איהר'ס, און ער האָט געשוואוירען.

און זי האָט איהם שטארק ארומגענומען, געקושט און געהאלזט, און א טרער האָט דערוואָרעמט איהרע קאַלטע שדים־אויגען.

י.

און דער יונגערמאַן האָט דערזעהן די טרער אין די שדים־אויגען, און ער האָט געציטערט. זיין הארץ איז אין איהם שיר ווייטער איינגע־שלאָפען, און זיין כח האָט איהם פארלאָזט, און זיין צעריסענע נשמה האָט זיך געצאַפּעלט, ווי א שוואך שעפּעלע צווישען די ציין פון א הונגעריגען לייב. און דאָס געשטאַלט פון זיין פאָטער'ס קאָפּ איינגעהילט אין פלאַמען האָט זיך באַוויזען צו איהם, און זיין הארץ האָט אויפגעוואַכט, און א שווערע שרעק האָט עס אָנגעפילט. און ער האָט פארבאָרגען די שרעק טיף אין זיך און אָנגעגורט זיך מיט כח, גערעדט מיט א פעסטער שטים, און געזאָגט מיט געשייטקייט:

— מיט מיר צוזאַמען קוועלט דיין הארץ אין טרערען, מיין מלכה! א מענשען־הארץ האָט זיך באַזעצט אין דיין בוזעם, א מענשען־הארץ מיט איהרע טייערסטע פערל. ווי שווער עס איז מיר צו שיידען זיך מיט דיר אויף אַזוי לאַנג! וואו וועל איך זיך געפינען אַן אָרט, און וואו וועסטו זיך פארבאָרגען פאר דער בענקשאַפט? ווי קריגט מען שוין, אַז די צייט זאָל אריבער, און איך זאָל צוריק זיין ביי דיר!

און איהר הארץ איז איבערגעקוואָלען הערענדיג די ווערטער, און זי האָט געזאָגט צו איהם:

ביים פענסטער וועל איך זיצען און ווארטען, און מיינע בליקען וועלען דיך באַלייטען, וואוהין דו וועסט געהן. דיין פרייד איז מיינע און אין דיין שמערץ געהט אויס מיין הארץ. איך וועל זיצען, און מיין הארץ וועט אויסוואַקסען, און מיט די טייערסטע פערל פון מענשען וועט עס זיך אָנפילען, און דיין הארץ וועל איך באַצירען מיט זיי, ווען דו וועסט קומען צוריק צו מיר. נאַכט ביי נאַכט וועל איך קומען און שוועבען איבער דיר, אין א געשטאַלט וואָס נאָר דו אליין וועסט זעהן. שטאַרק זיך, מיין מאַן, מיין געביטער, און די צייט וועט אריבער!

און ער האָט געזעהן, אַז זיין ליסטיקייט איז איהם בייגעשטאַנען, און זי גלויבט אין יעדען וואָרט, וואָס געהט ארויס פון זיין מויל, און איהר הארץ איז זיכער און רוהיג, און ער האָט זיך אָנגענומען מיט מעהר מוט און געזאָגט:

— לאָמיר איילען און זאָל די צייט אריבער וואָס שנעלער, ווארים יעדע רגע איז ביי מיר א יאָהר, און יעדע מינוט אַן אייביקייט!

און אשמדאי׳ס טאָכטער האָט געענטפערט און געזאָגט:

— נאָך היינט וועל איך געהן צו מיין פאָטער, אשמדאי, און בע־טען רשות פאר דיר, צו געהן אין דיין שטאָט אריין, און איינעם וואָס זאָל דיך נעמען און ברענגען אהין.

און זי איז געגאנגען צו אשמדאי׳ן, און זי האָט געבעטען פון איהם, ער זאָל דערלויבען איהר מאן צוריקצוקעהרען זיך, אויף איין יאָהר, צו זיין שטאָט און הויזגעזינט, און אשמדאי האָט דערויף מסכים געווען מיט דעם תנאי, ער זאָל צושווערען, אז צום יאָהר וועט ער זיך צוריקעהרען, און מיט זיין אייגענער האנט זאָל ער פארשרייבען די שבועה אין א בוך.

און אשמדאי׳ס טאָכטער האָט געמאכט א גרויסע סעודה, און זי האָט געבעטען אלע גרעסטע שרים פון איהר פאָטער׳ס קעניגרייך און אלע גרויסעלייט, די עלטסטע פון די פאמיליעס פון שדים. און אשמדאי איז געזעסען פון אויבענאָן, אין זיין שוים איז געזעסען דאָס אייניקעל, די טאָכטער און דער איידעם ביי זיין רעכטער און לינקער האנט, און ארום זענען געווען אויסגעזעצט אלע שרים און גרויסעלייט.

און אשמדאי האָט דערציילט פאר אלע שרים און גרויסעלייט די מעלות פון זיין איידעם און דעם נחת, וואָס ער האָט פון זיין אייניקעל. און ער האָט זיי דערציילט, אז דער איידעם פארלאָזט זיי אויף א יאָהר, כדי זיך צו זעהן מיט זיין זוהן, וואָס איז געבליבען צווישען די מענשען. און כאָטש עס איז זעהר שווער פאר זיי זיך צו שיידען מיט איהם אויף אזא לאנגער צייט, הייסט ער איהם אליין געהן אהין, ווייל עס איז צייט פאר איהם עפּעס צו טאָן פאר דעם הויזגעזינט, וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט. און אפשר וועט ער זיי גאָר קענען אריבערברענגען, צו לע־בען אין גרוים כבוד צווישען די שדים.

און אלע שרים און גרויסעלייט האָבען דערנאָך געדעדט, און יע־דער פון זיי האָט געזאָגט שבחים אויף אשמדאי׳ס איידעם, און געוואונשען זיך, ער זאָל זוכה זיין זיך משדך צו זיין מיט איינעם פון זיין הויזגעזינט.

דערנאָך האָט דער יונגערמאן זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט א לאנגע דרשה, געדאנקט אשמדאי׳ן פאר אלע זיינע חסדים, וואָס ער האָט געטאָן מיט איהם פון דעם טאָג וואָס ער האָט איהם דערקאָנט; וואָס ער האָט איהם אויפגעהויבען, ווי פון דער ערד, און געגעבען איהם זיין גע־ליבסטע טאָכטער פאר א ווייב; פאר דעם גרויסען חסד וואָס ער טוט מיט

איהם און לאָזט איהם געהן זעהן, וואָס עס איז געוואָרען פון זיין הויז־געזינט, צווישען די מענשען; פאר דער זכיה, וואָס ער וויל איהם געבען, זיי צו ברענגען און באזעצען צווישען די בעסטע משפחות פון די שדים. ער האָט דערציילט דעם לויב פון זיין ווייב, אשמדאי׳ס טאָכטער, און איהר הייסע ליבשאפט צו איהם. ער האָט שטארק באדויערט, וואָס ער מוז זיך שיידען אויף א שטיק צייט מיט איהר, מיט דעם טייערען קינד, און מיט אשמדאי׳ן און זיין גאנצער מדינה. דערנאָך האָט ער באדאנקט אלע געסט פאר דעם גרויסען כבוד, וואָס זיי האָבען איהם אָנגעטאָן. ער האָט זיי פארזיכערט, אז איהם וועט שווער זיין איבערצוטראָגען די צייט, וואָס ער וועט זיין דערווייטערט פון זיי , און ער ווינשט זיך, זי זאָל וואָס שנעלער אריבער.

און ער האָט געשוואוירען, אז ער וועט זיך דאָרט נישט פארזאמען לענגער פון א יאָהר, און ער וועט צוריק קומען צו זיין ווייב און קינד, און אויב ער וועט נאָר קענען, וועט ער מיטברענגען זיין גאנצע משפחה. און ער האָט פארשריבען זיין שבועה אין א בוך.

און זיינע ווערטער זיינען וואוילגעפעהלען אשמדאי׳ן און אלע זיינע געסט. און אשמדאי און אלע זיינע שרים און די עלטסטע פון די שדים האָבען איהם געגעבען טייערע מתנות, מיטצוברענגען פאר זיין הויזגעזינט, און זיי האָבען איהם צוגעוואונשען, ער זאָל וואָס שנעלער קומען צוריק, און מיטברענגען מיט זיך זיין משפחה.

און אשמדאי האָט געהייסען און מ׳האָט אויסגערופען און געפרעגט, ווער עס נעמט זיך אונטער צו־צושטעלען זיין איידעם צו זיין הויז אין א קורצער צייט. און עס איז געקומען איינער און ער האָט געזאָגט, אז ער וועט איהם ברייננגען אהין אין איין יאָהר, און אשמדאי האָט געוואָרפען אויף איהם א בייזען בליק, און ער איז פארשוואונדען. און באלד איז געקומען א צווייטער, און ער האָט געזאָגט, אז ער קען איהם צושטעלען אין א האלב יאָהר, און אשמדאי האָט פארקרימט זיינע ליפען און גע־ענטפערט איהם מיט א בייזען שמייכעל. און א דריטער איז געקומען און האָט געזאָגט, אז ער נעמט זיך אונטער איהם צו ברענגען אהין אין א חודש, און אשמדאי האָט זיך צו איהם נישט צוגעהערט. און געקומען איז א פירטער און האָט געזאָגט, אז ער נעמט זיך אונטער איהם צו ברענגען אין א וואָך, און זיינע ווערטער זיינען אויך אשמדאי׳ן נישט געפעהלען.

און אשמדאי האָט באַפוילען, און מ'האָט געבראַכט פאַר איהם אַן אַלטען שד, א הויקער און א בלינדער אויף איין אויג. און ער האָט זיך געבוקט און אויפגעשטעלט אויף זיין הינערשען פוס און געזאָגט:

— גרויסער מלך אשמדאי, געביטער פון אלע לענדער און מדינות, באַפעהל, און דיין קנעכט וועט טאָן.

און אשמדאי האָט געזאָגט:

— חטוטר, זעץ ארויף מיין אײדעם אויף דיין הויקער, און ברענג איהם אין איין טאָג, ביז צו זיין הויז. געדענק, דו זאָלסט איהם פאָלגען און טאָן אלצדינג, וואָס ער וועט דיר הייסען. דו זאָלסט נישט ווידער־שפעניגען זיין מויל, און נישט טאָן קיין זאַך, וואָס וועט זיין געגען זיין ווילען! זיין קנעכט ביזטו, ביז דו וועסט איהם צוריקברענגען אהער!

און דער בלינדער הויקער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף זיין הינער־שען פוס, און זיין אָפען אויג איז פאַרלאָפען געוואָרען מיט בלוט, און ער האָט געזאָגט:

— אזוי וועט עס געשעהן, גרויסער אשמדאי!

און אשמדאי האָט געזאָגט צו איהם:

— געה ארויס און וואַרט ביים טויער פון פאַלאַץ; שטעה גרייט צו טאָן דיין שליחות!

און אשמדאי האָט זיך געזעגענט מיט זיין אײדים, און די טאָכטער און דאָס אינגעל האָט ער מיטגעשיקט איהם צו באַלייטען.

און אשמדאי'ס טאָכטער האָט געזאָגט צו איהר מאַן אזוי:

— זאָלסט וויסען, אז דערדאָזיגער בלינדער הויקער איז זעהר א שרעקליכער כעסן, און אלע ציטערען פאַר איהם. צוליב זיין כעס האָט ער פאַרלאָרען אַן אויג און געקראָגען דעם הויקער אויף זיינע פּלייצעס. דו זאָלסט געוואָרענט זיין, איהם נישט צו דערצירנען אומזיסט. ער וועט דיך פאָלגען און טאָן אלצדינג, וואָס דו וועסט איהם הייסען. ער איז אמאָל געווען מיין פאָטער'ס רעכטע האנט, און מיט איהם האָט ער אויסגעפיהרט די גרעסטע שליחות'ן, האָט ער איהם אָבער, צוליב זיין שטאַרקען כעס, אראָפּגעזעצט פון זיין שטול. וויל ער צוריק קומען צו זיין הויכע מדרגה, און ער וועט זיך היטען און איינהאַלטען זיין כעס.

און זיי זענען ארויסגעגאַנגען פון פאַלאַץ און צוגעקומען ביז צום טויער, און האָבען זיך אָפּגעשטעלט צו געזעגענען. און אשמדאי'ס טאָכ־

טער האָט איהם אָנגעהויבען שטארק צו קושען און צו האַלזען. איהרע אָרעמס האָבען זיך ארומגעדרעהט ארום איהם, געדריקט איהם און גע־ברענט, ווי די ברענענדיגסטע שלאַנגען; פון איהרע אויגען האָט געשפריצט א פייער פון ליבשאַפט און רייץ, און איהרע ליפּען האָבען געגליהט. זי האָט איהם באַדעקט מיט פייערדיגע קושען, און געברענט און געצונדען זיין נשמה. זי האָט אריינגעקוקט אין זיינע אויגען, און אָנגעצונדען זיי מיט א העליש פייער. און זיין הארץ איז צעריסען געוואָרען אין איהם, און זיינע אויגען זענען פול געוואָרען מיט טרערען, און ער איז געבליבען שטעהן און האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסען פון אָרט.

און אָנגעפילט האָבען זיך אירע אויגען מיט בלוטיגע טרערען, און זיי האָבען געגלאַנצט מיט אַלערליי קאָלירען. אין איהר קעהל האָט זי דער־פיהלט ווי א שטיקעניש, און א בריל האָט זיך ארויסגעריסען פון דאָרט, ווי דער בריל פון א פארוואָרפענער לייבין. און זי איז נאָכאַמאָל ארויפ־געפאַלען אויף איהם, געגלעט איהם און געהאַלזט מיט ווייכקייט, פון איהרע אויגען זענען געפלאָסען טרערען, און זי האָט געזאָגט:

— פון אונזערע אויגען וועלען פליסען טרערען און א טייכל וועט ווערען פון זיי, און זיך ציהען וועט עס פון דיר ביז מיר. יעדען טאָג וועל איך זיך וואַשען אין דעם טייכל, און יעדע נאכט וועל איך עס דורכשווימען, ביז דו וועסט קומען צוריק צו מיר.

און ער האָט זיך נאָך שטארקער צעוויינט הערענדיג דידאָזיגע ווער־טער, און זיין כח האָט איהם אינגאַנצען פארלאָזט.

האָט זי איהם איינגענומען מיט מילדע קושען, און געזאָגט:

— נעה שנעלער, מיין מאַן, און שנעלער וועסטו קומען צוריק! מיין קנעכט וועט זיין מיט דיר, און ווען דו וועסט וואָס דארפען וועסטו איהם באַפעהלען און ער וועט עס דיר ברענגען.

און זי האָט געעפענט דעם טויער, איהם ארויסגעפיהרט און ארויפ־געזעצט אויף דעם הויקער פון דעם אַלטען חמוטר, וואָס איז געשטאַנען איבערגעבויגען, ווי א קעמעל, וואָס וואַרט אויף זיין בעל־הבית. זי האָט אָנגעזאָגט דעם אַלטען חמוטר, ער זאָל אָפּהיטען איהר מאַן, ווי זיין איבער־געבליבען אויג, און איהם פאָלגען אַלצדינג, וואָס ער וועט נאָר הייסען.

י"א.

חטוטר האָט געהויערט פאר איהם, ווי א קעמעל, און ער איז ארויף און האָט זיך געזעצט צווישען די האָרבען. און חטוטר האָט פארשפּרייט א פּאָר שווארצע פליגעל, ווי פון א ריזיגער פלעדערמויז, און איז געפלויגען.

ווי א ריזיגע פלעדערמויז איז ער געפלויגען, און זיינע דינע פליגעל, ווי געוועבטע פון שפּינוועב, האָבען געגראָבען אין דער לופט און געבויערט אין איהר מיט די שארפע פענדלעך. א שטאך און א שאר, א שטאך און א שאר, מיט גרויס ווילדקייט; די ערד האָט געהאלטען אין איין שווינדען אונטער איהם, און וואָלקענס האָבען זיך אָפּגערוקט אָן א זייט און געמאכט פאר איהם א וועג. די לופט האָט געציטערט ארום און ארום און זיך געוויגט שטיל. דער יונגערמאן איז געזעסען צווישען די האָרבען און האָט אראָפּגעקוקט, און די ערד האָט פארשווינדעלט זיינע אויגען, דאָ מיט גרין־גאָלדענע ברייטע לאָנקעס און פעלדער, דאָ מיט שמעלערע און ברייטערע געדרעהטע זילבער־פּאסען און פלאכטעס, לענגערע און קורצערע, וואָס האָבען ארויסגעקוקט פון דער באזונטער גרינקייט; ברייטע פעלדער פון געל און ברוין גאָלד, און פון זייער מיט הויבען זיך ארויס שווארצע הויקערס; שורות קרוינען פון העכערע און נידעריגערע וואלד־ריזען נויגען זיך עטוואָס און ווערען פארשוואונדען; גרייז־גרויע קעפּ פון בערג הויבען זיך ארויס אויף א רגע און באהאלטען זיך; הויכע פעלזען־באשעפענישען רייטען איבער מורא'דיגע אָפּגרונטען, און בלענדען די אויגען מיט א מיש־מאש פון ליכט און שאָטען. פלוצלונג האָט ער דערזעהן, ווי די שווארצע פליגעל פלאטערען איבער א וויגענדיגע טונקעל־גרינקייט אָהן א ברעג, און פון איהר שטופּען און רייסען זיך ארויס אומגעהויערע קעפּ, מיט ווילד צעפלאָסענע גרייז־גרויע קאָלטענעס. מיט אימפּעט האָבען די שווארצע פליגעל זיך געטראָגען איבער דעם ים, דורכגעשניטען די לופט, וואָס איז פול געווען מיט גערויש און געפילדער, דורכגעריסען דעם רויש פון די כוואליעס מיט א שפּאָטישען פייף. בערג פון דערווייטענס. אריבער דעם ים, די בערג — און ער איז אין א באקאנט לאנד. די פליגעל לאָזען זיך אראָפּ פּאמעליך, די פענדלעך ציהען זיך צונויף. חטוטר הויערט שוין ווידער ווי א קעמעל. ער געהט אראָפּ פון צווישען די האָרבען, און די פיס ריהרען אָן זיכערע ערד. חטוטר שטעהט שוין פאר איהם — אָן אלטער הויקער, בלינד אויף איין אויג, און דאָס אנדערע פארלאָפען מיט בלוט. זיי

געהן ביידע און שווייגען. אַט זענען זיי אין א שטאָט. אזוי באקאנט! זיין געבורט־שטאָט? יאָ, יאָ! דאָס הארץ קלאַפּט פעסט. ער ציטערט פון פרייד.

אנטקעגען זיי איז זיך אָנגעגאנגען א שכן און פון דערווייטען האָבען זיך באגעגענט בליקען מיט בליקען, און זיך אָפּגעשטעלט געטראָפענע פון פארוואונדערונג. זיי זענען צוגעלאָפען איינער צום צווייטען מיט א קוויטש. א מינוט איז דער שכן געשטאנען שטיל. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעריסען פון זיין אָרט, און איז געלאָפען אָנזאָגען דער עגונה די גוטע בשורה, און דערפרעהן דעם לעבעדיגען יתום.

די בשורה האָט דורכגעבליצט די גאנצע שטאָט, און ווייב און הויז־געזינט זענען געלאָפען אנטקעגען, האלב־צעמישטע, און נאָך זיי א גרויס געזעמעל. מ'האָט איהם אריינגענומען מיט גרויס פרייד אין הויז, און ספּאזמען פון געוויין און פרייד האָבען פארקלונגען די שטוב. די שטאָט איז זיך אָנגעקומען און יעדער איז געלאָפען קוקען אויף דעם וואונדער. די קולות האָבען זיך ביסלאכווייז איינגעשטילט, מ'האָט זיך גענומען אביסל בארוהיגען, און באמערקען עמיצען אויסער איהם. בליקען האָבען אָנגע־הויבען צו פאלען אויף דעם אלטען חטוטר, בליקען פון עקעל און גרויל. דער יונגערמאן האָט געכאפּט און איהם צוגערופען, און איינגערוימט איהם:

געה מיר נאָך, און דו וועסט בלייבען אין דעם חדר, וואָס איך וועל דיר ווייזען. דו זאָלסט צו קיינעם נישט ריידען קיין וואָרט, נישט ענט־פערען קיין זאך, און נישט טאָן קיין בייז. דו זאָלסט נישט ארויסגעהן פון דאָרט ביז איך וועל דיך קומען רופען. געדענק, וואָס איך זאָג דיר איצט אָן!

און ער האָט פארשלאָסען חטוטר'ן אין א חדר, פארזיגעלט די טיר מיט זיין זיגעל, און צוריקגעגאנגען צו אלע, וואָס זענען געוועזן פארזא־מעלט אין זיין הויז.

און ער האָט אָנגעזאָגט אלע מענשען פון זיין הויזגעזינט, אז זיי זאָלען זיך נישט דערוועגען אָנצוהויבען מיט דעם בלינדען הויקער; אז זיי זאָלען נישט רעדען צו איהם, און נישט צוגעהן נאָהנט צום חדר, אין וועל־כען ער איז פארשלאָסען, וואָרים ער איז א ווילדער מענש און א שרעקלי־כער כעסן, און זיין כח און גבורה איז נישט אָפּצושאַצען.

און ער האָט דערציילט פאר די מענשען פון זיין שטאָט פיל פון

די צרות, וואָס האָבען איהם געטראָפּען, פון די נסים, וואָס זענען מיט איהם געשעהן, און פיל פון די נייעס און וואונדער, וואָס זיינע אויגען האָבען געזעהן, און וועגען די שדים האָט ער נישט דערמאָנט קיין וואָרט.

דערווייל איז געוואָרען שפּעט, און אלע פרעמדע מענשען זענען אוועק פון זיין הויז, און זיין אייגען הויזגעזינט איז געווען מיד און צורו־דערט, און זיי האָבען געוואוסט, אז ער דאַרף נאָך זיין פיל מידער, פון דעם ווייטען וועג, און זיי האָבען איהם געוואונשען א גוטע־נאכט און גע־גאנגען שלאָפען, און מעהר מיט איהם נישט גערעדט אין יענער נאכט און נישט אויסגעפרעגט איהם קיין זאך.

אויף צומאָרגענס איז ער געגאנגען אין שוהל אריין דאווענען, און די גאנצע שוהל האָט געקאָכט מיט איהם; רעדלעך האָבען זיך ארומגע־שטעלט, געקוקט אויף איהם מיט נייגיריגע אויגען, געפאָרשט איהם מיט די בליקען. ער האָט זיך אָבער ארויסגעדרעהט פון זיי, און נישט דערציילט זיין סוד.

ווען ער איז אהיימגעקומען און זיין זוהן איז צוגעגאנגען צו איהם, צו קושען און האלזען איהם, און צו פרעהן זיך מיט איהם, האָט ער א שטארקען ציטער געטאָן, און ווען זיין ווייב איז צוגעקומען נאָנט צו איהם, האָט ער אויפגעצאפּעלט. און זיי האָבען עס געזעהן און מורא געהאט.

און ער האָט באפוילען און מ'האָט אריינגעבראכט עסען פאר צעהן מענשען, און ער האָט עס גענומען און אריינגעטראָגען צו חטוטר'ן ,און ער איז ארויסגעגאנגען, און ער האָט פארשלאָסען די טיר און צוריק זי פאר־זיגעלט מיט זיין חתימה.

און די מענשען פון הויז האָבען געזעהן און זיך געוואונדערט, און א פארבאָרגענע ציטערניש האָט זיי אָנגעכאפּט.

און דאָס ווייב איז צוגעשטאנען צו איהם, און האָט איהם גענומען אויספאָרשען, וואו ער איז געווען די גאנצע צייט און וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען, פארוואָס ער האָט די גאנצע צייט זיי פארגעסען, איז נישט צוריקגעקומען, און האָט נישט געלאָזט הערען פון זיך קיין וואָרט. און זי האָט איהם שטארק צוגעדריקט מיט איהרע פראגעס און אויספאָרשענישען. האָט ער איהר דערציילט, אז ער איז געפאנגען געווען א לאנגע צייט, און ער האָט זיך נישט געקאָנט ארויסדרעהן פון זיין געפענגניש.

און זי איז צוגעשטאנען צו איהם, ער זאָל איהר דערציילען מעהר

פון זיין געפאַנגענשאַפט, און ווי ער איז אַרויס פון דאָרט; און זי האָט איהם גענומען חוקר־ודורש זיין וועגען דעם בלינדען הויקער. און ער האָט געזעהן, אַז ער וועט נישט קענען פון איהר אַלץ פאַרהוילען, און ער האָט איהר דערציילט, אַז ער איז געפאַנגען געוועזן צווישען די שדים, און אַז ער האָט געפונען חן אין אשמדאי׳ס אויגען, און ער האָט איהם מציל גע־וועזן פון טויט און געגרויסט איבער אַלע שדים. און איצט האָט ער איהם אָפּגעשיקט אהיים, מיט איינעם פון זיינע באַדינער. און וועגען אשמדאי׳ס טאָכטער האָט ער גאָרנישט דערמאָנט.

און די פרוי האָט געהערט און האָט שטאַרק געציטערט, און אַ צאָן האָט איהר געקלאַפּט אָן אַ צאָן, און זי האָט אַ צייט נישט געקאָנט אויס־רעדען קיין וואָרט. דערנאָך האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט און איינגע־קורטשעט זיך פון שרעק, און מורא געהאַט צו שטעהן נאָנט לעבען איהם.

און ער האָט דערזעהן, ווי זיין ווייב שרעקט זיך פאַר איהם און עס האָט איהם זעהר לייד געטאָן, און ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען פון זיין טיפען האַרצען, זי צו טרייסטען און צו שטאַרקען איהר האַרץ.

די שרעק איז אָבער פון איהר נישט אָפּגעטראָטען, און זי האָט זיך געהיט צו שטעהן אין זיינע פיר איילען, און דעם זוהן האָט זי נישט גע־לאָזט מיט איהם אין איין חדר.

און ער האָט געזעהן, ווי זיין הויזגעזינט לעבט אין גרויס שרעק און זיי זוכען זיך אויסצובאַהאַלטען פאַר איהם, און ער איז אַריבערגעגאַנגען צום רב, און האָט פאַר איהם פאַרטרויט זיין גאַנץ האַרץ, דערציילט אַלצ־דינג, וואָס עס האָט געטראָפען מיט איהם, נישט פאַרלייקענט קיין זאַך, און ער האָט געוויינט פאַר דעם רב און געבעטען אַן עצה. און דער רב האָט געהערט און שטאַרק געזיפצט, געוויגט דעם קאָפּ, געקנייטשט דעם שטערען, און געזוכט אַן עצה פאַר איהם. אַ צייט האָט ער געשוויגען, דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופען און געזאָגט :

— מיין זוהן, דו ביסט שלעכט אַריינגעפאַלען, אָבער דער זכות פון דער תורה, וואָס איז דיר בייגעשטאַנען ביז איצט, וועט דיר, מיט זיין־ליבען נאָמענ׳ס הילף, ווייטער ביישטעהן. האָף צו איהם, וואָרים ער זיצט, און זיין אויג איז אָפען און זעהט, אַז קיינער פון זיינע קינדער זאָל נישט פאַר־שטויסען ווערען. ער עפענט אַ טויער צו די, וואָס קלאַפּען אָן צו איהם מיט תשובה. ער איז נאָנט צו דיר, אפילו, ווען דו ביסט פאַרזונקען אין די

ניין־און־פערציג טויערען פון טומאה. זאָג מיר אָבער, מיין קינד, ביסטו גרייט תשובה צו טאָן מיט דיין גאנץ הארץ, און ציהט דיך נישט, חלילה, צוריק אהין, אָפּגעהיט זאָל מען ווערען ?

און דער יונגערמאן האָט געוויינט ביטערליך און געענטפערט :

— צעריסען איז מיין הארץ אויף שטיקער, און מיין נשמה איז פארוואונדעט, און בלוט גיסט זיך פון איהר. מיט אלע כחות האָב איך זיך ארויסגעריסען פון זיי און אלץ, וואָס איהר וועט מיר הייסען וועל איך טאָן ,איך זאָל נאָכאמאָל נישט אריינפאלען אין זייערע הענט.

און דער רב האָט געזאָגט צו איהם אזוי :

— צום אלעם ערשטען שיק אוועק דעם שד פון דיין הויז, צוריק צו זיין אָרט. דערנאָך זאָלסטו מאכען א סעודה און צוזאמענרופען גאנץ קהל צו זיך. ביי דער סעודה זאָלסטו זיך מתודה זיין פאר אלעמען, דער־ציילען אלצדינג און נישט פארהוילען קיין זאך. קהל וועט הערען און זייער רחמנות וועט זיך דערוועקען אויף דיר, און דער זכות פון תפילת־רבים וועט דיר ביישטעהן. דעמאָלט וועלען מיר זעצען א בית־דין און מיר וועלען דיר מתיר־זיין די שבועה, וואָס דו האָסט געשוואָרען מחמת אונס, און מיר וועלען דיר אָפּגעבען אן אָרט, וואוהין יענע־לייט וועלען נישט האָבען קיין שליטה ארייצוקומען. געדענק, דו זאָלסט טאָן, ווי איך הייס דיר, און דער־וואָס־איבער־אונז וועט העלפען.

און דער יונגערמאן איז געגאנגען און האָט געזאָגט צו חטוטר׳ן:

— געה דיר צו דיין לאנד, און זיי דאָרט ביז איך וועל דיך דארפען. עס איז פאר דיר שווער דאָ צו זיין, און פאר מיר איז אוממעגליך דיך צו האלטען.

און חטוטר האָט געפרעגט :

— וואָס זאָל איך זאָגען מיין הערשערין ?

און ער האָט געענטפערט :

— זאָג איהר, די צייט פליהט און טראָגט אונז אויף איהרע פליגעל.

און חטוטר האָט א קראץ געטאָן די ערד מיט זיין הינערשען פוס, און איז פארשוואונדען.

י"ב.

דער יונגערמאַן האָט געטאָן, ווי דער רב האָט איהם אָנגעזאָגט, און געמאַכט א סעודה פאַר דער גאַנצער שטאָט, פון קליין ביז גרויס. און ווען דער עולם איז געווען גוט אויפגעלעגט, האָט ער געעפענט פאַר זיי דאָס הארץ און דערציילט אַלצדינג, וואָס מיט איהם האָט געטראָפען, נישט פארהוילען קיין זאך. דער עולם האָט געהערט און געציטערט, עס האָט זיי ממש געהויבען פון די ערטער. און זייערע הערצער זענען אָנגעפילט גע־וואָרען מיט פחד. און דער רב האָט זיי געשטאַרקט די הערצער, און דער־וועקט זיי מתפלל צו זיין פאַר א אידישער נשמה, זי זאָל חלילה ניט פאַר־לוירען געהן; זיך מוסר־נפש צו זיין פאַר איהר אפילו, ווען מ'וועט דאַרפען. און די גאַנצע עדה האָט זיך געשטאַרקט, און מ'האָט גלייך גע־זעצט א בית־דין, און מ'האָט איהם מתיר געווען די שבועה.

און מ'האָט איהם אָפּגעשיידט פון זיינע בני־בית און אויסגעבויט פאַר איהם א חדר אין פּאָליש, דאָרט צו לערנען, צו עסען און צו שלאָפען, וואָרים זיין הויזגעזינט האָט מורא געהאַט צו זיין מיט איהם. דעם דיל פון חדר האָט מען אויסגעמאָלט מיט עגולים, איינער אין דעם אנדערען. אין דעם אינעווייניגסטען עיגול איז ער געזעסען, ווי אַן אָבל אויף דער ערד, און כסדר געלערענט. ווען ער האָט געדאַרפט ארויסגעהן פון דעם חדר זענען צוויי שומרים מיטגעגאַנגען מיט איהם, און מ'האָט איהם נישט גע־לאָזט אליין אויף קיין איינציגער רגע. און ער איז דאָרט געזעסען און האָט עוסק געווען אין תשובה, אין תעניתים און סיגופים, צו פאַריכטען, וואָס ער האָט פּוגם געווען די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געווען צווישען די שדים, און ארויסצוראַטעווען זיין נשמה. בייטאָג איז ער געזעסען אין אַש, אויף דער ערד, און ביינאַכט איז ער געשלאָפען אויף העלצער און שטיינער. זיין הויזגעזינט איז דערווייטערט געווען פון איהם, און די גאַנצע שטאָט האָט איהם צוגעוואָרפען פון דערווייטענס א בליק פון רחמנות אויסגע־מישט מיט מורא.

און ער האָט זיך אויסגעטאָן אינגאַנצען פון דער וועלט, און תשובה געטאָן מיט גרויס פּחד און מורא, און געהיט זיין נשמה, זי זאָל נאָכאמאָל נישט אריינפאַלען צווישען די קליפּות, באַהיט זאָל מען ווערען. און ער האָט אַלץ אָנגענומען פאַר ליב, וואָרים ער האָט געוואוסט, אַז זיין נשמה איז זעהר פאַרזינדיגט, און זי זינקט אין די ניין־און־פערציג־טויערען־פון־

טומאה, און נאָר מיט דעם גרויסען גנאד פון דעם, וועמעס נאָמען ער איז נישט ווערט צו דערמאָנען, און מיט דער בארימהערציקייט פון זיינע קינ־דער, רחמנים־בני־רחמנים, האָט מען פאר איהם געעפענט א טויער פון תשובה, און מ'וואכט איבער זיין נשמה טאָג און נאכט, זי זאָל חלילה ווידער נישט אריינפאלען צווישען די נישטגוטע, און פארשטויסען ווערען אויף אייביג.

נאכט אויף נאכט פלעגען איהם אָבער פייניגען פארשידענע חלומות. ער פלעגט זיך זעהן אין אשמדאי'ס לוסטגערטנער און פאלאצען; אין די אָרעמס פון זיין ווייב, אשמדאי'ס טאָכטער. ער פלעגט הערען, ווי זי רופט צו איהם, בעט איהם, ער זאָל צוריק קומען, און זי וועט צו איהם זיין א ווייב, א מוטער, א שוועסטער; ער זאָל אוועקוואַרפען דאָס הויז־געזינט, וואָס האָט מורא פאר איהם און וויל נישט שטעהן אין זיינע פיר איילען, און קומען צו די וואָס בענקען און געהן אוים נאָך איהם. די חלומות פלעגען איהם שרעקליך פייניגען, און אָנפילען זיין פארוואונדעט הארץ מיט פחד און ציטערניש. ער האָט זיך געמיהט נישט צו שלאָפען, כדי פטור צו ווערען פון די חלומות, און ער האָט נישט געקאָנט, ווייל ווי נאָר ער פלעגט איינדרימלען פלעגען זיי אָנפאלען אויף איהם.

און אשמדאי'ס טאָכטער איז געזעסען אין איהרע פאלאצען און זי האָט געבענקט נאָך איהר מאן און גערופען צו איהם, און ער האָט נישט געענטפערט. ביימאָג האָבען איהרע אויגען געזוכט אין דער ברייטקייט און ווייטקייט, און ביינאכט האָבען איהרע אויערען איינגעזאפט די שטיל־קייט, און זי האָט נישט געזעהן און נישט געהערט פון איהם קיין זאך.

און זי האָט געשיקט דעם בלינדען חטוטר און באפוילען איהם, ער זאָל געהן און ברענגען איהר א גרוס פון מאן. און חטוטר איז געגאנגען אהין און האָט איהם אויפגעזוכט, נאָר צו איהם האָט ער נישט געקאָנט צוקומען. און צאָרניג און פורכטבאר איז ער געוואָרען, און ער האָט גע־ריסען די ערד מיט זיינע הינערשע פיס, און געשריגען צו איהם, ער זאָל איהם צולאָזען, און דער יונגערמאן האָט איהם נישט געענטפערט. און חטוטר האָט איהם פון דערווייטען געפרעגט מיט גרימצאָרן:

— וואָס זאָל איך ענטפערן מיין הערשערין, זאָג ? !

און דער יונגערמאן האָט געענטפערט:

— זאָג איהר, אז אָפּגעריסען בין איך פון איהר אויף אייביג !
און חטוטר האָט אויסגעשריגען צו איהם :
— געדענק, דו האָסט געשוואוירען, און דיין שבועה, האָסטו פאַר־שריבען אין אשמדאי׳ס בוך !
און דער יונגערמאַן האָט איהם גאָרנישט געענטפערט דארויף, נייערט, ער האָט איהם באַפוילען, ער זאָל צוריקגעהן צום לאַנד פון די שדים און זיך נישט ווייזען צווישען מענשען.
און שוים האָט געשפריצט פון חטוטר׳ס מויל און בלוט פון זיין אָפּען אויג, און געציטערט האָט דער הויקער אויף איהם. ער האָט א ריס געטאָן די ערד מיט זיינע הינערשע נעגעל, און טיפע גריבער געמאַכט אין איהר, און איז אוועק מיט צאָרן.
און ער איז צוריקגעקומען און האָט דערציילט אשמדאי׳ס טאָכטער אַלצדינג, מיט גרוים כעס. און זי האָט געהערט זיינע ווערטער און נישט געגלויבט אין זיי, און זי האָט געזאָגט :
— אַלץ איז געקומען צוליב דיין כעס! אַנדערש האָסטו געדאַרפט רעדען צו איהם. עס איז נאָך דאָס יאָהר נישט אריבער, אין דער ריכטי־גער צייט וועט ער צוריק קומען.
און ווען דאָס יאָהר האָט געהאַלטען ביים אויסגעהן, האָט זי ווייטער באַפוילען חטוטר׳ן צו געהן נאָך איהם, און זי האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל איינהאַלטען זיין כעס און זיך היטען נישט צו דערצירנען זיין האר מיט קיין זאַך.
און ער איז געגאַנגען און האָט ווייטער נישט געקאָנט צוקומען צו איהם. און ער האָט גערופען צו איהם פון דערווייטען, ער זאָל מיט־געהן מיט איהם, צו זיין ווייב און קינד, וואָרים דאָס יאָהר געהט אוים.
און דער יונגערמאַן האָט איהם ווידער געענטפערט :
— געה און זאָג דיין הערשערין, אז איך וועל קיינמאָל זיך מעהר צו איהר נישט אומקעהרען! מיין שבועה איז קיין שבועה נישט און די קידושין זענען קיין קידושין נישט.
און חטוטר האָט געקריצט מיט זיינע טייוועלשע ציינער, און איז אוועק. און ער איז געקומען און האָט דערציילט פאַר אשמדאי׳ס טאָכ־טער אַלצדינג, וואָס איהר מאַן האָט איהם געענטפערט.
און זי איז געלאָפען צו איהר פאָטער און האָט איהם דאָס איבער־

געגעבען און געוויינט פאר איהם. און אשמדאי האָט געזאָגט צו איהר:

— האָסט געדארפט שיקען נאָך איהם גרעסערע און חשוב'ערע שרים.!

איז זי געגאנגען און האָט געשיקט נאָך איהם די גרעסטע פון די שדים, און זיי זענען געגאנגען און האָבען נישט געקאָנט צוקומען נאָנט צו איהם. און זיי האָבען גערעדט צו איהם פון דערווייטען און איהם געבעטען, ער זאָל געדענקען אָן זיין ווייב און קינד און אָן דער שבועה, און ער זאָל צוריקגעהן מיט זיי; און זיי האָבען איהם מתרה געווען, אז זיין סוף וועט זיין א שלעכטער. און ער האָט זיי גאָרנישט געענטפערט, און זיי זענען אוועק פון איהם מיט גרימצאָרן.

און ווען זיי זענען צוריקגעקומען און האָבען דערציילט אשמדאי'ן דאָס אלץ, האָט אויפגעפלאקערט זיין צאָרן, און א פייער איז ארויס פון זיינע נאָזלעכער, און ער איז אויפגעשפרונגען און האָט געהייסען רופען זיינע גבורים, די פיהרער פון זיינע לעגיאָנען, צו שיקען זיי אויף דער שטאָט. איז איהם די טאָכטער געפאלען צו די פיס און זי האָט געבעטען פון איהם, ער זאָל דאָס נישט טאָן, נייערט, ער זאָל איהר געבען רשות צו געהן נאָך איהם און מיטשיקען מיט איהר דאָס קינד און די בעסטע פון זיינע גבורים, און אָנזאָגען זיי, אז זיי זאָלען נישט טאָן קיין זאך, ביז זי וועט הייסען. און אשמדאי האָט געטאָן, ווי זי האָט פארלאנגט.

און ווי זיי זענען געקומען נאָנט פון דער שטאָט, האָט זי געהייסען אלע גבורים בלייבען דאָרט מיט איהר זוהן, און זי איז אליין געגאנגען צו איהם. און זי איז געקומען און האָט גערופען צו איהם, און ער האָט נישט געענטפערט; זי האָט געוויינט פאר איהם, און ער האָט זיך נישט אומגעקוקט; זי האָט איהם דערמאָנט דאָס גוטס, וואָס זי האָט מיט איהם געטאָן און דעם גליק, וואָס זי האָט איהם פארשאפט, און ער האָט פארשטאָפט זיינע אויערען און נישט געוואָלט הערען איהרע ווערטער. און זי האָט גערעדט צו איהם מיט די הארציגסטע ווערטער, און איז שיר אויסגעגאנגען רעדענדיג און בעטענדיג, און ער האָט פארשווערט זיין הארץ, און זיך אויף איהר נישט אומגעקוקט.

און זי איז צוריקגעגאנגען און האָט געשיקט דעם זוהן, ער זאָל געהן צו זיין פאָטער און רעדען מיט איהם, און בעטען איהם, ער זאָל צוריק קומען. און ער האָט צו זיין זוהן אויך נישט צוגעהערט.

און ווען דער זוהן איז צוריקגעקומען א פאַרשעמטער, זענען אשמדאי'ס גבורים פול געוואָרן מיט גרימצאָרן, און זיי האָבען געוואָלט געהן און חרוב מאכען די גאנצע שטאָט. האָט אשמדאי'ס טאָכטער זיי נישט געלאָזט און געהייסען נאָר אָנוואַרפען א שרעק אויף אלע איהרע איינוואוינער.

און זיי זענען אריין אין שטאָט מיט גרויס שטורם, מיט ווילדע ווינטען און א בייז געוויטער. און די מענשען פון שטאָט האָבען געזעהן און געציטערט, און איינער האָט געזאָגט צום אנדערען:

נאָך וואָס איז ער געקומען און געבראַכט אויף אונז אזא צרה !

און זיי זענען אלע געלאָפען אין שוהל אריין אין גרויס שרעק.

און אשמדאי'ס טאָכטער איז געקומען מיט איהרע גבורים, און זי האָט גערעדט צו זיי מיט הארטע ווערטער און געפאָדערט פון זיי, אז זיי זאָלען אויסהערען איהרע טענות, און ארויסגעבען א ריכטיגען משפט, לויט דעם דין פון דער תורה.

און זי האָט דערציילט פאר זיי אלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען זיי, ווי ער האָט זי גענומען מיט דעם גוטען ווילען, ווי זי האָט איהם באהאנדעלט און זיך אָפּגעזאָגט פון אלע שד'ישע ווילדקייטען צוליב איהם, און ווי ער האָט זי גענארט און פארלאָזט.

און אלע האָבען געהערט איהרע טענות מיט גרויס שרעק. און זיי האָבען געזאָגט מיט איין קול, אז זי איז גערעכט, און ער דארף צוריק־געהן מיט איהר.

און ער האָט געהערט און נישט געוואָלט אָנעמען דעם משפט.

ווי זי האָט דאָס געהערט, האָט זי געזאָגט, אז זי גיט איהם אן אנ־דער ברירה: ער זאָל איהר געבען א גט און באצאָהלען די כתובה.

האָט די גאנצע עדה געהערט איהרע ווערטער און געזאָגט, אז זי איז נאָך מעהר ווי גערעכט, און ער מוז מקיים זיין דעם פסק־דין.

איז אָבער געווען די כתובה זעהר גרויס, און עס איז אומעגליך גע־ווען פאר מענשען זי צו באצאָלען.

האָט די גאנצע עדה גענומען בעטען ביי איהר, זי זאָל איהם באַ־האנדלען מילדער, כאָטש ער איז נישט ווערט. האָט זי געהערט זייערע ווערטער און זי האָט געזאָגט, אז זי איז איהם גרייט אלץ מוחל צו זיין, נאָר מיט איין תנאי, ער זאָל איהר געבען איין קוש.

איז די גאנצע שטאָט צו געשטאנענען צו איהם, ער זאָל טאָן איהר באַ־געהר און אראָפּנעהמען פון דער שטאָט אלע צרות און שרעק.

און דער יונגערמאן האָט געציטערט און געבעטען זיך, אז מ'זאָל איהם נישט פארטרייבען און נישט נויטען צו טאָן אזא זאך.

און אשמדאי'ס טאָכטער האָט געהערט זיינע ווערטער, און זי האָט פארזיכערט קהל, אז זי וועט איהם נישט אוועקנעהמען מיט גוואלט.

און ער האָט געהערט איהרע ווערטער און איז געפאלען צו דער ערד און געזוכט אן אָנהאלט. און אשמדאיס טאָכטער האָט געזאָגט:

— איהר האָט מתיר געווען זיין שבועה, און איהר מוזט איהם איבערגעבען צו מיר ער זאָל טאָן מיין באגעהר, ווי איהר האָט אליין גע'פסק'ענט!

און זי האָט א וואונק געטאָן צו איהרע גבורים און זיי האָבען ווייטער אָנגעוואָרפען א שרעק אויף אלעמען.

און קהל איז צוגעשטאנען צום יונגענמאן און מ'האָט איהם ארויס־געשטופּט פון זיין עיגול, ער זאָל טאָן איהר באגעהר און אראָפּנעמען די שטראָף פון דער גאנצער שטאָט. און זיינע אייגענע און פריינט זענען גע־ווען די ערשטע דאָס צו טאָן.

און א פרעמד פייערל האָט זיך אָנגעצונדען אין זיינע אויגען און אויפגעפלאמט זיין פנים, און ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע ארעמס, און איז ארויפגעפאלען אויף איהר צו קושען זי.

האָט זי געכאפּט און איהם געטאָן א פייערדיגען קוש, און ער איז אנידערגעפאלען אויף דער ערד טויט . . .

און פייערדיגע טרערען זענען ארויסגעפלאָסען פון איהרע אויגען, און די שול האָט זיך אָנגעצונדען פון זיי און איינגעהילט אין פלאַם. און דאָס פייער האָט זיך ארויסגעריסען פון שול און פארשפּרייט איבער דער גאנצער שטאָט, און איינגעהילט זי אין פלאמען, און אלץ איז פארברענט געוואָרען, און די מענשען האָבען זיך קוים ארויסגעראטעוועט מיט זייער לעבען.

און דער יונגערמאן איז פארברענט געוואָרען אויף דעם אָרט, וואו ער איז געפאלען טויט, און אשמדאי'ס טאָכטער איז געזעסען און האָט געוויינט און דורכגעזאפּט זיין אש מיט איהרע הייסע טרערען.